STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05439

# FUN DER GUT-IDISHER VELT

Yitshak Even

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# פון דער גוט-אידישער וועלט

מעשה'לעך פון גוטע אידען.

פון

## יצחק אבן.

ארויסגעגעבען פון

„ט אָ ג"

183 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

.1917

Copyright, 1917
By ISAAC EWEN

"THE DAY"
Publisher
NEW YORK

# אינהאַלטס־פערצייכניס


חסידות, פון פּראָפעסאָר גאָטהארד דייטש.................5 —8

פאָרוואָרט ........................................9 —10

1) ר׳ ליב שרה׳ס ...............................11 —88

2) גוט־אידישע טיפּען ...........................89 —110

3) גוט־אידישע יום־טוב־מעשה׳לעך ...................111—154

4) דער „זעהער פון לובלין ........................155—281

# חסידות

### פון פראָפ. גאָטהארד דייטש.

אמת'ע געשיכטע קען געשריבען ווערען נאָר פון דער ווייט. ווי מיר זאָלען זיך ניט מיהען אָביעקטיוו צו בעטראַכטען א בעוועגונג פון אונזער צייט, קענען מיר זיך באַין אופן ניט בעפרייען פון געוויסע פאָראורטיילען. נאָר דעמאָלט, ווען די בעוועגונג איז פון אונז אזוי ווייט, אז זי האָט ניט די מינדעסטע שייכות צו פארטיי־פראגען, קענען מיר זי אונפארטייאיש בעהאנדלען. אזוי האַלט איצטער, אין אמעריקא מעהר ווי אומעטום, מיט אונזער בעציהונג צו חסידות. אין 16טען יאָהרהונדערט האָט די רבנישע אויסטייטשונג פון אידישקייט דערגרייכט ביז דער העכסטער שטופע. אין 1564טען יאָהר האָט יוסף קאַראָ פערעפענטליכט זיין שולחן ערוך. די כונה פון מחבר איז געווען צו מאַכען א סוף צו די אייביגע חלוקי דעות וועגען דעם. וואָס איז אזוינס איינענטליך דאָס אידישע געזעץ. ער האָט געוואָלט צוזאַמענשטעלען א קיצור פון געזעץ, און דעריבער האָט ער ווי ווייט מעגליך אויסגעמידען פלוגתות און כמעט ניט ציטירט קיין אויטאָריטעטען. אידיש־קייט האָט געזאָלט ווערען איין גאַנצעס, אונטערוואָרפען איין געזעץ, ווי עס פיהרט זיך ביי אנדערע פעלקער. אויפ'ן ערשטען בליק קען זיך אויס־ווייזען, אז יוסף קאַראָ איז געווען א טרוקענער יוריסט, פאַר וועלכען אידיש־קייט איז געווען בלויז א נעץ פון דינים, וואָס דאַרפען קאָנטראָלירען דאָס רע־ליגיעזע, בירגערליכע, סאָציאַלע לעבען. אזא בליק וואָלט אָבער געווען איינ־זייטיג און פאַלגליך אונגערעכט. קאַראָ איז געווען א מיסטיקער. רעגולי־רען דאָס לעבען דורכ'ן געזעץ איז פאַר איהם געווען בלויז א נויטיגער שריט צו משיח'ס צייטען. ער איז געשטאַנען אין נאָהנטע בעציהונגען מיט א קרייז מיסטיקער פון צפת, וואו ער האָט פערברענגט א גרויסען טייל פון זיין לעבען. אזוי אז אין איהם האָבען זיך פעראייניגט אמונה, שכל און געפיהל. דאָס לעצטע האָט גענומען שפּיעלען א וויכטיגע ראָלע אין די שפּע־

טערע צוויי יאָהרהונדערטער. אין דער צייט, וואָס מען האָט אונאויפהערליך קאָמענטירט קאַראָ'ס ספר, און יעדער רב האָט געהאַלטען פאַר זיין חוב צו־צוגעבען נייע הלכות און כללים צו די, וואָס זיינען שוין געווען, אין דער זעלבער צייט זעהען מיר, ווי עס וואַקסט די טענדענץ אָבצוגעבען מעהר פּלאַץ דעם לעבען פון דער נשמה, וואָס לאָזט זיך ניט רעגולירען דורך טרוקענע כללים.

די דאָזיגע טענדענץ האָט איהר שטאַרקסטען אויסדרוק געפונען אין'ם לעבען פון שבתי צבי. דער וואס האָט אָנגעפאַנגען, ווי א פּסעוודאָ־משיח, האָט געענדיגט אַלס א משומד. די בעוועגונג האָט זיך געענדיגט מיט אַ פּאַרס, און דאָך האָט זי ניט פערלאָרען איהר שליטה. וואָס מעהר די רבנישע מחברים האָ־בען זיך פערנומען מיט פראַגען וועגען טריף און כשר, תפילה בצבור אדער תפילה ביחידות, אבלות און שמחות, אַלץ מעהר איז געוואַקסען די איבערציי־גונג, אז אמונה דריקט זיך ניט אויס בלויז אין מעשים, אז מען מוז זי אויך פיהלען, ניט בלויז ערפילען איהרע מצוות.

בשעת די רבנים פון דער גאַנצער וועלט, פון אַלטאָנאַ ביז סאַלאָניק, זיינען פערנומען געווען מיט פירושים אויפ'ן שולחן ערוך און זיינע ערשטע מפרשים, האָט א פּראָסטער פוהרמאַן אין'ם ווילדען פּאָדאָליען ארומגעזאָ־מעלט ארום זיך א מחנה נאָכפאָלגער. זיי האָט צוגעצויגען צו איהם די אמונה, וועלכע ער האָט געפּרעדיגט, אַן אמונה פול פרייד און בטחון אויף א באַרמהער־ציגען גאָט, וועמען עס אַרט ווינציג, אין וועלכער שעה איהר זייט צו איהם מתפלל און צו איהר זאָגט „זכרנו לחיים" מיט א „פּתח" אָדער מיט א „שוא" אונטער דער למ"ד. איהם קימערט נאָר, וואָס איהר פיהלט, ווען איהר געגעהנט זיך צום רבונו של עולם. אָט די זיכערקייט אין'ם חסד פון גאָט, צו וועלכען איהר זייט מתפלל, האָט געבראַכט מיט זיך דעם גלויבען אין'ם כח פון דער תפילה, ווען זי איז געזאָגט מיט כונה און ווען זי ווערט „אינדאָסירט" פון איינעם, וואָס האָט חן און לייטזעליגקייט אין גאָט'ס אויגען. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון חסידות.

דער גלויבען אין'ם כח פון די פערמיטלער, צדיקים, האָט געשאַפען אַן אינטערעסאַנטע סיטואַציע. ווי מאָדנע עס זאָל ניט אויסזעהן, עס איז דאָך א פאַקט. פאַר'ן אַלטען תלמיד חכם האָט ווינציג וואָס אויסגעמאַכט, ווער עס איז געווען דער פּוסק פון א הלכה. אַלץ, וואָס די רבנים פאַר די לעצטע צוויי טויזענד יאָהר האָבען געזאָגט איז געווען אַן ענטפּלעקונג פון גאָט, אויסגעדריקט נאָר אין פערשידענע ווערטער. אַלץ איינס, פון וועמען עס איז צו אונז דערגאַנגען, צי פון די בבל'ער תנאים און אמוראים פונ'ם 3-טען יאָהרהונדערט, אָדער פון א פּראָגצוויזישען רב פונ'ם 12טען,

אָדער פון אַ טערקישען רב פונ׳ם 17טען, אָדער פון אַ פּוילישען רב פונ׳ם 18־טען יאָהרהונדערט — דורך זיי אַלע האָט געדעדט גאָט׳ס גייסט — כלם נתנו מרועה אחד. נאָר אַנדערש איז עס געווען מיט חסידות. גאָט האָט ערוועהלט יחידים, וואָס זיינען מסוגל געווען טיעפער אריינצובליקען אין די געטליכע סודות. דעריבער איז וויכטיג געוואָרען ניט די לעהרע, נאָר דער מענש, וואָס האָט זי געפּרעדיגט. אויף אַזאַ אופן האָט חסידות בעשאַפען די אידישע ביאָגראַפיע.

ווי יעדע היסטאָרישע בעוועגונג, איז די חסידות ג׳וואָרען איינזייטיג. זי איז געוואָרען שמאָל, געשטעלט זיך געגען וועלטליכער בילדונג, אָבגע־שוואַכט דעם אידען׳ס אינטערעס צום וועלטליכען לעבען און געוואָרען אויף אַזאַ אופן אַ שטערונג פאַר עקאָנאָמישער און אינטעלעקטועלער טהעטיגקייט. דאָס איז די אורזאַכע, פאַר וואָס מיט אַ יאָהרהונדערט צוריק איז זי געשיל־דערט געוואָרען בלויז, ווי אַ פינסטערע מאַכט און איז פערדאַמט און אויס־געלאַכט געוואָרען פון אַזעלכע גלענצענדע שרייבער, ווי יוסף פערלס און יצחק ערטער. זייער בעציהונג האָט אָהן צווייפעל בעאיינפלוסט אונזערע בעדייטענסטע היסטאָריקער יאָסט און גרעץ.

פאַר די לעצטע 30־40 יאָהר האָבען מיר דערזעהען די פּאָעזיע פון חסידות. מיר פערשטעהען איצט, ווי נויטיג עס איז געווען די רעאַקציע געגען דעם אויסשליעסליכען קולט פון שכל אויפ׳ן חשבון פון געפיהל. מיר שעצען איצט די בעוועגונג, ווייל מיר האָבען זיך געמיהט זי צו פערשטעהן. כדי דאָס לעצטע צו דערגרייכען, איז גלייכער פאַר אַלע צו שטודירען די חסידישע ספרים. און וואָס איז נאָך וויכטיגער — צו זאַמלען די ספורי מעשיות פון די אָנפיהרער פון דער בעוועגונג. מר. אבן האָט אין דער היג־זיכט געטהאָן וואונדערליכע ארבייט. איך האָב איהם ביז היינטיגען טאָג קיינמאָל פערזענליך ניט בעגעגענט. איך האָב זיך אָבער מיט איהם פּעראינ־טערעסירט, נאָכפאָלגענדיג זיינע אויסגעצייכענטע עסקיזען, וואָס ווערען ווע־כענטליך געדרוקט אין „טאָג“. ער דערצעהלט אונז וועגען דעם נאַאיווען גלויבען פון דער חסידות אין 19־טען יאָהרהונדערט, ליפערט אונז ריכטיגע ביאָגראַפישע פאַקטען און שילדערט פאַר אונז די מענשען, ווי זיי האָבען געלעבט און געדענקט. ה׳ אבן האָט געהאָט די געלעגענהייט צו לעבען צווישען חסידים, ער איז דעריבער ניט געצוואונגען צו בעגרענעצען זיך מיט ליטעראַרישע קוועלען און קען שרייבען געשיכטע אַ דאַנק פערזענליכער ערפאַהרונג און שאַרפער בעאָבאַכטונג. אייניגע פון זיינע עסקיזען, וואו

ער שילדערט די לעצטע פאזען פון חסידות, די סכסוכים צווישען די סאדא־גערער און סאנדעצער „גוטע אידען“, זיינען אמת'ע פערעל פון אונזער ליטע־ראטור. געשיכטע ווייסט ניט פון קיין מוסר השכל. מיר פערלאנגען פון איהר בלויז פאקטען. אבער די פיינע פאעטישע עסקיזען וועגען רבי לוי יצחק, וואס געפינט אוים, אז א פוילישער אדעלמאן האט מעהר רחמנות אויף אן ארימאן, ווי א גאנצע אידישע קהלה, און אז דעריבער האט דער שטן גע־וואונען א וויכטיגען פונקט אין זיין קטרוג געגען אידען, — אזעלכע עסקיזען האבען אויך א טיעפען מוסר השכל.

איך וואלט געקענט ציטירען כמעט יעדען עסקיז פון מר. אבן'ס פרוכט־בארער פען און ווייזען זיין פיינעם פאעטישען און עטהישען ווערטה. זייענ־דיג אבער על פי פראפעסיע היסטאריקער, אינטערעסיר איך זיך הויפטזעכליך מיט מר. אבן'ס היסטארישער און ליטערארישער ארבייט. איך האף, אז פיעלע אנדערע וועלען פונקט ווי איך אבשאצען מר. אבן'ס בוך, און אויב די עטליכע שורות וועלען העלפען ארויסרופען ביים פובליקום א אינטערעס צום מענשען און זיין ווערק, וועל איך זיין שטאלץ אויף מיין אויפטהו.

# פאָרוואָרט

מיר לעבען איצט איבער א תקופה פון „בנין עולמות וחורבנם". אלטע וועלטען האלטען אין פערשווינדען, און נייע עולמות מיט נייע געדאנקען אין בעשאפען ווערען. ווער ווייסט וואס פאר א פנים דאס נייע וועט האבען? ווער ווייסט אויב דאס אלטע וואס איז אונז אזוי ליעב און טהייער געווען, וועט ניט באלד גאנץ פערגעסען ווערען פון דער וועלט?

עס איז דעריבער זעהר וויכטיג, אז מענשען וואס האבען א ידיעה אין ענינים וואס האבען א רייהע פון יאהרען בעגייסטערט און מחיה געווען די נשמה פון אונזער פאלק און ביי איהם הייליג געווען, זאלען אכטונג געבען, אז דיעזע פאלקס-זכרונות זאלען ניט געהען לאבוד און ניט אין גאנצען פערגעסען ווערען.

איינע פון דיעזע שאקלענדיגע אידישע וועלטען איז בלתי ספק אויף די „חסידישע וועלט", פון וועלכער פיעלע צעהנדליגע טויזענדער אידען האבען אין א משך פון עטליכע דורות געשעפט חיות און קדושה. עס איז א זעהר גרויסע סברא, אפילו ביי ניט חסידים, אז די השפעה פון חסידות האט פיעל בייגעטראגען, דירעקט און אינדירעקט, צו דער פערשטארקונג פונ'ם גאנצען אידישקייט, אריינברענגענדיג א ניי חיות און א פרישע ווארימקייט אין די עצמות יבשות.

דער שרייבער פון דיזען בוך, האט געהאט, דורך א צייט פון 30 יאהר, די בעסטע געלעגענהייט זיך צו בעקענען מיט די חסידים און גוטע-אידען און צו שטודירען די חסידישע שיטה. זייענדיג אליין א חסיד, האט ער בעזוכט די בעריהמטעסטע גוטע-אידען פונ'ם דור, און זיך אנגעזאפט מיט ידיעות מכח זייערע דרכים, מנהגים און די ארט פון זייער תורה זאגען.

דער שרייבער האט זיך דעריבער גענומען די פריהייט צו פערצייכנען אין דיזען בוך מאנכע אייגענע זכרונות ווי אויך די וואונדער-שעהנע מעשיות פון עטליכע בעריהמטע גוטע-אידען, וואס ער האט זיך אנגעהערט פון אלטע חסידים.

אין די שפּעטערדיגע ביכער, וואָס דער שרייבער האָט בדעה אַרויסצו־געבען, וועט ער בעשרייבען אַ ל ע זיינע גוט־אידישע זכרונות, דורך וועלכע ס׳וועט זיך לאָזען פערשטעהען דער אמת׳ער מהות פון חסידות, אָהן וועלכע ס׳איז בעפאַרבונג, ווי אויך די גאַנצע געשיכטע פון חסידות, מיט אַלע חסידישע מעשיות, אין אַ סדר, פון בעל־שם אָנגעפאַנגען ביז צו אונזער דור, פון וועלכע דער לעזער וועט אויך קריגען די ריכטיגע הבנה, ווי אַזוי דאָס חסידות האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין די מוחות פון די חסידים.

# ר׳ לײב שרה׳ס

## קאפיטעל־פערצייכנים:


1) דער מיסטעריעזער צדיק און זיינע משונה'דיגע מנהגים......13—16

2) אַלטער מלמד מאַכט דעם פריץ צום נאַר..............17—20

3) דער המון עם וויל אָבגאַלען דעם צדיק'ס באָרד..........21—24

4) די קפיצות הדרך'דיגע נסיעות פונ'ם צדיק...............25—28

5) האָט חתונה אוים רחמנות צו אַן אידישע טאָכטער.......29—32

6) דער אַנטיסעמיטישער גראַף מאַרטינאָוויץ און ר' ליב שרה'ס..33—36

7) דער צדיק דערקענט די נשמות פון עולם התהו............37—40

8) דעם צדיק'ס וואונדערליכע מופתים...................41—44

9) די קריעגס־ערקלערונג צום קייזער יאָזעף................45—48

10) דער צדיק איז מציל א איד פון אן עלילת־דם..........49—52

11) דעם סולטאַנ'ס שרעקליכער חלום....................53—56

12) גראַף אופינסקי'ס גזרה רעה אויף דער אידישער קהלה פון קאָברין 57—60

13) דער קאָברינער ראש־הקהל ביים למד־ויו'ניק אויף שבת......61—64

14) דרשה־געשאַנק פון א טויטער שוועסטער...............65—69

15) א הויכע נשמה אלס א בר־מצוה־מתנה...............70—73

16) דער קייזער יאזעף ביי ר' ליב שרה'ס...............74—78

17) די וואונדערבארע פטירה ......................79—83

18) די לעגענדען פון ר' ליב שרה'ס קבר...............84—88

## 1

# דער מיסטעריעזער צדיק און זיינע משונה'דיגע מנהגים

**דער נע־ונד'ניק. — שלש־סעודות'דיגע „תורה" איבער'ן יחוס פון פוילישע פריצים.— א געוועלב אהן סחורה. — „רואה ואינו נראה". — דער פרנסה־געבער פון די ל"ו צדיקים.**

איינער פון די אינטערעסאנטע און בעריהמטע צדיקים, וועמעס נאמען איז ביי יעדען איינציגען חסיד אזוי גוט בעקאנט, פונקט ווי דער נאמען פונ'ם בעל־שם, איז געווען דער בעהאלטענער צדיק ר' ליב שרה'ס.

דיעזער מערקווירדיגער צדיק, וועמעס אנדענקען איז געבליבען פעראייביגט אין פערשיעדענע, אינטערעסאנטע פאלקס־מעשיות און וואונדערליכע לעגענדען, איז געווען „כלו סוד", א רעטעניש, וועלכעס איז ביז היינט נאך ניט אויפגעלעזט געווארען. ער איז כמעט קיינמאל ניט געזעסען א לאנגע צייט אויף דעמזעלבען ארט. כל ימי חייו האט ער ארומגעוואגעלט איבער פערשיעדענע מקומות, און קיין שום נפש האט ניט געוואוסט דעם צוועק און תכלית פון זיינע געהיימע נסיעות, און פון וואנען ער האט איבערהויפט גענומען מיטלען צו דעקען די גרויסע הוצאות־הדרך, מחמת ער האט ניט גענומען פון זיינע חסידים קיין „פדיונות", ווי די איבריגע רביים. ער האט אויך ניט געלערנט זיינע חסידים עפּיס א חסידישע „שיטה" אדער א „למוד". ער האט אפילו ביי זיינע טישען קיינמאל ניט געזאגט קיין „תורה". ביים שלש־סעודות'דיגען טיש, פלעגט ער אנשטאט זאגען „תורה" אויף דער פרשה פון דער וואך, גאר אויסרעכענען דעם שטאם־יחוס פון די פוילישע פירשטען, ווי פאטאצקי, ראדזיוויל. טשארטאריסקי און אנדערע, זאגענדיג: דיעזער פריץ ראדזיוויל איז דעם און דעמ'ס זוהן, און דעם און דעמ'ס אייניקעל. ער האט אזוי פיעל און אזוי פיעל זיהן און טעכטער, און דאס זענען זייערע נעמען. דאן האט ער אויסגערעכענט מיט וועמען דיעזע קינדער האבען זיך משדך געווען און אזוי ערקלעהרענדיג דעם גאנצען יחוס פון דער משפחה. ווען ער האט געענדיגט דעם יחוס פון איין פריץ, האט ער אנגעהויבען ביי א צווייטען, ביז מען האט אנגעצונדען ליכט, דאן האט ער געבענשט און געדאווענט מעריב.

אויף זיינע נסיעות, פלעגט ער מייסטענס ליעב האבען צו פערווייל אין די גרעניץ־שטעדט, ווי אין ראדזיוויל, אין מאהליוו אם דניעסטער און אין אנדערע שטעדט נעבען דער פוילישער גרעניץ. אין מאהליוו פלעגט מען איהם זעהען

זיך שפּיעלען ווי די קינדער, וואָרפענדיג שטיינדלעך אינ'ם דניעסטער און מאַ־
כען „קאטשקאלעך". ער פלעגט זיך אויך טיילמאָל פערדינגען אלס אַ דאָרפס־
מלמד ביי אן אָרענדאר. אָבער נאָך בעפאָר ס'האָט זיך געענדיגט דער זמן,
האָט ער איבערגעלאָזט דאָס מלומדת מיט'ן שכירות צוזאַמען און איז פלוצים
נעלם געוואָרען.

בעזאָנדערס פלעגט מען איהם זעהען אין בערדיטשעוו אויף יעדען „יריד".
ער האָט זיך געדונגען אַ געוועלב, אין וועלכען ס'האָט זיך ניט געפונען סחורה
אפילו פאַר איין איינציגען גראָשען. און אין דיעזען לעערען געוועלבעל איז
ר' ליב שרה'ס געשטאַנען, די גאַנצע צייט פונ'ם „יריד", אַנגעלעהנט אויפ'ן
שטעקען און כסדר קוקען אין דער וועלט אַריין. ער האָט גאָר ניט געקויפט
אָדער פערקויפט, מיט קיינעם ניט פערקעהרט, בכלל גאָר ניט געטהאָן. צו
ענדע פונ'ם „יריד" איז ער ווידער פערשוואונדען, קיינער האָט ניט געוואוסט
וואוהין.

פאַר שכר־עגלה און אַלע אנדערע הוצאות, פלעגט ער בעצאָהלען מיט
אַ רייכע האַנד, אָפטמאָל מיט נייע גאָלדענע רענדלעך. וואו ער האָט זיי גע־
נומען, האָט קיינער ניט געוואוסט.

אין אמת'ער פאַקט, וועלכען דער בעריהמטער שריפטשטעלער גאָטלאָבער
האָט עס געהערט פון אַ נייענציג יעהריגען אידען, וועלכער האָט עס מיט זייגע
אייגענע אויגען צוגעזעהען, האָט גורם געווען, אז די גאַנצע אידישע וועלט האָט
אָנגעהויבען צו גלויבען באמונה שלמה, אז ר' ליב שרה'ס איז אַ „רואה ואינו
נראה". דאָס איז געווען אינ'ם טאָג וואָס דער פּוילישער קעניג פּאָניאַטאָווסקי
איז געקרוינט געוואָרען אין וואַרשוי אלס קעניג (1764).

דער גאַנצער פּוילישער אדעל האָט זיך דאַמאלס געהאַט פערזאַמעלט כדי
זיך צו בעטייליגען ביי דער גרויסער הערליכער צערמאָניע. אויף דעם וועג,
וועלכער האָט געפיהרט צום קעניגליכען הויף, זענען געשטאַנען אויסגעשטעלט
צוויי שורות מיליטער, כדי ניט צוצולאָזען ניט־געלאַדענע געסט צום קעניגליכען
פּאַלאַץ. פון דערווייטענס זענען געשטאַנען הונדערטער אידען זיך צוקוקענ־
דיג צום פּאַראַד. צווישען זיי איז אויך געווען דער דערמאַהנטער זקן. קיינער
האָט ניט געוואָלט צוגעהען ביז צום אָרט וואו דאָס מיליטער איז געשטאַנען,
וויסענדיג, אז ער וואָלט ניט אַרויס מעהר אַ לעבעדיגער.

אָבער, פּלוצים, ווי פון דער ערד אַרויס, קומט זיך צוגעהען דער וואונדער־
צדיק ר' ליב שרה'ס, אַנגעטהאָן אין לאַנגע רבי'שע מלבושים, אַ ספּאָדיק
אויף זיין קאָפּ און אַ גוט־אידישען טיזליק איבער זיינע בגדים, געהט זיך אַזוי
פריי, אונערשראָקען, אַנגעלעהנט אויף זיין שטעקען, גלייך דורך די שורות פון
מיליטער, ביז צום קעניגליכען הויף, קיינער פרעגט איהם ניט קיין וואָרט, קיי־
נער שטערט איהם ניט דעם גאַנג — ווייל קיינער, אַ חוץ די וואַרשויער אידען,
זעהט איהם לחלוטין גאָר ניט. דאַמאלס האָבען זיך אַלע אידען איבערצייגט, אז
ר' ליב שרה'ס איז אַ „רואה ואינו נראה".

זייט דאַמאלס האָט מען אָנגעהויבען פון איהם צו דערצעהלען נסים

ונפלאות. די וואונדערבארסטע געשיכטע איז געווען זיין פיעל יעהריגע מלחמה מיט׳ן קייזער יאזעף דעם צווייטען.

דיעזער קייזער, וועמען די אויפגעקלעהרטע אידען האבען געלויבט ביז אין הימעל אריין האלטענדיג איהם פאר א מלך של חסד, מחמת ער האט ארויסגע־געבען דעם בעוואוסטען „טאלעראנץ־עדיקט", אז מען זאל אידען נעהמען צום מיליטער־דיענסט און זיי צווינגען צו בעזוכען די עפענטליכע שולען, כדי זיי צו מאכען מיט מענשען גלייך, איז אבער בעטראכט געווארען פון ר׳ ליב שרה׳ס אלס א גרויסער שונא ישראל. ער, ר׳ ליב שרה׳ס, פלעגט דעריבער יעדען פרייטאג נאך דער מקוה, זיך אריבערפאהרען, מיט קפיצת־הדרך, פון יאלטישקאוו, וואו ער האט צום לעצט געוואוינט, ביז וויען, אלס „רואה ואינו נראה" זיך אריינ־געגאנגען אינ׳ם קייזער׳ס הויף, טאקע ביז צום קייזער׳ס פריוואט־צימער. דארט האט ער ארויסגענומען זיין פעדער־מעסעריל פון דער קעשענע, זיך בעוויזען צום קייזער, זאגענדיג צו איהם: הער נור דו, יוסף! איך, לייבעל שרה׳ס, זאג דיר, זהיר וזהיר, ווילסטו מבטל זיין דיין גזרה פון דעם אידישען פאלק, אט טאקע תיכף ומיד, הרי טוב, ואם לאו, וועל איך פון דיר שניידען פאסעם, גאנצע שטי־קער, אט מיט דיעזען קליינען מעסערל, און דאס אויסגעשניטענע פלייש וועל איך ווארפען פאר די כלבים.

דער קייזער האט געוועהנליך אנגעהויבען צו שרייען, אריינרופענדיג זיינע משרתים, אבער קיינער האט גאר ניט געזעהען; ער אליין האט שוין אויך גאר ניט געזעהען. ער האט נור געפיהלט ווי מען שניידט פון איהם שטיקער פלייש.

אבער אזוי ווי פרעה מלך מצרים, האט אויך דער קייזער יאזעף געמאכט הארט זיין הארץ און באין אופן ניט געוואלט נאכגעבען. ער, ר׳ ליב שרה׳ס, איז דעריבער געצוואונגען געווען יעדען פרייטאג נאכ׳ן באד צו בעזוכען דעם קייזער און איהם שטראפען. ווען דער קייזער פלעגט איהם דערזעהען האט ער תמיד שרעקליך אויסגעשריען: „אוי וועה, דער לייבעל איז שוין דא! אט קומט ער שוין שניידען מיין פלייש מיט זיין מעסערל". די משרתים פלעגען צו־מערען פאר שרעק, מחמת זיי האבען גארנישט געזעהען.. זיי האבען דעריבער געמיינט, אז דער קייזער איז משוגע.

בעזאנדערס האט גע׳פועל׳ט צו פערשפרייטען צווישען דעם פאלק די אמונה אין ר׳ ליב שרה׳ס, דאס ספר „רזיאל המלאך". דאס איז א טיעף קבלה ספר, פון וועלכען עס הייסט, אז דער מלאך רזיאל האט עס געשריבען און עס געגעבען א מתנה צו אדם הראשון. יעדענפאלס איז עס א זעהר אלט ספר. דארט, אין דיזען אלטען ספר, געפינט זיך א נוסח פון א קמיע, אויף וועל־כער עס שטעהט געשריבען א סך „שמות" פון השם־יתברך און צווישען זיי שטעהט דער נאמען „ליב בן שרה". צום סוף פון דיזער קמיע שטעהט גע־שריבען דיזע תפלה:

„דו זאלסט עפענען דאס הארץ פון ליב בן שרה, ער זאל קענען לערנען און פערשטעהן אלע צווייגען און אלע טעמים פון תורה שבכתב און תורה

שבעל פה, פון נגלה און נסתר; זיין הארץ זאל זיין ווי א קוואל פון חכמה; דו זאלסט איהם אבהיטען פון אלערליי כישוף און יסורין; קיינער זאל איהם ניט קענען קיין שלעכטס טהאן און די גאנצע וועלט זאל פאר איהם ציטערען דורך זיין גרויסקייט".

ביי אלע חסידים איז דעריבער קיין ספק ניט געווען, אז מיט דיזע ווערטער האט דער מלאך רזיאל געמיינט דעם בעריהמטען פערבארגענעם צדיק ר' ליב שרה'ס.

עס איז אויך א בעקאנטער ענין צווישען די חסידים, אז ר' ליב שרה'ס עובדה איז בעשטאנען צו פערזארגען מיט פרנסה די פערבארגענע ל"ו צדיקים, וועלכע געפינען זיך אין יעדען דור און זענען פערשפרייט אויף דער גאנצער וועלט. דיזע זעקס און דרייסיג פערבארגענע צדיקים זענען די אמת'ע מנהיגים פונ'ם דור, אין וועמעס זכות די וועלט האט א קיום. אבער קיינער, א חוץ די „יחידי סגולה" פון די גרויסע צדיקים, דארף פון זיי ניט וויסען און זיי ניט קענען. די פליכט פון די עפענטליכע צדיקים איז דעריבער, זיי, די פערבארגענע, מפרנס צו זיין. ווייל געוועהנליך זענען זיי, די ל"ו'ניקעס, פערשטעלט אלס פשוט'ע עמי־הארצים, מייסטענס דארפס־אידען, בעלי עגלות אדער אזוי גראבע ברואים. אין יעדען דור איז דעריבער פאראן א י י ן צדיק, וועלכער ווייס פון זיי אלעמען און וואו זיי געפינען זיך און קען זיי אויך ביי זייערע נעמען. דיזער צדיק, זאל געווען זיין ר' ליב ישרה'ס, אויף וועמען ס'איז געווען מוטל זיי מפרנס צו זיין. דאס זאל אויך געווען זיין די סיבה, לויט ווי די חסידים בעהויפטען, וואס ר' ליב שרה'ס איז תמיד ארומגעפאהרען אויף אלע „ירידים", כדי דארט אויסצוגעפינען די פערבארגענע ל"ו'ניקעס, וואס האבען א טבע, לויט דעם המון'ס אמונה, זיך צו פערזאמלען אויף אלע וועלטס־יארידים.

## 2

# אַלטער מלמד מאַכט דעם פּריץ צום נאַר

**דער גראַף פערליעבט זיך אין אַ אידיש מיידעל. — דער מלמד כאַפּט איהם אויס. — האַט חתונה אויף אַ קאַטאָוועס און אַ קינד אויף אַ רעכטען אמת. — דאַס דרשה־געשאַנק פון דער „פמליא של מעלה“.**

איבער דער געבורט פון ר' ליב שרה'ס, דערצעהלען זיך חסידים אזא מעשה :

אין אַ דאָרף נעבען ראָוונע, רוסלאַנד, האַט געוואוינט אַן ארענדאר, וועלכער האַט געהאַט אַ זעהר שעהנע טאַכטער מיט'ן נאָמען שרה. איהר שעהנקייט האַט גע'שם'ט אין דער גאַנצער געגענד. אַלע ראוונער יונגעלייט האָבען זיך געוואונשען צו בעקומען די שעהנע שרה פאַר אַ כלה. אזוי ווי זי איז אָבער נאָך גאַר יונג געווען און אויסגעהאָלפען דעם פאַטער אין דער קרעטשמע, האַט זיך איהר פאַטער ניט געאיילט מיט איהר א שידוך צו טהון.

ויהי היום, און דער זוהן פונ'ם פּריץ, צו וועמען די דאָרפס־קרעטשמע האַט געהערט, איז, צוריקקעהרענדיג פון א יאגד, אריינגעפאלען מיט זיין יאגד־חברה אין דער קרעטשמע צו דערכאַפּען זיך דאַס האַרץ מיט א ביסעלע משקה. אזוי ווי דער יונגער פּריץ האַט נאַר דערזעהען די שעהנע שרה איז ער אין איהר שטאַרק פערליבט געוואָרען. ער האַט שוין ביים אידען אין דער קרעטשמע ניט שטאַרק מאריך געווען, ער איז באַלד אַוועק אהיים אין הויף פון זיין פאַטער און אהן הקדמות מגלה געווען צום אַלטען פּריץ, אז ער איז שטאַרק פערליעבט אין דעם ארענדאר'ס טאַכטער, די שעהנע שרה.

לכתחלה האַט זיך דער פּריץ בעמיהט איהם אויסצורעדען. ערקלעהרענדיג, אז ס'איז פאַר איהם אַ גרויסער בזיון חתונה צו מאַכען זיין זוהן מיט דער טאַכטער פון א אידען. פון שמד'ן זיך, האַט איהם דער פּריץ ערקלערט, קען גאַר קיין רעדע ניט זיין, ווייל די אידען זענען אין אזעלכע ענינים זעהר איינגעשפּאַרט, זיי וועלען זיך גיכער לאַזען טויטען ווי אויסטוישען זייער רעליגיאָן. ס'איז דעריבער ניטאַ קיין אויסוועג נור ער, דער יונגער פּריץ, זאָל זיך דעם ענין אין גאַנצען ארויסשלאָגען אויס'ן קאָפּ און זיך זוכען א כלה צווישען זיינע פּריצישע שכנים.

דער זוהן האַט איהם אָבער ערקלעהרט, אז ער פערלאַנגט איבערהויפּט ניט די שעהנע שרה זאָל זיך שמד'ן. אז דער קעניג קאזיעמירזש דער גרויסער האַט

זיך ניט געשעהמט צו לעבען עפענטליך מיט א אידיש ווייב, אסתר'קע, פאר־וואס־זשע זאל עס דער פאטער בעטראכטען פאר א בושה, איהם חתונה צו מא־כען מיט א שעהן אידיש מיידעל ?

אזוי ווי דער זוהן, וועלכער איז געווען ביים פריץ א בן יחיד, האט זיך שטארק איינגעשפארט, ניט וועלענדיג עסען און טרינקען, ניט געניסען קיין שום פערגניגען, ביז ער וועט ניט חתונה האבען מיט דעם אידישען מיידעל, האט זיין פאטער ענדליך מסכים געווען אויפ'ן שדוך. בפרט נאכדעם ווי דער זוהן האט אנגעהויבען אבצושעהרען פון טאג צו טאג, און דער לייב־דאקטאר האט איהם געזאגט, אז באם ער וועט ניט ממלא זיין דעם זוהנ'ס רצון, וועט ער, דער זוהן, ניט לאנג אנהאלטען.

כדי דער ארענדאר זאל ניט געוואהר ווערען פונ'ם פריץ'ס פלאן און דער־וויל פער'קנס'ען, אדער גאר פערהייראטען זיין טאכטער, האט מען דעם גאנ־צען ענין געהאלטען בסוד. ער האט דעם זוהן מיטגעגעבען א בריעף צום ארענדאר, אין וועלכען ער לאזט איהם וויסען, אז זיין זוהן וויל חתונה האבען מיט זיין מיידעל שרה. זי דארף זיך ניט שמד'ן. זי קען פערבלייבען א אי־דישע פרוי. באם אבער ער, דער ארענדאר, וועט ניט מסכים זיין אויפ'ן שדוך, זאל ער תיכף ומיד פערלאזען די קרעטשמע. צו דיעזען צוועק, האט דער יונגער פריץ מיט זיך מיטגענומען עטליכע הייז־דוקען, כדי זיי זאלען דעם אידען, באם ער וועט דעם פריץ אבזאגען, ארויסווארפען תיכף אויף דער גאס.

כדי צוצוגעבען קוראזש די משרתים, האט דער יונגער פריץ אבגעטראטען אין אן אנדער קרעטשמע, אין וועלכער ס'האט אויך געוואוינט א איד, זיי מכבד צו זיין מיט א ביסעל משקה. דארט האט זיך דער יונגער פריץ בעג־געגענט מיט א פריינד, מיט וועלכען ער האט זיך זעהר דערפרעהט. זיי האבען ביידע געטרונקען משקה און זיך געזעצט שפילען אביסעל אין קארטען. דער יונגער פריץ האט דערצעהלט זיין חבר דעם צוועק פון זיין נסיעה, ניט בעמער־קענדיג, הפנים, אז דער אידישער ארענדאר הערט זיך אלץ אונטער.

אין דיעזער קרעטשמע איז אויך געווען אן אלטער איד, אן אלמן, א מלמד פאר'ן ארענדאר'ס קינדער, ר' יוסף האט ער געהייסען. דער אלטער מלמד איז געווען זעהר אן עהרליכער און א קלוגער איד. נאכדעם ווי דער ארענדאר האט איהם דערצעהלט בסוד וואס פאר אן אומגליק ס'ערוווארט זיין אידישען שכנ'ס טאכטער פונ'ם יונגען פריץ, האט דער אלטער מלמד געזאגט צום ארענדאר, אז ער, דער מלמד, אזוי ווי ס'האט איהם קיינער ניט געזעהען און קיינער קען איהם ניט, און ניט בעמערקען אויב ער פעהלט, וועט גיך געהען צום שכן, איהם מודיע זיין וועגען אלץ, אפשר וועט מען געפינען אן עצה, ווי אזוי מציל צו זיין א אידישע טאכטער פונ'ם פריץ'ם הענט.

בעת דער פריץ מיט זיין חבריא האבען נאך עוסק געווען אין שכור'ן און שפיעלען, איז דער אלטער מלמד דערווייל אנגעקומען צו שרה'ס פאטער און איהם דערצעהלט פון דעם אונגליק וואס ס'ערווארטעט איהם אט יעדע רגע.

דער ארענדאר, הערענדיג דיעזע שרעקליכע בשורה, איז געווארען זעהר

פערצוויפעלט. זיין גאַנץ בני בית, בעזונדערס די שעהנע שרה, האָבען אָנגע־הויבען צו יאָמערן און צו קלאָגען, ממש חורבן בית המקדש.

וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך ? די צייט איז דאָך צו קורץ !

„נור ניט געוויינט, האָט זיך דער אַלטער מלמד אָנגערופען. מיט ישוב הדעת, קען מען אויך אין דעם נפעהרליכסטען מאָמענט געפינען אַן אויסוועג. שאַט, אַט איז מיר איינגעפאַלען אַ גוטע עצה. ווי איהר קענט מיך, בין איך ניט קיין בעטריגער, און וואָס כ'וועל אייך דאָ זאָגען, האָב איך דאָבייַ נור די עהרליכסטע אבזיכטען. איך בין דאָך אַן אַלמן. מאַכט ניט קיין שהיות, נעהמט צוזאַמען צעהן מענשען פונ'ם דאָרף, און לאַדעט אויך איין דעם ריכטער פונ'ם דאָרף, און שטעלט אַ חופה. איך וועל עפּענטליך פאַר עדות, כדת וכדין, אויך אין דער געגענוואַרט פונ'ם שופט מיט'ן געמינע־שרייבער, זי מקדש זיין כדת משה וישראל. גרייט נור אַן אַ גוט ביסעל משקה און אויך עפּיס איבערצו־כאַפּען, איך האָף צו השם־יתברך, אַז דער פּריץ וועט שוין צו שפּעט קומען.

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, און אין דער קרעטשמע איז געשטעלט גע־ווארען אַ חופה אין דער געגענוואַרט פון אַלע אידען און די חשוב'ע גוים פונ'ם דאָרף. ס'איז אפילו יעדען אַ חדוש געווען וואָס די שעהנע שרה האָט זיך עפּיס פּלוצים פערליבט אין אַן אַלטען עובר בטל. אָבער גאָה פרעג קשיות אויף אַזעלכע זאַכען.

דער גאַנצער עולם, אידען ווי קריסטען, האָבען זיך רעכט גוט אונטער־האַלטען. מען האָט געטרונקען משקה אויף וואָס די וועלט שטעהט און אויך אַ היבש ביסעל צוגעטאַנצט. פּלוצים עפענט זיך די טהיר און דער יונגער פּריץ מיט אַ חברה היידוקים קומען אריין. דערזעהענדיג די שעהנע שרה זיצען נעבען אַן אַלטען מאַן אויבען־אָן ביים טיש, וועלכער איז אַרומגערינגעלט מיט אורחים, איז דער פּריץ געבליבען זעהר ערשטוינט.

„וואָס פאַר אַ שמחה איז דאָ עפּיס, מאַשקע ?" האָט דער פּריץ געפרעגט.

„אַ חתונה, וויעלגאַ מאָזשניע פּאַן. אָט האָט ערשט מיין שרה'לע חתונה געהאַט מיט דיעזען אַלטען אידען. וואָס האָב איך מיר געקענט העלפען ? אַ קינדערשער שכל. שוין אַ צייט ווי זי טהוט מיר אָן צרות, דוקא כ'זאָל זי חתונה מאַכען מיט דיעזען אַלטען מלמד. כ'האָב פון איהר שוין ניט געקענט אויסהאַלטען, האָב איך איהר צוליעב געטהאָן. אַ קינד אַ נאַר !"

פערשעהמט און האַפנונגסלאָז איז נעביך דער יונגער פּריץ צוריק אַהיימ־געפאָהרען צום פאָטער און איהם דערצעהלט די גאַנצע מעשה.

דער אַלטער פּריץ וועלכער האָט בדיעבד הנאה געהאַט וואָס דער עסק איז אַזוי אויסגעפאַלען האָט דעם אומגליקליכען אויסגערעדט, ערקלעהרענדיג איהם, אַז אַ מיידעל וואָס קען זיך פערליבען אין אַזאַ זקן, איז פּשוט משוגע ; ער, דער זוהן, דאַרף זיך גליקליך שעצען וואָס ער איז ניט אריינגעפאַלען אין אַ צרה.

באַלד נאָך דער חתונה, אַזוי ווי דאָס יונגע ווייבעל איז שוין געווען זיכער, אַז דער פּריץ וועט זי ניט מעהר נעהמען, האָט דער אַלטער מלמד געזאָגט צום

שוועהר דעם ארענדאר : איצט לאָמיר אַלע פאָהרען אין שטאָדט אריין צום רב, און דאָרט וועל איך אָב'גט'ן אייער טאָכטער, וועלכע איך האָב נור מקדש געוועזן כדי זי אָבצוראטעווען פון גוי'שע הענט.

„ניין, ניין !" האָט זיך די שעהנע שרה אָנגערופען. „אין דער שטאָדט אריין וויל איך טאַקע פאָהרען מיט מיין מאַן, אָבער ניט כדי מיך מיט איהם צו גט'ן, נור אדרבה, כדי מיט מיין אלטיטשקען דאָרט צו וואוינען ווי מאַן און ווייב, ווי גאָט האָט געבאָטען. ער האָט מיך מציל געוועזן פון אומריינע הענט און צו איהם געהער איך לעולם ועד."

אין הימעל איז געוואָרען אַ רעש. דער מלאך מיכאל, דער אידישער מליץ, האָט דעם ענין פאָרגעבראַכט פאר'ן בית דין של מעלה.

און אַ קול האָט זיך געלאָזט הערען פון אונטער'ן כסא כבוד, אַז דאָס פאָר־פאָלק זאָל בעקומען אַלס דרשה־געשאַנק פון דער פמליא של מעלה אַ״אַ הויכע נשמה, וועלכע זאָל פערלייכטען די וועלט.

צום יאָהר איז געבוירען געוואָרען אַ קינד. דאָס איז ר' ליב שרה'ס, וועמען מען האָט גערופען, צום אנדענקען פון דער צדקנית, נאָך דער מוטער'ס נאָמען.

3

# דער המון וויל אָבגאָלען דעם צדיק'ס באָרד

ער טאַנצט אַרום אין בעל־שם'ס חדר. — דעם צדיק'ס ענווים קשים. — „צדוק הדין" איז איהם מציל פון אַ צרה. — דעם מעזשעריטשער'ס סמיכה. — אַ סגולה פאַר אַ דונער.

פון דער קינדהייט און די יונגענד־יאַהרען פון ר' ליב שרה'ס ווייסט די חסידישע וועלט נור עטליכע פּרטים.

זיין אַלטער פאָטער ר' יוסף, האָט באַלד נאָך דער חתונה מיט זיין מוטער שרה, אַזוי ווי זי האָט נור ערקלעהרט, אַז זי וויל דורכאויס פערבלייבען זיין ווייב, זיך בעזעצט אין דער שטאָדט ראַוונע. ראשית, מחמת ער האָט ניט גע־וואָלט זיין נאָהענט פון דער סביבה פונ'ם פּריץ'ס זוהן, וועלכער האָט ניט געקענט אַזוי גרינג פערגעסען און זיך מיאש זיין פון דער שעהנער שרה. והשנית, האָט דאָס פּאָר־פאָלק געהאַט בטחון, אַז השם יתברך וועט זיי מזכה זיין מיט אַ קינד. זיי האָבען דעריבער געוואָלט וואוינען אין אַ שטאָדט, אין אַ סביבה פון אידען און תלמידי חכמים, וואו זיי וועלען זיין ביכולת דעם קינד צו געבען אַן אמת'ע אידישע ערציהונג.

אַלס דריי יעהריג קינד איז דער קליינער ליב געבליבען אַ יתום. זיין זיידע דער ארענדאַר האָט געוואָלט נעהמען די יונגע אַלמנה מיט'ן קינד צו זיך. דאָ האָט זיך אָבער אריינגעמישט דער ראַוונער גאון ר' בער, וועלכער איז שפּע־טער געוואָרען אין מעזעריטש דער ממלא מקומו פונ'ם בעל־שם. ער האָט פערשפּראָכען צו זאָרגען פאַר'ן קליינעם יתום'ל און איהם מגדל זיין אונטער זיין השגחה.

שוין אַלס קינד האָט ר' ליב זיך אַרויסגעוויזען אַלס אַ הייליגע נשמה. ער פלעגט דאַוונען עטליכע שעה רצופים, מיט גרויס התלהבות, מיט שפּרינגען און טאַנצען, ער האָט כמעט גאָר ניט געגעסען, געפאַסט הפסקות און געלערנט מיט התמדה גאַנצע נעכט.

ר' בער וועלכער איז דאַן געוואָרען אַ תלמיד מובהק פונ'ם בעל־שם, האָט שוין דאַמאָלס עדות געזאָגט, אַז פון דעם קינד וועט אויסוואַקסען אַ גרויסער צדיק, אַ קדוש עליון.

הערענדיג אינ'ם רבי'ן ר' בער'ס הויז, פון זיין קליינעם חבר אברהם'לע, ר' בער'ס אַ אינגעל, כסדר רעדען פונ'ם בעל־שם'ס גרויסקייט, האָט זיך דעם

15 יעהריגען אינגעל ליב פערגלוסט צו קענען דעם בעל־שם. ער האט זיך אוועקגע׳גנב׳עט פון דער היים און זיך געלאזט געהען צו פוס קיין מעזיבוש, וואו דער בעל־שם האט דעמאלט געוואוינט.

קומענדיג קיין מעזיבוש, האט זיך ר׳ ליב טובל געווען אין מקוה, און תיכף, ניט צומאל זיך אנצופרעגען ביים בעל־שם׳ס גבאי ר׳ יעקב, איז ער אריין אין בעל־שם׳ס חדר אהן רשות.

דער בעל־שם האט גראד דעמאלט עוסק געווען מיט זיינע תלמידים אין א טיעפען קבלה׳שען שמועס. אזוי ווי דער בחור ר׳ ליב איז אריינגעקומען אין בעל־שם׳ס חדר, נאך איידער ער האט מקבל שלום געווען, האט ער אנגע־הויבען, פאר גרויס שמחה, ארומצושפרינגען און ארומצוטאנצען אין בעל־שם׳ס חדר, ממש ווי, חלילה, א חסר דעה.

די תלמידים פונ׳ם בעל־שם זענען שטארק צורודערט געווארען. זיי זענען געווארען מלא כעס אויף דער חוצפה פון דעם פרעמדען בחור. איינער פון די תלמידים איז צו איהם צוגעלאפען, איהם אנגעכאפט ביים לאץ, וועלענדיג איהם ארויסווארפען פונ׳ם חדר.

„לאזט איהם צורוה, האט דער בעל־שם צו זיי געזאגט, ער האט א זעהר הויכע נשמה, א ניצוץ פון אליהו הנביא; עס פעהלט איהם נור דער ריכטיגער מורה־דרך (וועגווייזער)״.

דאן האט ער זיך געווענדעט צו ר׳ ליב שרה׳ס, איהם דערלאנגט א בכבוד׳יגען „שלום עליכם״ מיט א פנים שוחקות, זאגענדיג דאביי דיעזע דבורים:

„ליב בן שרה, דו ביזט א גוטע כלי, אן אמת׳ער פקח. איך וויים אלע דיינע מעשים און פערשטעה אלע דיינע דרכים און הנהגות. וויסען זאלסטו אבער, אז דיין נייער דרך איז פול מיט סכנות; דו געהסט אויף דער שארף פון א שווערד. פאלג מיר, ליב בן שרה, האק אב פון דיעזען דרך, זיי דיך בעסער מדבק אין מיר און אין מיינע דרכים.״

דאן האט זיך דער בעל־שם געווענדעט צו זיינע תלמידים, זיי געהייסען אבטרעטען אויף א ווײלע, און ער איז פערבליבען מיט ר׳ ליב שרה׳ס אליין אין חדר פאר א האלבע שעה.

וואס זיי האבען געשמועסט ווייסט מען ניט בעשטימט. ווי דער רבי ר׳ בער האט שפעטער ערקלעהרט, האט דעמאלט דער בעל־שם, וועלכער פלעגט זיין דער „זן ומפרנס״, דער פערזארגער מיט פרנסה, צו אלע ל״ו (36) פער־בארגענע צדיקים, איבערגעגעבען דיעזע עובדה צו ר׳ ליב שרה׳ס. דאס איז געווען די כונה פונ׳ם בעל־שם׳ס דבורים, אז ר׳ ליב האט אין זיך א ניצוץ פון אליהו הנביא, מחמת אליהו הנביא האט אויך מפרנס געווען א סך בני הנביאים, פערבארגענע צדיקים, און איז אויך תמיד געווען נע ונד, צוליעב דעם כלל ישראל.

אין א סך פרטים, האט ר׳ ליב שרה׳ס שפעטער אנגענומען דעם בעל־שם׳ס דרכים; זיין אייגענעם דרך האט ער אבער ניט אין גאנצען אויפגעגעבען;

ער האט זיך דעריבער קיינמאל ניט גערעכענט פאר׳ן בעל־שם׳ס תלמיד. ער האט ביים טיש, למשל, קיינמאל ניט געוואלט זאגען „תורה״, ווי דער בעל־שם האט איינגעפיהרט. ער האט בעהויפטעט, אז דעם צדיק׳ס עובדות און מעשים זענען א „תורה״, צו וואס־זשע דארף מען זאגען תורה?

תיכף נאכ׳ן בעל־שם׳ס הסתלקות, האט ר׳ ליב שרה׳ס אנגעהויבען צו מאַכען זיינע „כל־ימי־חייו׳דיגע״ נסיעות. וואו ער איז געקומען האט ער געזאמעלט געלד, ניט־וועלענדיג אויסזאגען אויף וואס פאר א צוועק ער זאמעלט דאס געלד. דורך זיינע משונה׳דיגע הנהגות און ווילדע העויות, האבען פיעל מענשען איהם חושד געווען אין פשוט׳ע שווינדלעריי. אזוי ווי מען האט אבער אויך פון איהם געזעהען און זיך אנגעהערט איבערנאטירליכע מופתים, האבען ווידער אנדערע איהם געהאלטען פאר א מכשף. מען האט איהם אין פיעל שטעדט אנגעטהאן געברענטע צרות. ער האט אבער אלע יסורים מקבל געווען באהבה.

בעת ער איז אמאל געווען אויף א יריד אין לובלין, האט זיך פלוצים ווענען איהם פערשפרייט א קלאנג, אז ער איז א פראנקיסט, דאס הייסט, א תלמיד פון יעקב פראנק, וועלכער האט זיך געהאט אויסגעגעבען פאר „משיח״, און שפעטער, האט ער זיך מיט זיינע תלמידים גע׳שמד׳ט. דער אויפגערעגטער המון־עם, איז איהם פלוצלינג בעפאלען, בעת ער איז געשטאנען אין זיין לערען געוועלבעל; וועלכעס ער האט אבגעדונגען פאר דער צייט פונ׳ם יריד, אנגעלעהנט אויף זיין שטעקען. — זיי האבען איהם געבונדען הענד און פיס און אוועקגעטראגען אינ׳ם מהרש״ל׳ס (ר׳ שלמה לוריא) בית המדרש אריין. דארט האבען זיי געשיקט רופען א פעלשער, וועלכער זאל איהם אבגאלען די בארד מיט די פאות, כדי דאדורך איהם צו מאכען צו שאנד און שפאט פאר אלע אידען, און ער זועט ניט מעהר זיין ביכולת ארומצופאהרען און פערפיהרען אידישע נפשות.

אזוי ווי ר׳ ליב שרה׳ס האט זיך דערוואוסט מיט וואס דער המון איז ברעה איהם צו בעשטראפען, האט ער אנגעהויבען ביטער צו וויינען, אויסרופענדיג:

„רבונו של עולם, זעה כאטש צו וואס פאר א טייער און הייליג פאלק ישראל דו פערמאגסט! אזוי באלד ווי זיי דערזעהען נאר א מענש, וועלכער פערלאזט דיין גערעכטען וועג פון דער תורה, זענען זיי זיך אן איהם תיכף נוקם דיין נקמה און נעהמען זיך אן דיין קריוודע!״.

דיזער „צדוק־הדין״ האט געמאכט אויף דעם אויפגערעגטען המון א גרויסען רושם. זיי האבען איהם תיכף בעפרייט און פון דעמאלט אן ניט מעהר דערקוטשעט.

ר׳ ליב שרה׳ס איז אבער סוף כל סוף מיעד געווארען פון די בזיונות און רדיפות וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן אין פיעל שטעדט. ס׳איז איהם ממש מאוס געווארען דאס לעבען און ווי „אליהו הנביא״ האט ער זיך אויך געבעטען ביי השם יתברך: „קח נפשי״, נעהם ביי מיר צו מיין נשמה!

**ער איז אוועקגעפאהרען קיין מעזיריטש צום רבי׳ן ר׳ בער, וועלכער האט**

שוין דעמאָלט פערטראַטען דעם בעל־שם׳ס שטעלע און זיך פאַר איהם אויס־נערעדט זיין ביטער האַרץ.

דער רבי ר׳ בער, וועמעס שם טוב איז שוין בעקאַנט געוועזן אויף דער גאַנ־צער חסידישער וועלט, האָט איהם אויסגערעדט, איהם מחזק געווען, הייסענ־דיג איהם ווייטער עוסק זיין אין זיינע פערבאַרגענע עובדות. נאָר כדי ער זאָל ניט מעהר האָבען קיין רדיפות און דאָס פאָלק זאָל צו איהם האָבען צוטרויען, האָט דער רבי ר׳ בער איהם מיטגעגעבען אַ בריעף מיט זיין אייגען כתב יד, וועמעס אינהאַלט קלינגט ווי אַ „סמיכה״.

אין דיזען „מכתב־תעודה״ זאָגט דער מעזעריטשער צדיק עדות אויף ר׳ ליב בן שרה, אַז ער איז אַ גרויסער ירא שמים, אַז עוסק במצות נאָר לשם שמים. און איצט פאָהרט ער אַרום און איז עוסק אין אַזאַ גרויסע מצוה, וועלכע מען טאָר ניט אַרויסשרייבען (דאָס האָט ער געמיינט די פרנסה וואָס ער גיט די ל״ו צדיקים און וואָס ר׳ ליב שרה׳ס פלעגט מיט דיזען געלט עוסק זיין אין פדיון שבוים ביי די פוילישע פריצים) מטעם ידוע. עס איז דעריבער מוטל אויף יעדען אידען מען זאָל איהם מיטהעלפען אין אַלע ענינים, מחמת וואָס ער זאָגט און וואָס ער דערצעהלט איז אמת ויציב.

פון דעמאָלט אָן, נאָך דער הסכמה פון דעם רבי׳ן פון אַלע צדיקים, איז ר׳ ליב שרה׳ס בעטראַכט געוואָרען פון אַלע חסידים און אויך פונ׳ם המון עם פאַר אַן „איש קדוש״. וואו ער האָט זיך נאָר בעוויזען איז מען איהם נאָכגעלאָ־פען, כמעט מעהר ווי דעם בעל־שם. מען האָט אָנגעהויבען פון איהם צו דער־צעהלען „מופתים״ למעלה מן הטבע און יעדערער האָט זיי געגלויבט.

ווען ר׳ ליב וואָלט געווען אַ רודף אחר הכבוד און אַ ליעבהאָבער פון געלט, וואָלט ער געהאַט די בעסטע געלעגענהייט צו זיין דער גרעסטער רבי אינ׳ם דור און אָנשאַרען קורח׳ס אוצרות. ער האָט אָבער קיין געלט אַלס פדיונות ניט געוואָלט אָננעהמען. און מחמת ער איז קיינמאָל ניט געוועזן אויף איין אָרט האָט זיך ניט געקענט זאַמלען אַרום איהם קיין בעשטימטע חברה חסידים, ווי ביי די אַנדערע גרויסע רביים.

ווי גרויס די אמונה פון חסידים איז געווען און בעשטעהט נאָך היינט אין דעם הימלישען כח פון ר׳ ליב שרה׳ס, איז צו זעהען פון דעם וואָס נאָך ביז היינט איז ביי חסידים פערבערעכענט פאַר אַ זיכערע סגולה, אַז כדי ניצול צו ווער־רען פון אַ דונער זאָל מען זאָגען דריימאָל די ווערטער: „ליב בן שרה״; דאָס איז ביי זיי ממש בדוק ומנוסה.

## 4

# די קפיצות־הדרך׳דיגע נסיעות פונ׳ם צדיק

דער הימלישער חוש הריח פונ׳ם צדיק. — ער פליהט אויף די פליגעל פונ׳ם ווינט.— מאַכט אוים אַ פאַסטוך פון געגז אַ גרויסען גוטען־אידען. — דער צדיק וואָס ראַטעוועט אַרוים די „נגינה״ פון דער „סטרא אחרא״. — אַ ליעדעל וועלכעס איז מרעיש אַלע עולמות עליונים.

ווי דער בעריהמטער צדיק ר׳ קהת פון ווארשוי, א תלמיד מובהק פון ר׳ ליב שרה׳ס, האָט אמאָל ערקלעהרט, האָט זיין רבי, ר׳ ליב שרה׳ס, געהאַט נאָך אַנדערע טעמים, פאַרוואָס ער איז כל ימי חייו געווען נע ונד, ארומפאָהרענדיג אין אַלע מדינות וואו ס׳געפינען זיך נור אידען. ר׳ ליב שרה׳ס האָט געהאַט אַ גוטען חוש הריח, צו דערפיהלען פון טויזענדער מיילען ווייט, וואו ס׳איז פאַראַן עפּים אַ הויכע נשמה. תיכף איז ער אהין געפאָהרען כדי צו זעהען, אַז דיעזע נשמה זאָל ניט פערנאכלעסיגט ווערען. ער האָט דאָס קינד, פון דער גרויסער נשמה, גענומען אונטער זיין השגחה און געזאָרגט ס׳זאָל דערפון ווערען אַ לייט.

און זיינע ווייטע נסיעות פלעגט ער מאַכען דורך „קפיצת הדרך״. שפּעטער ווען ער איז געווען אַ גרויסער מפורסם, האָט ער געהאַט אַן אייגענעם פערד און וואָגען, מיט אַ שטענדיגען גוי׳שען בעל־עגלה. עס איז אַ פאַקט, אַז אַלע צדיקים וועלכע פלעגען מאַכען זייערע נסיעות דורך „קפיצת הדרך״, האָבען קיינמאָל זיך ניט בעדיענט מיט אַ אידישען בעל־עגלה. נור תמיד מיט גוי׳שע. אזוי, למשל, איז געוואָרען אַ מפורסם צווישען אַלע חסידים, דער גוי „אַלעקסעי״, דעם בעל־שם׳ס בעל עגלה, וועלכער פלעגט מיטמאַכען מיט׳ן בעל־השם די קפיצת־הדרך׳דיגע נסיעות, פון איין עק וועלט צו דער אַנדערער.

האַלטענדיג אמאָל שבת אין טיעף רוסלאַנד, האָט ר׳ ליב שרה׳ס פּלוצים דערפיהלט, אַז אין אַ שטעדטעל סערענטש, אין אונגאַרן, איז פערהאַנען אַ זעהר הויכע נשמה, מיט וועלכע ס׳איז זיך כדאי מטפל צו זיין, זי אויסצואַרבייטען און צו ברענגען צו אַ הויכע מדרגה.

תיכף נאָך הבדלה, האָט ר׳ ליב שרה׳ס אַ בעפעהל געגעבען זיין בעל־עגלה, ער זאָל איינשפּאַנען פערד און וואָגען פאַר אַ ווייטע נסיעה. דער משרת האָט שוין געוואוסט, אַז וויבאַלד דער „ראַבין״ זאָגט „אַ  ו ו י י ט ע  נסיעה״,

וועט ער שוין פאהרען מיט'ן „וויאטער" (ווינד). ווי ער פלעגט אנרופען דעם קפיצת הדרך.

אזוי ווי ר' ליב שרה'ס האט זיך אויפגעזעצט אויפ'ן וואגען, האט דער בעל־עגלה אנגעטריבען די פערד, געוועהנליך, ווי יעדער בעל־עגלה, ביז אונטער דער שטאדט. אזוי ווי זיי זענען געקומען מחוץ לעיר, אויסערהאלב די שטאדט, האט ר' ליב געזאגט צום בעל־עגלה ער זאל די לייצען פון די פערד איהם איבערגעבען און ער, דער בעל־עגלה, זאל זיך אויסדרעהען מיט'ן פנים צו איהם, ניט צו די פערד. על פי רוב, פלעגט דער בעל־עגלה תיכף איינשלאפען: ס'האט זיך אבער אויך געטראפען, אז ער איז נור געווארען אביסעל ווי בעטויבט, ער האט אבער אלעס געזעהען.

ר' ליב שרה'ס פלעגט פערמאכען די אויגען, האלטענדיג די לייצעס אין דער האנד און מורמלענדיג מיט'ן מויל אונפערשטענדליכע דבורים; דאס איז געווען דער „שם" פון קפיצת הדרך, און פלוצים האבען די פערד אנגעהויבען צו לויפען ממש פייל אויס'ן בויגען. דאס הייסט, ס'רעדט זיך נור אזוי, אז די פערד זענען געלאפען, אין אמת'ן אבער, איז גאר די ערד געפלויגען צוריק צו וועגס אונטער די רעדער. מען האט מעהר ניט געזעהען ווי שטעדט, דערפער, פעלדער און וועלדער, טייכען און ימים, פערבייפליהען פאר די אויגען, ביז די פערד זענען אנגעקומען צום געווינשטען ארט, האבען זיי זיך אליין אבגעשטעלט. דאס פלעגט אבער תמיד זיין ה י נ ט ע ר די שטאדט. דאן האט ר' ליב אויפגעוועקט דעם בעל־עגלה, איהם צוריק איבערגעגעבען די לייצען און איהם געהייסען זעצען ווי ס'קעהר צו זיין מיט'ן פנים צו די פערד, און פשוט כפשוטו, גלייך ס'איז גאר ניט געשעהן, אנטרייבען די פערד אין שטאדט אריין.

אין דער פריה, באלד נאכ'ן דאווענען, האט זיך ר' ליב שרה'ס געלאזט געהען שפאצירען צו דעם וועלדעל אונטער דער שטאדט. דארט האט ער געטראפען אן אכט־יעהריג אינגעל, כמעט האלב נאקעט, פאשענדיג א סטאדע גענז.

דאס איז דאס געווען די גרויסע נשמה וועלכע ר' ליב האט דערשמעקט.

אויף זיין פראגע, האט איהם דאס אינגעל דערצעהלט, אז זיין מוטער איז אן ארימע אלמנה, ער האט איהם אויך געזאגט איהר נאמען.

ר' ליב שרה'ס איז תיכף געגאנגען צו דער אלמנה און זי געבעטען זי זאל איהם איבערגעבען איהר אינגעל פאר א משרת'ל און ער, אלס א סוחר, וועט אויס איהם מאכען א לייט. ער האט איהר אויך געגעבען א היבשע סומע געלד. די ארימע אלמנה האט מסכים געווען און ר' ליב שרה'ס האט דאס אינגעל מיט זיך תיכף מיטגענומען, און ווידער אמאל דורך „קפיצת הדרך", מיט איהם געפאהרען קיין ניקעלסבורג, צום רבי'ן ר' שמעלקא.

„דא האסטו א הויכע, הייליגע נשמה, פון „היכל השירה והזמרה", נעהם זי איבער און מאך פון איהר וואס זי דארף זיין", האט ר' ליב שרה'ס געזאגט צום רבי'ן ר' שמעלקא.

אוים דיזען קליינעם פאסטוכעל, איז שפעטער אויסגעוואקסען דער בע־ריהמטער רבי און הימלישער בעל מנגן ר׳ אייזיק׳ל קאליפער. וועלכער האט ארויסגעראטעוועט אלע טייערע נגונים פון דער האנד פון דער קליפה און זיי צו־ריקגעברענגט צום שורש פון דער קדושה, וואו אהין זיי געהערען.

דיזער צדיק ר׳ אייזיק׳ל ווענען אלע צדיקי הדור האבען ניט אנדערש גערופען נור סתם: דער „הייליגער קאליפער״. פלעגט יעדען טאג עקסטרע ארויספאהרען אין וואלד אריין, כדי זיך צו צוהערען די זיסע נגונים וועלכע די אונגארישע (קאליף איז א שטעדטעל אין אונגארן) און די סלאווישע פאסטוכער האבען געזונגען און זיך צוגעשפיעלט מיט׳ן פייפעלע. זייענדיג א גרויסער בעל מנגן, האט ער די נגונים תיכף אויפגעכאפט און זיי אריינגעברענגט צוריק אין דער קדושה.

ווארים וויסען מוזט איהר, אז אלע נגונים פון דער וועלט קומען ארויס פון דער קדושה, פון א זעהר הויך ארט וועלכעס הייסט „היכל הנגינה״; די טומאה קען ניט זינגען; זי ווייסט ניט פון קיין שמחה, זי איז דער מקור פון עצבות, דער קוואל פון טרויעריגקייט. דורכ׳ן חטא פון אדם הראשון, זענען צו־זאמען מיט אלע „ניצוצות הקדושות״ (הייליגע פונקען), אויך די „ניצוצות הנגינה״ אריינגעפאלען אינ׳ם רשות פון דער קליפה, די סטרא אחרא. די עבודה פונ׳ם קאליפער צדיק איז, לויט דעם הימלישען חוש הריח פון ר׳ ליב שרה׳ס, בעשטאנען אין דעם, צוריקצוברענגען די אומגליקליכע, פערוואגעלטע ניצוצות, די פערלוירענע זיסע נגינה, וועלכע איז נעביך נע ונד אין דעם רשות פון דער טומאה, צווישען די אומות העולם, צוריק אהין צו זייער שרש אין דער קדושה אריין.

דער קאליפער צדיק האט אבער נאך מעהר געטהון פון דעם וואס זיין „רבי״ ר׳ ליב שרה׳ס האט איהם געהייסען. ניט נור די נ ג ו נ י ם אליין, נור מיט זיי אויך דעם ט ע ק ס ט פון די ליעדלעך וואס די פאסטוכעס פלע־גען זינגען, האט ער צוריקגעברענגט צו דער קדושה.

זייענדיג אין וואלד, האט ער אמאל געהערט, ווי א פאסטוך האט מיט א הארצרייסענדע, וויינענדיגע מעלאדיע, זיך געזונגען צו זיינס א געליעבטע, אט דיזעם ליעדעל:

וואלד, וואלד, ווי גרויס ביזט דו!  
ראזע, ראזע, ווי וויט ביזט דו!  
וואלט דער וואלד קלענער געווען,  
וואלט דאך מיין ראזע נעהנטער געווען;  
וואלט מען מיך פונ׳ם וואלד ארויסגענומען,  
וואלטען מיר זיךביידע צוזאמענגעקומען.

באלד איז דער „הייליגער קאליפער״ אפגעגאנגען אן א זייט, זיך אוועק־געזעצט אויף א שטיין אונטער א בוים, און מיט א ביטער געוויין, האט ער מיט דערזעלבער מעלאדיע אנגעהויבען צו זינגען דיזעם ליעדעל:

גלות, גלות, ווי גרויס ביזט דו!
שכינה, שכינה, ווי ווייט ביזט דו!
וואלט דער גלות קלענער געווען,
וואלט דאך די שכינה נעהנטער געווען;
וואלט מען מיך פון גלות ארויסגענומען,
וואלטען מיר זיך ביידע צוזאמענגעקומען.



ווען דער ראפטשיצער צדיק האט דאס ערשטע מאל געהערט נאכזינגען דיעזעס ליעדעל מיט דער זיסער מעלאדיע, האט ער געזאגט, אז ווען דער קא־ליפער זינגט דאס נגונ׳דעל, ווערט א רעש אין דער גאנצער פמליא של מעלה. ס׳דערוועקט זיך אין הימעל א קוואל פון רחמים, און כתות פון מלאכי רחמים, קומען דאמאלס מקבל פנים זיין ר׳ ליב שרה׳ס אין זיין הימלישען היכל, לויבענ־דיג איהם מיט א ברכה: „ברוך שנתן לנו את הנפש היקרה הזאת”. געבענשט זאל זיין דער, (ר׳ ליב שרה׳ס) וואס האט אונז געגעבען אזא טייער נפש.

אזוי ווי דער סאנזער צדיק האט דערהערט פון זיין רבי׳ן, דעם ראפטשי־צער, דיעזע דבורים, האט ער איינגעפיהרט, אז יעדען שבועות ביים טיש, האט אן אונגארישער זינגער, ר׳ מענדיל חוסטער, געזונגען דאס דאזיגע ליעדעל, מיט׳ן פאסטוכ׳ס נוסח, אויף אונגאריש און אויף אידיש (מיט א קליינער ענ־דערונג, אנשטאט „ראזע”, דער נאמען פון דער געליעבטער, האט ער געזונגען „רויז”, דער נאמען פון א בלום). אזוי ווי ער האט געענדיגט זיין זינגען, פלעגט דער סאנזער אנהויבען צו זינגען מיט גרויס התלהבות, דעם נוסח פונ׳ם קאלי־פער, וועלכער בעציהט זיך אויף דער שכינה מיט׳ן גלות, מיט דערזעלבער מעלאדיע.

אזעלכע טייערע נפשות, האט ר׳ ליב שרה׳ס פערשאפט דער חסידישער וועלט, א דאנק צו זיינע שטענדיגע, געהיימניספאלע נסיעות.

## 5

# האָט חתונה אויס רחמנות צו אַ אידישער טאָכטער

האָט ניט קיין מוח חתונה צו האָבען. — די טיש־תורה איז איהם מנצח. — דעם מלאך׳ס פרישות. — די תנאים מיט דער כלה.

ביז היינט איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען, וואו די פאמיליע פון ר׳ ליב שרה׳ס האָט געוואוינט, ווער זיין ווייב איז געווען, וויפיעל קינדער ער האָט געהאַט, ווי זיי האָבען געהייסען און וואָס ס׳איז פון זיי געוואָרען, ווייל קיין ממלא מקומו האָט ער ניט איבערגעלאָזט.

חסידים ווייסען אָבער צו דערצעהלען די דאָזיגע געשיכטע וועגען זיין חתונה האָבען און פאַמיליען־לעבען :

שוין אַלס עלטערער בחור, כמעט אַ בן שלשים, האָט ר׳ ליב לחלוטין גאָר ניט געדענקט פון חתונה האָבען, זיין מוח איז כסדר אַזוי געווען פערטהאָן אין געטליכע ענינים און זיינע מחשבות זיינען אַזוי געווען בעשעפטיגט אין די פערבאָרגענע הייליגע עובדות לטובת דעם כלל ישראל, אַז ער האָט אפילו אַ רגע גאָר ניט געקענט טראַכטען וועגען פיהרען אַ פאַמיליען־לעבען.

ווען ער איז אַמאָל געווען ביים רבי׳ן ר׳ בער, האָט איהם דער רבי אויפ־מערקזאַם געמאַכט, אַז די רדיפות וואָס ער האָט כסדר אויסצושטעהען זענען נור אַן עונש, ווייל ער האָט ניט חתונה.

„אַן עונש !” האָט ר׳ ליב שרה׳ס אויסגערופען מיט גרויס פערוואונדע־רונג און האָט זיך אַרויפגערוקט דעם ספאָדיק.

דערמיט האָט ער געוואָלט ווייזען דעם רבי׳ן, אַז אויפ׳ן שטערען איז ביי איהם פאַרהאַן דער „צלם אלקים”, אַ סימן, אַז זיין מוח איז ניט טמא געוואָרען, חלילה, דורך אַן אונריינער מחשבה.

„כל היושב בלא אשה שרוי בלא טובה ובלא ברכה” (ווער עס פערזיצט אָהן אַ ווייב, ווייסט ער ניט פון קיין גוטס און פון קיין ברכה), האָט צו איהם דער רבי געזאָגט מיט׳ן לשון פון דער גמרא.

„מיר געפינען אין ערגיץ ניט, אַז א ל י ה ו  ה נ ב י א האָט חתונה געהאַט און געהאַט קינדער”, האָט איהם ר׳ ליב געענטפערט, ציעלענדיג בלי ספק אויף די ווערטער פונ׳ם בעל־שם, אַז ער האָט אַ ניצוץ פון אליהו הנביא.

„ר׳ ליב, פערקריכט ניט צו הויך !” האָט צו איהם דער רבי ר׳ בער גע־זאָגט.

דער ענטפער פון ר׳ ליב שרה׳ס האט איהם גורם געווען א חלישות הדעת.

ביים רבי׳ן ר׳ בער איז געווען א מנהג, אז ער האט מיט זיין קידוש פרייטאג צו נאכטס, מוציא געווען אלע חסידים, דאס מיינט, אז אלע חסידים האבען ניט געמאכט בעזונדער קיין קידוש, נור זיי האבען זיך סומך געווען אויף׳ן רבינ׳ס קידוש.

מיט זיינע תלמידים מובהקים, וועלכע ער האט שוין געהאט מסמיך געווען פאר „גוטע־אידען״, האט ער זיך אנדערש נוהג געווען. זיי פלעגט ער מכבד זיין צו מאכען בעזונדער קידוש און ער האט אויסגעהערט.

ביים אויסהערען דעם קידוש איז ער געוואהר געווארען די אמת׳ע מדרגה פון די תלמידים מובהקים. ר׳ ליב שרה׳ס האט פריהער, ביי די ערשטע נסיעות, נאך ניט געהאט די זכיה צו מאכען א בעזונדערען קידוש.

פרייטאג צו־נאכטס, נאכדעם ווי דער רבי ר׳ בער האט געענדיגט זיין קידוש און די חסידים האבען „אבגענעפט״ צו ביסלעך פונ׳ם רבינ׳ס יין של קידוש, האט דער רבי פלוצים אויסגערופען: „לאז ר׳ ליב שרה׳ס מאכען קידוש.״

צו א רבינ׳ס בעפעהל טאר מען ניט מסרב זיין. ר׳ ליב האט גענומען דעם כוס וואס דער רבי האט איהם דערלאנגט און אנגעהויבען „יום הששי״.

ביי די ווערטער „אשר ברא אלהים ל ע ש ו ת״, איז פלוצים דער כוס וויין ארויסגעפאלען פון ר׳ ליב שרה׳ס האנד.

ר׳ ליב איז זעהר מבולבל געווארען. דער רבי ר׳ בער האט איהם געהייסען נעבען אן אנדער כוס און ער האט געענדיגט דעם קידוש.

דעם רבי׳ן ר׳ בער׳ס תורה ביים טיש, איז דאמאלס געווען מיט גרויס התלהבות. ער האט מפורש געווען דעם ענין פון דעם חטא וואס אדם הראשון האט בעגאנגען מיט דעם וואס ער האט געגעסען פון „עץ הדעת״, ערקלע־רענדיג, אז „זייט דאמאלס איז געקומען אויף דער וועלט א פערמישונג פון שלעכטס מיט גוטס צוזאמען. אין יעדעם גוטען איז פערהאנען עפּיס שלעכ־טעס און אין יעדע שלעכטע זאך קען מען געפינען אויך א „צד הטוב״, א גוטע זייט״.

דאן האט ער אנגעהויבען צו ערקלערען דעם פסוק „אשר ברא אלהים לעשות״, פון דער פרשה „ויכולו״. „לעשות״ מיינט, דער „קיום המין״ (די ערהאלטונג פונ׳ם מענשליכען געשלעכט) און דער „קיום העולם״. דערמיט ווערט דער מענש א שותף צו הקדוש ברוך הוא און צו דער מעשה בראשית. בעת מאנכע מענשען זעהען אין ד ע ם ענין א קוואל פון שמוץ, נידריגעס, בהמה׳שעס און מגושם׳דיגעס, זעהען די צדיקים אין דעם דעם „כח־ההויה״ (עקזיסטענץ־קראפט), דעם „סוד אלהות״ (געהיימנים פון דער גאט־הייט), אן ענין פון „גדלות המוחין״ (ערהויבענקייט און הייליגקייט).

דארויף האט אונז אבער אונזער תורה געזאגט : „ראה נתתי לפניך את החיים ואת הטוב, את המות ואת הרע״. דאס מיינט, אין יעדען ענין קענסט דו געפינען לעבען און טויט, גוטס און שלעכטס. די עצה איז : „ובחרת

בחיים״, זעה תמיד אויסצוגעפינען פון יעדער מענשליכער עובדה דעם צד החיים, דעם חלק הקדושה דערפון ; זוך תמיד אוים דאָס גוטע, דאָס התרוממות, דאָס שכליות און דאָס אלהות פון יעדען ענין ; „יגעת ומצאת״, אז מען זוכט, געפינט מען . . .

ר׳ ליב שרה׳ס האָט גוט פערשטאַנען צו וואָס דער רבי ציעלט מיט דיזער תורה און פאַרוואָס דאָס גלאָז איז גראַד צובראָכען געוואָרען ביים וואָרט „לעשות״.

נאָכ׳ן טיש איז ר׳ ליב אריינגעגאַנגען צום רבי׳ן ר׳ בער׳ס זוהן, ר׳ אברהם׳לע, וועמען די וועלט רופט סתם „דער מלאך״ צוליעב זיינע הייליגע הנהגות, און האָט זיך מיט איהם דורכגעשמועסט אין הויכע ענינים מכח דעם רבינ׳ס תורה, מעהר פון פיער שעות רצופים.

די דבורים פונ׳ם רבין ר׳ בער, וועלכע האָבען מכלומר׳שט געזאָלט טרעפען ר׳ ליב שרה׳ס, זענען אָבער אויך געציעלט געווען אקעגען דער הנהגה פון ר׳ אברהם׳לע מלאך, דעם רבי׳ן ר׳ בער׳ס זוהן, און ר׳ ליב שרה׳ס א חבר.

ר׳ אברהם׳לע מלאך האָט נאָך פון קינדהייט אָן אָנגעהויבען מקדיש צו זיין זיינע טעג און נעכט נור לעבודת הבורא. ער פלעגט גאַנצע נעכט זיצען און עוסק זיין אין קבלה־ספרים, פיעל מאָל צוזאַמען מיט ר׳ ליב שרה׳ס און אויך מיט ר׳ שניאור זלמן פון לאַדי.

בעת זיין פאָטער דער רבי ר׳ בער האָט איהם געוואָלט חתונה מאַכען, נאָך זיין בר מצוה, האָט ער זיך געבעטען רחמים ביים פאָטער, ער זאָל איהם צורוה לאָזען, מחמת „נפשי חשקה בתורה״, איך בין פערליעבט אין דער תורה, האָט ער גע׳טענה׳ט.

זיינע טענות האָבען ניט געהאָלפען. מען האָט איהם געגען זיין ווילען חתונה געמאַכט. דער „מלאך״ אָבער, וועמעס נשמה איז געווען פון „עולם האצילות״, האָט, ווי ר׳ ליב שרה׳ס, גאָר ניט געקענט אין זין האָבען די נידריגע, וועלטליכע ענינים. צוועלף יאָהר רצופים האָט ער מיט זיין ווייב ניט געהאַט קיין שום מגע־ומשא ; זי איז דאָן געשטאָרבען פאַר הארץ־וועהטאָג.

איצט, נאָך דער פריהער דערמאָנטער טיש־תורה, האָבען די ביידע צדיקים זיך דעם ענין גוט דורכגעשמועסט. ס׳איז א סברא, אז יענעם פרייטאָג־צו־נאַכטס האָבען זיי בעשלאָסען חתונה צו האָבען. ר׳ אברהם׳לע מלאך האָט באַלד חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פונ׳ם „משנת חכמים״, מיט איהר געהאַט צוויי קינדער און איז באַלד, יונגערהייד, געשטאָרבען. און ר׳ ליב שרה׳ה האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון אן אונבעקאַנטען אידען.

אזוי ווי ר׳ ליב שרה׳ס גאַנצע לעבען איז געווען משונה׳דיג, אזוי איז אויך דער גאַנצער ענין פון זיין חתונה געווען אויף א משונה׳דיגען דרך :

זיצענדיג אמאָל אין א בית־המדרש, אויף איינע פון זיינע שטענדיגע נסיעות, לערנענדיג דעם „זוהר״, האָט זיך ר׳ ליב צוגעהערט ווי א איד טענה׳ט איין מיט זיינעם א פריינד אָט דיזען שמועס :

**„ס׳איז א צרה מיט א טאָכטער, ווען זי ווערט א בוגרת און ס׳טרעפט זיך**

איהר ניט קיין שדוך. אַט מיין טאָכטער, ווי איהר ווייסט, איז דאָך אַ כשר, עהרליך קינד, אַן אמת'דיגע „נערה צנועה". איז אָבער די צרה וואָס זי איז שוין אַביסעל עלטער, איז ניט צופיעל שעהן און איך האָב ניט איהר צו געבען קיין נדן. גלויבט מיר, כ'שלאָף ניט גאַנצע נעכט, דער מוח ווערט מיר אַזש אויסגעטריקענט פאַר קלעהרען."

„פאַרוואָס האָט איהר ניט געטראַכט מיט איהר אַ שדוך צו טהאָן בעת זי איז נאָך געוועזן גאָר יונג?" האָט איהם דער חבר געפרעגט.

„איך האָב שוין געטראַכט גענוג — האָט דער איד געענטפערט — אַזוי ווי אָבער, ווי אויף צו להכעיס, האָט מען מיר אָנגעשלאָגען שידוכים נור מיט גראָבע יונגען, בעלי מלאכות, בעת מיין משפחה איז פון הוילע דיינים און מלמדים, האָב איך מיך ניט געקענט ענטשליסען צו אַזעלכע שדוכים. איך בין דעריבער געפאָהרען צום רבי'ן קיין מעזעריטש, מיך מיט איהם מתיעץ צו זיין. ער האָט מיר געהייסען וואַרטען, מיט דער הבטחה, אַז איהר זיווג וועט זיין אַ גרויסער צדיק. איך וואַרט שוין אָבער אַזוי פיעל יאָהר און ס'הויבט זיך נאָר ניט אָן. איצט וואָלט איך שוין געטהון מיט וועמען ס'איז, כ'וואָלט גאָר ניט געקוקט אויף תורה און יחוס, איז'ס אָבער ווי אַ שטיין אין וואַסער אַריין. ס'אַרט מיך' שוין ניט אַזוי וואָס מיין טאָכטער וועט פערזיצען, ווי דער צער, וואָס דעם רבינ'ס הבטחה זאָל זיך אויסלאָזען מיט גאָר־ניט."

ר' ליב שרה'ס איז פערבליבען אין יענעם שטעדטעל עטליכע וואָכען. ער האָט חוקר ודורש געוועזן מכח דעם אידענ'ס משפחה און וועגען דער „כשרות" פון זיין טאָכטער. דאַן האָט ער געשיקט אַ שדכן רעדען פאַר איהם דעם שידוך, און נאָך אַ קורצער צייט, האָט ער מיט איהר חתונה געהאַט.

ס'הייסט, אַז בשעת תנאים האָט ער זיך מיט דער כלה אויסגערעדט דיעזע תנאים:

זי זאָל זיין אַ מסתפקת במועט, זיך בעגניגען מיט וויפיעל ער וועט זיין ביכולת איהר צו געבען אויף פרנסה; זי זאָל מסכים זיין צו וואוינען אין אַ ישוב, ניט אין קיין שטאָדט, און ניט האָבען קיין תרעומות, ווען ס'וועט איהם אויסקומען צו בייטען די מקומות פון זייער וואוינונג; זי זאָל קיינמאָל ניט פרעגען און ניט זיין נייגיעריג צו וויסען זיינע פערבאָרגענע ענינים און מעשים. און ועל כלם, זי זאָל ניט האָבען צו איהם קיין שום טענות מכח „דברים שבינו לבינה" מחמת ער מוז כסדר זיין נע־ונד, און קען נור בעזוכען זיין היים העכסטענס א י י נ מ אָ ל אין אַ יאָהר.

זי האָט אויף אַלע תנאים מסכים געוועזן.

## 6

# דער אַנטיסעמיטישער גראַף מאַרטינאָוויץ
# און ר׳ ליב שרה׳ס

די חסידישע אספּה נאָכ׳ן בעל־שם׳ס פּטירה. — ר׳ ליב שרה׳ס אַלס שליח צום פּוילישען דעפּוטאַט. — די בייזע הינט דערציטערען פאר זיין צורה. — זאָגט נביאות אויף פּוילען׳ס מפּלה. — ער איז מציל זיין בעל־אכסניה פון אַ פּאָגראָם.

אלס בעל־מופת איז ר׳ ליב שרה׳ס בעקאנט געוואָרען נאָך אין זיינע יונגע יאהרען.

אין יאָהר תקכ״ג (1763), צוויי יאָהר נאָכ׳ן בעל־שם׳ס פּטירה, האָבען זיך אַלע תלמידים פון׳ם בעל־שם פערזאַמעלט צום רבי׳ן ר׳ בער קיין מעזעריטש, וועלכער האָט איבערגענומען, מיט דער הסכמה פון׳ם בעל־שם, די אויבער־הנהגה איבער אַלע חסידים. דער צוועק פון דיעזער פערזאַמלונג איז געווען, לפנים, כדי ארויסצואווייזען אַ הכנעה, אַן אונטערטעניגקייט צום רבי׳ן ר׳ בער, צו ערקלע־רען איהם, מיט דער הסכמה פון אַלע בעל־שם׳ס תלמידים, אלס דעם מנהיג הדור, דער ממלא מקומו פון זייער רבי׳ן דעם בעל־שם.

די אסיפה פון אַלע צדיקים האָט אָבער נאָך געהאַט אַן אַנדערען תכלית. מען האָט זיך געוואָלט בעראַטען איבער דעם מצב פון די אידען אין פּוילען, וועל־כער איז דאַמאָלס זעהר שלעכט געווען.

אויף דעם פּוילישען רייכסראַטה פון יענעם יאָהר, האָט דער דעפּוטירטער מאַרטינאָוויץ געשטעלט אַן אַנטראַג, אַז מען זאָל אַלע אידען ארויס־טרייבען פון פּוילען, ניט איבערלאָזענדיג אפילו איין איינציגען נפש. ס׳האָבען זיך דאַמאָלס פערשפּרייט שמועות, אַז דער רייכסראַטה איז בערייט דעם אַנטראַג אָנצונעהמען, און אַלע אידישע קהלות אין גאַנץ פּוילען שטעהען אין אַ סכנה חרוב ונחרב צו ווערען.

די צדיקים האָבען זיך דעריבער בעראַטהען וואָס ס׳איז עפּיס צו טהאָן כדי מבטל צו זיין די גזירה רעה.

צווישען די פערזאַמעלטע איז אויך געווען דער רוצוועלער רב, ר׳ לוי יצחק, שפּעטער דער בערדיטשעווער צדיק. כאָטש ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונגערמאַן, קוים 23 יאָהר אַלט, האָט פון דעסטוועגען זיין רבי, ר׳ שמעלקע הורוויץ, וועלכער

איז דעמאָלט נאָך געווען רב איז שיניאַווע, איהם געפרעגט צום ערשט צו זאָגען זיין מיינונג.

„די פוילען זענען אין די לעצטע יאָהרען אַזוי מאָראַליש געפאַלען”, האָט ר' לוי יצחק געענטפערט, „אַז ס'איז לחלוטין ניטאָ וואָס צו האָפען אויף זייערע חסדים. טאָ, זאָלען די צדיקי הדור מתפלל זיין אויף פוילען'ס מפלה”.

„אין עונשין אלא אם מזהירין”, האָט זיך אָנגערופען דער צדיק פון פולנאי, ר' יעקב יוסף. „איידער מען גיהט זיי מעניש זיין מיט „כליה” (פערניכטונג), מוז מען זיי פריהער מתרה זיין”.

„את מי נשלח ומי ילך לנו?” (וועמען זאָלען מיר שיקען און ווער קען אונז פערטרעטען?) האָט די גאַנצע גוט-אידישע חבריא געפרעגט.

נאָך אַ שקלא-וטריא, איז בעשלאָסען געוואָרען צו פרעגען דעם רבי'ן ר' בער מכח דיעזען שליח.

„ר' ליב שרה'ס!” האָט דער רבי ר' בער צו זיי געזאָגט. „ערשטענס איז ער אַ בעל-קומה, אַ גבר-בגוברין, און טאַקע אַ בעל-לשון, מחמת ער פערשטעהט גוט דאָס פוילישע לשון; והשנית, איז ער פון די צדיקים אויף וועלכע דער פסוק זאָגט: „אשר כח בהם לעמוד בהיכל המלך”. ער האָט ניט קיין מורא און ניט קיין התבטלות פאַר'ן שר פון עשו הרשע, כי לכך נוצר, דאָצו איז זיין נשמה אַראָבגעקומען אויף דיעזען עולם.”

ר' ליב שרה'ס האָט דאָס שליחות אָנגענומען. אַזוי ווי ער האָט נאָך דאַ־מאָלס ניט געוואוסט דעם סוד פון „קפיצת הארץ” און ניט בעזעסען דעם כח פון זיין אַ „רואה ואינו נראה”, האָט ער געמוזט זיין שליחות אויספיהרען מיט אַ פשוט'ען דרך הטבע.

דער דעפּוטירטער מאַרטינאַוויץ איז געווען אַ גרויסער שונא ישראל. אין זיין סביבה האָט ער ניט געקענט פערטראָגען קיין איד. ער האָט צו זיינע דיענער אָן אָנזאָג געגעבען זיי זאָלען צו איהם קיין אידען ניט צולאָזען. אַזוי ווי זיי וועלען נור דערזעהען אַ אידען אַריינגעהען אין'ם הויף אַריין, זאָלען זיי אויף איהם אָנרייצען די הינט.

ר' ליב שרה'ס האָט פון דעם געוואוסט, ער האָט זיך אָבער פערלאָזט אויף השם-יתברך און גלייך געגאַנגען צום הויף פון'ם פריץ מאַרטינאַוויץ. אַזוי ווי די משרתים האָבען דערזעהן אַ הויכען אידען מיט אַן אַטלאָסענע קאַפּאָטע און אַ ספּאָדיק אויף זיין קאָפּ איבערטרעטען דעם הויף, האָבען זיי ניט געמאַכט קיין שהיות, תיכף אויפגעבונדען די גרויסע „בולדאָגס” און זיי אָנגערייצט אויף דעם „זשיד”.

אַזוי ווי ר' ליב שרה'ס האָט דערזעהען די בייזע הינט לויפענדיג אַקעגען איהם, האָט ער זיך אַרויפגעשאַרט דעם ספּאָדיק אויף'ן קאָפּ אַזוי, אַז ס'זאָל זיך אַרויסזעהען זיין גאַנצער שטערען, זיך אָנגעלעהנט אויף זיין שטעקען, קוקענדיג גלייך צו די בייזע הינט, ניט געבענדיג אַ ריהר אפילו מיט אַן אבר. די הינט זיי־נען שטעהען געבליבען, ניט געוואָגט צו צוגעהען צום צדיק פאַר מורא.

וואָרים בשעת בריאת-העולם האָט די תורה צוגעזאָגט דעם מענשען אַז

הבטחה: „ומוראכם וחתכם יהיו על כל חית־הארץ״. ד. ה., אז אלע בייזע און ווילדע חיות זאלען מורא האבען פאר׳ן מענשען, וועלכער איז בעשאפען געווארען מיט׳ן „צלם אלהים״. נור צוליעב די חטאים, וואס דער מענש זינדיגט, פער־שווינדעט דער „צלם אלהים״ פון זיין פנים און די חיה דערקענט מעהר ניט אויב דאס איז א מענש פאר וועמען זי דארף מורא האבען. דער צדיק אבער, וועלכער האט ניט געזינדיגט און ניט פערטיליגט דעם צלם אלהים פון זיין פנים, דארף נור ווייזען פאר דער חיה זיין גאנץ פנים, בעזאנדערס דעם שטערען, און אזוי ווי זי דערזעהט נור דעם צלם אלהים האט זי איבער איהם מעהר קיין שליטה ניט.

די משרתים האבען דאס דערצעהלט דעם פריץ, וועלכער האט תיכף געהיי־סען דעם איד צולאזען צו זיך אהן טענה ומענה.

„האק אפ פון דיין פלאן״, האט צו איהם ר׳ ליב געזאגט. „דאס פוילישע פאלק האט נאר געהאט אזוי לאנג א זכות־הקיום (עקזיסטענץ־בערעכטיגונג), ווי לאנג זיי האבען מגין געווען אויף די אידען. הויבט איהר אבער אן רודף זיין די אידען, וועט איהר באלד האבען די מפלה. שרייב דיר אויף מיינע דבורים: פינף יאהר נאך מיין שטארבען וועט פוילען אינגאנצען פערניכטעט ווערען, צו ליעב דעם גרויסען הפקרות וואס הערשט צווישען אייך. וועט איהר אבער ניט אויפהערען רודף׳ען די אידען, וועט איהר ניט אנהאלטען אפילו ביז דאמאלס״.

פערציטערט איז דער דעפוטירטער מארטינאוויץ געשטאנען פאר ר׳ ליב שרה׳ס בעת ער האט פאראויסגעזאגט דיעזע נבואות. פאר׳ן אוועקגעהען האט ער איהם מבטיח געווען, אז ער וועט מעהר ניט צודרינגליך זיין אום זיין אנ־טראג דורכצופיהרען אינ׳ם רייכסראטה.

די גזירה איז טאקע דאמאלס בטל געווארען. אבער פינף יאהר נאך ר׳ ליב׳ס פטירה, אינ׳ם יאהר 1795, איז גאנץ פוילען צוטיילט געווארען.

אהיימקומענדיג צום רבי׳ן ר׳ בער האט ר׳ ליב שרה׳ס געהאט גרויס כבוד. אלע אלטע תלמידים פון זיין רבי׳ן, ווי דער רבי ר׳ שמעלקא און דער פולנאיער צדיק האבען איהם אריינגענומען אין זייער חברותא, כאטש ער איז נאך געווען א יונגערמאן. פון דאמאלס אן האט מען זיך מיט איהם בעדיענט תמיד ווען עס האט זיך געהאנדעלט אין א פאליטישע שליחות. ער האט תמיד זייז שליחות אויסגעפיהרט על צד היותר טוב. ער האט זיך אבער אין קיינעם פאל ניט גע־וואלט צוהערען צו זייער עצה, ער זאל זיך בעזעצען אויף איין ארט און זיין א רבי פון חסידים.

אויף זיינע נסיעות פלעגט ר׳ ליב שרה׳ס ווייזען נפלאות, דאס הייסט, ווי־באלד דער עולם איז נאר אימשטאנד געווען איהם צו דערוויסען און פאר איהם פארלעגען זייערע בקשות. ווייל ער פלעגט זיך פון דעם עולם אויסהיטען מיט כל המעגליכקייטען שבעולם. ער האט ניט געוואלט מען זאל איהם דערקענען און מבלבל זיין פון זיינע ענינים.

זייענדיג אויף זיין רייזע אין קאזיניץ, האט ער זיך אין גאסט־הויז אויסגע־געבען אלס א האלץ־סוחר. איינגעשטאנען איז ער דאמאלס ביי א פרוי, וועמעס

מאַן האָט געהאַלטען אַ סחורה־געוועלב און זי האָט געגעבען סוחר'שע געסט אין איהר הויז אכסניה.

דורך זיינע משונה'דיגע דרכים, בעזונדערס דורך זיין עבודה ביים דאַווע־נען און דאָס עוסק זיין אין לערנען גאַנצע נעכט, האָט די בעלת־אכסניה פער־שטאַנען, אַז דיעזער אורח איז ניט קיין פּשוט'ער, געוועהנליכער סוחר. זי האָט דעם מאַן אויפמערקזאַם געמאַכט אויף זיינע מנהגים, בעהויפּטענדיג דערביי, אַז ער איז אודאי איינער פון די ל"ו צדיקים. ס'איז כדאי, אַז ער זאָל זעהען אריינצוכאַפּען פון איהם אַ ברכה.

בעת ר' ליב שרה'ס האָט זיך שוין געפּאַקט צום אוועקפאָהרען, איז דער בעל־הבית אריינגעגאַנגען צו איהם אין חדר, בעטענדיג דעם אורח צו מאַכען אַ בעזוך אין זיין געוועלב, אנקוקען פערשיעדענע סחורות, אפשר וועט איהם עפּעס געפעלען, און ער זאָל עס קויפען אַ מתנה פאַר זיינע בני־בית. ר' ליב שרה'ס איז מיט'ן בעל־הבית מיטגעגאַנגען אין געוועלב און דורכגעקוקט אַלערליי סחורות.

כמעט יעדעס שטיקעל סחורה האָט ער אנגעריהרט מיט דער האַנד, אנגע־קוקט, און דאַן געזאָגט, אַז דאָס איז נ י ט קיין גוטע סחורה. אַזוי ווי מען האָט איהם געוויזען אַ שאַכטעל מיט הענטשקעס, האָט ער זיי גוט בעטאַפּט, דאַן האָט ער געזאָגט: „אָט זעהט איהר, ד א ס א י ז א ג ו ט ע סחורה. א י ך דאַרף אָבער דאָס ניט האָבען". ער האָט זיך דאַן געזעגענט מיט'ן בעל־הבית און איז אוועקגעפאָהרען.

באַלד אין דעמזעלבען יאָהר איז געווען אַ מלחמה. די רעקרוטען, וועלכע האָבען דורכמאַרשירט קאַזיניץ האָבען בערויבט אַלע געוועלבען און מאַגאַזינען פון דער שטאָדט, קיין איין געוועלב איז ניט פערשוינט געוואָרען. בעת אָבער די רויבער זיינען בעפאַלען דאָס געוועלב, וואו ר' ליב שרה'ס איז געווען, האָבען זיי פון דער גאַנצער סחורה גאָר ניט געריהרט, בעהויפּטענדיג אַז זי טויג אויף כפּרות, אחוץ דאָס שאַכטעל מיט די הענטשקעס, וועלכעס האָט ביי זיי זעהר נושא חן געווען, האָבען זיי מיט זיך מיטגענומען.

## 7

# דער צדיק דערקענט די נשמות פון „עולם התוהו"

מתנגדים פאָהרען זוכען דעם „אמת". — ער דערזעהט דאָס ליכט פון דער שכינה אויפ'ן שטערען. — דער גרויסער עונש פון „עולם התוהו". — ווי אַזוי מען קען נשמות מתקן זיין. — די „מתים" אויף די ירידים. — „אויגען" מוזען געבאָרען ווערען. — דער רבי אַליין איז הויל „תורה". — ער כאַפּט אַריין אַ מרכה.

דער כח פון ר' ליב שרה'ס איז געווען בעזאָנדערס זעהר גרויס אין משפיע זיין אן „אור", א גרויס ליכט, אינ'ם האַרץ פון גרויסע חסידים, זיי צו ציהען צו זיך נאר דורך א בלויזען קוק מיט זיינע שאַרפע אויגען.

אין דער צייט פונ'ם גרויסען מחלוקת צווישען דעם ווילנער גאון און דעם בעל־שם מיט זיינע תלמידים, בעת דער ווילנער גאון מיט אלע גאונ'ישע מתנגדים האָבען גוזר געווען א „חרם" אויף אלע רביים מיט די חסידים צוזאַמען, מתיר געווען צו פערגיסען די חסידים'ס בלוט, זיי צו מסר'ן און צו פערפאַלגען עד חרמה, ביז ס'וועט פון זיי ניט בלייבען קיין שריד ופליט, אין יענער צייט, זיינען געווען צוויי גרויסע צדיקים, דוקא אויך מתנגדים פונ'ם ווילנער'ס תלמידים, וועלכע האָבען געהאַט א חשד, אז דאָס מחלוקת איז ניט אין גאַנצען ל ש ם ש מ י ם.

דיזע צוויי צדיקים, ר' ישראל און ר' עזריאל פון פּאָלאָצק, האָבען בעשלאָסען זיך צו פערשטעלען כדי מען זאָל זיי ניט דערקענען און אַרומפאָהרען אויף דער וועלט זוכען דעם אמת. זיי האָבען זיך בשותפות געקויפט א פערד און וועגעלע און אָנגעהויבען צו מאַכען די נסיעות. דעם גאַנצען וועג פלעגט ר' עזריאל אַנטרייבען ס'פערד בעת ר' ישראל איז געזעסען פערטראַכט, פערטיעפט אין הויכע ענינים. נאָר ווען דאָס פערד איז געקומען צו א „פרשת דרכים", וואו די וועגען שיידען זיך און דער צדיק'ישער בעל עגלה האָט ניט געוואוסט וועלכען וועג ער זאָל זיך פערנעהמען, פלעגט זיין פער־מוח'טער שותף ר' ישראל א וואונק געבען מיט דער האַנט, אויף וועלכער זייט מען דאַרף פאָהרען. אַזוי פאָהרענדיג זיינען די צוויי צדיקים אָנגעקומען קיין מעזעריטש, צום רבי'ן ר' בער, דעם בעל־שם'ס נאָכפאָלגער.

זיצענדיג א היבשע צייט אין מעזעריטש, האָבען זיי זיך דערוואוסט אז אָט דאָ שטעקט דער גאַנצער אמת. זיי, דיביידע מתנגדים און בעוואוסטע

גאונים, זיינען געוואָרען הייסע, פערברענטע חסידים. זיי האָבען בעשלאָסען, זיך צו מאַכען פאר זייער לעבענס־אויפגאבע, ארומצופאָהרען אויף דער וועלט צו פערשפרייטען דעם חסיד׳ישען געדאנק און שיטה, און די אמונה אין צדיקים אומעטום. נאָר קודם כל, האָבען זיי געוואָלט שלום מאַכען צווישען מעזעריטשער און דעם גאון. צוליעב דעם זיינען זיי געפאָהרען קיין ווילנא.

ר׳ ישראל פּאָלאָצקער האָט געהאַלטען שבת אלס אורח טאַקע ביים וויל־נער גאון אליין. דעם גאַנצען שבת האָט ער, ר׳ ישראל, כסדר עוסק געווען מיט׳ן גאון מכח דער מעזעריטשער חסידות. ער האָט ענדליך בעוואויגען דעם גאון ער זאָל מאַכען שלום און אליין אריבערפאָהרען קיין מעזעריטש זיך צו צוקוקען צום רבי׳ן ר׳ בער׳ס התנהגות. אזוי ווי די תלמידים פונ׳ם גאון זיינען דאָס געוואָהר געוואָרען, האָבען זיי בעשלאָסען אליץ אַנצואוועגדען כדי צו פערהינדערען די נסיעה. זיי זיינען אריינגעגאַנגען צום גאון׳ס אַלטע מוטער און ביי איהר גע־פועל׳ט זי זאָל אויף איהר זוהן, דעם גאון, גוזר זיין בגזרת „כבוד אם״ ניט צו פאָהרען קיין מעזעריטש: אזוי ארום איז דער פּלאַן פון די צוויי צדיקים צושטערט געוואָרען.

ארומפאָהרענדיג אויף דער וועלט צו מאַכען חסידים, האָבען די צוויי צדיקים אַמאָל בעגעגענט פאָהרען ר׳ ליב שרה׳ס. זיי האָבען דעם צדיק ר׳ ליב ניט געקענט. ר׳ ליב׳ס וואָגען האָט זיך אָבגעשטעלט, א ביסעל אין דער ברייט פונ׳ם וועג, אויף אזא אופן, אז די צוויי צדיקים׳ס וועגעלע זאָל ניט קענען דורכפאָהרען. ר׳ ליב האָט ארויפגערוקט זיין ספּאָדיק, אזוי, אז מען האָט געקענט ארויסזעהן דעם גאַנצען שטערען. אזוי ווי ר׳ עזריאל פּאָלאָצ־קער האָט דערזעהן דעם שטערען פון דעם אונבעקאַנטען מענשען, איז ער אראָב־געשפּרונגען פון זיין וועגעלע, צוגעלאָפען צו ר׳ לייב׳ס וואָגען אויסרופענדיג: „הייליגער. רבי! נעמט מיך מיט, איך וועל זיין אייער תלמיד!״

ער האָט אויף ר׳ ליב׳ס שטערען דערזעהן דעם הימלישען „אור״ (ליכט) פון דער שכינה הקדושה. דאָס איז אויך דעמאָלט געווען דער תכלית פון ר׳ ליב׳ס נסיעה. ער האָט זיך בענויטיגט אין אזא תלמיד־חבר, ער זאָל איהם בעהילפיג זיין אין זיינע ענינים. מיט דעם ארויפשאַרצען דעם ספּאָדיק, האָט ער, ר׳ ליב, זיך מתגלה געווען פאר׳ן צדיק ר׳ עזריאל און איהם בעקומען.

פון דעמאָלט אָן איז ר׳ עזריאל כסדר מיטגעפאָהרען אויף אלע נסיעות פון ר׳ ליב שרה׳ס.

די שטענדיגע נסיעות פון ר׳ ליב שרה׳ס זיינען געווען ניט נאָר צוליעב די לעבעדיגע, צו שפּייזען די ל״ו צדיקים, צו טהאָן טובות דעם כלל ישראל, און אויסצוגעפינען ברואים אין וועלכע עס זיינען פאראנגען גרויסע נשמות, נאָר אויך צוליעב די נשמות פון די טויטע, זיי א טובה צו טהאָן און צוריק צו ברענגען אין זייער רוה אריין.

לויט די חסיד׳ישע בעהויפּטונגען, איז די גרעסטע שטראָף פון א זינדיגער נשמה, דער עונש אז זי זאָל זיין נע־ונד אויפ׳ן „עולם התוהו״. דאָס איז פאר איהר ערגער ווי די שטראָף פון אלע „שבעה מדורי גיהנם״ (די זיבען אבטיילונגען פון גיהנם). די נשמה וואָס בלאָנדזשעט ארום אויפ׳ן „עולם

התוהו״. איז אַ געשטאַלט פון אַ בן־אדם, ווייסט לחלוטין גאָר ניט אַז זי איז אַ פערשטעלטע בריאה, אַ נשמה פון אַ זינדיגען מת. זי האַלט תמיד אין איין ארומלויפען פון אָרט צו אָרט. איהר תיקון איז, ווען עמיצער זאָל צו דיזער עולם־התוהו׳דיגער בריאה צוגעהן און דערמאָהנען איהר אַז זי איז אַ מת. אָבער ווער ווייסט דאָס דען? אין דעם מענשענ׳ס אויגען זעהט זי אויס ווי אַ פשוט׳ער מענשליכער אָרימער שנאָרער, אָדער אַן אומגליקליכער חולה־נופל׳ניק.

דיזע אומגליקליכע אייביג־וואַנדערענדע נשמות, געפינען זיך על־פי רוב אויף די ירידים. וואו דער גערויש איז גרויס און מענשען זעהר פיעל און זיי, די מתים, קענען אויף זיך ניט ציהען קיין אויפמערקזאַמקייט.

דאָס איז געווען די סיבה, לויט ווי חסידים בעהויפּטען, וואָס ר׳ ליב שרה׳ס פלעגט תמיד פאָהרען אויף די גרויסע ירידים, זיך געדרונגען אַ גע־ווּלבעל און כסדר געשטאַנען דערינען אַנגעלעהנט אויפ׳ן שטעקען. ער האָט געוואַרט ביז ער וועט דערזעהן עפּעס אַ פערבלאָנדזשעטע נשמה כדי ער זאָל זי מתקן זיין.

דערזעהענדיג אַזאַ מין נשמה, פלעגט ער ארויסלויפען פונ׳ם געוועלב, צו איהר צוגעהן, אַ טרייסעל געבען איהר, זאָגענדיג: דו ביסט אַ מת, געה צוריק אין דיין רוה אריין! תוך כדי דבור, פלעגט די געשטאַלט פערשווינדען.

אַמאָל, שטעהענדיג אַזוי אָנגעלעהנט אויף זיין שטעקען אינ׳ם געוועלבעל אויף אַ יריד אין בערדיטשעוו, האָט ער דערזעהן פערבייגעהן אַ זעהר אויס־געדאַרטען מענשען, געקליידט אין קרוע־ובלוע׳דיגע בגדים. אינ׳ם געוועלבעל איז דעמאָלט אויך געווען זיין תלמיד־חבר ר׳ עזריאל פּאָלאָצקער.

„געה גיך, — האָט ר׳ ליב געזאָגט צו ר׳ עזריאל׳ן, — לויף נאָך דיזען מענשען און פרעג איהם וואוהין ער לויפט״.

ר׳ עזריאל איז איהם נאָכגעלאָפען, איהם נאָכגעשריען ער זאָל זיך פאַר אַ מינוט אָבשטעלען. דער מענש האָט אָבער געהאַלטען אין איין לויפען, ענט־פערענדיג, אַז ער האָט ניט קיין צייט, ער מוז גיך לויפען צו אַ פּריץ.

„שוין צוויי טויזענד יאָהר אַז דיזע נשמה איז נע־ונד, — האָט איהם ר׳ ליב שרה׳ס שפּעטער ערקלערט דעם ענין. — זי האָט אַ ביטערען מזל. איך האָב זי שוין עטליכע מאָל געזעהן, און קען זי באַין אופן ניט אָבשטעלען, מחמת זי האָט קיין מאָל קיין צייט ניט. ביים לעבען האָט ער שוין געגוג צייט גע־האַט צו מסר׳ן טויזענדער אידען פאַר דעם רוימישען גאָווערנאָר. דער חטא איז צו גרויס...״

„הייליגער צדיק, — האָט צו איהם ר׳ עזריאל געזאָגט, — אַלע ענינים און אַלע טיעפע סודות האָט איהר מיר מוסר געווען. לערנט מיך אויס ווי אַזוי צו דערקענען פערבלאָנדזשעטע נשמות וואָס וואַנדערען ארום אויפ׳ן עולם התוהו״.

„ס׳איז ניט מעגליך, — האָט איהם ר׳ ליב שרה׳ס געענטפערט. — עס זיינען פאַראַנען ביי מענשען פערשידענע אויגען. אויגען וועלכע זעהען נאָר

פון דער נאָהנט און אויגען וועלכע זעהען זעהר ווייט; אויגען וואָס זעהען נאָר בייטאָג און אויגען וואָס זעהען אפילו אין דער גרעסטער פינסטערניש. עס זיינען פאראנען אויך אזעלכע. אויגען וואָס קענען ניט דערקענען די פער־שידענהייט פון פארבען. צו דעם העלפט ניט קיין שום למוד. עס איז א כשרון, א געבוירענהייט. נאָר דיזען כלל וויל איך דיר זאָגען: אז וויבאַלד דו דערלאַנגסט א מענשען „שלום" און בעת ער ענטפערט דיר „עליכם שלום" איז ער מבליע דאָס וואָרט „שלום", ער זאָגט עס ניט דייטליך ארויס, איז דאָס א נשמה פונ'ם „עולם התוהו". מחמת די „עולם התוהו'דיגע" נשמות, ניט נאָר זיי אליין ווייסען ניט פון קיין ש ל ו ם, נאָר זיי קענען אפילו ניט ארויסרעדען דאָס וואָרט „שלום", ווי דער פסוק זאָגט: „אין שלום אמר ה' לרשעים", מחמת „שלום" איז דער נאָמען פון השם־יתברך".

„ווער האָט אין אייך מגלה געווען, אָדער אייך מזכה געווען אָט מיט אזעלכע אויגען?" — האָט איהם ר' עזריאל געפרעגט.

„כ'ייז רבי ר' בער, — האָט איהם ר' ליב שרה'ס געענטפערט. — בעת איך בין ביי איהם געווען צום צווייטען מאָל, האָט ער צו מיר געזאָגט: „ליב'ל, דו ביזט אודאי געקומען צו מיר נאָר כדי צו הערען תורה, וואָרים צו יראת שמים דאַרפסטו לגמרי גאָר ניט קיין רבי'ן".

„איך בין ניט געקומען ה ע ר ע ן נאָר ז ע ה ן, — האָב איך איהם געענטפערט. — דער צדיק איז אינגאַנצען בלויז „תורה", זיינע אַלע פעולות און מעשים זיינען א „תורה". איך בין געקומען זעהן ווי אזוי דער רבי טהוט זיך אָן די פאַנטאָפעל און ווי אזוי ער קנעפּעלט זיך צו דעם בגד".

„יהי רצון, — האָט מיר דעמאָלט דער צדיק געענטפערט, — אז דו זאָלסט האָבען אָפענע אויגען צו זעהן אזוינס וואָס אנדערע צדיקים זעהען נ י ט. — זייט דעמאָלט זעה איך און זעה..."

„די אויגען זיינען אָבער מ י י נ ע א י י ג ע נ ע.

8

# דעם צדיק'ס וואונדערליכע מופתים

דער „סוד" פונ'ם גלגול. — אַ מעשה פון אַ נואף. — ער איז מציל אידישע מיידלעך פון טוידט. — באַרגט זיך 500 רענדלעך ביי אַן אונבעקאַנטען אַרענדאַר.— זוכה אויס דער עגונה'ס מאַן דורך אַ בעקען וואַסער.

אַ חוץ דעם, וואָס ר' ליב שרה'ס האָט מציל געווען כמה טויזענדער נשמות פון עולם התהו, האָט ער אויך עוסק געווען אין מתקן זיין „גלגולים".

לויט ווי די בעלי־מקובלים בעהויפּטען, קען כמעט קיין שום נשמה נאָכ'ן מענשענ'ס טויט ניט צוריקקומען צו איהר מקום מנוחה, ביז זי וועט ניט ווידער כאָטש עטליכע מאָל, מגולגל ווערען אויף ד ע ם עולם. לויט ווי דער גרעסטער אידישער „מקובל", דער ר"י הקדוש, בעהויפּטעט, איז ניט פאַראַנען קיין איינציגע זאַך אויף דער וועלט, סיי לעבעדיגע, סיי ניט לעבעדיגע, וואָס ס'זאָל דערינען ניט זיין עפּעס אַ גלגול פון אַ זינדיגען נפש. די נשמה וועלכע האָט נאָך אַ שטיקעל זכיה, ווערט מגולגל אין אַ כשר'ער בהמה, אָדער אין אַ כשר'ען עוף, איבער וועמ'ען דער שוחט מאַכט אַ ברכה בשעת שחיטה און טהוט דערמיט דער נשמה אַ גרויסע טובה. ווער שמועסט נאָך אַז דאָס פליייש פון דער בהמה אָדער פונ'ם עוף קומט נאָך, על פּי מקרה, אינ'ם מויל פון אַ צדיק, דאַן איז די נשמה געהאָלפען; זי האָט שוין זיכער איהר תיקון. מגולגל צו ווערען אין אַ כשר'ן פיש, איז פאַר אַ נשמה די גרעסטע זכיה וואָס ס'קען נאָר זיין. דאָס הייסט, אַז באַם זי איז זוכה אַז דער פיש ווערט געגעסען אין אַ כשר אידיש הויז לכבוד שבת.

שלעכט איז אָבער פאַר דער נשמה מגולגל צו ווערען אין אַ חיה אָדער אַ בהמה טמאה. דאַ מוז זי זיך שוין ארומוואַלגערען כמה שנים ביז זי קומט צו אַ שטיקעל תיקון; דאָס ערגסטע איז אָבער מגולגל צו ווערען אין אַ דומם, אַ ניט־בעוועגליכע זאַך, וועלכע ליעגט אין די טיעפע וואַסערען אָדער אין די ווייטע מדבריות און ווייסטע וועלדער.

אַט דיזע אומגליקליכע נשמות, האָט ר' ליב שרה'ס געזוכט מתקן צו זיין אויף זיינע ווייטע נסיעות.

בעת ער איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מאָהילעב ביים דניעסטער, האָבען איהם די חסידים דערקענט און האָבען זיך אין איהם מדבק געווען. די חסיד'ישע חברה האָט איהם דעמאָלט דערצעהלט, אַז די שטאָדט־לייט

ליידען גרויסע צרות פון׳ם „שר של מים״. יעדער יאָהר מוז דער „דניעַ־סטער״ צונעהמען א היבש ביסעל קרבנות, וועלכע ווערען, בעת דעם באָדען, דערטרונקען; ס׳מיינסט זיינען דאָס אידישע מיידלעך.

ר׳ ליב שרה׳ס האָט זיי דעם ענין קלאָהר געמאַכט. ער האָט זיי ערקלערט, אז דאָרט, אין טיעפען וואסער, אויפ׳ן אבגרונד, איז פאראנען א גלגול פון א אידישען רשע, א נואף, וועמענס מנהג פלעגט צו זיין, זיך צו בעהאַלטען צווישען די בוימער נעבען דעם דניעסטער און זיך צו צוקוקען ווי די נשים באָדען זיך דאָרט.

אַמאָל האָט זיך געטראָפען, אז בעת א אשה צנועה איז ארויס פונ׳ם וואסער, איז דער חוטא ארויס פון זיין בעהעלטעניש, זיך צו איהר בעוויזען, לאַכענדיג מיט א שפּאָטיש געלעכטער. די אשה האָט זיך זעהר פערשעהמט און אין דער גרויסער אויפרעגונג איז זי צוריקגעלאָפען אין וואסער. זי האָט גראָד געטראָפען א טיעף אָרט און איז דערטרונקען געוואָרען.

נאָך דעם חוטא׳ס טויט איז נגזר געוואָרען, אז זיין נשמה צוזאַמען מיט אַלע „מחבלים״, וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען דורך זיינע נואפ׳ישע חטאים, זאָלען מגולגל ווערען אין א שטיין, וועלכער ליגט אויף דעם תהום פון יענעם פּלאַץ וואו די אשה איז דערטרונקען געוואָרען. דיזע מחבלים, אויס כעס און נקמה־געפיהל פאר זייער שווערען עונש, זיינען זיך דאָס נוקם אין די אונשולדיגע מיידלעך און טויטען זיי. איך וועל פּרובען די נשמה מתקן צו זיין.

ר׳ ליב שרה׳ס איז ארויס צום דניעסטער, דאָרט ביים וואסער, האָט ער אויפגעקליבען עטליכע שטיינדלעך און האָט אויף זיי אויפגעשריבען עפּעס משונה׳דיגע ווערטער, אודאי אזעלכע מיני „שמות״, דאַן האָט ער, ווי זיך שפּיעלענדיג אין „קאטשקעלעך״, די שטיינדלעך אריינגעוואָרפען אינ׳ם וואַ־סער. אזוי האָט ער געטהאָן עטליכע טעג רצופים.

איין טאָג, האָבען פלוצים זיינע חסידים דערזעהן, אז בעת דער ״רבי״ האָט א וואָרף געטאָן א שטיינדעל אינ׳ם וואסער, האָט דאָס גאַנצע וואסער, ארום דעם פּלאַץ וואו דאָס שטיינדעל איז געפאלען, אָנגעהויבען צו זידען, ממש ווי אין א קאָכענדיגען קעסעל. דער רבי האָט זיך א ווײַלע פערטראַכט, דאַן איז ער אהיים געגאַנגען.

נאָך אין דערזעלבער נאַכט, איז ר׳ ליב שרה׳ס נעלם געוואָרען. ער האָט זיך זיינס אבגעטהאָן, מעהר האָט ער ניט געהאַט וואָס צו טהאָן אין מאָהילעב. פון דעמאָלט אָן איז קיין שום מכשול ניט מעהר פאָרגעקומען ביים דניעסטער צו די באָדענדע מיידלעך.

חסידים דערצעהלען נאָך פון ר׳ ליב שרה׳ס אָט דיזע מעשה:

אין א דאָרף אין וואָהלין, האָט געוואוינט אַן ארענדאר, א גרויסער עושר אָבער אויך א זעהר גרויסער קמצן.

אַמאָל, אין מיטען דער נאַכט, בעת זיין גאַנץ בני־בית האָט שוין גע־שלאָפען, נאָר ער אליין איז נאָך געווען בעשעפטיגט אין עפּעס א הויז־ארבייט, האָט ער פלוצים, נעבען דער טהיר פון זיין חדר, דערזעהן שטעהן אַן ארימאַן.

אנגעטהאָן אין א ווייסען בגד, ארומגעגארטעלט מיט אן אויסגעפלאָכטענעם שטרוי־גארטעל, קוקענדיג איהם גלייך אין פנים אריין.

„ווי ארום זיינט איהר דאָ אריינגעקומען"? האָט איהם דער דערשראָ־קענער ארענדאר געפרעגט. „די טויערען פונ'ם הויז זיינען דאָך ארום און ארום פעסט פערשלאָסען? "

דער אָרימאן האָט זיך גאָר ניט געקימערט וועגען דיזער שאלה, נאָר איינ־פאך געזאָגט:

„גיט מיר פינף הונדערט רענדלעך".

דיזע פשוט'ע דבורים האָבען אויף דעם דערשראָקענעם ארענדאר גע־מאכט אזא גרויסען איינדרוק, אז ער האָט זיך אפילו גאָר ניט מיישב געווען, נאָר תיכף ומיד צוגעגאנגען צום קאָמאָד, ארויסגענומען די געווינשטע סומע רענדלעך און זיי איבערגעגעבען דעם אומבעקאנטען אָרימאן.

נעהמענדיג דאָס געלט, איז ר' ליב שרה'ס תיכף פערשוואונדען געוואָ־רען, איבערלאָזענדיג א קליין צעטעלע, אויף וועלכען עס איז געווען אויפגע־שריבען, אז אין א בעשטימטען טערמין, פונקט אין מיטען דער נאכט וועט ער צוריקגעבען דאָס אויסגעבאָרגטע געלט.

דער ארענדאר איז זעהר דערשראָקען געוואָרען און געמאכט א גרויס גוואלד. דאָס גאנצע בני־בית האָט זיך אויפגעכאפט פונ'ם שלאָף און ער האָט זיי דערצעהלט וואָס ס'האָט מיט איהם פאסירט.

אין דער בעשטימטער נאכט, האָט דער ארענדאר געהייסען אלע זיינע קינדער אויף זיין און וואַרטען ביז דער אָרימאן וועט קומען. ס'איז ביי איהם קיין ספק ניט געווען, אז דער אָריכאן, וועמען ער האָט גערעכענט פאר אליהו הנביא, וועט מקיים דבור זיין.

פונקט זייגער צוועלף בייִנאכט, זיינען אלע קינדער זיצענדיג ביים טיש פעסט איינגעשלאָפען. נאָר דער ארענדאר אליין איז פערבליבען וואָך. דער אָרימאן האָט זיך ריכטיג ווידער בעוויזען, אָבגעגעבען דעם ארענדאר די פינף הונדערט רענדלעך. בעת ער האָט דערזעהן דעם אָרימאן, האָט דער ארענדאר געפרובט אויפצוּוועקען די קינדער, ס'איז אָבער ניט געגאנגען; א שלאָף פון גאָט איז אויף זיי געפאלען.

„זאָגט מיר כאָטש אייער נאָמען, האָט זיך ביי איהם דער ארענדאר געבעטען.

„מיין נאָמען איז „ליב בן שרה". האָט איהר עפעס א בקשה? זאָגט גיך, מחמת כ'האָב ניט קיין צייט".

„מיינע א צוואנציג יעהריגע טאָכטער איז אן עגונה שוין דריי יאָהר", — האָט דער ארענדאר געזאָגט. — „איהר מאן, א לערנער, האָט זי איבערגעלאָזט א יאָהר נאָך דער חתונה, און איז אוועק, כ'ווייס ניט וואו זיין געביין איז אהינגעקומען, אפשר קענט איהר, טייערער צדיק, אויסגעפינען וואו ער איז און איהם אהיים ברענגען; כ'קען שוין ניט צוקוקען איהר צער. אזא וואויל ווייבעל! "

„ברענגט אריין א בעקען פול מיט וואסער! " — האָט צו איהם דער רבי

געזאגט. „נאר געהט שטיל, לאזט די קינדער שלאפען, זיי טארען דאס ניט צוזעהן".

דער ארענדאר האט געטהאן ווי ר' ליב האט איהם געהייסען.

„קוקט אריין אין וואסער און זאגט מיר וואס איהר זעהט דארט", — האט צו איהם ר' ליב געזאגט.

„איך זעה א גרויסע שטאדט מיט הויכע הייזער" — האט דער ארענדאר כמעט ווי אויסגעשריען מיט א קול פון בעוואונדערונג. — „אט זעה איך א מארק און א סך מענשען געהען, שטעהען, מאכען מסחרים".

„קוקט אויף דער רעכטער זייט נעבען דעם גרויסען געוועלב!" — האט איהם ר' ליב בעפוילען.

דער ארענדאר איז געווארען בלאס ווי די וואנט, הענט און פיס האבען אונטער איהם אנגעהויבען ציטערען.

„וואס זעהט איהר דען וואס איהר ציטערט אזוי?" — האט איהם ר' ליב געפרעגט.

„איך זעה מיין איידעם שטעהן ביי דער טהיר פונ'ם געוועלב מיט א בוך אין דער האנט.

„שטעקט אריין א י י ע ר האנט אינ'ם בעקען וואסער און כאפט ביי איהם ארויס דאס בוך!" — האט צו איהם ר' ליב געזאגט.

דער ארענדאר האט אזוי געטהאן. אין א רגע האט ער געהאט אין זיין האנט א בוך; ס'איז געווען א געשעפטס־בוך.

„איצט שיקט אייער טאכטער קיין מאסקווע צום רב איהם דערצעהלען, אז דער און דער כאן וואס וואוינט מיט א ווייב אין יענער גאס, איז א י ה ר מאן, און זי זאל נאר פערלאנגען א גט. וויבאלד ער וועט לייקענען און זאגען אז ער קען זי ניט, זאל זי איהם ווייזען דאס בוך א סימן, ער וועט תיכף מודה זיין.

מניה וביה, איז ר' ליב פערשוואונדען".

# 9

# די קריגס־ערקלערונג צום קייזער יאָזעף

**די ספּעציעלע שולען פאַר אידען אין גאַליציען. — די ערשטע פרייטאָג׳דיגע נסיעה קיין וויען. — דער משרת דערצעהלט וואונדער איבער וואונדער. — דער צדיק איז מתרה דעם קייזער. — רעטעט זיין בעגלייטער פון אַ סכנה.**

דער ערשטער צוזאַמענשטויס צווישען ר׳ ליב שרה׳ס און דעם קייזער „יאָזעף דער צווייטער", האָט פּאַסירט אינ׳ם יאָהר תקמ״ד (1784), בעת דער קייזער האָט אַרויסגעגעבען דעם „שול־עדיקט", אַז אידישע קינדער זאָלען געהען אין די גוי׳אישע שולען צו לערנען די דייטשע שפּראַך און אַנדערע גוי׳אישע חכמות, כדי זיי מבטל צו זיין פון למוד תורה. צו דיעזען צוועק, האָט ער איינגעריכטעט אין גאַליציען ספּעציעלע שולען פאַר אידען.

בימים ההם, איז ר׳ ליב שרה׳ס געוועזן אויף זיינע נע־ונד נסיעות אין אַ שטעדטעל ב ו נ ט ו ש ניט ווייט פון מאהילעוו. אין דיעזען שטעדטעל האָט ער זיך אויפגעהאַלטען זעקס וואָכען רצופים. די קהלה פונ׳ם שטעדטעל האָט איהם אַנגעטהאָן זעהר גרויס כבוד, מחמת ער איז שוין בעקאַנט געוועזן פאַר אַ גרויסען צדיק. זיין סטאַנציע איז געוועזן ביים גרעסטען גביר פון שטאָדט, וועלכער האָט עס געהאַלטען פאַר אַ זכיה וואָס ר׳ ליב שרה׳ס איז אַן אורח אין זיין הויז. ר׳ ליב האָט זיך אָבער פערבאָרגען ניט וויזענדיג די גאַנצע צייט קיין שום מופתים.

די גאַנצע צייט וואָס ער האָט זיך אויפגעהאַלטען אין ב ו נ ט ו ש, האָט ער כסדר גאַנצע טעג אַרומגעוואַנדערט איבער פעלדער און וועלדער, זיך געטהאָן זיינע עובדות פון, וועלכע קיינער האָט ניט געוואוסט קיין פּתרון און קיין רמז. ער איז קיינמאָל ניט צוריקגעקומען אין זיין סטאַנציע פריהער ווי האַלבער נאַכט, אַ חוץ פרייטאָג, ווען ער פלעגט אַהיימקומען צוועלף אַ זייגער ביי־טאָג, געגאַנגען אין מקוה אריין און געהאָט הכנה לכבוד שבת.

די פינפטע וואָך זייענדיג אין שטעדטעל, האָט ער זיך איין מאָל צוריקגעקעהרט פון דער ערב־שבת׳דיגער טבילת־מקוה זעהר צורודערט. אַנשטאָט זיך אַנידערצוזעצען מעביר צו זיין די סדרה „שנים מקרא ואחד תרגום", ווי זיין סדר פלעגט זיין, האָט ער כסדר אַרומגעשפּאַצירט אין זיין חדר הין און צוריק זעהר אויפגערעגט. יעדע מינוט האָט ער אויפגעהויבען זיין פויסט,

גלייך ווי ער וואָלט עמיצען געסטראַשעט, אויסרופענדיג מיט גרויס כעס: „האַ, ער וויל זיי מאַכען פאַר גוים, פאַר אפּיקורסים וויל ער זיי מאַכען, דער עשו הרשע! בטול תורה פון תנוקות של בית רבן. עוקר מן השורש וועל איך איהם דעם ימח־שמו'ניק, דעם סטרא־אחרא'ניק!"

פּלוצים האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין מיטען חדר און אַ בעפעהל געגעבען זיין משרת ער זאָל אַריינרופען דעם בעל־הבית פון דער אכסניה.

„איהר וועט מיר מוחל זיין וואָס כ'האָב אייך מטריח געווען, האָט ר' ליב געזאָגט צום בעל־בית. איך האָב צו אייך אַ גרויסע בקשה: איהר זאָלט מיר געבען אייער פערד און וואַגען מיט אייער „פאַראַביק" אַלס אַ בעל־עגלה פאַר עטליכע שעה, מחמת איך דאַרף מאַכען אַ נויטיגע נסיעה וועגען אַ גרויסער דבר מצוה.

דאַמאָלס האָט גראַד ר' ליב שרה'ס ניט געהאַט אין שטעדטעל זיין אייגענעם פערד און וואַגען און איז געווען אין אַ גרויסען געלד־מאַנגעל. זאָנסט וואָלט ער ניט געוועזן פערלאַנגט קיין טובה פון אַן אַנדערן.

תיכף ומיד, האָט דער בעל־בית אַ בעפעהל געגעבען צו זיין גוי'אישען פאַראַביק איינצושפּאַנען פערד און וואַגען, צו פאָהרען מיט'ן ר אַ ב י ן „נאַשפּאַצער".

אַזוי ווי זיי זיינען נור אַרויס פון'ם שטעדטעל, האָט ר' ליב שרה'ס אַ פּאַר געגעבען מיט דער „קעשענע פאַטשיילע" איבער דעם פאַראַביק'ס פּנים און ער, דער פאַראַביק, איז תיכף געבליבען זיצען ווי פער'תמ'ט, ווי איינער וואָס חלום'ט אויף'ן וואָהר.

און געפיהלט האָט דעמאָלט דער פאַראַביק, לויט ווי ער האָט שפּעטער דערצעהלט, אַז ער פליהט אין דער לופטען: און געדוכט האָט זיך איהם, אַז ער זעהט כסדר פליהען פאַר זיינע אויגען בוימער און הייזער, ס'האָט איהם אַזש געשווינדעלט פאַר די אויגען פון די שנעלע ענדערונגען.

ענדליך, נאָך אַן ערך פון אַ שעה, זענען זיי אָנגעקומען אין אַ גרויסער שטאָדט אַריין, אין וועלכער עס זענען געווען אַזעלכע הויכע און שעהנע הייזער, וואָס ער האָט נאָך אין זיין לעבען ניט געזעהען: ער האָט אויך געזעהען גרויסע, משונה'דיגע געוועלבער מיט פערשיעדענע שעהנע סחורות. ער איז שיער משוגע געוואָרען פון ערשטוינען, מחמת ער, דער פאַראַביק, האָט געקענט די גאַנצע געגענד אַרום זיין שטעדטעל, און געוואוסט, אַז דאָרט איז גאָר ניט פאַרהאַנען אַזאַ מין שעהנע און גרויסע שטאָדט.

דער „ראַבין" האָט זיך אָבגעשטעלט אין אַ זייטיג געסעל, געהייסען איהם אַכטונג געבען אויף די פערד, זיך צורעכט געמאַכט דעם ספּאָדיק און דעם „טיזליק" און אָוועקגעגאַנגען, זיך פערזאַמט אַן ערך פון אַ האַלבע שעה, דאַן איז ער צוריקגעקומען און געהייסען פאָהרען.

בעת דער פאַראַביק איז פערבליבען שטעהען נעבען דעם וואַגען, האָט ער געפרעגט די פערבייגעהער אויף דעם נאָמען פון דער שטאָדט, קיינער האָט איהם אָבער ניט פערשטאַנען, מחמת אַלע מענשען האָבען געשמועסט אַ פרעמ־

דע שפּראַך — ענדליך, האָט זיך דאָך געטראָפען איינער וואָס האָט איהם פערשטאַנען, איהם אָנגעקוקט מיט משונה׳דיגע אויגען ווי מען קוקט אויף א משוגענעם, און געענטפערט : „טאַ יעסט וויעדן" (דאָס איז וויען).

און געוועזן איז ר׳ ליב שרה׳ס דעמאָלט צום עהשטען מאָל אין קייזערליכען הויף. אזוי ווי די „שומרים" האָבען איהם ניט געקענט זעהען, מחמת ער האָט בענוצט א „שם" פון וועלכען מען ווערט א „רואה ואינו נראה", איז ער גלייך אריין אינ׳ם קייזער׳ס קאַבינעט.

דערזעהענדיג דעם אַלטען אידען אינ׳ם טיזליק מיט׳ן ספּאַדיק אויף׳ן קאָפּ (דעם ספּאַדיק האָט ער ניט געוואָלט אראָבנעהמען מפּני כבוד המלכות, כאָטש ער האָט געטראָגען א יארמעלקע, ווייל אינ׳ם קייזער׳ס חדר זיינען געהאָנגען טומאה׳דיגע בילדער), איז דער קייזער געוואָרען בלאַס ווי די וואַנד.

„ווער ביסטו ? האָט דער קייזער אויסגערופען אין גרויס אויפרעגונג. ווי וואַגסטו אריינצוקומען אין מיין חדר אָהן רשות ?"

„מיין נאָמען איז ליב׳ל שרה׳ס. האָט איהם ר׳ ליב געענטפערט. איך דאַרף ניט קיין רשות, ווייל אַלע טויערן זענען פאַר מיר אָפען. איך בין געקומען דיך וואַרענען, אז באַם דו וועסט ניט תיכף ומיד צוריקרופען דיין נייע גזרה מכח די אידישע קינדער פון גאַליציען, וועלכע דו הייסט מבטל זיין פון תורה כדי צו בעזוכען דיינע דייטשע „שקאָלעס", וועל איך פון דיר שניידען שטיקער יעדען פרייטאג נאָכמיטאג ; פּאַסעס וועל איך פון דיר שניידען אָט מיט דעם פען־מעסערל. דו וועסט דיך פאַר מיר ניט קענען אויסהיטען. דו הערסט, קייזער יאָזעף ?"

„איך טהו דאָך דאָס נור לטובת כלל ישראל, האָט זיך דער קייזער ביי איהם געבעטען רחמים, מחמת איך וויל זיי מאַכען פאַר מענשען ווי ס׳קעהר צו זיין."

„מיר דאַרפען ניט אַזעלכע חסדים, האָט איהם ר׳ ליב געענטפערט קורץ און שאַרף, ניט וועלענדיג זיך אריינלאָזען אין ויכוחים מיט דעם „שר פון עשו הרשע". דיינע טובות זענען פון מקור הטומאה, פון סמאַל׳ס מחשבים־היכל. מיר זענען דיר מוחל מיט קנין און מנין דיינע טובות."

רעדענדיג דיזע ווערטער איז ר׳ ליב נעלם געוואָרען.

צוריק קומענדיג פון׳ם שפּאַציר, האָט דער פּאַראַביק דערצעהלט דעם בעל־הבית אַלץ וואָס ער האָט געזעהען. הערענדיג דיזע ווערטער איז דער גביר נבהל ומשתומם געוואָרען. תחלת האָט ער געמיינט, אז דער פּאַראַביק איז משוגע געוואָרען אָדער ס׳האָט זיך איהם גע׳חלומ׳ט אַזאַ מאָדנע חלום. אזוי ווי דער משרת האָט איהם אָבער אַלעס געשילדערט מיט אותות ומופתים האָט ער ביי זיך אין הארצען עפּיס בעשלאָסען און דעם ענין פאַר קיינעם ניט מגלה געוועזן.

דעם צווייטען פרייטאג, ווען ר׳ ליב שרה׳ס האָט ווידער געבעטען דעם בעל־אכסניה ער זאָל איהם אויסבאָרגען זיין פערד און וואָגען פאַר עטליכע שעה, האָט דער נגיד אויפגעשריבען אויף א צעטעלע אין דייטשער שפּראַך,

אז ער בעט מען זאָל איהם פערקויפען אַ מעסערל פאַר אַ רובעל און געבען דעם משרת אַ רעכנונג מיט דעם דאַטום פון׳ם טאָג. דאָס צעטעלע האָט ער איבער־געגעבען דעם פאַראביק מיט אַ רובעל, און איהם בעפוילען, אז זייענדיג אין „וויעדן״ (וויען), זאָל ער אריינגעהען אין אַ געוועלב, קויפען פאַר אַ רובעל אַ מעסערל ; ער דאַרף נור ווייזען דאָס צעטעלע וועט מען שוין וויסען וואָס ער וויל.

אזוי ווי דער משרת האָט דאַן אהיימגעבראַכט פון וויען דאָס מעסערל מיט׳ן רעכנונג, אויף וועלכען ס׳איז בפירוש געווען אויפגעשריבען דער דאַטום פונ׳ם טאָג, איז באַלד דער ענין נתפרסם געוואָרען אין דער גאַנצער געגענד. הונדערטער פאַרשוינען זענען געקומען קיין בונטוש זוכען מופתים ביי דעם צדיק, זיי האָבען איהם אָבער ניט מעהר געקענט געפינען.

באַלד מוצאי שבת איז ר׳ ליב שרה׳ס נעלם געוואָרען פונ׳ם שטעדטעל.

חסידים דערצעהלען זיך דיעזע מעשה :

אַ יונגערמאַן, אַ חסיד פון ר׳ ליב שרה׳ס, האָט איהם אַמאָל געבעטען, אז ער זאָל איהם מיטנעהמען אַלס אַ בעל־עגלה אויף דער פרייטאָגדיגער נסיעה. ר׳ ליב האָט לכתחילה ניט געוואָלט, ערקלערענדיג, אז ער קען נאָך אריינפאַלען אין אַ גרויסער סכנה. אזוי ווי אָבער דער יונגערמאַן האָט איהם שטאַרק מפציר געווען, האָט ער איהם מיטגענומען, בתנאי, אז ער זאָל איהם ניט נאָכשפי־רען אָדער נאָכקוקען וואוהין ער געהט און וואָס ער טהוט.

קומענדיג קיין וויען, האָט דער יונגערמאַן ניט געהאַלטען קיין וואָרט. ער איז נאָכגעגאַנגען ר׳ ליב שרה׳ס פון הינטען ביז צום קייזער׳ס הויף. אזוי ווי דער יונגערמאַן האָט געזעהען ר׳ ליב׳ן אריינגעהען אינ׳ם הויף און די הויפוואַך האַלט איהם גאָר ניט צוריק, איז ער אויך נאָכגעגאַנגען.

די קייזערליכע וואַך, דערזעהענדיג אַ יונגענמאַן אריינגעהען אין קייזער׳ס הויף אָהן רשות, האָבען איהם אָנגעכאַפּט ביים קאַרק און געוואָלט אַרעטירען. דער יונגערמאַן האָט זיך זעהר דערשראָקען, וויסענדיג, אז ער איז אַ „חיב מיתה״, און פאַר גרוים שרעק האָט ער אויסגעשריען : „רבי, ראַטעוועט !״ ר׳ ליב האָט דאָס קול דערהערט, ער איז צוגעגאַנגען און געזאָגט דעם יונגענמאַן, וועלכען די פּאָליציי האָט שוין געוואָלט בינדען די הענד מיט אייזערנע קייטען, אז ער זאָל גיך אריינשטעקען אַ האַנד אין זיין גאַרטעל. דער דערשראָקענער יונגערמאַן האָט אזוי געטהון. די הויפּס־וואַך האָט איהם ניט מעהר געזעהען, ער איז פּלוצים פאַר זייערע אויגען נעלם געוואָרען. ר׳ ליב שרה׳ם האָט איהם צוריקגעפיהרט ביז צום וואַגען, און איז זיך דאַן געגאַנגען זיין וועגס און געטהון זיין עובדא ווי תמיד.

יענעם פרייטאַג, האָט זיך ר׳ ליב שרה׳ס פערשפּעטיגט ; ער איז אהיים־געקומען צו פאָהרען בעת דער עולם האָט שוין געדאַווענט מנחה.

פון דעמאָלט אָן, האָט ער זיך אויף זיינע נסיעות ניט מעהר געוואָלט בעדינען מיט אַ אידישען משרת.

„אידען זענען אַ נייגעריג פאָלק״, פלעגט ער זאָגען.

10

# דער צדיק איז מציל אַ איד פון אַן עלילת דם

ער פאַסט משבת לשבת. — איז מציל אַ אידען פונ'ם טויט. — אַן אַראַבישער „גוטער־איד". — דער גראַף דערשרעקט זיך פאַר דעם נאָמען „ליב שרה'ס". — וואָס עס הייסט אַ מכנים־אורח.

אחוץ די יונגענד־יאָהרען פון ר' ליב שרה'ס, ווען ער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט זיין מוטער אין ראָוונאָ, און די לעצטע זעקס יאָהר פאַר זיין הסתלקות, בעת ער האָט געוואוינט אין יאַלטישקאָוו, ווייסט מען לחלוטין ניט, וואו זיין בני־בית האָבען געוואוינט אין דעם משך פון מעהר ווי דרייסיג יאָהר. מען ווייסט נור, אַז זיי האָבען ס'רוב געוואוינט אין אַ דאָרף און האָבען געלעבט בדחקות, ווייל ר' ליב פלעגט ניט װעלען נהנה זיין פון דעם געלד, וואָס ער האָט געזאַמעלט פאַר די פערבאָרגענע צוועקען: כדי מפרנס צו זיין די בני־בית, פלעגט ער זיך פערדינגען פאַר אַ דאָרפס־מלמד פאַר עטליכע חדשים. אַזוי ווי מען האָט אָבער נור ערפאָהרען ווער ער איז, איז ער תיכף נעלם געוואָרען.

די חסידים, וועלכע האָבען געגאַרט איהם צו קענען, זיך צוצוקוקען צו זיינע דרכים און הנהגות, האָבען קיינמאָל ניט געוואוסט וואו אַהין צו פאָהרען, מחמת ער האָט זיך ניט לאַנג אויפגעהאַלטען אויף איין אָרט: זיי האָבען געמוזט וואַרטען אויף אַ שעת־הכושר, ווען ער איז גראָד געווען אין זייער שטאָדט אָדער אין זייער געגענד, און מען האָט איהם דערקענט. מחמת על פי רוב האָט ער זיך פון זיי אויסבעהאַלטען.

פון ר' ליב שרה'ס חסיד'ישע הנהגות ווייסט מען נור, אַז ער האָט געפאַסט כל ימי חייו, משבת לשבת, לגמרי גאָרנישט געגעסען די גאַנצע וואָך. פרייטאָג־צו־נאַכטס, פלעגט איהם זיין משרת ברענגען אַ גלאָז סמעטענע און צוויי קיכלעך און זיי אַריינגעשטעלט אין זיין חדר מיוחד. אין דער פריה האָט דער משרת תמיד געפונען דאָס גלאָז כמעט פול און די קיכלעך קוים בעריהרט. שבת־צו־נאַכטס האָט ער געטרונקען אַ גלאָז טהעע און דאַן ווידער געפאַסט ביז צום צווייטען שבת. די צדיקי הדור האָבען אויף איהם געזאָגט, אַז דאָס פאַסטען איז ניט ווייל ער וויל, אָדער ער דאַרף פאַסטען, נור פשוט, ווייל ער איז כסדר אַזוי דבוק אין השם יתברך, אַז ער פערגעסט אינגאַנצען אַן דעם עסען. דיזעלבע בחינה ווי משה רבינו איז געווען אויפ'ן באַרג סיני אין די

פערציג טעג נאך „קבלת התורה", ווי די תורה האט געשריבען: „לחם לא אכלתי ומים לא שתיתי".

דאס האט איהם אבער גאר ניט געשאדט צו זיין בריאות הגוף. זיין אויסזעהן איז געווען פון א גבור, הויך און ברייט, אז נור אנקוקענדיג איהם האט מען זיך געקענט פאר איהם דערשרעקען.

ניט נור מיט'ן קייזער יאזעף האט ר' ליב שרה'ס געפיהרט א שטענדיגע מלחמה, נור אויך מיט אנדערע שונאי ישראל. וואו ס'איז נור געווען א שלעכטער פריץ, וועלכער האט אנגעטהאן צרות צו די אידען פון זיין סביבה, וועלכע זיינען דאמאלס געווען פויגעל-פריי צו אלערליי צרות און רדיפות, האט תיכף די חסיד'ישע לעגענדע געשיקט ר' ליב שרה'ס, אלס „רואה ואינו נראה", און ער האט, מיט גוטען אדער בייזען, ביי די פריצים אויסגע'פועל'ט די גזרות רעות מבטל צו זיין.

אין יאהר 1774 האט זיך פערלאפען אזא מעשה: א דארפס-פויער, אנגערייצט פון א גלח, האט פירכטערליך געשלאגען זיין צוויי-יעהריגעס טעכטערעל, און מיינענדיג אז דאס קינד איז שוין טויט, האט ער עס אונטער-געווארפען דעם אידישען ארענדאר אין שטאל אריין. באלד האט מען די אנגעלעגענהייט מודיע געווען צו דער שטאדטישער פאליציי. א קאמיסיע איז געקומען און האט דאס צו'הרג'עטע קינד געפונען ביים אידען.

ווי פון הימעל אראבגעפאלען, איז ר' ליב שרה'ס פלוצים אויסגעוואקסען אינ'ם דארף, מיט זיין שטעקען בעריהרט דעם קינד'ס גוף. באלד האט דאס קינד אויפגעמאכט די אויגען און דערצעהלט דער קאמיסיע, אז דער אייגענער פאטער איז דאס דער ריכטיגער מערדער. אנשטאט דעם אידען האט מען גאר דעם גוי אוועקגעפיהרט געשלאסען אין קייטען, און ר' ליב שרה'ס איז נעלם געווארען.

אזוי ווי דיעזע אנגעלעגענהייט איז בעקאנט געווארען אין רוים, האט דער פאפסט קלעמענטס דער פערצעהנטער ארויסגעגעבען אן עדיקט (שריפט), ערקלערענדיג, אז ער איז געגען דעם בלוט-בלבול און גלויבט לגמרי ניט אין עלילת-דם.

עס וועט אפשר זיין אינטערעסאנט צו וויסען, אז דיזעלבע מיני ספורים ווי פון ר' ליב שרה'ס, דערצעהלען זיך אויך די אראבישע אידען פון תימן פון זייערען א בעל-מופת. נאך ביז היינט, אז עס קומט עפעס א צרה אויף די תימנ'ישע אידען איז דאס ערשטע מיטעל צו געהן מתפלל זיין אויפ'ן קבר פון שלום סאלאם בן מישטא, וועלכער געפינט זיך דריי טעג רייזע פון מאקא און צעהן טעג פון סאנא.

דיעזער בעל-מופת שלום סאלאם, איז געווען א וועבער אין דער אראבישער שטאדט טאיז. און ווען די אראבישע קעניגע פלעגען זיך ערלויבען אנטהאן די אידען צרות און ענויים קשים, זיי איינגעזעצט אין פינסטערע קערקערס און דארט געפייניגט, איז תמיד ערשיענען דער בעל-מופת'דיגער וועבער און זיי מציל געווען. וויסענדיג דעם סוד ווי אזוי זיך צו מאכען פאר

א„רואה ואינו נראה". האט ער זיך דערמיט בעדיענט. ער איז אריינגעגאנגען אונבעמערקט אין די שלאפצימערן פון די קעניגע און זיי אזוי לאנג געשלאגן און געמאטערט, ביז זיי האבן געמוזט אונטערשרייבן א כתב, צו בעפרייען די געפלאגטע אידען.

צווישען די ספורים איבער ר' ליב שרה'ס געפינט זיך אויך די פאלגענדע קאמישע מעשה'לע:

איינמאל איז ער געקומען אין מיטען דער נאכט אין אן אונגארישען דארף, נעבען דעם שטעדטעל קאליף, צום אידישען ארענדאר און האט איהם בעאויפטראגט צו גיהן צום פריץ אין הויף אריין, איהם אויפוועקען און זאגען, אז ר' ליב שרה'ס, וועלכערווארט אין דרויסען ביים טויער פונ'ם הויף, דארף איהם עפעס האבען, ער זאל תיכף ארויסקומען.

„דער גראף וועט מיך דאך תיכף דערשיסען — האט צו איהם דער ארענדאר געזאגט מיט גרויס שרעק — דערהערענדיג דעם נאמען „ליב שרה'ס". איהר, גרויסער צדיק, ווייסט דאך גאנץ גוט, אז מיין גראף איז א רשע מרושע, אן עוכר ישראל."

„האב גאר קיין מורא ניט — האט צו איהם ר' ליב שרה'ס געזאגט, — קיין האר וועט דיר ניט געקרימט ווערען. אדרבא, פאר שכר הליכה, בין איך דיר מבטיח אריכת ימים עד מאה ועשרים (120) שנה."

דער ארענדאר האט איהם געפאלגט. דורכ'ן לאקיי האט ער געלאזט וויסען דעם פריץ, אז ער האט איהם עפעס וויכטיגעס מיטצוטיילען. דער־הערענדיג דעם נאמען „ליב שרה'ס", איז דער גראף א פערציטערטער אראבגע־שפרונגען פון בעט און איהם נאכגעגאנגען ביז צום טויער, וואו ר' ליב האט זיך מיט איהם אויסגע'טענה'ט וועגען זיינע ענינים.

דיעזער ארענדאר האט אין עלטער פון 114 יאהר געהאט אן אכציג־יאהריגען זוהן, וועלכער איז געווארען אן אלמן, און ניט אמאל צו פרעגען דעם פאטער, האט ער התונה געהאט מיט אן ארים מיידעל.

ווען דער אלטער פאטער איז דאס געוואהר געווארען, האט ער דעם אכציג־יאהריגען זוהן מכבד געווען מיט א מתנת־יד אין פנים אריין, אויס־רופענדיג:

„וואס? אזא אלטער מאן געהט נאך חתונה האבען מיט א מיידעל? דו וועסט נאך האבען קינדער, וועלכע וועלען זיכער, נאך דיין טויט, פאלען צו לאסט אויף דיין ארימען טאטען, וועלכער וועט די בידנע יתומים מוזען טראגען אויף זיינע פלייצעס!"

בעת ר' ליב שרה'ס איז אמאל אנגעקומען קיין לעמבערג, פערשטעלט אלס אן ארימאן, איז ער צוגעפאהרען צום הויז פון א בעקאנטען נגיד, א מכניס־אורח, איהם געבעטען ער זאל איהם געבען סטאנציע אין א בעזונדער חדר. דער נגיד האט אויף איהם אנגעשריען, זאגענדיג: „וואס? אזא קבצן פאסט ניט אנדערש ווי א חדר מיוחד?"

אזוי ווי ער האט שוין געזאלט אוועקפאהרען, האבען איהם אבער די

חברה חסידים דערקענט. ס'איז תיכף געווארען א רעש און אן אויפגעלויף.

„סטייטש, דער גרויסער ר' ליב שרה'ס איז געקומען".

דער נגיד איז שנעל נאכגעלאפען דאס וועגעלע פון ר' ליב שרה'ס, איהם בעטען מחילה, אז ער זאל צוריקפאהרען ביי איהם נעהמען אכסניה.

„ניין — האט ר' ליב שרה'ס געענטפערט. — איך וויל בעסער איינשטעהן ביי אן ארימען איידער ביי א רייכען. די גמרא ריהמט אונזער זיידע'ן אברהם פאר א גרויסען מכניס־אורח, אבער ניט זיין ברודער'ס זוהן לוט. כאטש ער האט, וואוינענדיג אין סדום, געבעטען די צוויי אורחים, וועלכע ער האט דערזעהן, זיי זאלען ביי איהם נעהמען סטאנציע און האט זיי מכבד געווען מיט כל טוב, פונדעסטוועגען ווערט ער לחלוטין גאר ניט פעררעכענט פאר קיין מכניס־אורח."

דער טעם איז, מחמת ביים זיידע'ן אברהם שטעהט געשריבען אין דער תורה „וירא והנה שלשה אנשים". ער האט דערזעהן פראסטע, ארימע, מענשליכע שלעפערס פערבייגעהן, „וירץ לקראתם", איז ער זיי אקעגען געלאפען, געבראכט אין זיין הויז אריין און זיי שטארק מקרב געווען. אט דאס הייסט א מכניס־אורח.

ביים פעטער לוט שטעהט אבער געשריבען „ויבואו שני המלאכים סדומה", זיי האבען זיך צו איהם בעוויזען אלס מלאכים. נו, ווער וויל דאס ניט האבען מלאכים פאר געסט אין זיין הויז?

א איד וואס זוכט נור אויף מלאכים'דיגע אורחים צו געבען זיי אכסניה, קען באיין אופן ניט פעררעכענט ווערען אלס א מכניס־אורח: אדרבא, מען טאר פון אזא אידען גאר קיין הנאה ניט האבען, מחמת ער איז א „רע עין". א ניט־פערגינער.

## 11

# דעם סולטאַנ׳ס שרעקליכער חלום

**די אידישע צרות אין מאַראָקאָ. — ר׳ ליב שרה׳ס קומט זיי צו הילף. — וואונדער איבער וואונדער. — דער סולטאַן ווערט אַ בעטלער. — ר׳ ליב שרה׳ס העלפט איהם אַרויס.**

ביי דער חסידישער וועלט איז עס אַ דבר ידוע, אַז ר׳ ליב שרה׳ס האָט פערשטאַנען פיעל שפּראַכען. פון דייטש און פּויליש שוין אַבגערעדט. מיט דיעזע שפּראַכען האָט ער זיך דאָך געמוזט כסדר כמעט בענוצען, בעת זיין שטענדיגע מלחמה מיט׳ן קייזער יאָזעף און ביי זיינע שתדלנות ביי די פּוילישע פּריצים צו טהאָן טובות אידען. ער האָט אָבער אויך געוואוסט צו רעדען אראַביש, מחמת די פאָלקס־לעגענדע בעהויפּטעט, אַז ר׳ ליב שרה׳ס האָט אויך ניט פערגעסען די מאַראָקאַנער אידען. און ווי ער האָט נאָר ערפאַהרען אַז זיי זענען אין אַ צרה, איז ער תיכף ומיד געווען אויף׳ן פּלאַץ זיי צו רעטען.

אַזוי ווייסט די פאָלקס־לעגענדע צו דערצעהלען פון ר׳ ליב שרה׳ס אַט דיעזע פּאַסירונג:

אין יאָהר תק״ן, אַ יאָהר בעפאָר ר׳ ליב׳ס פּטירה, איז ר׳ ליב שרה׳ס געוואָהר געוואָרען, אַז דער סולטאַן פון מאַראָקאָ, מולייַ־רעסיד, האָט אָנגעהויבען אָנצוטהאָן די מאַראָקאַנישע אידען גרויסע צרות. אָהן רחמנות האָט ער בערויבט אַלע רייכע אידען און פיעל פון זיי ערמאָרדעט. דעם שפּאַנישען אידישען קאָנסול, סאַלאָמאָן האססאָן, האָט ער געהאָנגען: דעם אידישען שר עליאס לעווי האָט ער געהייסען פּייניגען מיט שטריק, דורכגעפלאָכטען מיט שטעכיגע דערנער, ביז ער האָט מסכים געווען אָנצונעהמען דעם מחמד׳אנישען גלויבען. ער איז אָבער באַלד נאָך עטליכע טעג געשטאָרבען פון האַרצוועהעטאָג און געוויסענביסע.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז דער צדיק ר׳ ליב שרה׳ס, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבען מקדיש געווען לטובת ישראל, האָט ניט געקענט פערשווייגען אַזעלכע רדיפות. כאָטש ער איז שוין געווען אַלט און שוואַך האָט ער דאָך בעשלאָסען צו פאָהרען קיין מאַראָקאָ מציל צו זיין די אידען פון׳ם רשע מרושע׳דיגען סולטאַן׳ס הענד.

און אַז ר׳ ליב שרה׳ס זאָגט „פאָהרען״, איז׳ס געווען טאַקע „אומר ועושה״.

געהייסען איינשפאנען דעם וואגען אין א מיטוואך און מיט קפיצות הדרך איז ער נאך דעמזעלבען טאג געווען אין פעץ, די רעזידענץ־שטאדט פון מאראקא.

ניט־געמעלדעטערהייד, אלס „רואה ואינו נראה", איז ער אריינגעגאנגען אינ'ם סולטאנ'ס חדר און זיך צו איהם בעוויזען.

מיט גרויס שרעק האט איהם דער סולטאן געפרעגט ווער ער איז און וואס ער פערלאנגט.

— איך וויל איהר זאלט אויפהערען אנצוטהאן צרות די אידען, אז ניט וועל איך אייך בעשטראפען אזוי ווי משה רבינו האט בעשטראפט פרעה, דעם קעניג פון מצרים.

— אז איהר וועט מיר פריהער ווייזען אזעלכע וואונדערליכע מופתים ווי משה האט געוויזען פאר פרעה'ן, וועל איך אייער רצון ממלא זיין, ניט וואר־טענדיג ביז איהר וועט מיך בעשטראפען מיט צעהן מכות.

— איהר וועט באלד זעהען — האט איהם ר' ליב געענטפערט און איז תיכף נעלם געווארען.

דער סולטאן האט באלד דערצעהלט דעם ענין פאר זיינע יועצים, וועלכע האבען בעהויפטעט, אז ער האט אודאי א דרימעל געטהאן, און דאס אלץ איז נור געווען א נארישער חלום.

דעמזעלבען טאג, נאך דעם עסען, בעת דער סולטאן האט זיך אביסעל אני־דערגעלעגט אויף דער סאפע אבצורוהען, האט ער איינגעדרימעלט און ס'האט זיך איהם ג'חלום'ט, אז ער איז געפאהרען מיט זיין גאנצער סוויטע אין וואלד, כדי זיך דארט צו באדען אין דעם פליסענדיגען ברייטען שטראם.

אזוי ווי ער איז געווען א גוטער שווימער, האט ער איבערגעלאזט די גע־זעלשאפט זיך באדען אויף איין זייט פונ'ם שטראם און ער איז אריבערגעשווי־מען צו דער אנדער זייט און זיך דארט אנידערגעזעצט אויף גראז אבצורוהען זיך.

זיצענדיג אויפ'ן גראז און קוקענדיג פון דערווייטענס צו זיין בארענדיגע חברה, האט ער פלוצים דערזעהען, צו זיין גרעסטער איבערראשונג, אז זיין גאנצע געזעלשאפט געהט ארויס פונ'ם וואסער און קליידט זיך אן; ווי איינער טהוט זיך אן זיינע קליידער און שטייגט אריין אין דעם קעניגליכען וואגען און די גאנצע סוויטע פאהרט אוועק.

אומזיסט האט ער צו זיי געשריען מיט כל הכחות זיי זאלען אויף איהם ווארטען; קיינער האט איהם אפילו ניט געהערט און זיך גאר ניט אומגעקוקט צו זיין זייט וואו ער איז געזעסען.

פערצווייפעלט איז דער סולטאן פערבליבען נאקעט אויפ'ן צווייטען ברעג פונ'ם שטראם, ניט וויסענדיג וואס פאר אן עצה ער זאל זיך געבען. ער האט זיך מעהר ניט געפיהלט בכח אריבערצושווימען דעם שטראם צוריק אויף יענער זייט. ער האט זיך דעריבער געלאזט געהען נאקעטערהייד ווייטער אין וואלד אפשר וועט ער טרעפען עפעס א בעקאנטען.

אויפ'ן וועג האט ער געטראפען אן ארבייטער־געזעלשאפט, וועלכע האט געברענט די בוימער אויף קוילען. ער האט זיי דערצעהלט, אז ער איז דער סול־טאן. זיי האבען איהם אבער אויסגעלאכט און מכבד געווען מיט גוטע עטליכע

קלעפּ. קוים מיט׳ן לעבען איז ער אַנטלאָפען. ער האָט ווייטער ארומגעוואַנדערט אין וואַלד ביז ער האָט בעגעגענט אַ בעטלער, וועלכער האָט זיך אויף איהם מרחם געווען און איהם געשענקט עטליכע צוריסענע קליידער, כדי ער זאָל ניט ארומגעהן נאַקעט, ווי אויך אַ שטיקעל ברויט צום עסען, ווייל ער איז זעהר הונ־געריג געווען.

ענדליך איז ער ארויס פון׳ם וואַלד אויף אַ ברייטען וועג. דאָרט האָט ער שוין בעגעגענט פיעל מענשען, וועלכע האָבען איהם ערקלערט, אַלס ענטפער אויף זיינע פראַגען, אַז זיי האָבען ערשט געזעהען דעם סולטאַן. ער איז געזונד און פריש און קיין שום שלעכטע זאַך האָט מיט איהם ניט פּערלאָפען.

שטאַרק פערצווייפעלט, האָט ער אַזוי ארומגעוואַנדערט אַלס אַרימער בעט־לער פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָדט צו שטאָדט, האָבענדיג מורא צו זאָגען ווער ער איז, כדי מען זאָל איהם ניט בעטראַכטען אַלס אַ משוגענעם און נאָך מכבד זיין מיט אַ גוטען מתנת יד.

נאָך אַ לאַנגען נע־ונד איז ער ענדליך אַנגעקומען קיין טונים. דאָרט איז איהם פּלוצים איינגעפאַלען צוצוגעהען צום אידישען קוואַרטאַל, ווייל ער האָט געטראַכט ביי זיך: „דאָס מזל פון דעם פאָלק ישראל מיט זיין פערגאַנגענהייט און מיט זיין איצטיגער ערנידריגונג איז פונקט גלייך צו מיין פינסטערען מזל. לאָמיך באַטש אַנקוקען ווי אַזוי זיי לעבען זיך דאָ״.

געהענדיג אין גאַס, האָט ער בעגעגענט אַן אַלטען אידען, וועמעס פּנים עס האָט איהם צו זיך צוגעצויגען ווי אַ מאַגנעט. ער האָט זיך מיט דעם אידען אריינגעלאָזט אין אַ שמועס וועגען פערשיעדענע ענינים. דער איד האָט באַלד געוואונען זיין פערטרויען און דער אומגליקליכער סולטאַן האָט מיט טרעהרען אין די אויגען דעם אַלטיטשקען פערטרויעט זיין גאַנצע געהיימניס און אויסגע־גאָסען פאַר איהם זיין ביטער האַרץ.

דער איד האָט איהם אויפמערקזאַם אויסגעהערט, ניט געלאַכט פון זיינע דבורים, בעמערקענדיג מיט אַ רחמנות׳דיגען טאָן, אַז דאָסזעלבע האָט זיך אויך געטראָפען מיט דעם אידישען קעניג שלמה, ווען דער „שד״ האָט איהם פער־וואָרפען אין דער פרעמד. ער האָט אומעטום געשריען „אני שלמה״ און דאָס פאָלק האָט איהם געהאַלטען פאַר משוגע, מחמת דער אשמדי האָט זיך פער־שטעלט פאַר שלמה׳ן און איז געזעסען אויף זיין שטוהל. „אָבער איך קען אייך גאָר ניט העלפען דערצו. אַן עצה קען אייך נור געבען אַ גרויסער צדיק, וועלכער ווילט צופעליג ביי אונז אין קוואַרטאַל. צו איהר ווילט קען איך אייך פיהרען צו זיין סטאַנציע״.

דער סולטאַן האָט מסכים געווען און דער איד האָט איהם צוגעפיהרט צו דער אידישער גאַס און איז מיט איהם אריינגעגאַנגען אין אַ קליין שטיבעל, אין וועלכען עס איז געזעסען אַ הויכער אַלטער איד, מיט אַ הדרת פּנים, אַנגעבויגען איבער אַ ספר און געלערענט.

דערזעהענדיג דעם אַלטיטשקען, איז דער סולטאַן זעהר דערשראָקען גע־וואָרען. ער וואָלט געקענט שווערען, אַז ער האָט שוין אַמאָל געזעהן דאָסזעלבע

פנים. ער האט זיך אבער בשום אופן ניט געקענט דערמאהנען ווען און וואו ער האט איהם געזעהן.

— וואס פערלאנגט איהר פון מיר? — האט איהם ר׳ ליב געפרעגט.

דער סולטאן האט דערצעהלט דעם צדיק אלעם וואס ס׳האט מיט איהם פאסירט זייט ער איז זיך געפאהרען באדען. ער האט דערביי ביטערליך געוויינט.

— א „שד״ אנגעטהאן אין אייער צורה האט ביי אייך צוגענומען אייער כסא־מלוכה — האט צו איהם ר׳ ליב געזאגט. — ער איז גראדע היינט דא היע מיט זיין גאנצער סוויטע. דאס איז אייך געשעהן אלס אן עונש פאר אייערע חטאים, ווייל איהר טהוט אן די אידען גרויסע צרות. אזוי ווי איך האף, אז ווי־באלד איהר וועט צוריקבעשטייגען אייער כסא־מלוכה וועט איהר מבטל זיין אלע גזרות רעות, וואס איהר האט גוזר געווען אויף די אידען, וועל איך אייך געבען אן עצה:

„דער פערשטעלטער סולטאן וועט היינט פאהרען זיך באדען צום טייך. געהט אהין. בעת ער וועט זיין אין מיטען וואסער, זאלט איהר טהאן דאסזעלבע וואס ער האט דעמאלט געטהאן.״

ר׳ ליב האט איהם איבערגעגעבען א שטיקעל פארמעט אויף וועלכען ס׳איז עפעס געווען אויפגעשריעבען, זאגענדיג צו איהם:

— איידער איהר וועט צוקומען צום טייך, זאלט איהר נעהמען דאס שטי־קעל פארמעט אין דער האנד און זאגען דריי מאל „ליב בן שרה״, דאן וועט אייך קיינער ניט קענען מעהר זעהען. איהר זאלט צוגעהען צום פלאץ, וואו דער פאר־שטעלטער סולטאן האט איבערגעלאזט זיינע מלבושים און איהר זאלט זיי אנ־טהון, איבערלאזענדיג אייערע שמאטעס. קיינער וועט ניט זעהן וואס איהר טהוט. דאן זאלט איהר דאס צעטעלע אריינווארפען אין וואסער, זיך בעוויזען צו דער סוויטע, און הייסען תיכף אבפאהרען.

דער סולטאן האט איהם זעהר געדאנקט און געוואלט אוועקגעהן.

— ווארט אביסעל — האט צו איהם ר׳ ליב געזאגט. אייערע האאר און אייערע נעגעל זענען צו גרויס געוואקסען. איך וועל שיקען נאך א בארבער ער זאל אייך אבשניידען די האאר מיט די נעגעל.

וכך הוה. דער בארבער האט דעם סולטאנ׳ס האאר און נעגעל אבגעשני־טען און דער סולטאן איז געגאנגען צום וואסער און דארט געטראפען דעם פער־שטעלטען סולטאן ביים באדען. ער האט זיך אנגעטהאן די בגדי מלוכה, געהייסען אבפאהרען און — ער האט זיך אויפגעכאפט פון זיין שרעקליכען חלום.

ווי דערשראקען איז ער אבער געווארען דערזעהענדיג אויף זיין טיש שטעהן א גאלדענע טאץ, אויף וועלכער ס׳איז געלעגען די אבגעשוירענע האר מיט די אבגעשניטענע נעגעל.

די גזרות רעות האט דער סולטאן תיכף מבטל געווען...

אזוי דערצעהלט די חסידישע לעגענדע.

## 12

# גראַף אופּינסקי׳ס גזרה רעה אויף דער אידישער קהלה פון קאַברין

**אַ דעפּוטאַציע ביים צדיק. — ער שיקט דעם ראש־הקהל צו אַ למד־וויו׳ניק. — ר׳ ליב שרה׳ס ביים גראַף אופּינסקי. — אַ הייסע דעבאַטע. — פערלאַנגט דער צדיק זאָל זיין אַ „מורד במלכות“. — אַז מען פּועל׳ט ניט מיט גוטען מוז מען געהן מיט בייזען.**

דיעזע מעשה האָט פּאַסירט אַ קורצע צייט פאַר ר׳ ליב שרה׳ס פּטירה. בעת ער איז געווען אויפ׳ן יריד אין בערדיטשעוו, איז צו איהם געקומען דער ראש הקהל פונ׳ם שטעדטיל קאַברין, ר׳ בנימין, מיט נאָך עטליכע פּני פון שטאָדט זיך צו בעקלאַגען אויפ׳ן פּריץ פונ׳ם שטעדטיל און זיי האָבען איהם דערצעהלט די פאָלגענדע געשיכטע:

אַלע הייזער פונ׳ם גאַנצען שטעדטיל אין וועלכען ס׳וואוינען בלויז אידען, זענען געבויט געוואָרען אויף דער ערד פון גראַף אופּינסקי. כל זמן דער אַלטער גראַף האָט געלעבט, האָט ער קיינמאָל ניט געמאַכט קיין רייד וועגען זיין איי־גענטומסרעכט, אַזוי אַז יעדער איד פון שטעדטעל, וועלכער האָט אַן אייגענע הייזקע, האָט זיך שוין צוגעוועהנט צום געדאַנק, אַז דער פּלאַץ אויף וועלכען די הייזקע שטעהט געהערט אויך צו איהם.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז אָבער דער אַלטער פּריץ געשטאָרבען און זיין זוהן, אַ שונא ישראל, האָט געלאָזט וויסען די אידען, אַז וויבאַלד „קהל“ וועט איהם ניט בעצאָהלען פּאַכט־געלד פאַר אַלע יאָהרען וואָס די אידישע הייזקעס שטעהען אויף זיין פּלאַץ מיט פּראָצענט עד פּרוטה אחת, וועט ער אַלע אידען פון שטעדטעל בעשטראָפען. די אָרימע לייט וועט ער פּשוט אַרויס־יאָגען, ווי די הינט, מיט די ווייבער און קינדער אָהן רחמנות; די רייכע און די חשובים וועט ער איינזעצען אין תפיסה און זייער פערמעגען קאָנפיס־קירען; די מתים פונ׳ם בית־עלמין וועט ער אויסגראָבען און זייערע ביינער פערברענען; קורץ, ער וועט פון דער גאַנצער אידישע קהלה מאַכען אַ תל עולם. די אידען זענען אָבער אָרים, לחלוטין ניט אימשטאַנד צו צאָהלען איהם אפילו דעם הונדערטסטען טייל פון זיין פאָדערונג.

ר׳ ליב שרה׳ס האָט זיך פאַר אַ ווייַלע אָנגעלעהנט אויף זיין שטעקען און

זיך פערטראכט, דאן האט ער געהייסען די איבריגע מענשען זאלען אבטרע־טען. נור דער ראש־הקהל ר׳ בנימין זאל פערבלייבען אין זיין חדר.

„עס איז א זעהר שווערער ענין, האט דאן ר׳ ליב געזאגט צום ראש־הקהל ווען זיי זענען געווען אונטער פיער אויגען. איך קען גאר ניט טהאן דערצו, מחמת דיעזער פריץ איז ניט אין מיין רשות. איך וויל אייך דעריבער שיקען צו א מענש וואס קען אייך יא העלפען, דאס מוז אבער זיין בסוד סודות. היים דיינע חברים אהיימפאהרען, און דו זאלסט געהען צו פוס וואו אהין איך וועל דיך שיקען. פערבלייב דא ביז פרייטאג פריה, דאן זאלסטו אויפשטעהען פארטאג, ארויסגעהען פון דער שטאדט, דו וועסט פון דער וויטענס זעהען א וואלד, זאלסטו דארט צוגעהען. קומענדיג צום וואלד וועסטו דערזעהען א שמא־לען שטעג, רעכטס, צווישען געדיכטע בוימער, אט מיט דיעזען שטעג זאלסטו גלייך געהען ביז דו וועסט צוקומען צו א נידריגער איינגעפאלענער הייזקע, דארט זאלסטו אריינגעהען און האלטען שבת. דער מאן וואס וואוינט דארט וועט דיר העלפען.

„לאמיך נאך פרוואווען מיט א דרך הטבע, האט ר׳ ליב געזאגט צו זיך אליין נאכדעם ווי ר׳ בנימין האט פערלאזען זיין חדר, אפשר וועל איך פועל׳ן מיט גוטען, ניט דארפען געהען ביד חזקה.“

דיזעלבע נאכט האט ר׳ ליב שרה׳ס פערלאזען בערדיטשעוו. ער האט זיך געלאזט געהען צו־פוס צום גראף אופינסקי בעטען רחמים פאר דער קאברי־נער אידישע קהלה.

קומענדיג צום פריץ׳ס הויף דעם צווייטען טאג פארמיטאג, האבען איהם די דיענער געפרעגט וואס ער פערלאנגט. ער האט זיי דערצעהלט, אז ער איז געקומען צום גראף מכח די קאברינער אידען. אזוי ווי די דיענער האבען דאס דערצעהלט דעם גראף, האט ער זיי בעפוילען דעם איד אריינצופיהרען.

ר׳ ליב שרה׳ס האט איינגעטרעטען, ער איז אבער געבליבען שטעהען ביי דער טהיר.

דערזעהענדיג דעם איד איז דער גראף נבהל ומשתומם געווארען. ער איז געוואוינט געווען צו זעהען פאר זיך שטעהען אידען מיט איינגעבויגענע רו־קענס, איינגעקארטשעט אין דרייען מיט א רחמנות־פנים, ציטערענדיג ווי א פיש, און דא זעהט ער פלוצים שטעהען ביי דער טהיר אן אלטען מאן מיט א ווייסע בארד ווי שנעע, אנגעטהון אין א לאנגען ריינעם „קאפטאן“, שטעהענ־דיג פעסט, אויסגעשטרעקט מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ, פול מיט זעלבסט־אכטונג ווי א פאטריארד.

„וואס וויל דער איד ?“

„איך בין געקומען מכח דעם סכסוך מיט די אידישע בעלי חובות פונ׳ם שטעדטעל קאברין . . . .“

„אהא ! האט איהם דער גראף אונטערבראכען, כ׳ווייס שוין, אהן א מעק־לער הויבט זיך ביי אידען גאר ניט אן. ברענגסט דו איצט געלד אדער דו ווילסט ערשט אבהאנדלען ? א איך מוז זיך דאך קודם דינגען. אה ! אפשר ווילסטו

גאר די שולד אבקויפען און דערביי מאכען א שעהנע מטבע ? מהיכא תיתא, ארוים מיט דבורים !״

„איך בין ניט קיין מעקלער, האט איהם ר׳ ליב געענטפערט. איך בין דער רבי פון די אידען, און געקומען בין איך, גרויסער פריץ, בעטען רחמים פאר די ארימע אידען, וועלכע זענען באין אופן ניט אימשטאנד נאכצוקומען דיין פאדערונג. שענק זיי דעם חוב און זיי וועלען תמיד בעטען גאט פאר דיר און פאר דיין פאלק.״

„איך דארף ניט זייערע תפלות, האט איהם דער גראף מיט כעס געענטפערט. געלד זאלען זיי מיר געבען, די בעטריגער ! ענטוועדער צאהלען, אדער איך וועל זיי פערטרייבען פונ׳ם שטעדטעל ווי די הינט.״

ר׳ ליב שרה׳ס איז אבער לגמרי גאר ניט נתפעל געווארען פונ׳ם פריץ׳ס כעס. ער האט רוהיג געענטפערט.

„דא איז לחלוטין ניט פערהאנען, גנעדיגער הערר, קיין „ענטוועדער״ אדער און „אדער״. ס׳איז נור פעראן איין איינציגער וועג, זיי ארויסצויאגען פון שטעדטעל, מחמת זיי זענען ארים ווי די נאכט און קענען ניט צאהלען. אבער וואס פאר א נוצען וועסט דו דערפון האבען ? דאס שטעדטעל וועט ווערען חרוב ונחרב, די פויערים פון די ארומיגע דערפער וועלען ניט האבען וועמען די תבואה צו פערקויפען ; זיי וועלען דעריבער ניט אימשטאנד זיין צו בעצאהלען די שטייערען.״

דער גראף האט זיך אויף א ווײַלע פערטראכט.

„דו ביסט גערעכט, ראבין ! הער, כ׳האב אן עצה. דו ביסט זייער „רבי״, דו האסט אויף די אידען א גרויסען איינפלוס, הער־זשע מיך אוים וואס כ׳וועל דיר זאגען. גיב מיר די האנד אז וואס כ׳וועל דיר זאגען וועט בלייבען בסוד. טאמער וועסטו מיך פערראטען, וועל איך אלע אידען אויסשיסען ווי די משוגע׳נע הינט.״

ר׳ ליב האט איהם די האנד געגעבען.

„הער זיך גוט צו, — האט צו איהם דער גראף געזאגט. — איך שענק די אידען דעם גאנצען חוב ; איך גיב זיי נאך א מתנה א היבשע פאר טויזענדער אויפצובויען א שעהנע שוהל און א נייע באד, נור באופן, אז דו זאלסט מיר טהאן וואס איך פערלאנג.״

ר׳ ליב האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט.

„דו ווייסט דאך, — האט דער גראף אנגעהויבען, — אז דער רוסישער יאך דריקט איצט אויף אונז פאליאקען, אז מיר ווערען שיער ניט דערשטיקט. ס׳איז שוין ממש ניט אויסצוהאלטען. מיר זיינען געווען זעלבסטשטענדיג, דעמאלט האבען מיר די אידען גוט בעהאנדעלט, ממש ווי ברידער ; היינט זיינען מיר געווארען קנעכט צו רוסלאנד. מיר קאנען אבער דאס אונרעכט ניט פערשווייגען. מיר גרייטען זיך צו אן אויפשטאנד. ס׳פערשטעהט זיך, אז מיר דארפען אין יעדער הינזיכט, אויף טריט און שריט, די אידישע שטיצע.

זאג מיר אלזא צו, אז דו וועסט זיי בעאיינפלוסען, זיי זאלען מיט אונז האלטען און אונז העלפען. דאן וועט דיין בקשה תיכף ומיד ערפילט ווערען."

א שווארצער וואלקען האט זיך פערצויגען אויף ר' ליב'ס פנים.

„ניין, ד א ס קענען מיר נ י ט טהאן, — האט ער אויסגערופען מיט ענטשלאסענהייט. — מיר אידען זיינען אייך זעהר דאנקבאר פאר די טובות וואס איהר, פאליאקען, האט מיט אונז געטהאן. מיר אידען גלויבען אבער, אז „הכל בידי שמים", מען טאר ניט זיין א „דוחק את השעה", נעהמען מיט געוואלט.. אפילו בנוגע אונזער אייגענעם גלות האבען אונז אונזערע נביאים בעשווארען, מיר זאלען ניט פרואווען מקרב זיין די גאולה ביד חזקה, ניט מורד במלכות זיין. אדרבה. מיר זאלען נאך מתפלל זיין „בשלומה של מלכות". די אידען וועלען אייך ניט מאכען קיין שום שטערונגען; זיי קענען אייך אבער ניט צוזאגען די קלענסטע הילף אפילו."

דער גראף איז אויפגעשפרונגען פאר כעס.

„איך וויים, איך וויים, — האט ער אויסגעשריען, — דער איד האלט תמיד מיט'ן שטארקען צד. שווינדלער. אונדאנקבארע ברואים! ניט נור ווילט איהר ניט צאהלען, נור אפילו ניט העלפען. הער, איד! היינט איז דינסטאג. דו האסט צייט איבערצורעדען מיט די אידען ביז שבת. וועסטו אבער ביז שבת־צו־נאכט ניט ברענגען די צושטימונג פון די אידען אדער דאס געלד, וועלען מיינע קנעכט זונטאג פריה בינדען אלע מענער אין קייטען, און די ווייבער און די קינדער פעריאגען פון דער שטאדט אהן רחמנות."

„ס'וועט ניט קומען דערצו" — האט זיך ר' ליב געוואלט אנרופען. דער גראף האט אבער אויסגעשריען:

„זאל ער געהן, דער איד, געשווינד זאל ער געהן. ביז שבת האט ער צייט!"

איך האב מיינס געטהאן, — האט ר' ליב געזאגט צו זיך אליין ביים פער־לאזען דעם גראפ'ס הויף. — מעהר בין איך ניט מחויב. ער איז א „מתחייב בנפשו" איז „דמו בראשו". זאל זיין בלוט פאלען אויף זיין קאפ

## 13

# דער קאַברינער ראש־הקהל ביים למד־ווו׳ניק אויף שבת

די לאַנגע נסיעה דורכ׳ן וואַלד. — די התנהגות פונ׳ם בעזים־בינדער. — ער הערט בייגאַכט אַ „בת־קול“. — דער למד־ווו׳ניק איז זיך מגלה צום ראש־הקהל. — דעם צורר ישראל׳ס מפלה. — די ישועה פון דער קאַברינער קהלה.

פרייטאג אין דער פריה, כעלות הבוקר, האָט ר׳ בנימין, דער קאַברינער ראש־הקהל, זיך אוועקגעלאָזט צופוס צום וואַלד, וועלכען ר׳ ליב שרה׳ס האָט איהם אָנגעוויזען. אַ חוץ דעם טלית, האָט ער מיט זיך מיטגענומען „לחם־משנה“ (צוויי חלות) און אַ פלעשעלע וויין אויף קידוש. אין וואַלד האָט ער דערזעהען אַ שמאָלען שטעג, וואָס פיהרט צווישען געדיכטע ביימער. ער האָט זיך אפילו געשראָקען זיך אַריינצולאָזען אין אַזא געדיכט וואַלד, ער האָט אָבער געהאַט בטחון, אַז דער צדיק וועט איהם בעשיצען פון אַלדאָס ביין.

עס איז שוין שפּעט נאָכמיטאָג און ר׳ בנימין האַלט נאָך אַלץ אין איין געהען, ניט זעהענדיג קיין שום הייזקע און ניט בעגעגענדיג קיין שום לעבעדיגע בריאה. ער האָט שוין באַלד פערלוירען די געדולד; ער האָט זיך אָבער מחזק געווען מיט אמונה אין צדיק׳ס דבורים.

פלוצים האָט ער דערזעהען אַ פויער קומט איהם אַקעגען. דאָס הארץ האָט איהם אָנגעהויבען צו קלאַפּען; ער האָט זיך אָבער געמאַכט קוראַזש און דעם פויער פריינדליך בעגריסט.

— וואוהין געהסט דו דאָ, איד? האָט איהם דער פויער געפרעגט. דיע־זער איינזאַמער שטעג פיהרט ניט צו קיין שום „ישוב“, נור צו דער אָרימער, צוברָאָכענער הייזקע פון „יענקי“ (יעקב), דער אָרימער בעזעם־בינדער. ער איז אָבער זעהר אָרים און דערצו נאָך זעהר ניט גאַסטפריינדליך. דו וועסט דעריבער בעסער טהון, צוריקצוגעהען אויף דעמזעלבען שטעג אין שטאָדט אַריין.

ר׳ בנימין האָט דעם פויער בעדאַנקט פאַר דער גוטער עצה, ער האָט איהם אָבער צו פערשטעהען געגעבען, אַז ער קען ניט מעהר צוריקגעהען, מחמת באַלד איז שבת און ער מוז רוהען. ער איז ווייטער געגאַנגען מיט פעסטע טריט און מיט אַ פרעהליך הארץ, וויסענדיג, אַז אָט באַלד איז ער ביי זיין ציעל.

באַלד האָט ער דערזעהען אַ נידריגע, כמעט צוזאַמענגעפאַלענע הייזקע שטעהען צווישען די ביימער. ער איז צוגעגאַנגען, און דורך דער האַלב גע־עפענטער טהיר אַריינגעגאַנגען אינ׳ם הויז, אין וועלכען ס׳איז ניט געווען מעהר

ווי איין־איינציג חדר, אינ'ם חדר, איז ניט געווען צו זעהען מעהר ווי צוויי אלטע בעטען, א צובראכען טישעל מיט צוויי הילצערנע בענקלעך.

נעבען דעם קוימען איז געשטאנען אן אלטע פרוי און אונטערגעבלאזען דאס פייער. דערזעהענדיג דעם פרעמדען איך, האט זי געמאכט א זויערע מינע פרעגענדיג: „וואס טהוט איהר עפּיס דא? איך האב אייך גאר ניט וואס צו געבען, ניט אמאל א שטיקעל טרוקען ברויט אדער אפילו א נאכטלעגער".

„איך פערלאנג פון אייך גאר ניט", האט איהר ר' בנימין געענטפערט. „איך האב מיט מיר חלות און וויין. שלאפען קען איך אין דרויסען אויף דער באנק הינטער דעם בוים. איך בעט אייך נור אום א שטיקעלע פלאץ וואו איך זאל עסען מיין סעודת־שבת".

„אבער אום־גאטעס־ווילען, וואס האט אייך עפּיס אהערגעפיהרט צו דיע־זען אבגעלעגענעם ארט. —האט די אלטע אויסגערופען מיט פערוואונדערונג,— און נאך דערצו אין סאמע ערב שבת!"

„דאס קען איך אייך איצט ניט זאגען, האט זיך ר' בנימין אנגערופען". אבער איידער ער האט נאך געענדיגט זיינע דבורים, איז דער אלטער בעל־בית אנגעקומען.

ער איז געווען א פעסט געבויטער הויך געוואקסענער מאן, מיט א גראבען אויסזעהען און א מגושם'דיג פנים, פון וועלכען ס'האבען ארויסגעבלישטשעט צוויי ווילדע, אונרוהיגע אויגען, ווי פון א וואלד־גזלן; אנגעטהון איז ער גע־ווען פונקט ווי א דארפס־פויער.

ניט קימערענדיג זיך וועגען דעם פרעמדען אורח, האט ער פון זיך ארונ־טער געווארפען דאס בינטעל ריטלעך און דעם גראבען „סערדיק", און איז ארויסגעלאפען צום ברונען זיך אבצוואשען די הענד און דאס פנים. די אלטע האט דערווייל געדעקט דעם טיש, געלעגט צוויי קליינע שווארצע ברויט־לעך, און געבענשט די שבת־ליכט איבער צוויי קלייניקע חלב'נע ליכטלעך.

ר' בנימין איז ארויסגעגאנגען אין וואלד אריין, זיך געשטעלט אונטער א בוים מקבל־שבת זיין. ווען ער איז צוריקגעקומען, האט ער געטראפען דאס אלטע פאר־פאלק פראווען די שבת־סעודה. דער אלטער האט געזאגט די „זמירות" פון אן אלטען סדור, מיט סאמע גרייזען, ווי אן אמת'ער גראבער־יונג. די אלטע האט זיך אויפגעהויבען און געהייסען ר' בנימינ'ען זעצען ביים טיש און עסען זיין סעודה.

באלד נאכ'ן בענטשען איז ר' בנימין געגאנגען אין וואלד אריין און זיך געלעגט אויף דער הילצערנער באנק. כאטש ער איז שטארק מיד געווען, האט ער דאך לכתחלה ניט געקענט איינשלאפען. זיינע געדאנקען האבען איהם קיין מנוחה ניט געגעבען: צו וואס האט איהם עפּיס דער „רבי" אהער געשיקט? וואס קען איהם דיעזער עם־הארץ העלפען אין דער גרויסער נויט? ענדליך איז ער דאך פעסט איינגעשלאפען.

אין מיטען דער נאכט האט ער זיך אויפגעכאפּט און דערהערט א זיסען, נעימות'דיגען קול, וואס צוגעהט זיך אין אלע איברים, זינגענדיג שירות

ותשבחות און לערנענדיג „סתרי תורה״. ער האט געהערט בחוש, אז דאס זיסע קול קומט פון דער צובראכענער הייזקע. ער האט געוואלט אויפמאכען די אויגען, זעהען וואס ס׳טהוט זיך ארום איהם, ער האט עס אבער ניט געקענט. ער האט זיי מיט געוואלט קוים אן עוקץ געעפענט און האט דערזעהען פייערדיגע אותיות קומען ארויס פון דער הייזקע און בעלייכטען דעם גאנצען וואלד מיט א הימלישעם ליכט. דאן האט ער געהערט א געזאנג פון א מלאכים הארמאניע זינגענדיג: „אל תירא עבדי י ע ק ב״ (האב ניט מורא, מיין דיענער יעקב). באלד איז ער ווידער איינגעשלאפען.

ר׳ בנימין איז שוין דעם גאנצען טאג שבת געווען ווי צורודערט. ער איז ביי זיך שוין זיכער געווען, אז ער האלט איצט שבת ביי א למד־ויו׳ניק, ער האט אבער בשום אופן ניט געקענט אויסגעפינען פונ׳ם אלטענ׳ס התנהגות עפּיס א צייכען פון פרומקייט און יראת־שמים.

שבת־צו־נאכטס, אזוי ווי ס׳האבען זיך נור בעוויזען אויפ׳ן הימעל די ערשטע דריי שטערען, האט יענקי דער בעזעם־בינדער אנגעטהון זיין גראבען „סערדאק״, גענומען דאס בינטעל צווייגען אויף די פּלייצעס און זיך געלאזט אוועקגעהען.

ר׳ בנימין האט איהם פערשטעלט דעם וועג.

„רבי, איהר מוזט אונז העלפען!״

דער בעזים־מאכער איז בלאס געווארען ווי די וואנד, אלע זיינע איברים האבען אנגעהויבען צו ציטערן.

„וואס טהוט איהר דא? ווער האט אייך אהער געשיקט צו מיר?״

„די אידישע קהלה אין קאברין איז אין א גרויסער סכנה חרוב צו ווערען און ר׳ ליב שרה׳ס האט מיך געשיקט צו אייך, איהר, הייליגער צדיק, זאלט אונז העלפען, מחמת די צייט איז קורץ.״

„כ׳ווייס שוין, כ׳ווייס אלעס, האט זיך דער אלטער אנגערופען. גאט דער היטער פון ישראל, האט פרייטאג צו־נאכטס דערהערט אונזער תפלה און געבראכט זיין משפט איבער׳ן שונא׳ס קאפּ. די סכנה איז שוין פאריבער. איהר זאלט אבער וויסען, אז מיין לעבען איז איצט אין א סכנה, ווען נאך א דריטער זאל געוואהר ווערען ווער איך בין, מוז איך שטארבען, כאטש איך האב נאך פיעל מתקן צו זיין אויף דעם עולם. דערצעהלט ניט, למען השם, פאר קיין שום בן אדם וואס איהר האט דא געזעהען אדער געהערט ביז נאך ר׳ ליב שרה׳ס פטירה.

„איצט קומט, וועל איך אייך בעגלייטען, האט צו איהם דער בעזים־בינדער ווייטער געזאגט. איך וועל אייך ארויספיהרען מיט א קורצען וועג פונ׳ם וואלד. איהר וועט דערזעהן נעבען דעם שאסע א קרעטשמע, דארט זאלט איהר איבערנעכטיגען, און אין דער פריה זאלט איהר מיט׳ן שאסע געהן אהיים קיין קאברין, דארט וועט איהר שוין אלץ הערען.״

אריינקומענדיג זונטאג פריה קיין קאברין, איז ר׳ בנימין נבהל ונשתומם געווארען דערזעהענדיג. דאס גאנצע שטעדטעל געהען ווי אויף רעדער. מען

האט איהם באלד דערצעהלט די איבערראשענדיגע נייעס, אז שבת פריה איז א מחנה פון רוסישע מיליטער בעפאלען דעם גראפ'ס הויף, איהם, דעם גראף, האט מען אוועקגעפיהרט געשלאסען אין קייטען קיין פעטערסבורג, דאס שלאס האט מען פערזיגעלט און אין הויף איז פערבליבען א וואך פון מיליטער ; און דאס אלץ איז געשעהען אין א טאג איידער ער האט געזאלט ארויסטרייבען די אידען פון קאברין. ממש נפלאות הבורא !

א צייט לאנג האט מען גאר ניט געהערט וואס ס'איז געשעהען מיט'ן גראף. די קאברינער אידען האבען כסדר געלעבט אין שרעק טאמער וועט ער, דער שונא ישראל, נאך צוריקקומען אהיים און אויספיהרען זיין „גזרה רעה". זיי צו פעריאגען פון זייערע היימען. ר' בנימין האט דאן ווידער אויפגעזוכט ר' ליב שרה'ס, איהם אלץ דערצעהלט וואס ס'האט פאסירט די לעצטע צייט.

„האט ניט קיין מורא, האט איהם ר' ליב געענטפערט. דער עוכר ישראל קען ניט מעהר האבען קיין תקומה. דער צדיק ר' י ע ק ב האט איהם דן געווען למיתה. מען האט אין הימעל זיין תפלה אנגענומען און איהם געענטפערט : „אל תירא עבדי יעקב".

אין עטליכע חדשים ארום, האט דער ראש־הקהל בנימין דערהאלטען אן איינלאדונג צו קומען תיכף צום גובערנאטאר. דארט האט מען איהם מודיע געווען, אז דער גראף אופינסקי איז פעראורטיילט געווארען צום טויט און די רעגיערונג האט איבערגענומען אין בעזיץ זיין גאנץ פערמעגען. בנוגע דעם שטעדטעל קאברין, האט די רעגיערונג בעשלאסען צו שענקען די אידען דעם ראדען אויף וועלכען זיי וואוינען שוין צעהנדליגער יאהרען, און צו געבען זיי כתוב וחתום, אז מהיום והלאה איז אלץ זייער אייגענטום.

די סיבה וואס די רעגיערונג איז פלוצים אזוי גוט געווארען צו די קאברי־נער אידען, איז געווען די פאלגענדע :

צווישען די דאקומענטען וואס די רעגיערונג האט קאנפיסקירט אינ'ם הויף פונ'ם גראף אופינסקי, וועלכער איז צוזאמען מיט אנדערע אדעליגע פוי־לען פעראורטיילט געווארען אלס רעוואלוציאנער, האט זיך געפונען א בריעף וואס דער גראף האט געשריבען צו זיינעם א פריינד, אין וועלכען ער טיילט איהם מיט, אז ער, גראף אופינסקי, האט געהאט אן אונטעררעדונג מיט א גרוי־סען „ראבין" פון די אידען און האט זיך איבערצייגט, אז ביי אן אויפשטאנד נעגען דער רוסישער רעגיערונג קען מען זיך אויף די אידען לחלוטין גאר ניט סומך זיין. ס'האבען ניט געהאלפען די אלע דראהונגען מיט וועלכע ער האט זיי געסטראשעט ; ער האט זיי אויך ניט געקענט בעאיינפלוסען דורך פער־שידענע גוטע הבטחות. זיי ווילען באין אופן. פאר כל הון דעלמא, ניט מורד זיין געגען דער רעגיערונג.

די רעגיערונג האט דעריבער בעשלאסען צו בעצאהלען די קאבריגער אידען פאר דער טריהייט פון זייערע ברידער.

## 14

# דרשה־געשאַנק פון אַ טויטער שוועסטער

**דער קדושת לוי קומט אָן קיין בערדיטשעוו. — ער שיקט אַ חסיד פאַר אַ ישועה צו ר׳ ליב שרה׳ס. — דער עונש פאַר אַן אָבגעלאָזטען שדוך. — טענה׳ט זיך אוים מיט אַ בר־מינן. — יעדער צדיק האָט אַ בעזונדערע ממשלה.**

מיט גרוים פּאַראַד, כבוד און גדולה, איז ר׳ לוי יצחק דער „קדושת לוי" אָנגעקומען קיין בערדיטשעוו, פיער טעג פאַר שבועות פון יאָהר תקמ"ה, צו איבערנעהמען דאָס שטאָדט־רבנות. אַלע אידען פון דער שטאָדט פון קליין ביז גרוים, זיינען אָנקעגען געפאָהרען אָדער געגאַנגען צו פוס דעם צדיק מקבל־פּנים צו זיין און כאַפּען איין וועגס א ברכה.

אויך דער צדיק אליין האָט זיך יענעם טאָג געפיהלט זעהר געהויבען; מען האָט בעשיינפּערליך געקענט דערקענען אָן זיין צורה דאָס התרוממות הנפש און אינעווייניגסטע שמחה. נאָך 25 יאָהר פון צרות און עגמת־נפש, רדיפות און חרמות מצד די מתנגדים, האָט דער צדיק סוף כל סוף געפונען מנוחה, און זוכה געווען, אז די גרעסטע אידישע שטאָדט אין דער גאנצער געגענד, האָט איהם אויפגענומען פאר א מרא־דאתרא, און איצט וועט ער שוין זיין ביכולת צו דיענען דעם בורא־כל־העולמים אָהן בלבול־הדעת און אָהן שברון־לב.

צווישען די טויזענדע פרעמדע חסידים, וועלכע זיינען דעמאָלט געקומען צופאָהרען לכבוד דעם ערשטען קבלת־פּנים, און טאָקע דאָרט ביים רבי׳ן מקבל זיין די תורה אום שבועות, איז אויך געווען דעם בערדיטשעווערס א הייסער חסיד, ר׳ שמחה פּינסקער. בעת דער בערדיטשעווער האָט נאָך געוואוינט אין פּינסק, האָט ר׳ שמחה ממש געקלעפּט אָן דעם צדיק און כמה פּעמים געהאַט פאר איהם מסירת־נפש. דער צדיק האָט דאָס גוט געוואוסט און ר׳ שמחה׳ן זעהר ליעב געהאַט.

ר׳ שמחה, וועלכער איז שוין געווען א בן ארבעים און נאָך אַלץ קיין קינדער ניט געהאַט, פלעגט כסדר דערקוטשען דעם רבי׳ן ער זאָל פאר איהם מתפּלל זיין, דאָס זיין ווייב זאָל געהאָלפען ווערען מיט זרע־של־קיימא. דער רבי האָט איהם אָבער כסדר מדחה געווען מיט דעם ענטפער: ס׳איז נאָך ניט די צייט, מען מוז וואַרטען אויף אַן עת רצון — און ר׳ שמחה האָט געפאָלגט און כסדר געוואַרט. „איצט איז דער ריכטיגער עת רצון", האָט זיך ר׳ שמחה געטראַכט, בעת

דער צדיק האָט זיך צום ערשטען מאָל געזעצט אויפ'ן בערדיטשעווער־כסא הרבנות און אויפגענומען זיינע חסידים. „היינט מוז איך האָבען די ישועה".

„העלפט מיר היינט, הייליגער צדיק, האָט ר' שמחה אויסגערופען ביים קבלת־שלום. זאָל אייער גרויסע שמחה און די שמחה פון אייערע חסידים משפיע זיין א שטראהל פון שמחה אין מיין געבראָכען הארץ; זייט מתפלל, רבי, און ווינשט מיר אן אמת'ע ישועה".

„איך קען דיר ניט העלפען, האָט איהם דער רבי געענטפערט, נור איך קען דיר געבען אן עצה וואו דו קענסט האָבען א ישועה. געה תיכף ומיד אין דעם געסעל נעבען דער שטאָדטישער שוהל, דאָרט וועסטו זעהן א קליין הייז־קעלע, נידריגער פון אלע הייזער פונ'ם געסעל. געה אריין אין געוועלבעל. דאָרט וועסטו טרעפען אן אלטען איד אין א גרויסען ספאָדיק טרוד ביי איינפּאקען זיינע חפצים; צו איהם זאָלסטו צוגעהן און בעטען א ישועה. ווי באלד ער וועט דיר אבזאגען, זאָלסטו איהם זאָגען, אז ר' לוי יצחק זשעליכאָווער האָט געזאָגט, דאָס השם־יתברך איז ניט מבלה זיינע הימלישע כחות אומזיסט, אז ער איז עמיצען מזכה מיט א כח, וויל ער, אז מען זאָל דעם כח אויסנוצען און ברענגען צו די מענשען עפּעס א תועלת.

ר' שמחה האָט אזוי געטהאָן. לכתחילה האָט דער איד אויף איהם זיך אפילו ניט געוואָלט אומקוקען, נור ווייטער איינגעפּאקט זיינע ספרים און טלית און תפלין, גלייך ניט איהם מיינט מען דאָס. אזוי ווי אָבער ר' שמחה האָט איהם איבערגעגעבען דעם בערדיטשעווער'ס דבורים, האָט זיך דער איד אומגעדרעהט, געגעבען ר' שמחה'ן „שלום", און זיך אנידערגעזעצט אויף א בענקעל.

דיעזער איד איז געוועזן ר' ליב שרה'ס.

„זענט איהר אמאָל געוועזן אין סובאָלק?" — האָט איהם ר' ליב שרה'ס געפרעגט.

„יאָ, רבי, — האָט איהם ר' שמחה געענטפערט — נאָך אלס בחור בין איך דאָרט געוועזן".

„האָט איהר דאָרט געקענט א איד מיט'ן נאָמען אליעזר, וועלכער האָט געהאַט א טאָכטער, א מיידעל א צנועה, שרה פייגא?" — האָט איהם ר' ליב ווייטער געפרעגט.

ר' שמחה איז געוואָרען בלאַס ווי די וואנד, אלע זיינע איברים האָבען אנגעהויבען שרעקליך צו ציטערען.

„וואָס איז אייך געשעהן? פיהלט איהר אפשר שלעכט? אָט טרינקט אביסעל וואסער און בערוהיגט אייך".

„ר' אליעזר איז טאקע געוועזן מיין מחותן, און דאָס מיידעל שרה פייגא מיין כלה; איך האָב דאָן אָבגעלאָזט דעם שדוך מחמת דער מחותן האָט ניט געהאַט קיין מזומנים מיר מסלק צו זיין דעם פערשפּראָכענעם נדן", — האָט דאָן ר' שמחה דערצעהלט פאַר ליב שרה'ס מיט א ציטערדיגען קול.

„דאָס איז די סיבה וואָס איהר האָט ניט קיין קינדער, האָט צו איהם ר' ליב

שרה׳ס געזאָגט. דער צער פון אַן אָרימע כלה וואָס אַ חתן איז זי מבייש איז צו טיעף; איהרע טרעהרען דערגרייכען ביז צום כסא־הכבוד, אַזוי, אַז אפילו אַזאַ צדיק ווי ר׳ לוי יצחק זשעליכאָווער קען זיי ניט אָבווישען. איך האָב אָבער פאַר אייך אַן עצה. זאָגט מיר קודם־כל, ווי גרויס איז אייער פערמעגען?"

„ווען איך זאָל אויספערקויפען הכל־כאשר־לכל, קען איך דערפון מאַכען אַן יָרד פון דריי הונדערט רענדלעך", — האָט איהם ר׳ שמחה געענטפערט.

„וואָלט איהר מסכים געוועזן אַלצדינג אויסצופערקויפען און דאָס גאַנצע געלד צו פערשווענדען אבי צו האָבען אַ בן זכר?" — האָט איהם ר׳ ליב געפרעגט.

„איך מוז מיך פריהער מתיעץ זיין מיט מיין ווייב, מחמת זי ארבייט מיט אין געשעפט. און איז דעריבער אַ שותף צו דעם ביסעל בעל־בתיש׳קייט".

„ס׳פערשטעהט זיך, אַז איהר טאָרט לחלוטין ניט טהאָן אַזאַ זאַך אָהן אייער ווייב׳ס הסכמה. ובכן, פאָהרט אַ היים, זייט אייך מתיעץ מיט אייער ווייב, און אויב זי וועט מסכים זיין, זאָלט איהר תיכף ומיד פערקויפען הכל־כאשר־לכל, נעהמען דאָס געלד און אוועקפאָהרען קיין באַלטע אויפ׳ן יריד, דאָרט וועט איהר טרעפען אייער געוועזענע כלה, איהר זאָלט איהר געבען צוויי הונדערט רענדלעך און בעטען זי זאָל אייך מוחל זיין. איך בין אייך מבטיח, אַז איהר וועט ביי איהר אויספועל׳ן אַ מחילה, און אייער ווייב וועט צום יאָהר געהאָלפען ווערען מיט אַ בן־זכר לאריכות ימים. אָבער נור בתנאי איהר זאָלט „אומר ועושה" אהיים פאָהרען, זיך אפילו ניט געזעגנען מיט אייער רבי׳ן; די תורה קען מען אין פינסק אויך מקבל זיין".

ר׳ שמחה איז תיכף אַ היים געפאָהרען, מיט׳ן ווייבס הסכמה האָט ער אַלץ אויספערקויפט און מיט׳ן געלד אין האַנד האָט ער זיך דאַן אוועקגעלאָזט קיין באַלטע אויפ׳ן יריד.

עטליכע טעג האָט זיך ר׳ שמחה ארומגעדרעהט אין באַלטע אין אַלע גאַסען קוקענדיג און זוכענדיג די געוועזענע כלה, אָבער אומזיסט; ער האָט זיך שוין כמעט ווי מייאש געווען זי אויסצוגעפינען. אָבער ווען ער איז אַזוי געגאַנגען איבער׳ן מאַרק, האָט עס פּלוצים אָנגעהויבען שטאַרק צו רעגענען. ר׳ שמחה האָט זיך געוואָלט לאָזען אריינגעהן אין אַ הויז זיך צו שיצען פונ׳ם רעגען. ביים אריינגאַנג זיינען געשטאַנען צוויי ווייבער איןביידע זייטען פונ׳ם טהיר ריידענדיג איינע צו די צווייטע. ר׳ שמחה האָט זיך אָבגעשטעלט פאַר אַ ווייל, ניט ווילענדיג דורכגעהן צווישען צוויי פרויען.

ער האָט פּלוצים דערהערט ווי איינע פון די פרויען זאָגט צו דער צווייטע:

„דו „קוקסט אַן דעם חסיד? ער האָט מורא דורכצוגעהן צווישען צוויי פרויען זיי זאָלען איהם ניט פער׳כשופ׳ען; ער האָט אָבער גאָר ניט קיין מורא געהאַט אָבצולאָזען אַ שדוך צוליעב געלד און צוברעכען דאָס הארץ פון אַן אָרימע יתומה".

ניט ווילענדיג האָט ר׳ שמחה אויפגעהויבען זיינע אויגען און דערקענט

אין דער פרוי זיין געוועזענע כלה. ער האָט זיך געמאַכט קוראַזש, צו איהר צוגעגאַנגען און געפרעגט:

„זייט איהר ניט ש ר ה פ י י ג א די טאָכטער פון ר׳ אליעזר סוי־באַלקער?"

„אַזוי? איהר האָט מיך דערקענט? וואָס טהוט איהר דאָ עפּיס אויפ׳ן יריד?"

ר׳ שמחה האָט איהר אויפ׳ן אָרט אַלץ דערצעהלט, און מיט טרעהרען אין די אויגען איהר אָנגעבאָטען די גרויסע סומע פון צוויי הונדערט רענדלער, ...י זי זאָל איהם מוחל זיין דעם חטא אויף וועלכען ער האָט כל ימי חייו חרטה.

„איך וואָלט אייך לעולם ועד ניט מוחל געווען, האָט זי צו איהם געזאָגט. אַ צובראָכען הארץ פון אַ מיידעל, דערצו אַ יתומה, קען מען מיט געלד ניט פערלאָטען. נאָר אַזוי ווי דער רבי מיט׳ן הויכען ספּאָדיק האָט אייך אהער געשיקט, וועל איך אייך מוחל זיין, נור בתנאי, איהר זאָלט תיכף אוועקפאָהרען קיין סובאַלק, אויפזוכען מיין ברודער ליב און איהם געבען די צוויי הונדערט רענדלער אין וועלכע ער נויטיגט זיך איצט זעהר, מסלק צו זיין דעם נדן פון זיין טאָכטער. מ י ר געהט׳ס ב״ה גוט, איך דאַרף ניט קיין געלד".

„זאָגט מיר זיין אדרעס וועל איך איהם דאָס געלד שיקען מיט די פּאָסט, האָט זיך ר׳ שמחה ביי איהר געבעטען רחמים, אָדער נעהמט איהר ביי מיר דאָס געלד און שיקט איהר עס צו איהם. איך בין שוין מיעד פונ׳ם גרויסען טלטול הדרך".

„איך בין אייך אַנדערש ניט מוחל, ביז איהר וועט דאָס געלד בידים אי־בערגעבען צו מיין ברודער און טאָקע ווי אַם שנעלסטען".

ר׳ שמחה האָט זיך נעבאַך געמוזט מטריח זיין קיין סובאַלק און באַלד זיך אָנגעפרעגט צו ר׳ ליב׳ס הויז.

געטראָפען האָט ער דעם בעל־בית זעהר בעטריבט. ס׳איז פּונקט געווען פאַר דער חתונה פון זיין טאָכטער, דער מחותן אָבער האָט געוואָלט אָבלאָזען דעם שדוך, מחמת ר׳ ליב איז ניט בכח געווען מסלק צו זיין דעם נדן.

„וואָס פערלאַנגט אַ איד?" — האָט איהם ר׳ ליב געפרעגט.

„כ׳בין געקומען אייך אָבגעבען אַ גרוס פון אייער שוועסטער שרה פייגא, וועלכע איך האָב בעגעגענט פאַר עטליכע וואָכען אין באַלטי".

„אַ גרוס פון שרה פייגא? אין באַלטע האָט איהר זי געטראָפען? צו וואָס מיין ליבער איד מיר פערדרעהען אַ קאָפּ מיט שקרים, זאָגט בעסער וואָס איהר דאַרפט; אַרויס מיט קלאָהרע דבורים".

„כ׳זאָל אַזוי זוכה זיין צו זעהן בשלום מיין ווייב, ווי כ׳האָב געזעהען אייער שוועסטער שרה פייגא. אַט האָט איהר אַ וואָרטס־צייכען: זי האָט אייך געשיקט צוויי הונדערט רענדלער דרשה־געשאַנק צו אייער טאָכטער׳ס חתונה".

ריידענדיג דיעזע ווערטער, האָט ר׳ שמחה אַרויסגענומען אַ לייווענטען זע־קעלע און אויסגעשאָטען אַ קופּקעלע רענדלעך אויפ׳ן טיש פאַר ר׳ ליב׳ס אויגען. דערזעהענדיג די רענדלעך, איז ר׳ ליב אונגעהייער איבעראַשט געוואָרען.

ער האָט לחלוטין ניט געקענט פערשטעהן וואָס דאָ טהוט זיך ארום איהם. איז דאָס אפשר אליהו הנביא, אָדער עפּעס א מין שווינדלער וואָס האָט דערביי א בייזע כונה? ער האָט בעטראַכט די רענדלאַך פון אלע זייטען, כדי זיך, הפּנים, צו איבערצייגען אויב דער גאנצער ענין איז ניט קיין פּוסטער חלום.

„דערצעהלט מיר, כ׳בעט אייך אלעס ווי אזוי איהר זענט געקומען צו זעהן מיין שוועסטער און פון וואנעט איהר זענט אזוי זיכער אז דאָס איז שרה פייגא.

ר׳ שמחה האָט איהם אלץ דערצעהלט פון אלף ביז תיו.

„וואָס צדיקים קענען! האָט ר׳ ליב סובאַלקער אויסגערופען מיט גרויס ערשטוינען. הפּנים, אז דער פּסוק: „השמים שמים לה׳ והארץ נתן לבני אדם" (די הימלען געהערען צו גאָט און די ערד צו די מענשען־קינדער) בעציהט זיך לחלוטין גאָר ניט אויף זיי, מחמת זייער ממשלה דערגרייכט אויך ביז אויף יענער זייט פון דער ערד. ווייסט איהר, ר׳ שמחה, ווענען איהר האָט געזעהן אויפ׳ן באַלטער יריד און מיט וועמען איהר האָט גערעדט? איהר האָט געזעהן א ב ר מ י נ ן! איהר האָט איינגע׳טענה׳ט מיט א מ ת! מיין שוועסטער שרה פייגא איז שוין פופצעהן יאָהר טויט און ליגט טאַקע אויפ׳ן היגען בית־הקברות. איך קען אייך ווייזען דעם קבר און די מצבה. אָט דאָ קען מען זעהן נפלאות פון דעם צדיק׳ס הימלישען כח און למעלה־מן־הטבע׳דיגע גבורה".

ווען ר׳ שמחה איז נאָכדעם געקומען צום בערדיטשעווער צדיק, קוים ער האָט נור מקבל שלום געווען, איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט איהם עפּעס צו דערצעהלען, האָט זיך דער רבי צו איהם אָנגערופען און געזאָגט:

„איצט ווייסט דו שוין, שמחה, פאַרוואָס איך האָב דיר ניט געקענט העלפען? „אין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלוא נימא". יעדער צדיק האָט זיך א בעזונדערען כח און א בעזונדערע ממשלה איבער די כחות הטבע. דער מושל איבער די אידישע נשמות איז דער פערבאָרגענער צדיק ר׳ ליב שרה׳ס, און איך טאָר ניט און קען ניט אידם משיג־גבול זיין, מחמת דאָס איז ז י י ן עובדא".

צום יאָהר האָט ר׳ שמחה׳ס ווייב געבוירען א בן־זכר.

# 15

# אַ הויכע נשמה, אַלס אַ בר־מצוה־מתנה

נשמות פון צדיקים. — דער צויבער־שפּיעגעל. — דעם בעל־שם'ס נסיעה. — פון וועמען ער האָט ערהאַלטען די „תוספת־נשמה".

דאָס איז געשעהן אינ'ם לעצטען יאָהר, עטליכע חדשים פאַר ר' ליב שו"ה'ס פּטירה.

שבת־צו־נאַכטס, האָט ר' ליב שרה'ס געשיקט אַריינרופען די חסידים, ווי זיין סדר פלעגט זיין, מיט זיי צו שמועסען חסידות און דערצעהלען ספּורים פון צדיקים.

דאָס מאָל איז גראַד געווען אַ זעהר הויכער שמועס. דער צדיק האָט פאַר זיינע חסידים מגלה געווען טיעפע ענינים מכח די נשמות פון צדיקים. מיט גרויס תשוקה און בעגייסטערונג האָבען זיך די חסידים צוגעהערט צו יעדען דבור וואָס איז אַרויס פונ'ם צדיק'ס מויל.

„ס'איז אַ זעהר זעלטענע זאַך, אַז אַ מענש, אפילו אַ גאָר גרויסער צדיק, זאָל בעקומען אַ פ ר י ש ע נשמה, וואָס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען אויף ד ע ם עולם. אַלע צדיקים האָבען תמיד די נשמות פון די פריהער־דיגע צדיקים. דער בעל־שם האָט געהאַט דעם ר"י'ס (ר' יצחק לוריא'ס) נשמה, דער ר"י — ר' שמעון בן יוחאי'ס נשמה. מיין רבי האָט געהאַט די נשמה פון ר' סעדיה גאון, וועלכער האָט געהאַט די נשמה פון חזקיהו מלך יהודה. דער הייליגער „אור החיים" (ר' חיים בן עטור) האָט געהאַט די נשמה פון ר' משה קורדאַוואַרי, וועלכע איז צו איהם געקומען פונ'ם תנא ר' עקיבא".

די חסידים האָבען אויפגעשטעלט מויל און אויערען. אפשר וועט זיי דער רבי מגלה זיין וועמעס נשמה ע ר האָט; אוי, וואָלטען זיי דאָס גע־וואָלט וויסען!

און ר' ליב דערצעהלט ווייטער:

„ס'זיינען פאַראַנען צדיקים וואָס האָבען די זכיה צו האָבען אַ נשמה „בעלת דו פּרצופים" (פון צוויי פּנים'ער)· אַ חוץ די „נשמה מקורית", די אור־שפּרינגליכע נשמה, וועלכע זיי בעקומען בשעת זיי ווערען געבוירען, בעקומען זיי בשעת „בר מצוה". אָדער בשעת חתונה, אַ „תוספת נשמה". דערצו מוז מען אָבער האָבען אַ גרויסע זכיה.

„בעת איך בין געוואָרען בר מצוה — האָט ר' ליב ווייטער דערצעהלט —

איז מיין מוטער ז״ל מיט מיר געגאנגען צום רבי׳ן ר׳ בער ער זאל מיר געבען א ברכה.

„איך האב פאר ליב׳לען א שעהנע בר־מצוה מתנה, אבער גאר א שעהנע! — האט זיך דער רבי אנגערופען צו מיין מוטער בעת ער האט מיך געבענשט.

„מיר האבען ביידע ניט פערשטאנען וואס ער מיינט אייגענטליך פאר א מתנה, מחמת ער האט מיך דעמאלט, ווי ס׳האט אויסגעוויזען, גאר ניט גע־געבען; שפעטער, אזוי ווי כ׳בין מעהר געקומען צום שכל, האב איך ערשט הופס געוועזן מיט וואס פאר א מין מתנה ער האט מיך דעמאלט מכבד געווען״.

דאן האט ר׳ ליב אנגעהויבען צו דערצעהלען א ספור המעשה פונ׳ם „אור החיים״.

„ר׳ חיים בן עטור, דער מחבר פונ׳ם „אור החיים״, איז דוקא ניט געווען קיין גוטער־איד אויפ׳ן פוילישען אופן, ער האט ניט געהאט קיין חסידים, ניט גענומען קיין „פדיונות״ און ניט געפיהרט קיין רבי׳שע „טישען״, פונדעסט־וועגען האט ער געהאט דיזעלבע הימלישע מדרגות ווי דער בעל־שם הקדוש. בעת הצורך, האט ער אויך געוויזען נפלאות׳דיגע מופתים.

„בעת דער „אור החיים״ האט נאך געוואוינט אין דער שטאדט מאגאדאר, אין מאראקא, איז אמאל דער סולטאן פון מאראקא אנגעקומען קיין מאגאדאר, דארט צו פייערען זיין געבורטסטאג.

„ער האט דאן געלאזען אויסרופען אין דער גאנצער שטאדט, אז יעדער מענש וואס זיין געבורטסטאג געפאלט אין דעמזעלבען טאג, האט דאס רעכט נאר איהם צו ערשיינען, פון איהם צו פערלאנגען וואס־עס־איז פאר א בקשה, דער אלמעכטיגער סולטאן וועט זיין רצון ממלא זיין.

„ס׳מעלדעט זיך פלוצים דער שטאדט־רב ר׳ חיים בן עטור, און בעט דעם סולטאן ער זאל מיט זיין גנאדע ביי איהם צונעהמען א מתנה, א קליין שפיע־געלע, אין וועלכען דער סולטאן קען זעהן וואס זיין הארץ ווינשט נור צו זעהן.

„קען איך אויך זעהן וואס ס׳טהוט זיך איצט ביי מיר אין דער היים אין מיין הויף?״ — האט דער סולטאן געפרעגט ר׳ חיים׳ען מיט א הלצה׳דיגען שמייכעל.

„אודאי און אודאי, אדוני המלך!״ — האט איהם דער „אור החיים״ גע־ענטפערט — אדרבא, פרובט און גיט א קוק אין שפיגעלע פאר א רגע.

דער קעניג האט א קוק געטהאן און איז בלאס געווארען ווי די וואנד. ער האט דערזעהן ווי זיין פלגש (געליעבטע), טהוט א „מעשה רע״ מיט׳ן גרויס־וויזיר.

דער כעס פונ׳ם סולטאן איז געווען מורא׳דיג.

„וואס איז צו טהון?״ — האט ער אויסגערופען אין גרויס אויפרעגונג.

„שיסען! אדוני מלך, שיסען תיכף ומיד! — האט צו איהם ר׳ חיים געזאגט״.

„באלד איז דאס שפיגעלע געלעגען אויף דער ערד, צושאסען אויף פיץ־פיצלעך.

„קומענדיג אַהיים, האָט דער סולטאַן געטראָפען די שטאָדט אין אַ גרויסען אויפרוהר. דער המון האָט בעלאַגערט די אידישע שכונה (קוואַרטאַל), וועלענדיג פערניכטען אַלע אידען. דער גרויס־וויזיר איז געפונען געוואָרען דערשאָסען נעבען דעם טויער פון דער אידישער גאַס.

„דער סולטאַן האָט זיי מציל געווען פון אַ זיכערען טויט און זיי נאָך געגעבען פיעל זכיות.

„דער בעל־שם האָט זעהר משתוקק געווען צו זעהן זיך מיט'ן „אור החיים", וועלכער האָט שפּעטער געוואוינט אין ירושלים — האָט ר' ליב וויטער דערצעהלט — מען האָט איהם אַמאָל מגלה געווען פון הימעל, אַז וויבאַלד זיי ביידע, ער מיט'ן אור החיים, וועלען מיחד זיין די נויטיגע יחודים, וועלען זיי קענען ברענגען די גאולה. אים ווינטער פונ'ם יאָהר תק"ג האָט ער בעשלאָסען איבערצולאָזען דאָס גוט־אידישקייט מיט די חסידים און צו פאָהרען קיין ירושלים זיך צו זעהן מיט'ן „אור החיים".

„נאָך פיעל טלטולים איז ער אָנגעקומען קיין סטאַמבול. דאָרט האָט ער בעזוכט דאָס קבר פון דעם גרויסען ר' נפתלי, דער מחבר פון „סמיכת חכמים", וועלכער האָט זיך מיט 24 יאָהרען פריהער אויך געלאָזט פאָהרען קיין ירושלים און געשטאָרבען אויף דער רייזע אין סטאַמבול.

„ביינאַכט איז ר' נפתלי געקומען דעם בעל־שם צו חלום, און האָט איהם מודיע געווען, אַז באם ער וועט ניט תיכף ומיד צוריקפאָהרען אַהיים, וועט ער, דער בעל־שם, אויך האָבען דעמזועלבען סוף צו שטאַרבען „על אדמת נכר", אין דער פרעמד. ירושלים וועט ער סאַי־ווי ניט זוכה צו זיין צו זעהן.

„תיכף דעם ערשטען טאָג חול־המועד פסח האָט זיך דער בעל־שם אויפגעזעצט אויף אַ שיף צו פאָהרען קיין אָדעס. אויפ'ן ים איז דאָס שיף געפאַנגען געוואָרען פון ים־גזלנים, און נאָך גרויסע נסים האָבען איהם די גזלנים אַראָבגעלאָזט פון דער שיף אין דער שטאָדט קיליאַ.

„דריי חדשים שפּעטער, אַם פרייטאַג, ט"ו תמוז, תק"ג, מיט צוויי טעג פריהער איידער איך בין געוואָרען בר־מצוה, איז ר' חיים, דער „אור החיים", געשטאָרבען אין ירושלים.

„צו מאָרגענס, אום שבת פ' פנחס, בעת דער בעל־שם האָט זיך אין מעזיבוש געוואַשען צו „שלש־סעודות", האָט ער אַ שטאַרקען קרעכץ געטהאָן, דאַן נאָכדעם ווי ער האָט אַ „מוציא" געמאַכט און טועם געווען דעם ערשטען ביסען, האָט ער אויסגערופען: „כבה נר מערבי!" (דאָס מערב־ליכטעל פון דער מנורה איז פערלאָשען געוואָרען). קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס ער האָט דערמיט געמיינט. שבת האָט אָבער קיינער ניט געוואָגט איהם איבערצופרעגען די כונה פון דיזע ווערטער.

„ערשט שבת־צו־נאַכטס, האָבען זיינע תלמידים איהם געבעטען ער זאָל זיי ערקלערען וואָס ער האָט געמיינט מיט די דבורים „כבה נר מערבי". דעמאָלט האָט ער זיי דערצעהלט, אַז דער „אור החיים", וועלכען מען פלעגט רופען אין הימעל „דאָס מערב ליכטעל", איז געשטאָרבען.

„זיינע תלמידים האבען איהם דאן געפרעגט פון וואנען, און ווי אזוי ער איז דאס געוואהר געווארען.

„ער האט זיי דאס ערקלערט, זאגענדיג:

„ס'איז פאראנען א כונה אין „נטילת ידים", ביים וואשען די הענד פאר'ן עסען, וועלכע מען איז פון הימעל מגלה בלויז צו א י י ן א י י נ צ י ג ע ן מענש אינ'ם גאנצען דור. אומזיסט האב איך יאהרען־לאנג מיך בעמיהט און מתפלל געווען, אז מען זאל מיר מן השמים אויסזאגען דיזע כונה. מען האט מיר כסדר געענטפערט, אז דאס רעכט צו וויסען דיזען סוד האט נאר דער „אור החיים". צוויי מענשען אין דערזעלבער צייט, טארען עס ניט וויסען.

„אזוי ווי איך האב מיך היינט צו שלש־סעודות געוואשען די הענד, האט מען מיר פלוצים פון הימעל מגלה געווען די כונה פון „נטילת ידים". עס איז מיר דעריבער קיין ספק ניט מעהר, אז דער „אור החיים" איז ניט מעהר דא צווישען די לעבעדיגע.

„מען האט שפעטער דערצעהלט דעם בעל־שם דיזען ספור:

„אין דעמזעלבען טאג ווען דער „אור החיים" איז געשטארבען, איז ר' חיים אבולפיא אין טבריה, נאך דעם דאווענען פרייטאג־צו־נאכטס, פער'חלש'ט געווארען אויף מעהר ווי א האלבע שעה. דער עולם האט זיך זעהר דער שראקען. דאן ווען ער איז צו זיך געקומען, האט ער געזאגט צום דערשראָ־קענעם עולם:

„דער הייליגער „אור החיים" איז היינט נפטר געווארען. איך האב איהם איצט בעגלייט ביז צום טויער פון גן־עדן".

„הערענדיג דיזע דבורים, האט דער בעל־שם א שמייכעל געטהאן, זאגענדיג:

„ס'איז אמת, ער האט די נשמה בעגלייט ב י ז צום גן־עדן. איין זאך האט ער אבער ניט געוואוסט. ער האט ניט געוואוסט, אז דעם „אור־החיים'ס" נשמה איז געגאנגען אין גן־עדן אריין נור פאר א „ישיבת ארעי", אויף ד ע ר ־ ו ו י י ל, דארט אבצוהאלטען שבת און זיך צו זעהען מיט די צדיקי עולם. תיכף ז ו נ ט א ג, איז זי צוריק אראבגעקומען אויף ד ע ם עולם. דעם צדיק'ס נשמה האט פיעל מעהר הנאה צו זיין אויף דיזען עולם, וואו זי איז ביכולת צו דיענען השם־יתברך מיט מצוות און מעשים טובים, איידער צו זיצען אין גן־עדן און הנאה האבען, ווי א קעסט־קינד, פון די תענוגי עולם הבא, זייענדיג אן „אוכל ואינו עושה".

אזוי ווי ר' ליב שרה'ס האט געענדיגט דיזען ספור־המעשה, האבען זיינע חסידים תיכף פערשטאנען, אז די בר־מצוה־מתנה, מיט וועלכער דער רבי ר' בער האט מכבד געווען זייער רבי'ן ר' ליב יענעם זונטאג, י"ז תמוז, תק"ג, איז געווען די „תוספת־נשמה" פון'ם „אור החיים".

## 16

# דער קייזער יאָזעף ביי ר׳ ליב שרה׳ס

ר׳ ליב שרה׳ס בעזעצט זיך אין יאַלטישקאָוו. — די מלחמה מיט׳ן „שר של עשו״ מאַכט איהם קראַנק. — דער קייזער יאָזעף בעזוכט יאַלטישקאָוו. — ביידע, דער צדיק מיט׳ן קייזער, פאַלען אין דער מלחמה. — יאַלטישקאָוו און פראַג. — אַ זיבערע סגולה פאַר אַ יאַלטישקאָווער „מקשה לילד. — דער צדיק איז מציל די שטאָדט פון דער מגפת.

איבער די לעצטע יאָהרען פון ר׳ ליב שרה׳ס, דערצעהלען די אידען פונ׳ם שטעדטיל יאַלטישקאָוו, פאָדאָליער גובערניע, וואו ר׳ ליב האָט געוואוינט עטלי־כע יאָהר פאַר זיין פטירה, פאָלגענדעס:

אזוי ווי ר׳ ליב שרה׳ס האָט כל ימי חייו, ניט נעוואָלט נעהמען פדיונות און נהנה זיין פון גוט־אידישקייט, און תמיד זיך אויסגעהיטען פון אַ פרסום, האָט ער זיך אויך אויף דער עלטער פערדונגען אלס אַ מלמד ביי אַ ארענדאר אין אַ דאָרף קאַפּיסטיאַן ביי מינקאָוויץ, און אויף יעדען שבת פלעגט ער קומען צו פאָהרען קיין יאַלטישקאָוו, דאָרט אָבהאַלטען שבת, און זונטאג פריה פלעגט ער צוריקפאָהרען אין דאָרף אריין.

גאַנץ שבת פלעגט ער קיינעם ניט צו זיך צולאָזען. אזוי ווי ער איז פריי־טאָג פאר׳ן נאכט צוריקגעקומען פון זיין וויענער נסיעה, וועלכע ער פלעגט אָב־האַלטען יעדען פרייטאָג נאָך דער מקוה, האָט ער זיך אָבגעשלאָסען אין אַ בע־זונדער חדר, ניט צולאָזענדיג צו זיך קיין שום בן אדם גאַנץ שבת.

שבת־צו־נאַכטס, פלעגט ער ארויסשיקען זיין משרת אריינצורופען אַלע הונדערטער חסידים, וועלכע פלעגען וואַרטען ארום דעם הויז וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטען, און ער פלעגט זיי צו דערצעהלען וואונדערליכע מעשיות און פאַר זיי מגלה זיין טיעפע סודות פון אַלערליי וועלטס־געהיימניסען. זיינע דבורים האָבען אָבער פערשטאַנען נור די יחידי סגולה, די בעלי מקובלים; דער איבריגער עולם האָט דאָס בעטראַכט פאַר פשוט׳ע ספורי מעשיות.

אים יאָהר תקמ״ט, צוויי יאָהר פאַר זיין פטירה, האָט ר׳ ליב אויפגעגע־בען דאָס מלומדות אינ׳ם דאָרף, און זיך בעזעצט אַ ישיבת קבע אין יאַלטישקאָוו, וואו די שטאָדט האָט זיך מתחייב געווען איהם צו פערזאָרגען מיט פרנסה. אַזוי ווי ר׳ ליב שרה׳ס איז שוין דאַמאַלס געווען אַ בן ששים, דאַצו אויך אַ חולה, וואָרים זייט ער האָט אָנגעהויבען צו פיהרען מלחמה מיט׳ן קייזער יוסף דעם צווייטען, וועלכעס האָט געמיינט צו פיהרען אַ מלחמה אויך מיט זיין הימלישען שר, ווען ר׳ ליב פלעגט רופען „שר של עשו״, האָט ר׳ ליב שרה׳ס כבדר גע־קרענקט, פיהלענדיג זיך זעהר שוואַך, טאַקע ווי נאָך אַ מלחמה, דעריבער איז ער געווען געצוואונגען צו געבען זיין הסכמה, זיך צו לאָזען מפרנס זיין פון דער שטעדטישער קאַסע.

אויך אין זיינע לעצטע יאָהרען, ווי שוואַך ער זאָל ניט געווען זיין, האָט ער ניט אויפגעהערט צו פאַסטען משבת לשבת; כמעט ביז צו זיין פטירה, האָט ער אויך ניט אויפגעהערט אַרומצואוואַנדערן אין דער סביבה פונ׳ם שטעדטיל און עוסק זיין אין זיינע פערבאָרגענע הימלישע ענינים.

די יאַלטישקאָווער אידען דערצעהלען זיך אָט דיזע לעגענדע:

בעת ר׳ ליב שרה׳ס איז אַמאָל געווען פערטהון אין זיין עבודה ערגיץ אין אַ טיעף וואַלד, זייענדיג מיחד זיינע יחודים, איז פלוצים געקומען אָנגעפאָהרען קיין יאַלטישקאָוו אַ הערליכע קאַלעסע, ממש איינגעטונקט אין גאָלד, און וועל־כער ס׳איז געזעסען אַ פריץ אָנגעטהון אין בגדי מלכות. בשעת די קאַלעסע איז דורכגעפאָהרען דעם מאַרק־פּלאַץ, האָבען זיך פלוצים צערבראָכען ביידע איי־זערנע אַקסען, פון פאָרנט און פון הינטען.

דער פריץ איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער צערבראָכענע קאַלעסע מלא כעס, אויסשרייענדיג אויף דייטש־לשון: „איך ווייס גאַנץ גוט ווער ס׳האָט מיר דאָס „שפּיצעל״ אָנגעטהון! ס׳איז ניט געווען קיין אַנדערער ווי אָט טאַקע דער ל י י ב ע ל. ווייזט מיר נור גיך, וואו וואוינט דאָ ערגיץ דער מחבל׳דיגער לייבעל!״

ווי מען האָט דאַן שפּעטער געוואָהר געוואָרען, איז דער פריץ ניט גע־ווען קיין אַנדערער, ווי טאַקע דער קייזער יאָזעף אַליין, פון וועמען ר׳ ליב פלעגט יעדען פרייטאָג שניידען פאַסעם פלייש. דעמאָלט אָבער, בשעת מעשה, האָט קיינער פון די פערזאַמעלטע אידען ניט געהאַט אַמאָל אַן אַהנונג ווער דער גרויסער פריץ איז פאַר איינער.

די אידען וועלכע פערשטעהען געוועהנליך דייטש־לשון, האָבען אָבער ניט געוואוסט וועמען ער מיינט. זיי האָבען איהם איבערגעפרעגט, ער זאָל זיי

ערקלערען, וועלכען לייבעל ער מיינט? מיט וואס ער בעשעפטיגט זיך? און צו וואס ער דארף איהם האבען?

„דעם ראבינער ליב'ל, וואס פאהרט יעדען פרייטאג קיין וויען צום קייזער", האט זיי דער פריץ ערקלעהרט.

מען האט איהם צוגעפיהרט צו ר' ליב שרה'ס דירה.

אזוי ווי ער איז אריינגעקומען אין ר' ליב'ס חדר און ניט אנגעטראפען דעם צדיק, האט ער זיך אנגערופען צו די חסידים וואס זענען דארט גראד געווען, לאמר:

„ווען ליב'ל וועט אהיימקומען, זאגט איהם, כ'בעט איך, אז איך קען שוין מעהר ניט אויסהאלטען די יסורי גיהנם וואס ער טהוט מיר אן שוין 7 יאהר. דאס לעבען איז מיר שוין נמאס געווארען. איך וועל באלד שטארבען אבער ער וועט אויך ניט לעבען".

פאר'ן נאכט, ווען ר' ליב שרה'ס איז אהיימגעקומען, אזוי ווי ער האט נור בעטרעטען זיין חדר, האט ער אויסגעשריען: „אוי, וועה צו מיר! די טומאה איז געווען אין מיין הויז, די סטרא אחרא האט מיר אוועקגערויבט א חלק פון מיין כח!"

אזוי ווי די חסידים האבען איהם דערצעהלט פונ'ם פריץ און וואס ער האט איהם געהייסען זאגען, האט ר' ליב שרה'ס צוריסען זיינע קליידער און אנגעהויבען צו וויינען אויף א הויך קול, אז ס'האט יעדען געריהרט ביז צו דער נשמה. שבת-צו-נאכטס, ווען זיינע חסידים פלעגען זיך פערזאמלען אין זיין חדר צו הערען פון איהם ספורי מעשיות, האבען זיי איהם געטראפען ארומלויפען הין און צוריק אין חדר, רעדענדיג צו זיך אליין: „הא, וואס איז עפעס געפאלען דער גורל דוקא אויף יאלטישקאוו און ניט אויף ברדיטשוב און קישינעוו? אבער רבונו של עולם, דו ביזט דאך דער מנהיג פון דער וועלט, אז ס'איז אויף מיר אזוי נגזר געווארען אין הימעל, בין איך עס מקבל באהבה".

דאן אזוי ווי ער האט זיך אביסעל בערוהיגט, האט ער זיך אנידערגעזעצט נעבען טיש, ווי זיין סדר פלעגט זיין, אבער אנשטאט צו דערצעהלען זיי מעשיות, האט ער זיי מודיע געווען, אז זיין צייט איז געקומען ער זאל נסתלק ווערען פון דער וועלט.

„וואס האט דער רבי עפעס אנצוזאגען וועגען זיין הויז און וועגען אנדערע וויכטיגע ענינים?" האבען די חסידים איהם געפרעגט.

„מיין צוואה קען איך ניט פאר אייך מגלה זיין. איך האב זי שוין אי-

בערגעגעבען צו ווערען זי געהערט. נור איין זאך בעט איך אייך, איהר זאלט מיך בעגראבען אהן כבוד און אהן רעש, מיר מאכען א פראסטע, פשוט׳ע, געווערהנליכע לויה.״

נאך א קורצער צייט, איז ר׳ ליב שרה׳ס נסתלק געווארען, אבער אין דערזעלבער צייט איז אויך דער קייזער יאזעף געשטארבען.

זיבען יאהר רצופים, הייסט עס, האט די קדושה מלחמה געהאלטען מיט דער „טומאה״. ווארים קייזער יאזעף איז אויך געווען א גרויסער מכשף, און וואס ר׳ ליב שרה׳ס האט געוואלט טהון מיט׳ן כח פון דער קדושה, האט דער קייזער עס בטל געמאכט מיט׳ן כח פון דער טומאה. אזוי ווי ס׳איז נאך ניט געווען די צייט אויף וועלכע דער נביא האט נביאות געזאגט, אז גאט וועט אויסרוימען דעם רוח הטומאה פון דער וועלט, זענען זיי ביידע צוזאמען, דער שר־הקדושה און, להבדיל, דער שר הטומאה, געפאלען אין דער מלחמה.

די קהלה פון יאלטישקאוו האט מקיים געווען דעם צדיק׳ס רצון. מען האט איהם געמאכט א פשוט׳ע לויה, ניט איהם טובל געווען אין א מקוה, ניט מיט איהם געמאכט הקפות אין שוהל ארום דעם בעלעמער. אויך האט מען איהם געמאכט א פראסטען קבר, גלייך ווי די פשוט׳ע מענשען, צווישען וועלכע מען האט איהם בעגראבען.

עטליכע יאהר נאך זיין פטירה, איז אנגעקומען א רייכער חסיד צו בעזוכען דעם צדיק׳ס קבר און ער, דער חסיד, האט דאן אויפגעשטעלט אן „אהל״ אויפ׳ן צדיק׳ס קבר.

דער אהל אויפ׳ן קבר, איז, לויט ווי אן אויגען־עדות בעשרייבט עס אין „השלוח״, גאר אן ארים בנין, וועלכעס פאסט זיך פונקט צו צום צדיק׳ס אריימען, נע־ונד׳ישען לעבען.

א מין סוכה אויס האלץ, ווענעס קיילעכדיג דעכעל איז בעדעקט מיט שטרוי. אין דעם אהל אינעווענינ, ליעגט א גרויסער מארמארשטיין, אויף וועלכען ס׳איז אויפגעשריבען אט דיזע ווערטער:

„נפטר ביום ד׳ לחודש אדר תקנ״א״.

הערום דעם קבר, ליעגען גאנצע הויפענס מיט „קוויטלעך״, וועלכע די יאלטישקאווער אידען, און אזוי אידען פון דער וועלט וואס קומען צו פאהרען אויפ׳ן צדיק׳ס קבר, לעגען דארט אנידער. וואס פאר א צרה ס׳זאל זיך ניט טרעפען ביי א אידען פון דער גאנצער סביבה, איז דאס ערשטע, צו געהען אויפ׳ן קבר מיט א קוויטעל.

די איינוואוינער פון יאלטישקאוו שטאלצירען זעהר מיט׳ן קבר פונ׳ר

צדיק. ווער ס׳פֿאָהרט נור דורך דאָס קליינע שטעדטיל, מוז זיך אָפּשטעלען און בעזוכען דעם צדיק׳ס קבר, און ר׳ ליפּא, דער 100 יעהריגער שמש, וועלכער, לויט ווי ער האָט בעהויפּטעט, איז געווען דער שלוח־מנות־טרעגער פון ר׳ ליב שרה׳ס, בעעהרט דעם גאַסט, פאַר אַ מתנת־יד, מיט דערצעהלען נסים ונפלאות, וואונדער איבער וואונדער, פון דעם גרויסען געטליכען מאַן ר׳ ליב שרה׳ס, פּונקט ווי דער שמש פון פּראָג דערצעהלט צו אַלע בעזוכער פון דער אַלט־נייע שוהל, די וואונדער פונ׳ם מהר״ל און פון זיין לייםענעם גולם.

דיזער ר׳ ליפּאַ האָט אויך פערזיכערט, אַז אַזוי ווי מען שרייבט אויף אויפ׳ן שטיין וואָס ליעגט אויפ׳ן צדיק׳ס קבר דעם נאָמען פון אַ „מקשה לילד״, ווערט זי תיכף, מניה וביה, געהאָלפען אָהן אַ שום מכשול. זייט ר׳ ליב׳ס פּטירה, איז נאָך קיין איינציגע אידישע קימפּעטאָרען ניט געשטאָרבען אין דער גאַנצער געגענד פון יאַלטישקאָוו, מחמת זיי בעדינען זיך מיט דיזע בדוק־ומנוסה׳דיגע סגולה.

בעת די חולי־רע האָט הערום געבושעוועט, אינ׳ם יאָהר תר״ח, אין גאַנץ פּאָדאָליען, ניט אויסלאָזענדיג קיין איין איינציג שטעדטיל אפילו, איז גראד ר׳ דוד׳ל טאַלנער געווען צו גאַסט אין יאַלטישקאָוו. ער האָט שוין אויסגע־נוצט די געלעגענהייט און בעזוכט ר׳ ליב שרה׳ס קבר. הערויסקומענדיג פונ׳ם צדיק׳ס אהל, האָט ער געזאָגט צום „עולם״ וואָס האָבען איהם בעגלייט, כהאי לישנא:

„האָט גאָר ניט קיין מורא פאַר די חולי־רע! איהר האָט אַ „לייב״ וועל־כער איז אויף אייך מגין״.

ס׳איז טאַקע אַזוי געווען. יאַלטישקאָוו איז געווען די איינציגע שטאָדט אין פּאָדאָליען פון וועלכער די חולי־רע האָט ניט געפּאָדערט אפילו איין איינ־ציגען קרבן.

## 17

# די וואונדערבארע פטירה

די הכנה צו דער פטירה. — ל"ו צדיקים זיינען איהם מבקר חולה. — ר' מאטעלי טשערנאבלער נעהמט איבער זיינע כתבים. — דער בעל שם און דער מלאך לערנען איהם „הלכות מיתה". — ער מאכט א ברכה איבער יציאת־נשמת. — דער בעל־עגלה ווערט זיין ממלא־מקומו. — אויס יחוס.

מכח דער פטירה פון ר' ליב שרה'ס דערצעהלען זיך די חסידים נפלאות.

דריי חדשים איידער ר' ליב שרה'ס איז נסתלק געווארען האט ער אויפ־געהערט צו מאכען זיינע געוועהנליכע נסיעות קיין וויען: ער האט אויך ניט מעהר ארומגעוואנדערט אין די פעלדער און וועלדער ווי זיין סדר פלעגט אימער־צו זיין. ער האט זיך די גאנצע צייט געהאלטען אבגעשלאסען אין זיין חדר, קיינעם צו זיך ניט צוגעלאזט, אפילו זיין אייגענע בני בית, א חוץ זיין איינציגען געליעבטען משרת און צייטווייליגען בעל־עגלה ר' עזריאל, וועלכער האט געהאט רשות פאר עטליכע שעה אין מעת־לעת אריינצוקומען אין חדר איהם בעדיענען.

עס איז ביי קיינעם קיין ספק ניט מעהר געווען, אז ר' ליב שרה'ס מאכט איצט זיינע גרויסע הכנות אינ'ם ו ו י י ט ע ן וועג, אז ער האט שוין גע־ענדיגט זיין עובדה לטובת די לעבעדיגע און די טויטע מענשען, און אנגעהויבען צו זארגען פאר ז י י ן נפש אליין, זיך מכין צו זיין לקבל פני השכינה.

עס איז א בעקאנטע זאך, אז די גרויסע, הייליגע צדיקים זעהען דעם כבוד פון דער שכינה הקדושה בשעת יציאת־נשמה. ס'פערשטעהט זיך, אז כדי מקבל פנים צו זיין אזא גרויסען גאסט דארף מען האבען א זעהר גרויסע הכנה.

די גאנצע דריי חדשים, כאטש ער האט זיך געפיהלט זעהר שוואך, האט ער אלץ געפאסט משבת לשבת, לגמרי גארנישט טועם געווען. אפילו זיינע גאר נאהענטע מקורבים האט ער ניט מעהר צוגעלאזט צו זיך מוצאי־שבת, ווי ער פלעגט זיך תמיד נוהג זיין.

וואס ער האט דארט געטהאן אין זיין חדר מיוחד די גאנצע צייט: אין וואס ער האט עוסק געווען און אין וואס זיין עבודה איז בעשטאנען, האט קיין בן־אדם לחלוטין ניט געוואוסט. וויפיעל ר' עזריאל האט דערצעהלט, האט מען זיך נאר דערוואוסט, אז אויף ר' ליב'ס טישעל ברענט כסדר, יום ולילה, א

נר־תמיד, און א חוץ זיין אייגענע שטוהל שטעהען נעבען דעם טישעל נאד צוויי שטולען. פארוואס און פארוועמען האט ער ניט געוואוסט.

יעדע נאכט, בשעת חצות, פלעגט ר׳ עזריאל הערען פונ׳ם שלאף א געמיש פון זיסע הימלישע קולות ארויסקומען פון זיין רבי׳נס חדר. האט ער אבער געפרובט וואך זיין אין דער זעלבער צייט, האט ער גארנישט געהערט.

געטראפען האט ער אמאל אויפ׳ן טיש ליעגען דעם זוהר פערצייכענט ביים „רעיא מהימנא", פרקים וואו ס׳ווערט דערצעהלט מכח דער פטירה פון ר׳ שמעון בן יוחאי, ווי כביכול דער „עתיקא קדישא" מיט זיין גאנצער פמליא של מעלה זיינען געקומען צו איהם בעזוכען פאר יציאת־נשמה און האבען איהם דעמאלט מוסר געווען אלע הימלישע סודות, די סודות פון בריאת שמים וארץ.

האלט זיין רבי ר׳ ליב שרה׳ס איצט אויך ביי דערזעלבער מדרגה ווי ר׳ שמעון בן יוחאי?

אפשר יא. און פארוואס טאקע ניט?

אינ׳ם משך פון דיזע דריי חדשים פלעגט טיילמאל קומען אין חדר פון ר׳ עזריאל משרת א קרוע ובלוע׳דיגער זקן און בעטען רשות מען זאל איהם אריינלאזען אין ר׳ ליב׳ס חדר מיוחד. ביי אזא פאל האט ר׳ עזריאל שוין פריהער תמיד געהאט א פקודה פונ׳ם רבי׳ן, אז היינט דארף איהם עמיצער בעזוכען און ער וועט אזוי און אזוי אויסזעהן. און ער זאל איהם תיכף ומיד אריינלאזען.

דאס איז הפנים געווען איינער פון די פערבארגענע ל״ו צדיקים, וועלכע ר׳ ליב שרה׳ס פלעגט כל ימי חייו פערזארגען מיט פרנסה: זיי זיינען געקומען מיט איהם געזעגענען.

און געדרונגען האט מען דאס פון דער עובדא, אז א וואך פאר זיין פטירה האט איהם מבקר־חולה געווען דער בעריהמטער צדיק ר׳ מאטעלע טשערנאבלער, וועלכער, ווי יעדערער ווייס, איז נאך ר׳ ליב׳ס פטירה געווארען דער אפטרופוס און פערזארגער פון די ל״ו צדיקים.

ס׳הייסט, אז ר׳ ליב שרה׳ס האט איהם דעמאלט איבערגעגעבען די ממשלה און הנהגה „במעמד שלשתן": דער עלטסטער פון די ל״ו צדיקים איז דערביי אנוועזענד געווען.

עטליכע שעה דער טשערנאבלער זיך דעמאלט אויפגעהאלטען אין ר׳ ליב׳ס חדר: ביים אוועקגעהן האט מען געזעהן איהם טראגען א פעקעלע מיט כתבים.

ר׳ ליב שרה׳ס האט איהם אויך מוסר געווען זיינע הייליגע כתבים.

דריי טעג פאר זיין פטירה האט ר׳ ליב געהייסען אריינרופען זיינע נאהנטע מקורבים.

ער האט מיט זיי געלערנט הלכות צדקה. ער האט זיי אויך דערצעהלט א מעשה פון זיינע יוגענד יאהרען:

„אלס יונגערמאן, בעת כ׳בין געווען דער אינגסטער תלמיד פון מיין רבי׳ן

ר׳ בער, האב איך געליטען גרויס דחקות. כ׳האב בשום אופן ניט געוואלט נהנה־זיין פון א מתנת בשר־ודם.

„פלוצלונג האב איך אין מיין טלית ותפילין געפונען עטליכע זילבער מטבעות. דאס האט זיך מיר געטראפען כמה וכמה פעמים. כ׳האב בשום אופן ניט געקענט קומען דערויף, ווער אייגנטליך ס׳איז דער בעל „מתן־בסתר". פון הימעל ווארפט מען קיין געלד ניט אראב.

„עטליכע יאהרען איז דער ענין ביי מיר געווען א חידה סתומה (פערשלאסענע רעטעניש).

„ענדליך האב איך דעם סוד ערפאהרען.

„קומט צו מיר אמאל א יונגערמאן און דערצעהלט מיר אזא מעשה: וויסענדיג אז איהר זענט אין גרויס דחקות, האב איך מיך משתדל געווען אייך צו שטיצען בסתר, אריינלעגענדיג בגנבה אין אייער טלית ותפילין עטליכע מטבעות, לויט מיין יכולת. איך בין לכתחלה ניט געווען קיין עשיר און אויך ניט קיין חסיד. אבער זינט כ׳האב אנגעהויבען אייך צו שטיצען האב איך מצליח געווען און בין געווארען א שטיק עושר. אגב האב איך טאקע אויך אנגעהויבען צו גלויבען אין צדיקים און כ׳האב ביי זיך געמאכט אזא מין קל־וחומר: מה־דאך אז ווען כ׳גיב דעם תלמיד פונ׳ם רבי׳ן ר׳ בער א נדבה האב איך שוין אזא שכר, מכל־שכן אז איך וועל מהנה זיין דעם רבי׳ן גופא וועל איך אודאי און אודאי האבען הצלחה און קומען צו גרויס עשירות! איך האב דעריבער אנגעהויבען צו פאהרען קיין מעזעריטש און געגעבען דעם צדיק גרויסע פדיונות. אבער זינט דעמאלט האב איך אנגעהויבען צו ווערען, לא עליכם, א יורד, ביז כ׳האב אלעס פערלוירען.

„ער האט געוואלט איך זאל איהם דעם ענין מפורש זיין.

דער הייליגער בעל־שם ז"ל, האט געטייטשט דעם פסוק „ה׳ צלך", השם־יתברך איז דיין שאטען, אויף אזא מין אופן — האב איך איהם ערקלערט —: אזוי ווי דער שאטען פון א מענש מאכט איהם נאך אלע זיינע מעשים און תנועות, אז ס׳פעהלט ניט קיין האר, אזוי צאהלט כביכול דעם מענשען שוין אויף דער וועלט פונקט מדה כנגד מדה. כל־זמן דו האסט געשטיצט א פשוט׳ע שפל׳ע בריאה ווי איך ביז, כאטש כ׳האב עס ניט פערדיענט, האט השם יתברך דיך אויך געשטיצט, כאטש דו ביזט עס ניט ווערטה געווען. קוים אבער האסט דו אנגעהויבען צו זוכען מיוחסים פאר דיינע מטבעות, זוכט ער זיך, כביכול, אויך מיוחסים פאר זיינע מטבעות, וויכטיגערע פון דיר. איצט פערשטעהסטו שוין די סיבה?".

„ביי עניני צדקה," האט ער דעמאלט געלערנט זיינע תלמידים, „זוכט ניט קיין מיוחסים, מחמת איהר ווייסט ניט ווער זיי זיינען".

עטליכע שעה פאר יציאת־נשמה האט ער געהייסען אנצינדען צוויי־און־פערציג ליכטלעך אין זיין חדר און איז דאן געלעגען זעהר צוטראגען. די בני־בית זיינען אריינגעקומען, מיינענדיג אז ער איז שוין אין א מצב פון גסיסה, און אנגעהויבען צו וויינען.

ער האט אויפגעעפענט די אויגען און צו זיי געזאגט אט כהאי לישנא:

„שוטים וואס איהר זייט. וואס וויינט איהר? דריי חדשים רצופים האב איך געלערנט ביים בעל־שם הקדוש און ביי ר׳ אברהם המלאך (דעם רבי ר׳ בער׳ס זוהן: ער איז שוין דעמאלט געווען א נפטר) הלכות־מיתה, דעם סוד פון שטארבען, ווי אזוי מען דארף איבערגעבען די נשמה צום בעשעפער. כמדומה לי, ס׳דאכט זיך מיר, אז כ׳האב זיי פערשטאנען. איך האב דערפון א גרויסען תענוג, למעלה מדרך הטבע. וואס־זשע איז דא צו וויינען?"

ערשט דעמאלט האט מען זיך דערוואוסט דעם סוד פון די צוויי שטולען.

„קינדער", האט ער דאן געזאגט צו זיינע בני־בית. „כ׳האב אייך די גרעסטע טובה געטהאן. וואס כ׳האב אייך מגדל געווען אלס עהרליכע פ ר א ס ט ע, אבער ניט קיין ג ו ט ע־ אידען. דאס אחריות פון א צדיק, וואס נעהמט פדיונות, איז זעהר גרויס. מען קען נאך אריינפאלען אין א מדה פון אהבת־בצע: מתפלל צו זיין און צו דיענען השם־יתברך לשם ממון, חלילה. גרויסע צדיקים, ווי מיין רבי און מיינע חברים, קענען און מעגען נעהמען פדיונות, מחמת זיי פערגעסען זיך ניט אפילו א רגע: אזוי ווי איינער וואס געהט אויף א שטריק, כאטש ער טהוט עס לשם ממון, טאר ער אבער בשעת מעשה ניט מסיח דעת זיין, זיך ניט פערגעסען אפילו אויף א רגע. אבער ניט יעדער צדיק איז ביכולת צו זיין ביי דיזער מדרגה".

דאן האט ער צוגערופען דעם משרת ר׳ עזריאל און איהם געזאגט, אז ער לאזט איהם איבער בירושה זיין ספאדיק.

„מעגסט איהם טראגען", האט ער צו איהם געזאגט. „ביזט אן עהרליכער איד, א גוטער איד".

דאס איז געווען א מין „סמיכה".

פלוצלונג האט ר׳ ליב אנגעהויבען צו מאכען א ברכה אויפ׳ן הויכען קול מיט „שם ומלכות", „שהכל נהיה בדברו", און תיכף ארויסגעלאזען זיין הייליגע נשמה.

נאך דער פטירה האט מען פערשלאסען זיינע צוויי חדרים, וואו ער פלעגט לערנען און אויפנעהמען אורחים. מחמת דאס הייזעל, וואו ער האט געוואוינט איז געווען א נידריגע איינגעפאלענע הייזקע, האבען זיינע בני־בית זיך פער־נומען באלד אין אנדערע דירות. און אין זיין הויז האט מען אריינגעזעצט אן ארימען מלמד אדער אזוי א שומר, כדי ס׳זאל ניט חרוב ווערען. זיין פער־דיענסט איז אויך געווען פון דעם וואס ער האט גענומען א מטבע ביי חסידים און צדיקים, וואס פלעגען בעזוכען יאלטישקאוו און האבען חשק אנצוקוקען די צוויי הייליגע חדרים פון ר׳ ליב שרה׳ס.

ר׳ עזריאל קאזינער, דער משרת און בעל־עגלה פון ר׳ ליב שרה׳ס, וועל־כער האט גע׳ירש׳ענט זיין רבי׳נס ספאדיק, און וועלכער האט כמה יאהרען צו־געזעהן זיין רבינ׳ס התנהגות, האט זיך נאך ר׳ ליב׳ס פטירה אנגעהויבען צו פיהרען בקדושה ובטהרה פונקט ווי זיין רבי. ער איז אויך געווארען א גוטער־איד, גענומען קוויטלעך און פדיונות, ווי אלע אנדערע צדיקים, און אויך גע־

וויזען, לויט חסידים בעהויפטען, גרויסע וואונדערליכע מופתים. בעת ער פלעגט לייענען די קוויטלעך אויף וועלכע ס'זיינען געווען אויפגעשריבען די בקשות פון זיינע חסידים, האט ער תמיד, בשעת מעשה, מתפלל געווען א קורצע תפלה מיט דיזען נוסח: „אלהא דר' ליב ענני!", גאט פון ר' ליב ענטפער מיר! און אזוי ווי דער נאמען פון ר' ליב שרה'ס איז געווען הייליג ביי יעדען חסידישען אידען, ווי אויך ביים המון־עם, האט ר' עזריאל, מיט ר' ליב'ס כח, באלד בעקומען א גרויסען שם.

ר' ברוך'ל מעזיביזשער, דעם בעל־שם'ס אז אייניקעל און א גרויסער רבי, האט שטארק מתרעם געווען אויף ר' עזריאל'ן. ער האט איהם בעשולדיגט, אז ער, ר' עזריאל, איז משתמש בשרביטו של מלך (ער בעדיענט זיך מיט'ן קעניג'ס סצעפטער), און ווי באלד ער וועט ניט אבהאקען וועט ער ביי איהם צו־נעהמען זיין איינציגען זוהן.

ר' עזריאל האט ניט אבגעהאקט. ער האט זיך ווייטער געפיהרט ווי פריהער. פלוצים האט זיין בן־יחיד אנגעהויבען ארויסגעהן לתרבות רעה. קודם האט ער אויפגעהערט צו דאווענען. דערנאך האט ער אנגעהויבען צו טהאן מעשים אשר לא יעשו. ר' עזריאל האט דערפון געהאט גרויס צער. ער האט בעהויפטעט, אז ס'איז אריין אינ'ם זוהן א רוח־רעה. ווען דער זוהן האט דאס דערהערט האט ער אויסגערופען: „און אין מיין טאטען איז ווידער אריין א רוח שטות צו ווערען א גוטער־איד".

די שלעכטע הנהגה פונ'ם זוהן האט דאן געשאדט דעם פאטער ר' עזריאל'ן צום גוט־אידישקייט. די חסידים האבען אויפגעהערט צו פאהרען און ר' עזריאל איז פאר הארצוועהטאג באלד געשטארבען.

צווישען חסידים איז עס א זיכערע זאך, אז ס'האט איהם געשאדט ר' ברוך'ס קללה, וועלכער האט געמיינט, אז ער וועט דעם בן־יחיד ממית־זיין מיט א „מיתה רוחניות".

דיזער זוהן האט שפעטער נאך דעם רבי ר' ברוך'לס פטירה תשובה געטהאן און איז געווארען א גוטער־איד. מיט איהם האט זיך אבער שוין אויסגעלאזט דער גאנצער גוט־אידישער יחוס. מחמת זיינע קינדער, וועלכע האבען געגאסען, בעת דער פאטער איז נאך געווען א סוחר, א מאדערנע ערציהונג, האבען ניט געוואלט מעהר געהן אינ'ם פאטער'ס דרכים.

18

# די לעגענדע פון ר׳ ליב שרה׳ס קבר

**געפינט אַ ישועה אויפ׳ן צדיק׳ס קבר. — די מתנה פאַר אַ נייעם „אוהל״. — דער צדיק ממית׳ט מענטשען. — ער וויל נים קיין כבוד אפילו נאָכ׳ן טויט. — דעם שומר׳ס עונש פאַר נעהמען צוויי ציעגעל פון צדיק׳ס קבר.**

איבער דעם קבר פון ר׳ ליב שרה׳ס, וועלכעס געפינט זיך אויף דעם יאַל־טישקאָווער בית עולם, געהט ארום צווישען פאָלק אַ געוויסע לעגענדע, אין וועלכער ס׳שיינט אויך צו זיין אַ היבש ביסעל אמת.

ר׳ ליב שרה׳ס האָט אין זיין צוואה בפירוש אָנגעזאָגט, אז ער וויל נים מען זאָל איהם אָנטהון איבריגען כבוד נאָכ׳ן טויט. דעריבער איז די יאַלטישקאָווער קהלה געווען זעהר פאָרזיכטיג, אַז דאָס אהל וואָס מען האָט אויפגעשטעלט אויף זיין קבר, זאָל זיין זעהר פראָסט, ווי אַן אָרים דאָרפיש כאָלאָפקאָלע, מיט אַ שטרויען דעכיל.

האָט זיך אָבער שפּעטער מיט יאָהרען פּערלאָפען אזא מין מעשה:

דער ניקאָלייעווער גביר ר׳ שלמה ישעיה, וועלכער האָט געהאַט אַ פאַב־ריק צו בויען שיפען, האָט אמאָל אויף זיין רייזע וועגען אַ גרויסע אונטערנעה־מונג פּאַסירט יאַלטישקאָוו. זייענדיג אַ מאמין אַן צדיקים, האָט ער בעזוכט ר׳ ליב שרה׳ס קבר און אַרויף געלעגט אַ „קוויטעל״ מיט אַ בקשה, ער זאָל האָבען הצלחה און ערהאַלטען די אונטערנעהמונג פון דער רעגירונג. כמעט בדרך נס, איז דאמאלס זיין וואונש ערפילט געוואָרען. ער האָט ערהאַלטען אַ בעסערען פּרייז און בעסערע בעדינגונגען ווי ער האָט זיך אַליין געוויִנשען. ער האָט דאָס גליק צוגעשריבען צו די מופתים פון ר׳ ליב שרה׳ס. זאָגט דאָך די גמרא בפרוש, אַז „גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם״, אַז דער צדיק האָט מעהר כח אַ טובה צו טהון זיינע חסידים נאָך זיין טויט ווי ביי זיין לע־בען.

ביי דער ריקרייזע, האָט דער ניקאָלייעווער גביר ווידער אָנגעטרעטען אין



דער אהל פון ר' ליב שרה'ס קבר.

יאלטישקאָוו, זיך נאָכגעפרעגט אויף די איינציקלעך פונ׳ם צדיק, וועלכע האָבען ניט געפיהרט קיין גוט־אידישקייט, ער האָט זיי מהנה געווען מיט מתנות. עקסטרא דעם, האָט ער איבערגעגעבען דער יאלטישקאָווער קהלה די סומע פון 500 רובעל, זיי זאָלען בויען אן אנשטענדיגעם, געמויערטעס אהל אויפ׳ן קבר, ווי ס׳פּאסט זיך טאקע פאר אזא גרויסען צדיק ווי ר׳ ליב שרה׳ס.

אזוי ווי די בעלי בתים פון דער שטאָדט האָבען מורא געהאַט אז דוקא א שעהנעם אהל וועט ניט זיין לרצון צום צדיק, האָבען די ראשי הקהלה בעשלאָסען צו פאָהרען קיין אפּט צום צדיק ר׳ אברהם יהושע העשיל, פרעגען, אויב ס׳וועט ניט הייסען א פּחיתות הכבוד פאר׳ן צדיק ר׳ ליב שרה׳ס, ווען מען וועט אויף זיין קבר אויפשטעלען א שעהן בנין, געגען זיין צואה.

דער אפּטער צדיק האָט זיי מתיר געווען צו בויען א בנין פון שטיינער הערום דעם פריהריגען בנין, דאָס הייסט, אז דעם אלטען אהל טאָרען זיי ניט איינרייסען.

די אַרבייט האָט זיך אָנגעהויבען. דאָס לעגען פון דעם ערשטען שטיין צום בנין, האָט די שטאָדט מכבד געווען דעם בעקאנטען צדיק ר׳ מאָטעלי טשערנאבלער, וועלכער איז גראָד דאמאָלס דורכגעפאָהרען דורך יאלטישקאָוו. ס׳איז שוין פריהער בעמערקט געוואָרען, אז דיזער צדיק ר׳ מאָטעלי האָט געהאַט א בעדייטענדע שייכות מיט ר׳ ליב שרה׳ס, מחמת ער, ר׳ מאָטעלי, האָט נאָך דער פּטירה פון ר׳ ליב, איבערגענומען די הנהגה מפרנס צו זיין די ל״ו צדיקים. ער האָט דעריבער געקענט בעטראכט ווערען, אין א געוויסער מדרגה, אלס דער ממלא מקומו פון ר׳ ליב שרה׳ס.

נאָכדעם ווי די ווענט זענען שוין פערטיג געווען, האָבען זיך די בוימייסטערס איבערצייגט, אז עס איז אונמעגליך צו מאכען דעם דאך פונ׳ם נייעם בנין, ביז זיי וועלען איינרייסען דעם שטרויענעם דאך פונ׳ם אלטען אהל.

תיכף בעת איינער פון די ארבייטער איז נור וואָס ארויף אויפ׳ן דאך און אָנגעהויבען אראָבצורייסען דאָס שטרוי, איז איהם פּלוצים ניט־גוט געוואָרען; ער איז הערונטערגעפאלען פונ׳ם דאך און געבליבען טויט אויפ׳ן אָרט. אזוי ווי מען האָט געמיינט אז ס׳איז נור א בלויזער צופאַל, האָט מען ארויפגעשיקט אן אנדערן ארבייטער צו טהון דיזע מלאכה. אויך דער צווייטער איז פּלוצים אראָבגעפאלען און גע׳הרג׳עט געוואָרען. ערשט דאמאָלס האָט מען פערשטאַנען אז די מעשה איז ניט קיין פּשוט׳ע זאך, אז ס׳שטעקט אודאי אין דעם דער כח פונ׳ם צדיק׳ס צואה.

צו יענער צייט האָט געוואוינט אין יאלטישקאָוו ר׳ ליב שרה׳ס אן איי־

ניקעל, א איד א ירא שמים, ר׳ יוסקא האט ער געהייסען. אזוי ווי ער האט געהערט פון דיזען אונגליק, האט ער געזאגט צו די בעלי בתים פון דער שטאדט, אז ער אליין וועט ארויף געהען אויפ׳ן דאך אראברייסען דאס שטרוי; איהם, האט ער געזאגט, וועט דער זיידע אוודאי פערשוינען. אבער אויך ער איז פון דאך אראבגעפאלען, כאטש געשאדט האט איהם גאר ניט. ביים פאלען, האט ער אויסגעשריען: וואס איז דערמעהר? אויך מיט זיינע אייגענע אייניקלעך ווארפט דער אלטיטשקער!

די בוימייסטערס האבען ניט מעהר געקענט ענדיגען דעם בנין, מחמת קיין שום בן אדם האט ניט מעהר געוואגט ארויף צו געהען אויפ׳ן דאך. נאכ־אמאל זענען די בעלי בתים געפאהרען צום אפטער צדיק זיך מיט איהם צו בע־ראטהען וואס ס׳איז צו טהון.

„לאזט איהם צו רוה, האט זיי איצט דער אפטער געזאגט. בויעט ניט ווייטער. ס׳ווייזט אויס, אז ר׳ ליב, וועלכער איז געווען כל ימי חייו א שונא פון כבוד, קען ער איהם נאכ׳ן טויט אויך ניט ליידען״.

זייט דאמאלס איז דער נייער אהל געבליבען שטעהען אהן א דאך. דער פחד פונ׳ם אהל איז געפאלען אויף אלע שטאדטלייט, בעזאנדערס נאכדעם ווי זיי האבען געזעהען אז אין א גאר קורצער צייט נאך דיזער מעשה, זענען אויך געשטארבען, די צוויי הויפט בעלי בתים וואס האבען זיך אבגעגעבען מיט דיזען בנין, אין א „מיתה משונה״.

פון דאמאלס אן ציטערט מען אנצוריהרען דאס אהל, וועלכעס ווערט איצט פעררעכענט ווי א קדשי קדשים, האבענדיג מורא אז פאר די מינדעסטע זאך קען מען זיין א חיב מיתה.

פאר אן ערך פון 50 יאהר האט זיך ווידער געטראפען מיט דעם אהל אזא מעשה:

דער גוי׳שער שומר פון אוהל, האט זיך געמאכט א נייעם אויוועז אין זיין הייזקע. אזוי ווי ס׳האט איהם נאך געפעהלט צוויי ציעגעל צו ענדיגען דעם אויוועז, איז ער געגאנגען צום אהל, וואו עס וואלגערן זיך הערום הונ־דערטער ציעגעל פון דער אונפערפערטיגטער געביידע, און האט זיך אהיים גענומען צוויי ציעגעל. קומענדיג אין הויז אריין, מיט די ציעגעל אין דער האנד, איז ער אנידער געפאלען אין חלשות.

דעם וועכטער׳ס ווייב איז שנעל געלאפען צום רב, איהם דערצעהלט וואס האט מיט איהר מאן פאסירט, און מיט ביטערע טרעהרען איהם געבעטען רחמים, ער זאל געהן איבערבעטען דעם צדיק אינ׳ם נאמען פון איהר מאן. דער רב האט

געשיקט רופען די דיינים און עטליכע אַלטע חסידים, סך הכל אַ מנין מענשען, זיי זענען אַרויס צום אהל, צוריקגעלעגט די ציגעל אויפ'ן זעלבען פּלאַץ וואו זיי זיינען פריהער געלעגען און דאן געבעטען דעם צדיק מחילה פאר'ן גוי'שען שומר. ס'האָט אָבער אַלעס ניט געהאָלפען; נאָך צוויי שעה איז דער וועכטער געשטאָרבען.

דער צדיק האָט ניט געוואָלט מוחל זיין אויף זיין כבוד.

# גוט-אידישע טיפען

# קאַפּיטעל פערצייכנים:

1) א רבי וואס פערבלייבט תמיד א חסיד ................. 91 —95

2) דער גוטער־איד מיט משונה'דיגע הנהגות ............. 96 —100

3) דער צדיק וואָס האָט זיך אויסגעטהאָן פון דער וועלט......... 101—105

4) דער מיקאַלייעווער בחור ......................... 106—110

1

# א „רבי" וואָס פערבלייבט תמיד אַ חסיד

דער רבי געהט צופוס צו אַנדערע רביים. — די פדיונות פערטיילט ער אויף צדקה. — זיצט אין תפיסה. — אַן עונש פאַר ניט־וועלען זיין אַ גוטער איד. — אַ רבי איז גלייך צו אַ מסכתא פון דער גמרא. — ער העלפט אַן עגונה דורך איהר אייגענע תפלה.

ר' ליב שרה'ס איז ניט געווען דער איינציגער גוטער־איד, וועלכער האָט ניט געוואָלט האָבען צו טהון מיט שטענדיגע חסידים, מיט פיהרען טישען און נעהמען קוויטלעך מיט פדיונות, עס זיינען אויך נאָך איהם געווען מעה־רערע צדיקים, אויף וועלכע די גרעסטע גוטע־אידען פונ'ם דור האָבען עדות געזאָגט, אַז פאַר זייער'ס אַ דבור ציטערן די שרי־מעלה און אַלע זיעבען הימלען. און פונדעסטוועגען האָבען זיי זיך צוריקגעצויגען, מיט כל־הכוחות, פון כבוד און גוט־אידישקייט, טהוענדיג זייערע מעשים טובים נור פאַר דער אָרימער מענשהייט און זייערע הימלישע עובדות בלתי לה' לבדו, נור לשם שמים אָהן אַ שום אַנדערע כונה.

ר' פינחס'ל קאָריצער פלעגט זאָגען : „דער בעל־שם הקדוש איז געווען דער שטאַם־בוים פונ'ם חסידות ; די שפּעטערע צדיקים זיינען די צווייגען. און די חסידים זיינען די בלעטער פונ'ם בוים. די מעשים טובים און די עובדות פון די צדיקים זיינען די פּרות. ס'זיינען פאַראַנען צווייגען מיט פ י ע ל בלעטער און פ י ע ל פּרות, און צווייגען מיט ו ו ע נ י ג בלעטער און פ י ע ל פּרות ; אַזוי זיינען פאַראַנען גרויסע צדיקים מיט פ י ע ל חסידים און אַנדערע צדיקים מיט ו ו ע נ י ג חסידים". צווישען אָט דיעזע לעצטע בעריהמטע צדיקים קען מען רעכנען די צוויי גוטע־אידען, ר' דוד זלאָטעס און זיין איידעם ר' קלמן פון דאַלינע.

ווי גרויס דער נאָמען פון ר' דוד זלאָטעס איז חשוב אין די אויגען פון די צדיקים און חסידים, קען מען זעהן פון זייער בעהויפּטונג, אַז דער נאָמען „דוד בן זלאָטע" וואָס ווערט דערמאַנט אין דעם אַלטען בעריהמטען קבלה־ספר „רזיאל המלאך", פון וועלכען ס'הייסט, אַז דער מלאך רזיאל האָט עס געגעבען אַ מתנה צו אדם הראשון ווען ער איז נאָך געווען אין גן־עדן, בעציהט זיך אויף דעם צדיק ר' ד ו ד ז ל א ט ע ס פון באַלעכאָוו, פונקט אַזוי ווי דער דאָרט דערמאָהנטער נאָמען „ליב בן שרה" בעציהט זיך אויף ר' ליב שרה'ס. פונ־

דעסטוועגען האט דיעזער צדיק כל ימי חייו זיך צוריקגעצויגען, ווי ווייט ס'איז
נור מעגליך געווען, פון צו פראווען גוט־אידישקייט. כאטש ער האט געהאט
סמיכה פון די גרעסטע צדיקים. כדי אויסצומיידען די פיעל חסידים וואס
האבען זיך מיט געוואלט געזוכט אויף איהם ארויפצואווארפען, איז ער כסדר
ארומגעפאהרען צו אנדערע צדיקים, אפילו צו אזעלכע וואס זיינען גאר ניט
געווען גרעסער פון איהם אפילו אויף א האר, זאגענדיג: ס'איז בעסער צו
זיין א רייכער קאמעניק איידער אן ארימער בעל־בית.

אלס יונגערמאן איז ר' דוד זלאטעס נאך געפאהרען קיין לובלין צום רבי'ן
ר' איציק'ל. דער לובלינער האט איהם גרויס כבוד אנגעטהון און איהם נאך
מכבד געווען מיט בענשען מזומן. אין לובלין האט דאס געהייסען א „סמיכה"
צו זיין א גוטער־איד. ר' דוד זלאטעס איז זעהר נתפעל געווארען פון דיעזען
גרויסען כבוד, ער האט אויך פערשטאנען די כונה דאפון. מחמת ער האט אבער
ניט געוואלט בשום אופן ווערען א ראש איבער חסידים, האט ער זיך געמאכט
כח און געענטפערט דעם לובלינער כהאי לישנא:

„אמת, די גמרא זאגט, „אין מסרבין לגדול", מען טאר קיין גרויסען מאן
גאר ניט אבזאגען, אבער דיזעלבע גמרא זאגט אבער אויך „כל מה שיאמר לך
בעל־הבית עשה, חוץ מצא", אלץ וואס א בעל־הבית, מעג ער אויך זיין א גדול
הדור, וועט דיר הייסען טהון זאלסטו איהם פאלגען, א חוץ ווען ער וועט דיך
הייסען א ר ו י ס ג ע ה ן פון זיין הויז. רבי! האט ר' דוד זלאטעס דאן
אויסגערופען, אז איהר וועט מיך אפילו בידים ארויסווארפען פון א י י ן
טהיר, וועל איך צו אייך צוריק קומען דורך דער צ ו ו י י ט ע ר."

„בענטש!" האט דער לובלינער אויף איהם גוזר געווען, „כיון שעלה
שוב לא ירד" (אז מען איז שוין ארויפגעקומען צו א הויכע מדרגה טאר מען
ניט מעהר אראבגעהן).

פונדעסטוועגען האט ר' דוד זלאטעס ניט געוואלט נוהג זיין ברבנות. כדי
צו פאלגען זיין רבי'ן דעם לובלינער, האט ער מכלומר'שט צוגענומען קוויטלעך
מיט פדיונות, ער האט אבער דאס גאנצע געלד פערטיילט, ניט וועלענדיג דער־
פון נהנה זיין אפילו איין איינציגע פרוטה. זיין ווייב און בני־בית האבען גע־
לעבט אין גרויס דחקות. זי איז געווען אן אויפקויפערן פון פערשיעדענע
עסענוווארג וואס די פויערים פלעגען ברענגען אין שטעדטעל אריין צו פערקוי־
פען, און עס פערקויפט צו די שטאדטלייט. און ער איז כסדר געזעסען ביי־
צדיקים. מחמת זיין גרויס ארימקייט האט ער געמוזט מאכען די נסיעות צו פוס.
כאטש זיינע פדיונות, וועלכע ער האט פערטיילט אויף צדקה, האבען שוין דע־
מאלט בעטראפען א היבשע פאר גולדען.

געהענדיג אמאל צוזאמען מיט זיין חבר ר' אליעזר הגדול פון ד א ל י נ ע
צום רבי'ן קיין לובלין, האבען זיי געמוזט דורכגעהן דורך א שטעדטעל ווע־
מעס איינוואוינער האבען גע'שמ'ט פאר גרויסע רשעים. כדי זיי זאלען זיך
ניט דארפען אויפהאלטען אין דעם רשעות'דיגען שטעדטעל, האבען זיי זיך
אבגערוהט פריהער אין א אידיש ישוב, מיט'ן נאמען ר י ס ט א ר י ע. אין

דער קרעטשמע פון דיעזען ישוב האָבען זיי געטראָפען זיצען א איד, א ראש־הקהל פון אַן אַנדערע שטאָדט, א תלמיד־חכם, וועלכער האָט זיך מיט זיי צו־שמועסט, און זעהענדיג, אַז זיי זיינען גרויסע תלמידי חכמים האָט ער זיי מכבד געווען מיט ביער און זיי אויך געוואָלט געבען געלד, וועלכעס זיי האָבען אָבער צוריקגעוויזען, מחמת זיי האָבען ניט געוואָלט נעהמען געלד־נדבות. אויסער עסען און טרינקען. דורכגעהענדיג אין דעם רשעות'דיגען שמעדטעל, האָט מען זיי געכאַפּט, איינגעזעצט אין דער תפיסה, מיט דער כונה זיי אָבצו־געבען פאַר זעלנער. אין דער תפיסה, וואו ס'זיינען געווען פיעל אידען, האָבען זיי דערזעהען אַ אידיש ווייבעל ווייגען, ווייל מען האָט איהר דעם מאַן צוגע־נומען; זי האָט איהם ניט געוואָלט פערלאָזען איז זי מיט איהם געווען אין דער תפיסה. ר' דוד זלאַטעס האָט איהר געזאָגט, זי זאָל תיכף פערלאָזען די תפיסה און געהן צום ראש־הקהל אין יענער שטאָדט איהם צו דערצעהלען, אַז די צוויי יונגע לייט, וועלכע ער האָט אין ריסטאָריע נעכטען מכבד געווען מיט ביער, זיינען אין גרויס סכנה. ער האָט איהר מבטיח געווען, אַז דער ראש־הקהל וועט זיי ארויסנעהמען צוזאַמען מיט איהר מאַן פאַר שכר־הליכה.

אַלע דריי זיינען ריכטיג דעם צווייטען טאָג בעפרייט געוואָרען דורך דעם ראש־הקהל'ס פּראָטעקציע. אַזוי ווי ר' דוד זלאַטעס מיט זיין חבר ר' אליעזר הגדול זיינען נור ארייגעקומען אין לובלינער'ס חדר מקבל שלום זיין, האָט ער זיי בעגריסט מיט די ווערטער: „שלום עליכם י ש י ב ה ־ בחורים! אַז מען הייסט ז י צ ע ן (אויף דער גוט־אידישער שטוהל האָט ער געמיינט) מוז מען פאָלגען; ר' אליעזר האָט גענאָסען אין דיין זכות, ר' דוד".

ר' דוד זלאַטעס האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט פיהרען גוט־אידיש־קייט ביד רמה. נאָך דעם לובלינער'ס פטירה, איז ר' דוד זלאַטעס געפאָהרען אַלס חסיד צו ר' הירש'לע פון זידאטשאָוו. עס האָט זיך פיעל מאָל געטראָ־פען, אַז ר' דוד דערזעהענדיג פרייטאָג פריה, אַז ס'זיינען צו איהם אָנגעקומען מעהרערע חסידים אויף שבת, וויבאַלד ער האָט נור געהאַט אויף דער הוצאָה, האָט ער זיי איבערגעלאָזט, זיך געדונגען אַ בויד און געפאָהרען קיין זידאטשאָוו אויף שבת. ר' הירשעלע פלעגט איהם כמה פעמים אב'מוסר'ן, מאַכענדיג איהם אויפמערקזאַם, אַז משה רבנו האָט געהאַט אַן עונש ווייל ער האָט אין מ ד י ן מסרב געווען, ניט געוואָלט פאָלגען השם־יתברך, זיעבען טעג רצופים, צו ווערען אַ מנהיג־הדור, דער אידישער פיהרער.

„עס זיינען פאַראַנען אין דור מעהרערע, בעסערע און פעהיגערע פיהרער פון מיר", האָט איהם ר' דוד געענטפערט.

נאָכ'ן זידאטשאָווער'ס פטירה, איז ר' דוד זלאַטעס, וועלכער איז שוין גע־ווען אַ מוסמך פון אַלע אַלטע צדיקים און אַ מפורסם אויף דער גאַנצער חסידי־שער וועלט, ווייטער פערבליבען נור אַ איינפאַכער חסיד. ער איז געפאָהרען קיין סאַדאַגורע צום ריזינער, וועמען ער, ר' דוד זלאַטעס, האָט בעטראַכט אַלס זיין רבי מובהק. דער ריזינער פלעגט איהם אָנטהון גרויס כבוד, זאָגענדיג, אַז דער בעל־שם בעריהמט זיך אין גן־עדן פאַר אַלע אַלטע צדיקים מיט דיעזען

ז׳דיגען חסידישען צדיק, וועלכער דיענט השם־יתברך פונקט ווי אברהם אבינו מיט אלע רמ״ח אברים אהן א שום זייטיגער מחשבה. פונדעסטוועגען פלעגט ר׳ דוד אויך פאהרען צו ר׳ שלומ׳ען קיין בעלז, און צו ר׳ מאיר׳ל פרעמישליאנער.

ר׳ מאיר׳ל האט זעהר געגארט צו האבען ר׳ דוד׳ן אפט ביי זיין טיש. זייענדיג אבער א גרויסער פערעהרער פונ׳ם ריזינער, און גלויבענדיג, אז דער ריזינער איז דער צדיק הדור, דער ראש פון אלע צדיקים, האט ער זיך ניט געקענט מתקנא זיין וואס ר׳ דוד זלאטעס, אלס רבי־מוסמך, האט זיך אויסגעקליבען אויף דער עלטער דעם ריזינער אלס א רבי־מובהק. ער האט אבער ניט געקענט פערשטעהען וואס אזא צדיק ווי ר׳ דוד, פול מיט אלע גוטע מעלות, האט נאך עפים וואס צו זוכען אין ב ע ל ז.

„זאגט מיר, איך בעט אייך, האט איהם ר׳ מאיר׳ל פרעמישליאנער אמאל געפרעגט, וואס פאר א מדה טובה האט איהר עפים אבגעלערנט פון ר׳ שלום בעלזער ?״

„איך לערן מיך ביי איהם די מדה פון „לב טוב״ (צו האבען א גוט הארץ).

ר׳ מאיר׳ל פרעמישליאנער האט זיך, הפנים, געפונען בעליידיגט פון דיעזע תשובה. ער האט זיך אנגעכאפט ביים קאפ אויסשרייענדיג אויף זיין הויך קול : איז מאיר, הפנים, ניט קיין גוטער מענש ? האט מאיר אפשר ניט קיין גוט הארץ ? (ר׳ מאיר׳ל פלעגט פיהרען זיין אייגען הויז אין גרויס דחקות און זיין גאנצע הכנסה פון פיעלע טויזענדער פערטיילען אויף צדקה, בעזאנדערס צו די ארץ־ישראל אידען).

„זאל דער רבי ניט האבען קיין הקפדה״, האט איהם דער צדיק ר׳ דוד געענטפערט מיט גרויס עניוות. „ביי מיר איז עס א דבר מוסכם, אז יעדער צדיק איז פאר זיך א גאנץ בעזונדערע „מסכתא״ פון די מסכתות אין דער גמרא. אזוי ווי איך לערן אין דער מסכתא ב ר כ ו ת די דינים פון ב ר כ ו ת, אין מסכתא ש ב ת די דינים פון ש ב ת און אין מסכתא פ ס ח י ם די דינים פון פ ס ח און קיין איינציגע מסכתא האט ניט אויף מיר קיין תרעומות מחמת איך לערן די צווייטע אדער די דריטע, אזוי דארף אויך צדיק ניט האבען קיין הקפדה אויב א חסיד לערנט אויך אין אן אנדערע צדיק־מסכתא. נאך מעהר : אט לערן איך איין מסכתא מיט גרויס עיון, פערברענגען גאנצע יאהרען ביי איהר למוד (ווי דער סאנזער גאון, למשל, האט געלערנט די איינציגע מסכתא „בבא מציעא״ 24 יאהר רצופים אלס שיעור עיון), און די צווייטע מסכתא לערן איך אין איילעניש, אלס פשוט־גמרא, אזוי קען א חסיד האבען א י י ן צדיק צו וועלכען ער פערבינדעט אלע פעדים פון זיין נשמה מיט א שטארקען, א י י ב י ג ע ן קשר, און אן אנדערן צדיק, צו וועלכען ער פאהרט ניט בתמידות, נור זיך אבצולערנען עפים א מדה טובה״.

פונדעסטוועגען פלעגט ר׳ דוד זלאטעס בעווייזען פיעל מופתים, לויט ווי חסידים דערצעהלען ; ער האט אבער תמיד פערשטעלט די מופתים אויף אזא אופן, אז ס׳זאל ניט הייסען, אז ע ר איז דער פועל־ישועות.

אזוי איז צו איהם אמאל געקומען אן אשה און פערגאסען א ים מיט טרעה־רען. דער רבי זאל איהר צוריקברענגען דעם מאן, וועלכער האט זי שוין עט־ליכע יאהר איבערגעלאזט אן עגונה מיט פיער קינדער, בעת זי איז עלענד און קראנק און קען זיך גאר ניט העלפען.

„אז איהר גלויבט אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט דארפט איהר זיך ניט פיהלען עלענד", האט צו איהר דער צדיק געזאגט. „זייט איהר עהרליך און געטריי צו אייער מאן ווי א אידישע טאכטער דארף זיין ?"

„איך בין אן עהרליכע אידישע טאכטער, הייליגער צדיק, איך גלויב אין זיין ליעבען נאמען און אין זיינע הייליגע צדיסים. אט דעריבער בין איך דאך געקומען צו אייך, הייליגער צדיק, איהר זאלט פאר מיר מתפלל זיין מיין מאן זאל גיך און באלד אהיימקומען."

„ובכן, האט צו איהר דער צדיק געזאגט, דארפט איהר לחלוטין גאר ניט האבען מ י י ן תפלה. איך בין ניט קיין גרעסערער מיוחס ביים רבונו של עולם, ווי א כשר'ע, עהרליכע אשה וואס היט אב אידישקייט ווי ס'קעהר צו זיין. געהט אהיים, און בעט דעם בורא כל העולמים א ל י י ן, ער זאל אייך צוריקשיקען אייער מאן בקרב. קענט איהר לייענען עברי ? אויב יא, נעהמט א תהלים'ל און זאגט צעהן קאפיטלעך תהלים ; אויב ניט, שטעלט אייך אין א ווינקעלע און זאגט אויף פראסט אידיש צו השם יתברך, ער פערשטעהט אלע לשונות, אט די ווערטער : „גרויסער גאט, האב אויף מיר רחמנות מיט דיין גרוים דערבארעמדיגקייט ; אזוי ווי איך טהו תמיד ד י י ן רצון לויט מיין מ ע נ ש ל י ך יכולת, טהו דו אויך מ י י ן רצון לויט דיין ג ע ט־ל י ך יכולת, און שיק מיר אהיים מיין מאן ; גיב מיר חן אין זיינע אויגען, ער זאל ווערען א גוטער מאן צו מיר דיין דינסט, און א געטרייער טאטע צו זיינע קינדער". איך בין אייך מבטיח, אז השם־יתברך וועט צונעהמען אייער תפלה."

נאך דריי חדשים איז דער מאן אהיימגעקומען ; ער האט דערצעהלט, אז דריי נעכט רצופים האט ער ניט געקענט שלאפען. ער האט געזעהן זיין ווייב וויינען, איהרע טרעהרען זיינען געפאלען אויף זיין פנים און געבריהט ווי קאָ־כעדיג וואסער. ער האט ג ע מ ו ז ט אהיימפאהרען.

**ס'פערשטעהט זיך, אז דאס אלץ איז געווען נור דעם צ ד י ק ' ס כ ח.**

# 2

# דער גוטער איד מיט משונה'דיגע הנהגות

עָר דרעהט ביים ראָד און זאָגט תהלים. — נעהמט קוויטלעך אָהן פדיונות. — געהט אַליין אין די היזער פאַר „פרנסת עניים". — ער וויל תמיד זיין דער דער ערשטער אויפ'ן הימלישען יאַריד. — דעם משכיל'ס עונש. די חברה גנב'עט אַוועק דעם רבי'ן. — דער טויטער שוועהר וויל איהם פאַר אַ שכן.

גערופען האָט מען איהם: דער ר ב י ר' קלמן. און בעליעבט איז ער געווען אין דער גאַנצער געגענד אַזוי, אַז די צוויי שטעדט דאַלינע און באַלעכאָוו האָבען זיך ממש איבער איהם געשלאָגען; יעדע איינע פון די ביידע שטעדט האָט בעהויפּטעט, אַז דער רבי ר' קלמיש געהערט אויסשליסליך איהר אַליין, און ניט איינמאָל האָט מען איהם אין מיטען דער נאַכט פשוט כפשוטו אַוועקגעגנב'עט פון דאַלינע קיין באַלעכאָוו און שפּעטער פון באַלעכאָוו קיין דאַלינע. בעת ער, דער רבי ר' קלמיש אַליין האָט פון זיך ניט געהאַלטען אַלס אַ גוטער־איד, כאָטש ער איז געווען אַ מוסמך פונ'ם בעריהמטען צדיק ר' הירשעלע זידאַטשאָווער, און האָט עוסק געווען אין תורה און גמילות־חסדים כל ימי חייו.

ווער ער איז געווען און פון וואַנען ער איז געווען האָט קיינער ניט געוואוסט און ער האָט כל ימי חייו דערפון גאָרנישט געשמועסט. אַלס אַ אָרים איינגעל איז ער געקומען קיין דאַלינע און זיך פערדונגען ביי אַ „אַליאַרניק" (אויל־מאַכער) צו דרעהען אַ גאַנצען טאָג די ראָד. מיט איין האַנט פלעגט ער דרעהען די ראָד און אין דער צווייטער האַנט האָט ער תמיד געהאַלטען אַ תהלים'ל און כסדר אָן אויפהער געזאָגט תהלים. ער איז באַלד בעקאַנט געוואָרען אין דער שטאָדט אַלס אַ „ירא שמים". ביי אַ טייל מענ־יזען איז אויך געווען אַ סברא אַז ער איז גאָר אַ פערבאָרגענער צדיק. אַ נולד בקדושה, אַ למד־ויו'ניק. די חסידים האָבען איהם אָנגעהויבען צו רודפ'ן. מחמת חסידים האָבען ניט ליעב אַ פרומען בחור, אַ תהלים־זאָגער, דערפאַר האָט דער פּראָסטער עולם און די נשים צדקניות פונ'ם שטעדטיל אָנגעהויבען אָן איהם צו גלויבען און אין אַ עת צרה, איהם צו בעטען ער זאָל פאַר זיי תהלים זאָגען.

פלוצלונג האָט מען זיך דערוואוסט אין שטעדטיל, אַז דער בעריהמטער צדיק ר' דוד זלאָטעס האָט זיך משדך געווען מיט'ן פרומען בחור: ער האָ־

איהם גענומען פאר א חתן פאר זיין טאכטער. איצט איז שוין ביי קיינעם קיין ספק ניט געווען אז אין ר' קלמנ'ען שטעקט א הויכע נשמה און ער איז א פועל ישועות.

ער האט א צייט נאך דער חתונה געגעסן קעסט ביי זיין ארימען שווער. אזוי ווי ר' דוד זלאטעס איז נסתלק געווארען, האט זיך דער גאנצער עולם פון דער אומגעגענד געוואלט צובויגען צו ר' קלמנ'ן. ר' קלמן איז אבער געווען אן אמת'ער יורש פון זיין שווער און ניט געוואלט אננעהמען פדיונות און ווערען א רבי פון חסידים.

זיין שווער ר' דוד זלאטעס פלעגט איהם מיטנעהמען צו ר' הירש'לע זי־דאטשאווער, וועלכער האט דעם „פרומען יונגענמאן" זעהר מקרב געווען. איינמאל האט צו איהם דער זידאטשאווער געזאגט: „קלמיש, שוין גענוג זיך צו בעהאלטען, וויז זיך ארויס!" דאס איז געווען א בפרוש'דיגע סמיכה; אבער ר' קלמן האט איהם ניט אין גאנצען געפאלגט. א ש ט י ק ע ל „רבי" איז ער טאקע געווארען, ער האט צוגענומען קוויטלעך און אויך געוואונשען א ישועה. אבער פ ד י ו נ ו ת האט ער באין אופן ניט געוואלט נעהמען. „איהר ווילט טאקע אן אמת'ן גוטען איד? — פלעגט ער זאגען, — אט פאהרט קיין זידאטשאוו, דארט קענט איהר איהם געפונען, בעת איך בין נאר א פשוט'ער זעלנער". ס'פערשטעהט זיך, אז הערענדיג אזעלכע דבורים האט מען זיך דוקא געשטופט צו איהם. האט ער אבער געהאט א טבע זיך אבצוזונדערן און מקרב צו זיין נאר דעם פראסטען עולם, מיט חסידים האט ער ניט געוואלט האבען צו טהאן; און דער פראסטער המון פון דער גאנצער געגענד ווי אויך דער בעל־בתישער שטאנד האבען זיך פשוט פאר איהם מקריב געווען; ז י י האבען איהם דאס דעם נאמען געגעבען „דער רבי ר' קלמיש", וועלכער איז טאקע פערבליבען ביז צום היינטיגען טאג.

נאך די „סמיכה" וואס דער רבי ר' קלמן האט ערהאלטען פון זידאטשא־ווער צדיק, האט ר' קלמן אנגעהויבען צו מאכען מנין ביי זיך אין הויז. פונ'ם שווער איז איהם געבליבען אן ארימע ירושה וועלכע איז ס'מיינסט בעשטאנען פון חסידישע ספרים. ער האט פערקויפט א טייל פון די ספרים, כדי ער זאל זיין אימשטאנד צו קויפען א ספר־תורה פאר זיין אייגען געלד. אזוי ווי ער האט זיך דערוואוסט אז אין א דארף ביי א ארענדאר איז פאראנען א ספר־תורה צו פערקויפען, האט ער געבעטען זיין מקורב ר' פינחס ער זאל מיט איהם מיטגעהן אין דארף אריין אנקוקען און קויפען די ספר־תורה.

— גוט, האט איהם ר' פינחס געענטפערט, אט געה איך דינגען א פערד און וועגעלע און מיר וועלען ארויספאהרען אין דארף אריין.

— מיט א פערד און וועגעלע ווילסטו גאר פאהרען? האט זיך ר' קלמיש צו איהם אנגערופען מיט א לשון פון בתמיה. אויף אזא אופן, וועט דאך גאר דאס פ ע ר ד ברענגען דאס ספר־תורה ניט מ י ר. צו א דבר־מצוה מוז מען געהן צופוס.

באלד איז אבער זיין נאמען זעהר גרויס געווארען. דער המון וועלכער

האט אן איהם געהאט א איבערנאטירליכע אמונה, איז איהם ממש נאכגעלאפען, בעהויפטענדיג, אז יעדעס ווארט זיינס ווערט מקוים. קיין געלד האט ער אבער ניט געוואלט נעהמען. יעדען דאנערשטאג פלעגט ער אליין ארומגעהן איין אלע שטעדטילשע הייזער צוזאמענגעהמען „מעות עניים”. ער האט געהאט א לייווענטען זעקעלע און יעדער האט אריינגעווארפען פיער קרייצער. מעהר האט ער ניט געוואלט אננעהמען בשום אופן. פון דאס געלד וואס ער האט געזאמעלט האט ער א גרוים חלק דאפון פערטיילט צו ארימע לייט, און פאר'ן קלענערען חלק פלעגט ער קויפען לייבצודעקלעך, אנקויפען ציצית, געקויפט צוקערקעס און זיי פערטיילט צו אלע שטעדטישע ארימע קינדער, כדי זיי זאלען אנטהאן די ארבע־כנפות'לעך און זיך ביי איהם אויסלערנען זאגען „ברכה” פון אין דער פריה ; און דאס האט ער געטהאן בעת אן עולם האט געווארט אין דרויסען מען זאל קענען פון איהם אריינכאפען עפים א ברכה.

פאר זיין פרנסה האט ער גאר ניט געזארגט. ער אליין האט כל ימי חייו ניט געגעסען קיין שום „דבר מן החי”. זיין עסען איז בעשטאנען, סיי שבת סיי אין דער וואכען, פון טרוקען ברויט, טיילמאל בעשמירט מיט אויל, און פון א מאכל פון קוקערוזע־מעהל געקאכט אין אויל. דאס אויל האט איהם כל ימי חייו נעגעבען ר' ליבוש אליארניק בחנם, ס'איז ביי איהם געווען א זכיה אז דער רבי האט דאס ביי איהם צוגענומען. דאגעגען האט די רבי'צין זיך געלעבט זעהר שעהן מיט איהרע קינדער. ס'איז א סברא אז זי האט פון דעם רבינ'ס חסידים גענומען פדיונות אהן דעם רבינ'ס וויסען.

ער פלעגט יעדען טאג דאווענען מיט זיין מנין בהשכמה. בעת ביי אלע צדיקים איז א מנהג צו דאווענען זעהר שפעט. אום ראש־השנה פלעגט ער פערטיג ווערען מיט'ן דאווענען צעהן א זייגער אין דער פריה, כאטש ער האט דעמאלט געדאוונט מיט א גרויסען עולם וואס זיינען צו איהם געקומען אויף די ימים נוראים.

„פארוואס דאוונט איהר, ר' קלמן, אזוי פריה אב אין אזא יום הדין”, האט איהם אמאל איינער פון די גוטע אידען געפרעגט. „פארוואס זענט איהר אייך פורש פון דעם מנהג פון אלע צדיקי הדור, צו דאווענען ראש־השנה כמעט דעם גאנצען טאג ?”

„איך בין אן ארעם סוחר'ל, — האט איהם דער רבי ר' קלמן געענטפערט, — און האב אן ארים קרעמעל מיט ביליגע סחורה. וויבאלד איך וועל ניט קומען אויף דעם הימלישען יריד בעצייטענס און אויספאקען מיין ארימע סחורה איידער די גרויסע סוחרים קומען אן מיט זייערע טייערע גוטע סחורה, ווער וואלט זיך שפעטער אויף מיר און אויף מיין בידנע קרעמעל אומגעקוקט ? וואס מען כאפט ניט פריהער אריין האט מען ניט”.

געוואוינט האט אין דאלינע אן אויפגעקלעהרטער איד מיט'ן נאמען הירש ראקאווער, וועלכער האט אין דעם רבי'ן ר' קלמן ניט געהאט קיין אמונה און איהם אויסגעלאכט איבער זיינע משונה'דיגע מנהגים. דיזער משכיל איז געווען א עושר, האט געהאט א גרוים הויז, דאס שעהנסטע אין דער גאנצער שטאדט.

דאָרט איז געווען א שעהנע אכסניה פאר פריצים, אויך פלעגט דאָרט איינ־שטעהן די קייזערליכע קאָמיסיע ביים אסענטירונג. איז געקומען א טהעאַטער קיין דאַלינע, האָט ער נאָר געשפּיעלט ביי הירש ראקאָווער אין הויז, קורץ גע־זאָגט, דאָס הויז איז געווען דער צענטער פון גאַנץ דאַלינע.

אמאָל אין א דאָנערשטאָג, בעת ר' קלמן איז אריינגעקומען אין זיינע משונה'דיגע מלבושים מיט'ן זעקעלע אין האַנד, פערלאַנגענדיג די פיער קריי־צער פאר פרנסת־עניים, האָט הירש ראקאָווער גראד געהאַלטען אין איינ־טענה'ן מיט א פריץ וועגען וואָס איז ביי איהם געווען א גאַסט. הפנים, אז ער האָט זיך פאר'ן פריץ פערשעהמט, מחמת ער איז ארוים פון די כלים און זיך אָב־געבייזערט אויפ'ן רבי'ן וועלכער איז פונקט אנגעקומען בעת ער איז פערטהאָן אין א שמועס.

„אזוי, איהר ווילט נאָר אז מענשען זאָלען צו אייך ניט אריינקומען ?" האָט איהם דער רבי ר' קלמן געפרעגט.

„איך וויל ניט אז גוט־אידישע שנאָררערס זאָלען צו מיר אריינקומען", האָט דער משכיל'ישער גביר איהם אָבגעענטפערט מיט כעס.

„אז דו ווילסט ניט, וועלען מענשען ניט מעהר קומען אין דיין הויז אריין", האָט איהם דער רבי געענטפערט.

אלע דאַלינער אידען דערצעהלען פה אחד, אז אין דעם הויז פון הירש ראקאָווער, האָט זיך באַלד אנגעהויבען צו פיהלען א מיאוס'ער ריח. וועלכער פריץ ס'איז דאָרט פערפאָהרען, האָט ניט געקענט פערווייל'ען אין דיעזען האָ־טעל אפילו א שעה. דער שלעכטער ריח איז געווען אונערטרעגליך. מען האָט געטהאָן כל'ערליי תחבולות צו פערטרייבען דעם ריח־רע, ס'האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפען. דער בעל־הבית איז דאן געקומען בבכי ובתחנונים צום רבי'ן איהם מפייס צו זיין און בעטען מחילה. „מיין כבוד בין איך דיר מוחל, האָט איהם דער רבי געזאָגט, אָבער דעם כבוד פון די אָרימע לייט פאר וועמען איך זאַמעל די נדבות, קען איך דיר ניט מוחל זיין. דו האָסט אזוי געוואָלט, איצט האָסטו עס".

דער בעל אכסניה איז געוואָרען אן עני ואביון. ער האָט געמוזט פערקויפען דאָס הויז בזול הזול. און מיט דעם געלד האָט ער מעהר קיין הצלחה ניט געהאַט ; ער איז געשטאָרבען אין פרעמדע תכריכים.

אזוי דערצעהלען די דאַלינער אידען.

ווי שוין פריהער בעמערקט, האָט דער צדיק געוואוינט טיילמאָל אין דאַלינע און טיילמאָל אין באָלעכאוו. אין מיטען דער נאַכט, ווען דער צדיק פלעגט זיצען און לערנען, פלעגען פלוצלונג אריינפאַלען א חברה מענשען צום רבי'ן, זאָגענדיג צו איהם : „רבי, איהר מוזט מיט אונז פאָהרען קיין באָ־לעכאוו, מחמת אייער הייליגער שווער ליגט ביי אונז און מיר באָלעכאווער האָבען אויף אייך מעהר רעכט ווי די דאַלינער אידען". דער רבי ר' קלמיש, וועלכער איז בטבע געווען א גוט־הארציגער מענש, האָט תיכף צוגעמאַכט דאָס ספר, געהייסען זיי' איינפּאַקען זיינע זאַכען און מיטגעפאָהרען.

אין דער פריה איז גאנץ דאָלינע געגאַנגען אויף רעדער. זייער ציערונג, דער היילינגער צדיק, איז ביינאַכט נעלם געוואָרען. זיי האָבען באַלד פערשטאַנען וועמענס ארבייט דאָס איז און געוואָרט אויף א שעת הכשר זיך אָבצורעכענען מיט די באַלעכאָווער „גנבים״. די צייט איז אויך געקומען און דער רבי איז ווידער אוועקגע'גנב'ט געוואָרען פון די דאָלינער אידען. די היןֿאון־צוריק־גנבה איז געשעהן היבשע עטליכע מאָל.

איינמאָל, נאָך א באַלעכאָווער גנבה, איז דער צדיק אין באַלעכאָוו קראַנק געוואָרען. „איך בלייב שוין א היגער״ האָט ער געזאָגט צו די באַלעכאָווער אידען. „מיין שווער וויל מיך דוקא האָבען פאַר א שכן״.

באַלד דערנאָך איז ער נסתלק געוואָרען און ליגט טאַקע נעבען זיין שווער ר׳ דוד זלאַטעס.

## 3

# דער צדיק וואָס האָט זיך אויסגעטהאָן פון דער וועלט

די צוויי יחוס׳דיגע דינאַסטיען. — אַ גאַנצע שטאָדט ווערט פערברענט צוליעב די מצוה פון „שלוח הקן“. — אַ קדוש וואָס וויל ניט זיין אַ רבי נור פאָהרט קיין ארץ ישראל. — שרייבט נביאות־בריעף צו די צדיקים און זיי ווערען מקוים. — אַ חסיד בעגעהט בעטריגערייען אין רביג׳ס נאָמען. — דער רבי שטאַרבט פאַר האַרץ־וועהטאָג.

פאַר די גרעסטע מיוחסים צווישען די רבי׳שע דינאַסטיעס, רעכנען זיך די רביים פון דער ריזינער גזע, וועלכע האָבען אַ יחוס־בריעף ניט נור ביז צום רבי׳ן ר׳ בער פון מעזעריטש, וואָס איז געווען דער שטעלפערטרעטער פונ׳ם בעל־שם־טוב, און אין אַ געוויסער מאָס דער טאָן־געבער פון דער חסידישער שיטה, נור אויך העט, העט ארויף, ביז, לויט די חסידישע בעהויפטונג, צו ר׳ יהודה הנשיא. נאָך די ריזינער קומט די ראַפּשיצער דינאַסטיע, וועלכע שטאַלצירען מיט זייער יחוס ביז דעם גאון ר׳ איציק׳ל האַמבורגער, וועלכער, אַ חוץ זיין גאוניש׳קייט, איז אויך געווען איינגעטונקען אין יחוס פון דור דורות.

פון די ראַפּשיצער אייניקלעך, וועלכע צעהלען איצט אין די הונדערטער, איז כמעט ניטאָ קיין איינציגער וואָס זאָל ניט זיין אַ גאַנצער אָדער כאָטש אַ האַלבער גוטער איד. כמעט אַלע ראַפּשיצער קינדער זיינען בעלי מדרגה און תלמידי חכמים, צווישען זיי, אַ היבש ביסעל בעדייטענדע גוטע־אידען, וועמעס השפעה גיסט זיך אוים איבער טויזענדער חסידים. אָט צווישען דער מיוחס׳דיגער און גוט־אידישער גזע האָט זיך געטראָפען איין איינציגער, דוקא דער פעהיגסטער און בעגאַבטסטער צווישען זיינע ברידער, און בעשאַנקענער מיט אַלע כשרונות וואָס אַ צדיק דאַרף בעזיצען, וועלכער האָט באין אופן ניט געוואָלט ווערען אַ חסידישער רבי און איבערנעהמען די חסידישע ממשלה פון זיין בעריהמטען פאָטער, כאָטש ער, אַלס דער עלטסטער זוהן, האָט דאַצו געהאַט דאָס פולסטע רעכט, און כאָטש ער האָט, ניט זייענדיג קיין רבי, בעוויזען מעהר וואונדערליכע, איבערראַשענדע מופתים פון אַלע זיינע ברידער.

געהייסען האָט ער ר׳ נפתלי חיים הורוויץ, און איז געווען דער זוהן פונ׳ם דזיקאָווער צדיק און בעקאַנטער גאון ר׳ מאיר׳ל, דער פערפאַסער פונ׳ם ספר „אמרי נועם“. נאָך פון זיין יוגענד אָן האָט זיך ר׳ נפתלי חיים געוויזען פאַר

א זעלטענעם מענשען. אלס קינד פלעגט ער זעהען פערשיעדענע פאנטאזיען און זאָגען נביאות, וועלכע זיינען תמיד מקוים געוואָרען. אלע צדיקים האָבען דעמאָלט אויף איהם געזאָגט, אז ער וואקסט אויס א נייער ר׳ מאיר׳ל פרע־מישליאַנער, וועמעס אויגען קוקען אין דער צוקונפט ווי דורך אן „אספקלריא המאירה“. געמיינט האָט יעדער, אז נאָך זיין פאָטער׳ס פטירה וועט ער אי־בערנעהמען די גאַנצע גדולה און וועט אויך זיין דער גרעסטער גוטער־איד אין דור. די וועלט האָט אָבער אין איהם געהאַט א גרויסען טעות. אזוי ווי ער איז נור געקומען צום שכל און געוואָרען א ביסעל זעלבסטשטענדיג, האָט ער זיך אויסגעוועהלט א גאַנץ נייעם דרך צו דיענען השם־יתברך מיט תורה און תפלה, זיך גאַנץ מתבודד זיין פון דער סביבה, ניט וועלענדיג הנאה האָבען פון ד ע ר וועלט אפילו מיט׳ן קליינעם פינגער, האָבענדיג פיינט, בתכלית השנאה, געלד, כבוד און גדולה און, ועל כלם, די שטעלע פון א גוטען־אידען.

נאָך גאָר אלס א יונגערמאַן האָט ער אויף זיך מקבל געווען מקיים צו זיין אלע תרי״ג (613) מצות פון דער תורה, ווי ווייט א מענש איז ביכולת זיי אלע מקיים צו זיין. דער הויפט־רצון איז דערביי געווען, זיך דאָן איינגאַנצען צו ווידמען צו דער חכמה פון „קבלה“, וועלכע מען קען ניט רעכט און גרינדליך פערשטעהען, כל זמן מען האָט ניט מקיים געווען אלע תרי״ג מצות, און דאדורך געהייליגט אלע רמ״ח איברים און שס״ה גידין.

געפינט זיך אָבער צווישען די מצות פון דער תורה א מצוה פון „שלוח הקן“. אז א איד טרעפט א נעסט מיט יונגע פויגעלעך, און די מוטער זיצט אויף זיי און וואַרימט זיי אויס, טאָר מען ניט צונעהמען די מוטער מיט די קינדער. די תורה האָט דעריבער געהייסען קודם כל די מוטער אַוועקטרייבען און דערנאָך צונעהמען די יונגע פויגעלעך.

פערגלוסט זיך דעם יונגען צדיק ר׳ נפתלי חיים מקיים צו זיין אויך דיעזע מצוה. אָבער וואו נעהמט מען ערגיץ א נעסט מיט פויגעלעך און די מוטער זאָל גראָד דעמאָלט זיצען אויף איהרע יונגענקע קינדערלעך? ער איז א צייט לאַנג ארומגעגאַנגען אין וועלדעל, נעבען דעם דאָרף מאָקרשיסאָוו, זוכען אזא נעסט, ניט איינמאָל ארויפגעקלעטערט אויף בוימער, אָבער אלץ ניט געפונען וואָס ער האָט געזוכט.

ויהי היום, האָבען די חברים דערצעהלט דעם צדיק ר׳ נפתלי חיים, אז ביי א שכן, א גוי, אויפ׳ן בוידעם געפינט זיך א נעסט מיט יונגע פויגעלעך. ניט דערצעהלענדיג קיין בן אדם פון זיין אבזיכט, האָט זיך ר׳ נפתלי חיים, אין מיטען דער נאַכט, ארייגנע׳גנב׳עט צום גוי אין פאָרהויז, ארויפגעקראָכען אויף א לייטער צו זוכען אויפ׳ן בוידעם די נעסט. ער האָט זיך אויך פערזאָרגט מיט א ליכט און שוועבעלעך, כדי זיך צוצולייכטען בעת ער וועט נאָכזוכען די פויגעלעך. דער בוידעם פונ׳ם שכן איז געווען פול מיט היי, און בעת ער האָט געמאכט פייער אָנצוצינדען דאָס ליכט, האָט ער אין איילעניש אוועקגעוואָרפען דאָס ברענענדיגע צינדהעלצעל. דאָס היי האָט זיך תיכף אָנגעכאַפט און ר׳ נפתלי חיים איז קוים אַנטלאָפען מיט׳ן לעבען. אין איילעניש איז ער אראָב־

געפאלען פון דער לייטער, זיך קיין־מעשה־ניט צו׳הרג׳עט. עס איז איהם אָבער געלונגען זיך בגנבה אהיימצוכאפּען קיינער זאָל איהם ניט בעמערקען. דאָס גאַנצע הויז האָט דערווייל אָבגעברענט און דאָס פייער האָט זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָדט דזיקאָוו. דאָס איז די אמת׳ע סבה פון דער ערשטער גרויסער דזיקאווער שרפה, וועלכע איז יאָהרען לאַנג געווען א בעהאַל־טענער סוד, בעקאנט נור צו די יחידי סגולה.

באַלד נאָך דיעזער מעשה, נאָך ביים פאָטער׳ס לעבען, האָט ער בגנבה פערלאָזען זיין היים און אוועקגעפאָהרען קיין ארץ ישראל. ס׳הייסט, אז דאָס לערנען פון קבלה האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. ער האָט פערשטאַנען, אז דער טומאה׳דיגער אויר פון חוץ־לארץ איז איהם מטמטם (פערשטאָפּט איהם) דעם מוח. אין ארץ ישראל, האָט ער געהאָפּט, וועט עס בעסער געהען, וויילדאָרט קומט די שפע פון די קדושה גלייך מן השמים, און די חיצונים, רחמנא ליצלן, האָבען ניט קיין כח צו פערשטעלען איהר דעם וועג. פאַר זיינע גאָר נאָהענטע פריינד, מיט וועלכע ער פלעגט ד א ך אמאָל עפּעס רעדען, פלעגט ער נור כסדר שמועסען וועגען דער קדושה פון ארץ ישראל, דערמאָנענדיג די ווערטער פון ר׳ נחמן אוים בראסלוב, אין „שבחי הר״נ“, אז נור אין ארץ ישראל איז א מענש בכח צו מאַכען פון אלע מדות רעות בלויז מדות טובות.

ער האָט זיך אָבער אין ארץ ישראל ניט לאַנג אויפגעהאלטען; ער איז באַלד צוריק אהיים געקומען אָבער שוין גאָר אַן אַנדער מענש, ער האָט פון דעמאָלט אָן ניט מעהר געוואָלט ז ע ה ע ן דעם אויר פון חוץ־לארץ, וועל־כער איז פול מיט קליפּות און חיצונים. דעם גאַנצען טאָג פלעגט ער לערנען אין זיין חדר מיוחד קבלה, ביי א ליכט, מחמת די לאָדען זיינען כסדר געווען פערמאכט און צוגעשלאָסען, אז אפילו א שטראַהל טאָג־ליכט זאָל ניט חלילה אריינדרינגען אין חדר. ווען ער האָט שוין יא געמוזט ארויסקומען אויף דער גאַס ביי טאָג, האָט ער געטראָגען אויפ׳ן קאָפּ א גרויסען קאַפּעלוש, וועלכער האָט איהם געדייכט ביז איבער די אויגען, ממש ביז צום שפּיץ נאָז, כדי ער זאָל די טומאה׳דיגע סביבה פון חוץ־לארץ ניט אַנקוקען.

אוצרות מיט געלד וואָלט ר׳ נפתלי חיים געקענט דעמאָלט אַנזאַמלען ווען ער וואָלט נור געוואָלט. מען האָט איהם ממש נאָכגעוואָרפען קוויטלעך מיט פּדיונות, וואו מען האָט איהם נור געקענט זעהען. ער האָט זיי אָבער קיינמאָל ניט צוגענומען. זעהענדיג, אז דער עולם דערקוטשעט איהם און שטערט איהם אין זיינע הייליגע דרכים, האָט ער זיך ביינאַכט צופּוס אוועקגע׳גנב׳עט פון דער היים און איז נעלם געווארען.

עטליכע יאָהר רצופים האָט דיעזער צדיק אָבגעריכט גלות. וואו ער האָט גענעכטיגט איין נאַכט האָט ער ניט גענעכטיגט די צווייטע, געלעבט פון בלויז ברויט מיט וואַסער, ביז ער איז ענדליך צוריקגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל און איז שוין דאָרט פערבליבען כל ימי חייו, ביז ער איז נסתלק געווארען אום יום־כפּור תרנ״ה. פאַר ראש השנה האָט זיין ברודער, דער דזיקאָווער, ערהאלטען

פון איהם א בריעף, אין וועלכען ס'איז געשטאנען: „הגיע זמני להפטר מן העולם" (מיין צייט איז שוין געקומען אוועקצוגעהן פון דער וועלט).

אבער ניט נור אין דיזען בריעף אליין האט ר' נפתלי חיים געזאגט עתידות. פון ארץ ישראל פלעגט ער כסדר שרייבען צו זיין משפחה און אויך צו יחידים, נביאות-בריעף, זאגענדיג פאראויס וואס ס'וועט שפעטער פאסירען. די בריעף מיט דעם דאטום פונ'ם פאסט-זיגעל זיינען נאך היינט במציאות.

ערב ראש השנה תרמ"ג, האט דער אלטער ראזוואדאווער צדיק, ר' משה הורוויץ ז"ל, ר' נפתלי חיים'ס א פעטער, ערהאלטען פון איהם א בריעף אין וועלכען ער ווארענט דעם פעטער, ער זאל פערנעהמען כל-אשר-לו און אנט־לויפען פון ראזוואדאוו. מחמת ס'הענגט איבער דער גאנצער שטאדט א גרויס פייער. באלד נאך ראש-השנה האט אויסגעבראכען א שרפה, וועלכע האט חרוב געמאכט די גאנצע שטאדט מיט'ן רבינ'ס הויז אינאיינעם.

ווען דער מיידענער גוטער איד, ר' טוביה, א ברודער פון ר' נפתלי חיים, איז נסתלק געווארען, האט זיין צווייטער ברודער, דער דזיקאווער רבי ר' יהושע'לי, בשעת זיין לויה ערהאלטען א בריעף פון ארץ ישראל, אין וועלכען ס'איז ניט מעהר געווען אויפגעשריבען נור דיזער מאמר: „טוביה עלה למרום" (טוביה איז ארויפגעגאנגען אין הימעל אריין).

לײדער האט אבער א חסיד א שווינדלער פון ירושלים מיסברויכט זיין נאמען, וועלכער האט גע'שמ'ט אויף דער גאנצער חסידישער וועלט, אויסצו־נארען געלד, אינ'ם נאמען פונ'ם צדיק, פון זיינע פיעלע פערעהרער.

אין ירושלים האט ר' נפתלי חיים געהאט זיין אכסניה ביי א חסיד שלמה הירש שפירא, מחמת זיין בני-בית זיינען פערבליבען אין חוץ-לארץ, ניט ווע־לענדיג מיט איהם מיטפאהרען. דיזער חסיד האט פערשטאנען, אז דער תמימות'דיגער צדיק, וועלכער האט ניט געהאט קיין שום מגע-ומשא מיט מענ־שען נור זיך תמיד מתבודד געווען אין זיין ארים חדר'ל, קען פאר איהם ווערען א מעלקעדיגע קוה. ער האט זיך דעריבער ניט בענוגענט מיט דעם געלד וואס די גוט-אידישע משפחה פלעגט איהם שיקען, כדי מספיק צו זיין דעם צדיק'ס צרכים, נור ער פלעגט אויך ארויסשרייבען בריעף אינ'ם צדיק'ס נאמען צו בעקאנטע חסידישע נגידים, נאכמאכענדיג זיין סטיל, מיט פערשטעלטע נביאות, און פון זיי פערלאנגען געלד. אזא בריעף האט ער אויך ארויסגעשיקט צו א גביר אין ניו יארק (אין דער צייטונג „חבצלת" פון'ם יאהר תרנ"ה, ווערט דער נאמען פון גביר דערמאנט נור מיט ראשי-תיבות: ר"א ב"מ), וועלכער לייענט זיך אונגעפעהר אזוי:

„בעת איך בין ארויפגעגאנגען אין הימעל אריין צו דער „מתיבתא דרקיע", די ישיבה של מעלה, האב איך דארט געהערט אויף דיר א רעש גדול, אז דו וועסט, חלילה וחס, אראבפאלען פון דיינע מדרגות. איך האב מיך אבער אויפגעשטעלט אלץ א מליץ טוב פאר דיר. שיק מיר דעריבער הונדערט דאלאר, כדי איך זאל האבען מנוחת הנפש און כסדר זיין ביכולת אויף דיר ממליץ צו זיין טובות". דער ניו-יארקער גביר האט באמת געשיקט די הונדערט דאלאר,

ניט וויסענדיג. אז דער גאנצער בריעף איז מזויף. נאכגעמאכט פון שלמה הירש'ן, בעת דער עלענדער ר' נפתלי חיים האט דערפון ניט געהאט אפילו די קלענסטע ידיעה (אזוי זאגט אויך עדות די ירושלים'ער צייטונג)

אזוי ווי ר' נפתלי חיים האט זיך דערוואוסט, אז זיין בעל אכסניה נארט אוים פון מענשען געלד אין זיין נאמען, האט ער זיך דאס שטארק גענומען צום הארץ און פון גרויס צער איז ער באלד געשטארבען.

שלמה הירש שפירא, האט אבער אויך נאכ'ן צדיק'ס פטירה געפרובט אויס־צונארען געלד ביי דעם נפטר'ס פערעהרער. שרייבענדיג זיי בריעף, אז ר' נפתלי חיים האט איהם פאר דער פטירה איבערגעגעבען אלע סודות מיט כל־ערליי מינים פון קמיעות. דער עולם האט זיך אבער צו זיינע בריעף ניט מעהר צוגעהערט. מחמת די ירושלים'ער צייטונג האט מגלה געווען זיינע פעלשע־רייען. אבער אויף ר' נפתלי חיים'ן גופא איז אין פוצה פה ומצפצף. אלע. אויך ניט חסידים, זיינען מודה, אז ער איז געווען א קדוש וטהור. אויסגע־טהון פון אלע הבלי עולם הזה, זייענדיג מקדיש זיינע יאהרען און זיינע עובדות נור לעבודת הקודש.

4

# דער מיקאָלייעווער בחור

**פּער'עקשנ'ט זיך צו ווערען א „רבי". — די געבּרענגטע צרות פון דער סביבת. — הויבּט אָן צו ווייזען מופתים. — רדיפות פון אַן אַלטען צדיק. — דער „רבי" ווערט מגולגל ווערען אין בהמות טמאות. — דער שרעקליכער פּסק דין.**

צווישען די רוסיש־פּאָדאָליער חסידים געהט ארום א שמועה, אז די צרות וואָס די ריזינער גזע האָט געהאַט אויסצושטעהן דורך דאָס סאַנזער מחלוקת, איז געקומען צוליעב א קללה פון א גוטען־איד, וועלכער איז בע־קאַנט מיט'ן סתם נאָמען „דער מיקאָלייעווער בחור".

דוקא א קליינער גוטער־איד. אָבער ווי זאָגט עפּעס די גמרא ? „אימת מפגיע על ארי", דאָס קליינע חיה'לע וואָס הייסט „מפגיע", וואַרפט ארויף א מורא אויפ'ן לייב, דעם מלך פון די חיות.

דער גרויסער ריזינער האָט, נאָך זייער מיינונג, געהאַט אַן עונש דורך די הקפדה פון ר' „מרדכלי בחור".

צעהן יאָהר איז מרדכי'לי אַלט געווען, ווען זיין פּאָטער, א פּראָסטער ניט־געלערנטער איד און אַן אָרימאַן דערצו, איז געשטאָרבען. די מוטער האָט באַלד חתונה געהאַט מיט א גראָבען־יונג אַן אכזר, וועמעס ערשטע עובדה איז געווען, אוועקצונעהמען מרדכלי'ן פונ'ם חדר, כדי איינצושפּאָרען שכר למוד, מיט איהם צו אַרבייטען עבודת פּרך און אָנצוטהאָן איהם ענוים קשים.

ווילד, מגושם'דיג און אָהן וועלכער עס איז ערציהונג, האָט דאָס קינד פערבּרענגט אינ'ם הויז פון זיין שטיף־פאָטער, אין צרות און אין לייד, פינף יאָהר. די מוטער האָט ניט מעהר געקענט צוקוקען דעם צער פון איהר קינד, האָט זי איהם אַוועקגעשיקט צו א פעטער קיין סאַניק, אין גאַליציען. דער פעטער, א חסיד פונ'ם רימאַנאָווער צדיק, ר' הירש, האָט דאָס פּופצעהן יאָה־ריגע איינגעל נעגעבּען פאַר א משרת'ל אינ'ם רבינ'ס הויף, וואו ער וועט האָבּען א געלעגענהייט זיך אביסעל אויסצואיידעלען, איינצוזאַפּען, לכל הפחות, דעם ר י ח פון תורה און יראת שמים.

זייענדיג אין'ם רבי'ן ר' הירש'ס הויף, צוזעהענדיג די גרויסע עבודה פונ'ם צדיק און צוהערענדיג כסדר פון די חסידים די נסים ונפלאות פונ'ם רבי'ן, ווי אזוי ער האָט זוכה געווען צו דערגרייכען פון אַ פּראָסטען שניידער־אינגעל צו דער מדרגה פונ'ם צדיק הדור, מיט זיין אייגענעם כח און דורך זיין אייזערנעם רצון, האָט מרדכי'לי ביי זיך אָבגעמאכט, אַז ער מוז זעהען נאָכצוטהאָן דעם רבי'ן ר' הירש און ווערען אַ גוטער־איד.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך פינף יאָהר אויפגעהאַלטען אין רימאַנאָוו, איז ער אַלס צוואַנציג יאָהריגער בחור צוריק אהיים געפאָהרען צו זיין מוטער און צו זיין געבורטס אָרט ל ו ס ק ו ר א נ י ע, אַ קליין שטעדטעל אין דער געגענד פון קאַמינעץ־פּאָדאָלסק, רוסלאַנד. דאָרט האָט ער אָנגעהויבען מתנהג צו זיין בחסידות, אזוי ווי ער האָט צוגעזעהען ביים רבי'ן ר' הירש.

טאָג און נאַכט איז מרדכי'לי געזעסען אין בית־המדרש און עוסק געווען אין תורה און תפלה. אזוי ווי זיין שטיף־פאָטער האָט איהם ניט אריינגעלאָזען אין זיין הויז, האָט ער כסדר גענעכטיגט אין בית המדרש און געלעבט אויף דעם טרוקענעם שטיקעל ברויט וואָס די מוטער פלעגט איהם בגנבה, אָהן איהר מאַנ'ס וויסען, ברענגען אין בית המדרש אריין. אָנפאַנגס האָט מען איהם געהאַלטען פאַר אַ משוגע'נעם. די קליינע חברה פלעגט איהם אָנטהאָן געברענטע צרות און די בית־המדרש בחורים פלעגען איהם אריינוואַרפען נאַסע האַנד־טיכער אין קאָפּ אריין, בעת ער האָט זיך שטאַרק פער'דבקה'ט ביים דאַווענען. שפּעטער אָבער, ווען דער עולם האָט זיך איבערצייגט, אַז דער „בחור" מרדכלי ווערט לחלוטין גאָר ניט נתפעל פון אַט די אַלע צרות און בזיונות, נור ער טהוט זיך דאָס זייניגע: דאַווענט, לערנט און דיענט השם יתברך, האָט מען איהם שוין צורוה געלאָזט.

זעקס יאָהר רצופים האָט זיך דער „בחור" (אזוי פלעגט מען איהם רופען אין שטעדטעל) אזוי געפיהרט. מען האָט אָנגעהויבען פאַר איהם דרך ארץ צו האָבען. אַלטע ווייבער און דער פּראָסטער עולם פלעגען ביי יעדער עת צרה בעטען דעם בחור ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין. ס'האָט זיך אויך כמה פּעמים געטראָפען, אַז ער האָט געזאָגט אויף אַ חולה, וועגען וועלכען דער דאָקטאָר האָט זיך שוין מיאש געווען, אַז ער וועט געזונד ווערען, און זיין וואָרט איז טאַקע מקוים געוואָרען.

ווי ער איז אַמאָל אַזוי געזעסען אין בית המדרש אים חול המועד פסח ביים לערנען, זיינען אריינגעקומען עטליכע ווייבער און איהם געבעטען מיט

הייסע טרעהרען ער זאָל מתפּלל זיין אויף א חולה מסוכן, וועלכער האָט שוין לאחר יאוש.

„האָט ער געזאָגט בעסער בודק חמץ זיין, האָט דער „בחור" זיך אָנגעּ־רופען. רוימט אוים דאָס חמץ, וועט ער האָבען א רפואה!"

נאָכזוכענדיג ביים חולה אין הויז, האָט מען געפונען אין א ווינקעל א האַלב ברויט. מען האָט עס מבער געוועזן און דער חולה האָט געהאַט א רפואה.

דיזער מופת האָט אויפגערודערט די גאַנצע געגענד. דער „בחור" איז געוואָרען א גרויסער מפורסם, אלס א צדיק און א „בעל מופת", אין גאַנץ וואָהלין, פּאָדאָליען, בעסאַראַביא און קיעוו. לוסקוראַניע איז געוואָרען א צענטער פון טויזענדער חסידים.

ווען ער איז שוין געווען א גרויסער „רבי", האָט מען איהם אַלץ נאָך גערופען סתם „דער בחור", ווייל ער האָט ניט געוואָלט חתונה האָבען, זאָ־גענדיג: „הריני כבן עזאי, נפשי חשקה בתורה" (איך בין גלייך צום תנא בן עזאי, וועלכער האָט ניט חתונה געהאַט, זאָגענדיג: איך בין פערליעבט אין דער תורה).

דער „בחור" איז באַלד געוואָרען א גרויסער קאָנקורענט צום אַלטען זינ־קאָווער צדיק, ר' יצחק מאיר, דעם אפּטער'ס א זוהן. הונדערטער חסידים האָבען זיך אָבגעריסען און זיינען צוגעשטאַנען צום „בחור". דער זינקאָווער האָט דעריבער אָנגעהויבען מורא'דיג רודף צו זיין דעם „בחור". ביי יעדען שבת'דיגען טיש האָט ער אויסגערעדט „אָסור לדבר" אויפ'ן ש ב ת י ־ צ ב י ־ ניק, זאָגענדיג: „ווער ס'קוקט נאָר אָן דעם „בחור'ס" צורה איז שוין א גרויסער חוטא; ווער עס זעהט איהם דריי מאָל וועט פערפאַלען ווערען אין שאול תחתיה". ער פלעגט אויך שילדערען די צרות וואָס דער „בחור" וועט מוזען אויסשטעהען נאָכ'ן טויט ביז ער וועט געלייטערט ווערען. קודם כל, וועט ער מגולגל ווערען אין א חזיר, א פערד, א הונט, א קאַץ און אַלע דברים טמאים. דאַן וועט ער הונדערטער יאָהרען מוזען זיין נע ונד אויפ'ן „עולם התוהו". ערשט שפּעטער וועט ער דורך זיינס, דעם זינקאָווער'ס, אָן איינ־קעל בעקומען א תיקון, און וועט אריין אין גיהנם.

דעם זינקאָווער'ס דבורים האָבען עושה רושם געווען. די חסידים האָבען זיך אָנגעהויבען צוריקצוציהען פונ'ם „בחור", האָבענדיג מורא פאַר'ן אַלטען צדיק'ס הקפּדה.

נאָך צוויי יאָהר, ווי דער „בחור" האָט דערפיהלט דעם פועל יוצא פונ'ם

זינקאָווער׳ס רדיפה, האָט ער זיך מישב געווען און איז געפאָהרען בעצמו קיין זינקאָוו, צו פרעגען דעם „אַלטען" אויף דער סבה פון די שרעקליכע רדיפות, און טאָמער איז ער באמת א חוטא, זאָל ער איהם ארויסגעבען א תשובה.

אין זינקאָוו האָט דער „בחור" געהאַט אויסצושטעהן א גרויסען בזיון. דער אַלטער צדיק האָט איהם אפילו קיין „שלום" ניט געגעבען. ער האָט זיך אויסגעדרעהט מיט׳ן פּנים צו דער וואנט, כדי ניט אָנצוקוקען דעם „בחור׳ס" צורה.

דער „בחור" האָט זיך מתחזק געווען און געזאָגט: „רבי, איהר זיינט דאָך דער צדיק הדור, דער „מוח" פון דער וועלט, און איך בין א פשוט „אבר" פונ׳ם וועלטס־גוף. אויב איך האָב עפּעס פּוגם געווען, פיהלט איהר אודאי און ווייסט די רפואה. זאָגט מיר, רבי, מיין פּגם און גיט מיר א תיקון".

„ניט אַלע קראַנקע קען א דאָקטאָר היילען און ניט יעדען פּגם קען מען מתקן זיין", האָט איהם דער אַלטער געענטפערט און זיך אַריינגערוקט הינטער־ווילעכץ אין אַן אַנדער חדר, ניט אָנקוקענדיג דעם „בחור׳ס" פּנים.

נידערגעשלאָגען און פערשעהמט איז דער „בחור" צוריק אַהיים געפאָהרען.

זעהענדיג אַז באַלד, באַלד וועט זיין א סוף צו זיין גאַנץ גוט־אידישקייט, האָט זיך דער „בחור" מיישב געווען צו זוכען א הילף אין סאַדאַגורע ביים ריזינער. ער איז תיכף אוועקגעפאָהרען קיין סאַדאַגורע. אָבער אויך דאָרט האָט ער ניט מצליח געווען. מען האָט איהם אפילו איין מאָל ניט צוגעלאָזט מקבל פּנים צו זיין דעם ריזינער.

דורך זיינע מקורבים, וועלכע האָבען יאָ די זכיה געהאַט צו צוקומען צום צדיק, האָט דער „בחור" געבעטען דעם ריזינער, אַז ער, אַלס צדיק הדור, איז ביכולת איהם, דעם „בחור" מציל צו זיין פון אַזאַ מאוס׳ן בלבול, אַז ער איז א שבתי־צבי׳ניק; ער אליין, דער ריזינער, האָט דאָס רעכט צו משפּט׳ן אין אַזאַ וויכטיגען ענין.

„איך האָב ניט מעהר וואָס צו משפּט׳ן", האָט צו זיי דער ריזינער געזאָגט. „כבר הורה זקן והלכה כמותו" (דער אַלטער זינקאָווער האָט שוין גע׳פּסק׳ענט און די הלכה בלייבט ווי ער האָט געזאָגט).

דיזע דבורים זיינען געווען א טויט־קלאַפּ פאַר׳ן „בחור", און מיט זיי איז שוין געחתמ׳עט געוואָרען זיין פּסק־דין. דעם ריזינער׳ס א דבור איז ביי דער גאַנצער חסידישער וועלט פערעכענט געווען ווי א אורים ותומים.

„ער האָט מיך דער׳הרג׳עט"! — האָט דער „בחור" זיך אָנגערופען, הע־

רענדיג דיזע דבורים פונ׳ם ריזינער. — „איך ווינש איהם נאָר, אז זיינע קינדער זאָלען אמאָל פיהלען מיין טעם“.

דער „בחור“ האָט שפּעטער חתונה געהאַט, זיך בעזעצט אין דעם שטעד־טעל מיקאָלאַיעוו אין פּאָדאָליען. דאָרט האָט ער געלעבט אלס א קליינער גוטער־איד. חסידים האָט ער ניט געהאַט מעהר. נאָר דער המון און אלטע ווייבער פלעגען איהם געבען קוויטלעך און פדיונות. ער האָט אָבער די גאַנ־צע הכנסה פערטיילט צו אָרימעלייט און אַליין געלעבט אין גרוים דחקות.

דער גוט־אידישער „בחור“ איז געשטאָרבען אין יאָהר תרל״ט, אינ׳ם עלטער פון 62 יאָהר. און ביז היינט דערצעהלט מען פון איהם אין פּאָדאָליען נסים ונפלאות.

# יום-טוב מעשה׳לעך

## קאַפּיטעל פערציכנים:


1) די מלחמה מיט׳ן שטן פאר די תקיעות ................ 118—113
2) דער בערדיטשעווער איז מבטל א קטרוג .............. 123—119
3) דער צדיק קויפט א פערד אנשטאט אן אתרוג.......... 128—124
4) דער כח פון חסידים ביי די הקפות.................. 132—129
5) דאָס חנכה־ליכטעל — א נר־נשמה ................ 138—133
6) דער לאַבעדיגער פורים ......................... 142—139
7) פסח ביים ריזינער רבי׳ן ....................... 149—143
8) דער לעצטער שבועות אין סאראגערי ................ 154—150

## י

# די מלחמה מיט'ן שטן פאַר די תקיעות

דער ס"ם איז מבלבל די תקיעות. — אַ שטערונג צוליעב דעם שוחט'ס חטא. — דער סאַסאָווער איז מלמד זכות. — דעם שטן'ס נקמה. — דער צדיק איז עומד בנסיון. — ער האָט אויסגע'פועל'ט אַ יאָהר פון ברכה והצלחה.

דאָס גרויסע בית המדרש אין סאַסוב פונ'ם רבי'ן ר' משה ליב, איז געפּאַקט פול מיט חסידים מפה לפה. אַלע האָבען שוין געהאַט הכנה צו די תקיעות. דער גאַנצער עולם האָט שוין אָבגעזאָגט דעם „זוהר" און די תפלות פון „פאַר די תקיעות", אַלע אויגען זענען אויסגעוויינט און אַלע הערצער ווערען שיער ניט צושפּרונגען פאַר גרויס התעוררות; עס צופּט יעדען ביי דער נשמה. אַלע וואַרטען מיט אַ הימלישער תשוקה, אַז דער רבי זאָל שוין צוריקקומען פון דער מקוה און זיך נעהמען צום שופר. אָבער פאַרוואָס איז עפּעס דער צדיק היינט אַזוי מאריך אין דער מקוה?

„יודע צדיק נפש חסידיו". דער אמת'ער צדיק ווייסט תמיד ניט צו לאָזען וואַרטען די חסידים ביי אַ וויכטיגע עבודה צו־לאַנג. מחמת די חסידים זענען נאָר ביכולת דאָס אש־קודש, דאָס פייער פון תפלה, אָנצוצינדען; דער צדיק, מיט זיינע עובדות און העויות, בלאָזט אונטער דאָס פייערל און עס ווערט דערפון אַן אש־להבה, אַ פלאַם־פייער. דעריבער טאָר דער צדיק ניט לאָזען אויף זיך לאַנג וואַרטען, כדי דאָס קליינע פייערל וואָס די חסידים האָבען אָנגעצונדען מיט זייער אייגענעם כח, זאָל ניט אין צווישען אויסגעלאָשען ווערען, דאָס חמימות אָבגעקיהלט און דאָס התעוררות אויסגעוועפּט.

מה יום מיומים? פאַרוואָס לאָזט דער צדיק היינט אויף זיך אַזוי לאַנג וואַרטען?

שוין צוויי און פערציג מאָל האָט זיך דער צדיק ר' משה ליב טובל געווען אין מקוה, און איז אַלץ נאָך ניט אימשטאַנד געווען צו קריגען די ריכטיגע כונות, וואָס מען דאַרף אין זין האָבען ביי דער טבילה פאַר תקיעת

שופר. אַמ דוכט זיך איהם, אַז ער האָט שוין מצמצם געווען זיינע מחשבות, זיי צוזאַמענגענומען צו איין נקודה, און פּלוצים כאַפּט זיך אַריין אין מיטען, ער ווייס לחלוטין נים פון וואַנען, עפּעס אַ מחשבה זרה, אַ נים פּאַסענדער געדאַנק, און מאַכט קאַליע דעם גאַנצען ‏נסט.

ס'איז עפּעס נים פּשוט; עס איז מעשה בעל־דבר.

„אין דוחקין את השעה", האָט דער צדיק ביי זיך געטראַכט. „מען טאָר נים זיין צו פיעל איינגעשפּאַרט. אַז עס געהט נים, דאַרף מען נים. מן הסתם איז אַזוי דער רצון פון זיין ליעבען נאָמען".

און אַלע אויגען פון בית־המדרש־עולם זענען געריכטעט צו דער טיר. אַמ געהט שוין דער גרויסער צדיק, וועלכער איז געווען משונה פון אַלע צדיקים, נים נאָר מיט זיין זעלטען גוט הארץ, מיט זיין ליעבע צו אַלע אידען, אפילו צו די גרעסטע רשעים, נאָר אויך מיט זיין וואוקס און הדרת פּנים. זיין הויך און זיינע ברייטע פּלייצעס זענען געווען ווי פון אַ ריעז, ממש פון אַ גבור שבגבורים. דערצו האָט ער געהאַט אַ זעהר חן'עוודיגען פּנים, אַ שעהנהייט פון אַ מאַן. ער איז געקליידעט אין אַ ווייסען זיידענעם כאַלאַט, פּערציערט מיט זילבערנע פראַנזען. אויפ'ן קאָפּ אַ ווייסע זילבער־מיטץ און אויף די פיס ווייסע זאָקען און ווייסע פּאַנטאָפעל — אַן אויסזעהן פון אַ מלאך־אלקים.

אַט שטעהט ער שוין ביים עמוד מיט'ן שופר אין האַנד, מחמת ער איז טאַקע אַליין געווען דער בעל־תוקע. מען האָט שוין אָבגעזאָגט זיבען מאָל דעם „למנצח", שוין מכון געווען אַלע כוונות און ער האָט שוין מיט גרויס התלהבות געמאַכט די ברכה.

„ת ק י ע ה!"

פו, פו, פו. ס'הערט זיך נאָך נים קיין קול שופר; אַמאָל נים קיין תנועה פון עפּעס אַ מין טאָן.

אַ ציטערניש האָט דורכגעדרונגען דעם גאַנצען עולם. מען האָט גע־פיהלט, אַז דער כח פונ'ם קטגור, פון דער סטרא־אחרא, איז היינט צו שטאַרק; וועהר ווייס וואָס פאַר אַ גזר־דין ס'הענגט איבער'ן כלל ישראל.

עס איז אמת, אַז דער רבי איז קיינמאָל נים געווען קיין גוטער בעל־תוקע. יעדען ראש־השנה פלעגט מען קוים־קוים הערען עפּעס אַ שטילען טאָן פונ'ם שופר און דערמיט יוצא זיין. דער לובלינער פלעגט אויף איהם, דעם סאַסובער, זאָגען דיזען דבור: „ובשופר גדול יתקע", ווי באַלד אַ גדול בלאָזט מיט אַ שופר, „וקול דממה דקה ישמע", כאָטש ס'הערט זיך נאָר אַ

גאנץ שטיל קול, כמעט גאר ניט א קול־שופר, פונדעסטוועגען „ומלאכים יחפזון", ווערען אלע מלאכים אין הימעל דערציטערט פאר גרויס פחד פונ'ם צדיק'ס תקיעות.

ה י י נ ט הערט מען דאך אבער לגמרי ג א ר נ י ט קיין קול; וואס פאר א ברכה מאכט מען איבער גאר נים?

דער רבי ר' משה־ליב האט אויסגעפרואווט אלע סגולות וואס עס שטעהען אין די ספרי קבלה. ער האט איבערגעדרעהט דעם שופר און אריינגעזאגט זיבען מאל „ויהי נועם" מיט אלע כונות פונ'ם אר"י (ר' יצחק לוריא), ס'האט אבער גאר נים געהאלפען.

„יד השטן רוממה", דער שטן איז היינט שטארק, האט זיך דער רבי געטראכט. ער האט אוועקגעלעגט דעם שופר אן א זייט, אראבגעלאזט דעם טלית איבער'ן קאפ ביז צום גארטעל און פערוואָרפען דעם קאפ אויףביידע הענט, אנגעשפארט מיט די עלענבויגענס אויפ'ן עמוד.

ער האט געהאט „עלית־נשמה".

און געטראפען האט ער דארט אין הימעל א גרויסע מבוכה. דער מלאך מיכאל, דער אידישער מליץ, לויפט ארום פערווירט, בעת דער שטן, דער ס"ם, זיצט זיך במנוחה אן א זייט און זיין פנים שיינט פון שמחה. דער קטרוג האט עושה רושם געווען. מיכאל האט נים געפונען קיין איינציגע פערטייי־דיגונג פאר'ן בית־דין של מעלה פאר די אידען.

און ר' משה־ליב האט באלד אויסגעפונען ווענען וואס ס'האנדעלט זיך.

דער שוחט פון סאסוב, וועלכער איז בעקאנט געווען אינ'ם גאנצען שטעדטעל פאר א גרויסען ירא־שמים, און וועלכער איז אויך געווען דער „מקריא" ביי די תקיעות, איז נכשל געווארען אין א מאוס'ע עברה. ער איז געווען אן אלמן. זיין ווייב'ס שוועסטער, א יונג מיידעל, איז אויפגעצויגען געווארען ביי איהם אין הויז, מחמת זי איז געווען אן ארימע יתומה. אמאל, זייענדיג אליין ביינאכט מיט דער שוועגערין אינ'ם הויז, האט ער נים געקענט גובר זיין דעם יצר־הרע. ס'איז דעריבער געווען א שווערער קטרוג אויפ'ן כלל־ישראל.

„לאזט מיך נאר צו צום בית־דין של מעלה", האט זיך דער רבי ר' משה־ליב געבעטען ביים מלאך מיכאל. „איך וועל מיך שוין מיט'ן בעל־דבר אויס'טענה'ן".

„מה רעש?", האט דער רבי ר' משה־ליב אנגעהויבען צו טענה'ן פאר'ן הימלישען בית־דין. וואס פאר א חטא האט דער שוחט אזוינס בעגאנגען?

לעולם איז דאָך גאָר אַ מצוה צו נעהמען אַ שוועסטער נאָך אַ שוועסטער, בפרט ווען דאָס מיידעל איז אַן אָרימע יתומה. וואָס־זשע האָט דאָ געפעהלט? גאָר אַ טבעת־קידושין! נו, איז כדאי איבער אַזאַ קלייניגקייט צו מאַכען אַזאַ תוהו ובוהו פון אַלע אידישע תפלות?"

מניה וביה, האָט זיך ר' משה־ליב אויפגעכאַפּט, גענומען דעם שופר, אָנגעהויבען בלאָזען. ס'איז געגאַנגען ווי אַ פּידעל. ער האָט נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזען אַזאַ קלאָהרען קול־שופר.

מיט זיין מליצה האָט ער דעם בעל־דבר מכניע געווען.

דער ס"ם האָט בעשלאָסען צו נעהמען פון ר' משה־ליב'ן נקמה.

ווען ער איז דעם צווייטען טאָג ראש השנה געגאַנגען אין מקוה, האָט איהם דער בעל־דבר מבלבל געווען. ער האָט לחלוטין פערגעסען, אַז ס'איז ראש השנה. ס'האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ס'איז גאָר ווינטער און ער געהט אויף אַ ברית־מילה, מחמת ער איז געווען אַ מוהל און קיינמאָל ניט אָבגעזאָגט, ווען מען האָט איהם געלאַדען אויף אַ ברית. צוליעב דער גרויסער מצוה פלעגט ער על פי רוב געהן צופוס.

און די קעלט איז דורכגעדרונגען אַלע זיינע אברים. ער פיהלט אַז ס'איז ממש כלות־הנפש. פּלוצים דערזעהט ער פאַר זיך אַ שעהן הויז. ניט האָבענדיג קיין ברירה איז ער אַריינגעגאַנגען אין הויז, כדי זיך אָנצואוואַרעמען אַביסעל.

אַריינקומענדיג אינ'ם חדר, האָט ער דערזעהן אַ אשה, גאָר אַ יונגע און זעהר אַ שעהנע, זיצט אויף אַ סאָפע, נעבען אַ טישעל, ניט ווייט פונ'ם אויוון אין וועלכען ס'האָט געברענט אַ פייער און האָט פערשפּרייט וואַרעמקייט איבער'ן גאַנצען חדר. ר' משה־ליב האָט זיך גאָר מחיה געווען מיט דער וואַרעמקייט, אָבער כדי ער זאָל ניט האָבען קיין „יחוד" מיט אַ פרעמדער אשה, האָט ער די טיר אַביסעל אָפען געלאָזט.

„איהר מעגט צומאַכען די טיר", האָט די אשה צו איהם געזאָגט אויף פּראָסט אידיש.

דער רבי האָט געקליבען נחת. אַזוי, ס'איז גאָר אַ פּראָסט אידיש ווייבעל. אודאי אַ צדקנית!

ר' משה־ליב האָט זיך געוואַרימט ביים אויוון, ניט רעדענדיג קיין דבור.

פּלוצים האָט דאָס ווייבעל אָנגעהויבען צו זינגען. די מעלאָדיען זענען געווען אַזוי זיס, האַרצעדיג! זיי האָבען איהם ממש בעצויבערט.

„אוי! קול באשה ערוה", האָט ער געטראַכט. מען טאָר דאָך ניט הער־

רען דעם קול פון א אשה. ער האָט געוואָלט ארויסגעהן. די טיר איז אָבער געווען פערשלאָסען.

און דאָס זיסע געזאַנג צוגעהט זיך איהם אין אלע אברים. ס׳העלפט ניט האָס פערשטאָפּען די אויערען מיט די פינגער.

פּלוצלונג דערזעהט ער אויפ׳ן טיש א האָר־נאָדעל. ער איז געפאַלען אויף א סברא, געכאַפּט די האָר־נאָדעל, זי אריינגעלעגט אין פייער, דאַן ווען זי איז רויט געוואָרען האָט ער זי אריינגעשטעקט אין ביידע אויערן און איז טויב געוואָרען.

א מחיה! ער הערט ניט מעהר קיין קול.

די פרוי האָט אָנגעהויבען פרעך צו ווערען. זי איז צו איהם צוגעגאַנ־גען, איהם אָנגעריהרט.

„מען טאָר ניט״, האָט ער אויסגעשריען. „צדקנית, דו האָסט אודאי פערגעסען אז ס׳איז אַן עברה״.

ער האָט אָבער ניט געהערט וואָס די „צדקנית״ האָט געענטפערט; ער האָט נאָר געזעהן, אז זי בענעהמט זיך זעהר ניט שעהן. זי הויבט זיך אָן אויסצוטהאָן. דער יצר־הרע האָט איהר אָנגערעדט צו אַן עברה. זי, די צדקנית, קען נעבעך ניט ביישטעהן דעם נסיון. דאָס בלוט האָט אין איהם אָנגעהויבען צו קאָכען.

ער האָט גיך געכאַפּט די נאָך הייסע האָר־נאָדעל און זי אריינגעשטעקט אין ביידע אויגען.

ער האָט זיך אויך בלינד געמאַכט.

פּלוצים איז אלץ פערשוואונדען און ער האָט זיך דערזעהן שטעהן אינ׳ם שמאָלען געסעל נעבען דער מקוה. ער האָט פערשטאַנען, אז דאָס אלץ איז געווען מעשה בעל־דבר, כדי איהם מבלבל צו זיין פאַר די תקיעות.

ר׳ משה־ליב איז אָבער גאָר ניט בייז געוואָרען.

„אָ, גרויסער רבונו של עולם!״, האָט ער אויסגערופען. „יעדער איינער וויל דאָך נאָר טהאָן דיין רצון, אפילו דער ס״ם, דער בעל־דבר, דער יצר־הרע, טהוען אויך דעם רצון פון דיין ליעבען נאָמען, דאָס איז דאָך ז י י ן שליחות!״.

„האָב־זשע רחמנות, רבונו של עולם, אויף דיין פאָלק ישראל, וואָס וויל טהאָן דיין רצון, נאָר עס קען נעבעך ניט מחמת גרוים עניות און דחקות״.

אלטע חסידים דערצעהלען, אז יענעם יאָהר איז געווען א שנת שפע, ברכה והצלחה; אידען האָבען געהאַט פּרנסה מיט׳ן פולען מויל.

דער אפּטער צדיק האָט אויפ'ן סאָסובער געלייענט דיזען פּסוק: „משיב חכמים אחור ודעתם יסכל" (גאָט מאַכט אמאָל דעם גרעסטען חכם פאַר א נאַר). מחמת יענעם ראש־השנה איז געווען אַן עת־רצון, אַז ווען דער סאַסו־בער צדיק וואָלט געווען מתפּלל געווען אויף דער גאולה, וואָלט זי אויך געווען געקומען.

דאָס ד ו ר איז עס אָבער ניט ווערטה געווען.

## 2

# ווי אזוי דער בערדיטשעווער האָט מבטל געמאַכט אַ קטרוג פאַר כל נדרי

דאָס האַרץ־פּלאַטערניש פונ׳ם גאַנצען עולם. — ער דאַרף האָבען אַ אידען פון
פּילאָווע. — חייםט זיך דערצעהלען אַ מעשה פונ׳ם גראַפס כלב. — גראַף
שאַטרינסקי איז מקיים די מצוה פון „הכנסת כלה״. — דעם
שטנ׳ס קטרוג פאַר כל־נדרי. — דער צדיק פערזאָרגט
דעם מלאך מיכאל מיט אַ מליצה״.

אנגעטהאָן אין די קיטלען און איינגעהילט אין די טליתים, שטעהט דער גרויסער עולם אין דער בערדיטשעווער שול, וואַרטענדיג מעהר פון אַ שעה אויף דעם רבי׳ן, דעם „קדושת לוי״, וועלכער איז טאַקע אַליין דער בעל־תפלה. ער זאָל שוין אָנהויבען צו זינגען די טרויעריגע, האַרצרייסענדיגע נגינה פון כל־נדרי. שוין האָבען זיי זיך געהאַט גוט אויסגעוויינט ביי דער „תפלה־זכה״ אַפילו פאַר אַזעלכע מיאוסע חטאים וואָס ס׳איז זיי אַפילו ניט איינגעפאַלען אַמאָל אין דער מחשבה צו זינדיגען; שוין האָט זיך איינער דעם צווייטען געריכט די הענט אַנווינשענדיג, אַז די תפלות זאָלען געפינען אַ גלייכען וועג צום כסא־כבוד און אָנגענומען ווערען מיט אַ גוטען רצון. און נאָך אַלץ הויבט דער צדיק ניט אָן די תפלה.

און דאָס קליינע אידעלע און גרויסער וועלט־צדיק, ר׳ לוי יצחק, שטעהט שוין מעהר פון אַ שעה פאַר׳ן עמוד, פערוואָרפען דעם קאָפּ אויף ביידע הענט, וועמענס עלענבויגענס זענען אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן עמוד, איבערגעדעקט מיט׳ן טלית ביז צום גאַרטעל, גאַנץ פער׳דבק׳ט. דאָס זיפצען און קרעכצען, וועלכעס הערט זיך איבער דער גאַנצער שול, זאָגט עדות, אַז דער צדיק פערגיסט אַ ים מיט טרערען אָט דאָרט אויבען טאַקע פאַר׳ן כסא־כבוד. אָבער דאָס צו־לאַנגע וואַרטען וואַרפט אַ שרעקליכע אימה אויף דעם טויזענד־קעפּיגען עולם. אַלע הערצער פּלאַטערען פאַר גרויס שרעק, פיהלענדיג, אַז ס׳איז שוין גאַר ניט קיין פשוט׳ער עסק. קיין ספק, אַז ס׳הענגט איבער זייערע קעפּ, אָדער אפשר גאָר איבער׳ן גאַנצען כלל ישראל, אַ קטרוג, אַ ביטערער גזר־דין, וועלכען דער צדיק איז ניט ביכולת בשום אופן מבטל צו זיין.

פּלוצים האָט זיך פונ׳ם צדיק׳ס מויל אַרויסגעריסען אַ טרויעריגער, לאַנ־

נער „אוי"־זיפץ, און אז הארמאניש זיפצען און וויינען האט מיט אמאל אויסגעבראכען פון דער גאנצער מאסע, אז די שול האט אזש געציטערט.
מיט אמאל האט דער צדיק ארויפגעצויגען דעם טלית, זיך איבערגעדרעהט מיט'ן פנים צום עולם, אויסרופענדיג מיט א הויך קול:
„ווער צווישען אייך עס קומט פון דעם שטעדטעל פילאווא, זאל תיכף צוקומען אהער!".
קיינער רופט זיך ניט אב.
„איך מוז האבען א איד פון פילאווא!", האט דער רבי געדונערט מיט א שטארק צורייצט קול.
א אידעל האט זיך איצט צוגעשטופט צום עמוד, צוגעהענדיג גלייך צום צדיק.
„פון פילאווא גופא?".
„ניין", האט דאס אידעל געענטפערט ציטערנדיג מיט אלע זיינע אברים ווי א פיש, שטעהענדיג פאר אזא גרויסען צדיק, וואס איז א „יודע־הכל", אין אזא ערנסטער רגע. „איך בין אייגענטליך גאר פונ'ם דארף ראנוויץ, וועלכעס ליעגט צווישען פילאווא און גניעשאוו, און געהערט טאקע צום פילאווער גראף. נאר אזוי ווי איך האלט דאס „מילכיגס" אין ראנוויץ און פאהר יעדען טאג אריין אין דער שטעדטעל פילאווא צו פערקויפען די מילך, בין איך דארט גוט בעקאנט. איך קען כמעט יעדעס קינד אין שטעדטעל".
„ובכן, קאנסטו דאך אודאי אויך דעם גראף שאטרינסקי, דעם פילאווער פריץ?".
„איך קען איהם זעהר גוט, הייליגער צדיק".
„קענסטו דאך אודאי אויך זיין גרויסען כלב?", האט איהם דער רבי ווייטער געפרעגט. „דערצעהל מיר וואס דו ווייסט עפעס מכח דיזען כלב".
„איך ווייס", האט דער איד געענטפערט מיט א ציטעריג קול, „אז דער הונט איז אזוי גרוים ווי א קאלב. ער בילט קיינמאל ניט און טהוט קיינעם ניט קיין בייז. ער דרעהט זיך איצט ארום פוסט־און־פאס אין דער שטעדטעל פילאווא מחמת דער פריץ האט איהם פון זיך פעריאגט און וויל זיך אויף איהם מעהר ניט אומקוקען".
„שרעק זיך ניט", האט איהם דער צדיק בערוהיגט. „דערצעהל מיר, וואו ער האט בעקומען אט דיזען הונט און פארוואס האט ער איהם דאן פון זיך פער־שטויסען?".
„אין פראנקרייך, אזוי דערצעהלט מען אין שטעדטעל, דארט וואוהין דער גראף פאהרט יעדען ווינטער שפיעלען אין קארטען, האט דער גראף גע־קויפט דיזען הונט פאר אכצעהן הונדערט רענדלעך. ער האט דאן געלאזט מאכען פאר'ן הונט'ס וועגען א טייער ביידעל, געשניצט פון טייער האלץ, וועלכעס קאסט מעהר פון צוויי הונדערט רענדלעך. עסען האט מען איהם געגעבען די טייערסטע פליישען. אמאל האט דער גראף אליין איהם צוגעבראכט א שטיק פלייש. דער הונט האט זיך דאסמאל פערגעסען. אנשטאט אבצוואווארטען ביז דער פריץ וועט פאר איהם אנידערלעגען דאס פלייש אויף א גאלדענעם טע־

לערעל, אזוי ווי מען האט איהם געלערנט, האט ער א שפרונג געטהאן, ארויס־געכאפט דאס פלייש פונ׳ם גראף׳ס האנט. דער גראף איז געווארען מלא כעס. דאס ביידעל האט ער צובראכען ממש אויף פיץ־פיצלעך און האט גוזר געווען, אז מען זאל דעם טייערען הונט תיכף ארויסיאגען פונ׳ם הויף, ער זאל געהן צום „דיאבעל". פון דעמאלט אן איז דער הונט נע־ונד און קיינער קוקט זיך אויף איהם ניט אום".

הערענדיג דיזע דבורים, האט זיך דער צדיק צוריק אומגעדרעהט מיט׳ן פנים צום עמוד, אויסרופענדיג מיט א קול פול מיט שמחה און נצחון:

„הערסטו עפעס, מ י כ א ל ? אט גאר אנדערע דבורים. א פשוט׳ער קל־הדעת, א פערשווענדער, אן אויסברענגער, אבער גאר ניט קיין בעל רחמנות! ווען די פוילישע אידען וואלטען האבען אזוי פיעל געלט, וואלטען זיי עס שוין ניט פערשווענדט אויף קארטען, אויף הינט און ביידלעך, נאר אויף צדקה און מעשים טובים. און מיט גרויס התלהבות, מיט שמחת הנפש, האט דער צדיק אנגעהויבען צו זינגען כל־נדרי.

מוצאי יום־כפור האט דער בערדיטשעווער געשיקט אריינרופען אין זיין חדר יחידי־סגולה פון זיינע מקורבים און האט זיי דערצעהלט אט די דאזיגע מעשה:

„אין דעם שטעדטעל מעכאוו, נעבען קראקא, וואוינט א פרומער איד, א גרויסער עני ואביון, וועלכער האט כל ימיו געליטען דחקות און ניט געוואלט נהנה זיין פון „מתנת בשר ודם".

„געהאט האט אבער דיזער איד א „בת שהגיעה לפרקה" (א טאכטער, וועלכע איז שוין ראוי געווען חתונה צו האבען), וועלכע איז שוין עטליכע יאהר געווען א כלה צו א זיידענעם חתן, ניט זייענדיג אימשטאנד מסלק צו זיין דעם נדן און אויסצושטעהן די הוצאות־החתונה. איצט האט איהם דער אבי־החתן געסטראשעט, אז באם ער וועט ניט חתונה מאכען ביז חודש אלול, וועט ער אבלאזען דעם שדוך. דער אבי־הכלה איז דעריבער געצוואונגען געווען, אראב־צונעהמען די בושה פון זיין פנים און זיך ארויסלאזען אין וועג אריין, אין די פוילישע שטעדטלעך, צו זאמלען געלט פאר הכנסת־כלה.

„אזוי ווי דער איד איז בטבע געווען א בישן און א גרויסער שלי׳מזל׳ניק, האט ער לחלוטין גאר ניט מצליח געווען. די אידישע קהלות האבען איהם ניט געשענקט קיין גרויסע אויפמערקזאמקייט, אזוי אז די גאנצע הכנסה איז צו־שמאלצען געווארען אין די הוצאות הדרך.

„עטליכע טעג פאר ראש־חודש אלול איז ער אנגעקומען קיין פילאווא, א שטעדטעל וועמעס ראש־הקהל איז געווען זיינס א יוגענד־פריינד, און אויף וועלכען ער האט געלעגט זיין לעצטע האפנונג. גראד איז דעמאלס די קהלה געווען פערבארדען אין חובות, צוליעב דעם אויפבויען פון א נייע באד, און דער ראש־הקהל האט איהם אבגע׳פטר׳ט מיט א גאר קליינער תמיכה (אונטערשטי־צונג).

„צובראכען, פערצווייפעלט, מיט א הארץ פול מיט צער, האט ער צופוס

פערלאזט דאס שטעדטעל. געהענדינט אהיים. אהן א שום צוועק. אויף ימים־טובים. הינטער דעם שטעדטעל האט ער זיך אנידערגעזעצט אונטער א בוים נעבען דעם שאסע און ביטערליך געוויינט.

„פלוצלונג איז אנגעפאהרען דער גראף שאטרינסקי פון פילאווא. דער־זעהענדיג אן עלטערען איד זיצען פער'דאגה'ט און פערוויינט, האט ער זיך אבגעשטעלט און דעם איד צוגערופען צו דער קאליעסא, איהם אויסגעפרעגט מכח זיין גרויסען מרה־שחורה.

„דער איד האט איהם, אין א געבראכענעם פויליש, דערצעהלט פון זיין גרויסען צער פון אל"ף ביז תי"ו.

„דער גראף האט דאן צו איהם געזאגט: „ווען דיינע „זשידעס" ווילען דיר ניט העלפען, וועט דיר דער גראף שאטרינסקי דערפאר ארויסהעלפען. ווי־פיעל דארפסטו אויף הוצאות החתונה ברחבה?"

„הונדערט רענדלעך", האט דער איד געענטפערט.

„דער גראף האט זיך געהייסען געבען א בויגעלע פאפיר, האט עפעס דערויף אויפגעשריבען, האט עס געגעבען דעם איד אין דער האנט, זאגענדיג: „געה מיט דיזען פאפיר צוריק קיין פילאווא צו מיין פערוואלטער. ער וועט דיר אויסצאהלען די הונדערט רענדלעך אין געלד. מאך א לוסטיגע חתונה און גרים דער כלה. זאג איהר, אז דער גראף שאטרינסקי ווינשט איהר א „דאברע מאזעלטאוו".

„ד ע ם פאר ראש־השנה איז געווען די חתונה. ס'איז געווען א שמחה ניט נאר ביים בעל־החתונה אליין, נאר אין אלע עולמות עליונים, מחמת דער חתן מיט דער כלה, זענען ביידע כשר'ע, פרומע, זיידענע נשמות.

„אבער אויך דעם ס"ם, דער „בעל דבר" איז פון דעם געווארען מלא שמחת. ער האט דערשמעקט, אז אט איצט האט ער בעקומען גוטען „חומר" פאר א קטרוג אויף ערב יום־כפור. ער האט געוואלט ווארטען ביז דער לעצטער רגע.

„זייענדיג אין מקוה", האט דער רבי ווייטער דערצעהלט, "האב איך פלוצים דערפיהלט א גרויסען „קטרוג". דער מלאך מיכאל, דער אידישער מליץ־יושר, איז ארומגעלאפען אין אלע היכלות ווי פערצווייפעלט, זוכענדיג עפעס א זכות פאר די אידישע קהלות אין פוילען. אין דער לעצטער רגע, אומ־געריכט, האט דער „שטן" מעורר געווען א גרויסען קטרוג פאר'ן כסא־הכבוד, טענה'דיג: „סטייטש, ווי אזוי קענסטו, רבונו של עולם, האבען רחמנות אויף די פוילישע אידען, ווען זיי האבען אבגעטהאן זייער רחמנות פון זייער אייגען בלוט און פלייש, פון אזא עהרליכען איד, און ער האט ערשט געמוזט אנקומען צום רחמנות און חסד פון א גוי!".

„דער קטרוג האט זיך אנגענומען. אלע שערי־שמים, דורך וועלכע ס'געהען ארויף אידישע תפלות, זענען פלוצים פערשלאסען געווארען. די סכנה איז זעהר גרויס געווען.

אבער די מעשה וואס דער ראנוויצער איד האט דערצעהלט וועגען הונט, מסיח לפי תומו, האט מהפך געווען דעם קטרוג לזכות. דאס האט דייטליך

מגלה־דעת געווען. אז דער גראף טהוט אלע זיינע פעולות לגמרי ניט אוים רחמנות. נאר פשוט אוים א משוגע׳נע לוינע. מחמת ער האט א סך געלט און וויים ניט וואס דערמיט צו טהאן. אט האט ער פערשוועגדט א פערמעגען צו־ליעב א הונט. און אט. אין א רגע פון א בייזער לוינע. האט ער ווידער אלץ פערניכטעט בידים. דאס קען לחלוטין ניט גערעכענט ווערען פאר א צדקה גדולה.

„דער מלאך מיכאל האט דורך דעם געפונען א דרך ממליץ צו זיין אויף די פוילישע אידען און דער קטרוג איז בטל ומבוטל געווארען״.

## 8

# דער צדיק קויפט אַ פערד אַנשטאָט אַן אתרוג

**ער גיט אַוועק אַ גאַנץ פערמעגען פאַר אַן אתרוג. — מצוה „שבין אדם לחברו" שטעהט ביי איהם העכער ווי „בין אדם למקום". — אַ מאָדנער לויב צו השם יתברך. — אַ ביליגער אתרוג וואָס האָט אַ ריח גן־עדן. — העלפט אַרויס דעם בערדיטשעווער מיט זיין פערדיל, פאַר די „שערי שמים".**

פתח ר' אייזיס'ל, האָט ר' אייזיק'ל אָנגעהויבען זיין ספור־המעשה ביים חסידישען „זיץ", די צווייטע נאַכט סכות, לכבוד שמחת בית השואבה, ואמר, און האָט אַזוי געזאָגט:

„את זה לעומת זה עשה אלהים". אַלץ וואָס דער „בורא כל העולמים" האָט בעשאַפען אויף דער וועלט, איז נור פון „שני הפכים". צוויי געגענגעזעצטע זאַכען: פייער און וואַסער: הימעל און ערד: ים און יבשה: זכר און נקבה: עולמות פון קדושה און, להבדיל באלף אלפי הבדלות, עולמות פון טומאה. אַזוי ווי ס'זענען פערהאַנען זיבען הימלען פון קדושה, וועלכע זענען פול מיט שמחה און ליכטיגקייט, מלאכים און שרפים, חיות און אופנים, אַזוי האָט השם יתברך בעשאַפען דאַגעגען זיבען הימלען פון טומאה, וועלכע זענען פול מיט עצבות און פינסטערניש, רחמנא לצלן, מיט קליפות און מלאכי חבלה, רוחות און מזיקים. איבער וועלכע דער מלאך „סמאל", דער שטן המשחית, איז דער מושל, דער גאַנצער כל־ולד.

וכשם שאתה מוצא, פונקט אַזוי ווי איהר קענט זעהען, אַז דער רשע, דער גרעסטער בעל־עבירה רחמנא לצלן, כאָטש ער איז, לא עלינו, משוקע, פערזונקען אין א ל ע מ"ט שערי טומאה, פונדעסטוועגען איז ביי איהם תמיד פערהאַנען איין איינציגע תאוה, וועלכע איז „עולה על גביהן", אַ מין מיוחסת, צו וועלכער ער איז זיך מקריב מיט אַלע זיינע כחות און מיט זיין גאַנצע חיות: איינער גיט זיך אָב מיט כלבים, דער צווייטער — מיט פערד, דער דריטער — מיט קאָרטען און דער פיערטער — מיט „אהבת נשים". רחמנא לצלן, אַזוי איז ממש, להבדיל בין טומאה לקדושה, ביים צדיק. כאָטש ער איז מדקדק אָבצוהיטען אַלע מצוות מיט זייערע פרטים און דקדוקים, האָט ער אָבער תמיד א בעזונדערע מצוה, וועלכע איז ביי איהם פערדעכענט אַלס דאָס הארץ, דאָס נפש פון די אי־

בעריגע מצוות. אין דער דאָזיגער מצוה איז ער זהיר ונזהר מיט זיין גאַנצען מוח, מיט זיין גאַנץ חיות און מיט זיין גאַנצער נשמה.

דער הייליגער צדיק ר׳ אורי פון סטרעליסק, נאָך בעת ער איז געווען אַ פשוט׳ער דאָרפס־מלמד, איידער ער איז נתגלה געוואָרען. האָט אַם מייסטען מדקדק געווען אַבצוהיטען בתכלית השלמות די מצוה פון „אתרוג־בענשען״.

כדי צו זיין ביכולת צו קויפען אַ אמת כשר׳ן און שעהנעם אתרוג, אַ „הדר שבהדורים״, האָט זיך זיין יונג ווייבעל פערדונגען אַלס אַ קעכין ביים לעמבערגער רב ר׳ חיים הכהן ראַפּאַפּאָרט, זי זאָל ניט דאַרפען אָנקומען צום מאַן אויף פרנסה. און ער, ר׳ אורי, האָט זיך פערדונגען אין אַ דאָרף, ניט ווייט פון זיין געבורטס־שטעדטעל יאַנוב, פאַר אַ מלמד. די העלפט פון זיינע שכירות האָט ער פערנוצט אויף די הוצאה קיין קאַרלין צו זיין רבי׳ן ר׳ שלמה איינמאָל אין יאָהר, און פאַר דער צווייטער העלפט שכירות פלעגט ער זיך קויפען אין לעמבערג אַן אתרוג, אַן אמת׳ען „הדר״. די נסיעה קיין לעמבערג האָט ער תמיד געמאַכט צופיס, כדי ניט אויסצוברענגען קיין געלד. סכות איז ער תמיד געווען אין יאַנוב, וואוהין זיין ווייבעל פלעגט אויך קומען צופאָהרען אויף יום־טוב, און דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געקומען אום סכות צו „ר׳ אורי מלמד״ בענשען אתרוג.

ויהי היום, אין אַ טאָג פון עשרת ימי תשובה, און דער צדיק ר׳ אורי געהט זיך אַזוי צופיס קיין לעמבערג מיט גאַנצע פופציג שיין־גולדען, דאָס שכירות פון אַ גאַנצען זמן, צו קויפען אַן אתרוג.

קומענדיג צו אַ וואַלד־קרעטשמע ניט ווייט פון לעמבערג, האָט ער איינגעטרעטען זיך צו דערכאַפּען דאָס האַרץ מיט אַ טראָפּען בראַנפען און זיך אַ קאַפּעלע אויסצורוהען. עס איז געווען פאַרנאַכט, און ר׳ אורי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעלע דאַווענען מנחה און מעריב.

אין מיטען דער שמונה־עשרה פון מנחה, האָט ער דערהערט אַ גראָב ווייינענדיג קול, וועלכעס האָט איהם זעהר מבלבל געווען. ער האָט זיך צוגעאיילט מיט׳ן דאַווענען, כדי געוואָהר צו ווערען די סיבה פון׳ם געוויין. וואָרום ווי קען מען עפּעס צוהערען אַ איד וויינען? אַז די דבורים האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ס׳איז אַ איד.

אַזוי ווי ער האָט נאָר געענדיגט תפילת מנחה, איז ער צוגעגאַנגען צום שענק־טיש זעהען ווער ס׳וויינט דאָרט. ער האָט דערזעהען שטעהען אַ מגושם׳דיגען מענשען, גאָר ניט צו דערקענען אַז ס׳איז אַ איד, אָנגעטהאָן אין אַ גראָבען „סערדיט״ ווי אַ פּויער, האַלטענדיג די בייטש אין די הענד, זיך אויסרעדענדיג אויף אַ גראָבען פּויערישען אופן דאָס ביטערע האַרץ פאַר׳ן אַרענדאַר.

פון די דבורים האָט ר׳אורי זיך דערוואוסט, אַז דער איד מיט דער בייטש איז אַ בעל־עגלה און אויך אַ בעל־מטופל פון קליינע קינדער און זיין פרנסה איז זיין איינציג פערד־און־וועגעלע, מיט וועלכען ער פאָהרט קיין לעמבערג נאָך סחורה פאַר די סוחרים פון׳ם שטעדטעל וואו ער וואוינט. איצט איז איהם געשעהן אַ גרויס אומגליק. דאָס פערדעל איז געפאַלען אין וואַלד ניט ווייט פון דער

קרעטשמע און וויל מעהר ניט אויפשטעהען. און ער ווייסט זיך גאר קיין עצה ניט צו געבען. ס'קומט איהם אנדערש ניט אויס, נור זיך אויפצוהענגען אין וואלד אויף א בוים.

„ס'איז דא א בורא כל העולמים", האט איהם ר' אורי געוואלט טרייסטען. „ער קען העלפען אויך אין דער גרעסטער עת־צרה. א איד טאר קיין מאל ניט ווערען פערצווייפעלט".

„מיר קען ער איצט שוין גאר ניט העלפען!" האט זיך דער וויינענדיגער איד אנגערופען מיט גרוים יאוש.

„ווען ער זאל כאטש האבען פופציג שייז־גולדען וואלט איך איהם בעדיי פערקויפט מיין פערדעל, כאטש ס'איז א מציאה אכציג." האט זיך דער ארענדאר אנגערופען.

„איך האב דאך ניט אפילו קיין פופציג שייז־קרייצער ביי דער נשמה" האט זיך דער בעל־עגלה אנגערופען אנהויבענדיג אויפ'ם ניי צו וויינען.

„אפשר וועט איהר נעהמען עפים וועניגער?" האט ר' אורי געפרעגט דעם ארענדאר.

„זאל זיין וויניגער מיט פינף שייז־גולדען. אבער ווער וועט צאהלען אט די דאזיגע סומע. ער איז דאך א גרויסער קבצן?"

ר' אורי האט אבער ניט מעהר גע'טענה'ט. ער האט ארויסגענומען דאס „בינטעלע", עס אויפגעבונדען, אבגעצעהלט דעם ארענדאר די מזומנים, זאגענדיג:

„געהט און גיט דעם איד דאס פערדעל. זאל ער עס איינשפאנען און ווייטער פאהרען וואוהין ער דארף. און וויסען זאל ער, אז השם יתברך קען יא העלפען, אפילו אין דער גרעסטער עת־צרה.

בעת דער ארענדאר מיט'ן בעל־עגלה זענען געווען טרוד ביים איינשפאנען דאס פערדעל צום וועגעלע, וועלכעס איז געשטאנען אין וואלד, האט זיך דערווייל ר' אורי ארויסגע'גנב'עט פון דער קרעטשמע און זיך געגאנגען זיין וועגס קיין לעמבערג מיט פינף שייז־גולדען אין קעשענע. דער בעל־עגלה האט ניט מעהר געטראפען זיין בעל־טובה. ער זאל איהם לכל הפחות אפדאנקען פאר דער גרויסער טובה.

די שמחה פון דעם ארימען בעל־עגלה, וועלכער איז פלוצים אומגערעכטערהייד געהאלפען געווארען פון זיין שרעקליכער נויט, איז געווען ממש שלא כדרך הטבע. ביי איהם אין די געדאנקען איז גאר קיין ספק ניט געווען, אז דער חסידישער יונגערמאן אין דער לאנגער קאפאטע מיט'ן הויכען ספאדיק, איז ניט געווען קיין אנדערער ווי אליהו הנביא, וועמען „כ'בין ניט ווערטה אנצורופען" האט אומישנע אראבגעשיקט פון הימעל איהם צו ברענגען די ישועה. זיין הארץ איז געווארען פול. ס'האט זיך געצאפעלט צו לויבען „זיין ליעבען נאמען". עפעס אנטהאן איהם א גרויסען נחת־רוח. אבער ווי אזוי? ער איז דאך א גראבער יונג. קען אפילו ניט קיין עברי!

פאהרענדיג אליין אין וואלד איז איהם זיין הארץ שיער געפלאצט פאר בענקעניש און חשק דאך מיט עפעס אבצודיענען דעם גרויסען, גוטען גאט.

פלוצים האט ער זיך אבגעשטעלט, ארונטערגעזאגענע פונ׳ם וועגעלע, זיך אנידערגעשטעלט נעבען א בוים אויסרופענדיג:

„גאט׳עניו, זיסער טייערער גאט׳עניו! כ׳האב דיך זעהר ליעב, ליעבער אפילו פון מיין ווייב און קינדער. ס׳ווילט זיך מיר דיר פערשאפען א נחת. אט, לאמיך כאטש קנאקען מיט דער בייטש צוליעב דיין גרויסען כבוד״.

און ריידענדיג דיזע ווערטער האט ער געגעבען דריי קנאק מיט דער בייטש, אז ס׳האט אזש פערהילכט דאס גאנצע וואלד. אין דער לופט האט זיך בעוויזען א „קרן־אור״ (א ליכט־שטראהל) וועלכער האט פערשיינט די גאנצע וועלט און געגרייכט ביז צום כסא הכבוד. פון דעם דאזיגען שטראהל האט זיך געפארמט א מאנטעל פון ליכט, אין וועלכען כביכול האט זיך ארומגעהיעלט. דיזער „לבוש״ האט בעלייכט מיט א הימלישען ליכט אלע „היכלות של מעלה״. און בשעת „חצות־הלילה״, ווען השם־יתברך געהט אריין אין גן־עדן זיך צו אונטערהאלטען מיט די צדיקים, האט זיך לכבוד דיזען נייעם „מלבוש״ געלאזט הערען א הארמאנישע שבח והודיה פון אלע צדיקים, שרי מעלה, שרפים אופנים וחיות הקודש, וועלכע האט געקלונגען אין אלע זיעבען הימלען, אויס־זינגענדיג: „אשרי המלך שמקלסין אותו כך״! (גליקליך איז דער קעניג וואס מען לויבט איהם אויף אזא מאדנעם אופן).

דאס יאהר האט ר׳ אורי געקויפט א ביליגען, קוים ראוי לברכה׳דיגען אתרוג פאר פיער שיין־גולדען. שעהמענדיג זיך אהיים צו פאהרען קיין יאנוב מיט אזא געמיינעם אתרוג, האט ער, מיט דער הסכמה פון זיין צנועה׳דיג ווייב, זיך אוועקגעלאזט אויף סוכות קיין ליזענסק צום רבי׳ן ר׳ אלימלך.

די „נענועים״ פונ׳ם ליזענסקער צדיק זענען דאמאלס, דעם ערשטען טאג סוכות, געווען אויף א משונה׳דיגען אופן. ער האט אין דער מיטען כמה פעמים מפסיק געווען, אויסרופענדיג: אה, ריח גן־עדן! ער האט אויך לגמרי ניט מאריך געווען ביי די „נענועים״ ווי זיין סדר פלעגט זיין. תיכף נאך הלל האט ער צוגערופען זיין ברודער, דעם רבי׳ן ר׳ זוסיא, וועלכער איז גראד דאמאלס ביי איהם געווען אן אורח אויף יום־טוב, זאגענדיג: „קום, זוסיא, לאמיר זעהען, ווער ס׳האט דא ביי אונז אזא טייערען אתרוג, וועלכער האט פערשמעקט מיט זיין ריח גן־עדן אלע עולמות און וועלכער האט מיט די „נענועים״ צוטומעלט אלע „חיצונים״: ווי פליגען זיינען זיי נעפאלען!״.

און דורכגעהענדיג דאס גאנצע בית־המדרש האט דער רבי ר׳ אלימלך בע־קוקט יעדען אתרוג, ביז ער איז צוגעקומען צום אויווען און דערזעהן ר׳ אורי׳ן מיט׳ן אתרוג אין דער האנד. ער האט זיך געהייסען ווייזען דעם אתרוג און איהם, דעם אתרוג, געקושט, אויסרופענדיג: „אט דאס, זוסיא, איז אן אמת כשר׳ער אתרוג, א רעכטע „פרי עץ הדר״.

ביים טיש האט דער רבי ר׳ אלימלך געהייסען זעצען ר׳ אורי׳ן ניט ווייט פון זיין שטול.

„דערצעהלט מיר אלעס וואס ס'איז געשעהן מיט אט דיזען אתרוג", האט צו איהם דער רבי געזאגט.

און ר' אורי האט איהם אלץ דערצעהלט.

„איצט איז מיר שוין אלץ קלאהר געווארען", האט זיך דער רבי אנגערופען און זיך דערביי צולאכט. „איצט וויים איך שוין דעם פירוש".

ער האט אנגעהויבען צו דערצעהלען דעם עולם אט דיזע מעשה:

„ערב יום־כפור בשעת מנחה, ווען דער סדר־העולם איז, אז אזוי ווי די ערשטע „על־חטא" תפלות קומען פאר'ן כסא־הכבוד, שטעהט כביכול אויף פונ'ם כסא־דין און זעצט זיך אויפ'ן כסא־רחמים, איז דאס יאהר געשעהן א מכשול. בעת דער אידישער מליץ־יושר, ר' לוי יצחק פון זעלעכאוו (דער בער־דיטשעווער), האט געשלעפט צו די שערי־שמים א הויכען וואגען פול אנגעפאקט מיט אידישע זכיות, האט איהם דער בעל־דבר אנגעלעגט אויפ'ן וועג גאנצע הויפענס מיט אידישע חטאים. ער האט בשום אופן ניט געקענט די זכיות וויי־טער שלעפען. איך מיט מיין ברודער זוסיא'ן האבען זיך אויך איינגעשפאנט איהם צו צוהעלפען, אבער בחנם, ניט אמאל א ריהר פונ'ם ארט.

„פלוצים קומט אן דער מלאך מיכאל פיהרענדיג א פערדיל און נאך איהם א בעל־עגלה מיט א בייטש אין דער האנד. מיכאל האט צוגעשפאנט דאס פערדיל צום וואגען און דער בעל־עגלה האט געגעבען דריי קנאק מיט דער בייטש. און אין א רגע זענען די הויכע בערג פון חטאים, עוונות ופשעים פלוצים פער־שוואונדען, און ר' לוי יצחק האט צוגעפיהרט די זכיות צום כסא־כבוד. ס'איז נתעורר געווארען א ים פון מדת־רחמים און כביכול האט תיכף פערלאזט דעם כסא־דין און זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן כסא־רחמים. און דאס אלעס האט א י ה ר גורם געווען.

„פאהרט אהיים", האט צו איהם דער רבי ר' אלימלך געזאגט", תיכף נאך סוכות. זייט א מנהיג־ישראל. איהר זענט ראוי דערצו. איהר האט די הסכמה פונ'ם בית־דין של־מעלה".

## 4

# דער כח פון די חסידים ביי די הקפות

**די יונגע און די אַלטע. — אַ פּירוש אויף „אתערותא דלתתא" און „אתערותא דלעילא". — אַמאָל און היינט. — דער צדיק פּערגעסט דעם נאָמען, אַ סימן פון סכנה. — חסידישער „תיקון" האָט מעהר כח פונ׳ם צדיק׳ס תפילות. — די ישועה ביי די הקפות.**

אַט האָבען מיר שוין ב"ה היינט ביינאַכט שמחת־תורה, דער תמצית און סך־הכל פון די ימים־נוראים — האָט ר׳ אייזיק׳ל אָנגעהויבען זיין חסידישען שמועס ביים שמיני־עצרת׳דיגען „זיץ" — פאַר אייך, יונגע צוצאַקעס, איז דאָס אַ גאַנצער עסק. מען וועט טרינקען, פּערבייסען, און ווידער טרינקען, זינגען און כאַפּען אַ טענצעל, אַ גאַנצער טאַראַראַם, האַ? ביי אונז אָבער, ביי אונז אַלטע, וועלכע געדענקען נאָך די פאַרצייטיגע גוטע אידען און די אַלטע אמת׳ע חסידים, איז אַט די איצטיגע שמחת־תורה׳דיגע שמחה כמעט אַ שטיק תשעה־באָב, מחמת מיר זעהען די ירידה, דעם חורבן פונ׳ם חסידות, די פערשטאַרקונג פון דעם חומר־ממשלה איבער׳ן רוח. אוי, אַ וועלט מיט חומריות, בלויז גשמיות! ניטאָ מעהר דאָס אש־קודש, וועלכער פלעגט ברענגען צו אַן „אתערותא דלעילא".

איהר ווילט וויסען דעם חילוק פון „אתערותא דלתתא" ביז „אתערותא דלעילא"? אָט, כ׳וועל עס אייך געבען צו פערשטעהן אין פּשוט׳ע דבורים:

האָט איהר אַמאָל געזעהן אַ פויגעל, אַ טויב, למשל, ווען זי שטעהט אויף דער ערד און פערנעהמט זיך צום פליהען? זי ארבייט מיט די פליגעל אַהן אַן אויפהער, מיט כל־הכחות, ארויף און אראָב, אַז ס׳איז אַזש אַ רחמנות זיך צו־צוקוקען צו איהר שווערער עבודה; דאָס איז אַ מין בחינה פון „אתערותא דלתתא", זי „צופיהרט זיך די הענד", הייסט עס. קוים אָבער האָט זי זיך דער־ווייטערט פון דער מגושם׳דיגער ערד און זיך דערהויבען צום אויר־השמים, צו די הויכע, ריינע ספירות (ספערען), איז אוים עבודה, ס׳פליהט זיך שוין כמעט פון זיך זעלבסט. מכלומר׳שט אַ מאַך מיט די פליגעל, ווי יוצא צו זיין, כדי צו דערהאַלטען דאָס התעוררות, אָבער ניט מעהר; דער אויר־השמים טראָגט זי שוין דאָן אויף זיינע פליגעל, ס׳געהט שוין ווי אַ מזמור. אָט דאָס, רבותי, הייסט ווידער „אתערותא דלעילא". פערשטעהט איהר שוין איצט? די „אתערותא דלתתא" האָט גורם געווען אַ „אתערותא דלעילא".

**דאָס איז געווען אַמאָל, פאַרצייטענס. די חבריא האָט זיך געזעצט, אין אַ**

יומא דפגרא, צום טיש, טועם געווען א קאפעלע משקה, נור כדי יוצא צו זיין, אבצו'חורש'ן דעם גוף און איהם אביסעל אונטערצואווארעמען. דאס טרינקען איז לחלוטין נור געווען א דבר ארעי, א טפל־זאך, א מין מיטעל און הכנה, זיך אריינצוברענגען אין די „ספירות" פון שמחה. קוים אבער האט מען זיך צו־ווארעמט און אריין אין חמימות, דעמאלט — ווער מיר משקה, וואס מיר משקה? די השפעה פון שמחה איז שוין געקומען פון אויבען, ממש ווי א קוואל וואסער וואס קוועלט פון זיך אליין. דעמאלט זיינען מיר געקומען צו אזא הויכער מדרגה, וואו מען איז בכח צו מאכען פון גשמיות א רוחניות — א ו י ס יצר־הרע! דאס צופעליגע אנקוקען פון א שעהנער אשה, למשל, האט גאר דערמאהנט אן דעם „יופי של מעלה"; אפילו ביי די מענשליכע, גופ'ישע הנאות, פלעגט מען זיך דערביי גאר פערטיפען אין דעם ענין פון „צדיקים יושבים ונהנים מזיו השכינה". אלץ איז נהפך געווארען צו בלויז רוחניות.

וואס זעהען מיר אבער היינט, בעונותינו הרבים?

אן עולם הפוך!

די חסידישע שמחה איז איצט גלייך צו א הייץ־קעסעל. אט לעגסט דו אין איהם אריין קויהלען, ברענט ער, צוגליהט זיך און קאכט. טאמער איז מען מפסיק און מען שיט ניט מעהר צו קיין קויהלען, איז אוים פייער, ער קיהלט זיך באלד אב, און אן עק האט עס גענומען צו זיין ג ע מ א כ ט ע ר חמימות און התלהבות.

כדי צוצוקומען א י צ ט צו א ביסעלע שמחה, מוזט איהר, חברה, טרינ־קען און ווידער טרינקען; מען מוז כסדר האלטען אין איין אויפווארמען די פערפרוירענע נשמה, מיט פשוט'ע אכילה ושתיה. ווי האט אבער דער אלטער ז"ל געפלעגט זאגען? „אלהי מסכה לא תעשה לך", מאך דיר ניט קיין ג ע־ג א ס ע נ ע ם גאט. בעדיענען זיך מיט „גיסען" משקה כדי צוצוקומען צו שמחת־שמים און עבודת־הבורא, הייסט א פסול'ע עבודה, א מין עבודה זרה, רחמנא לצלן.

און וואו זעהט מען היינט דעם אמאליגען כח פון די אלטע חסידים? א נעכטיגער טאג. אט דערמאהן איך מיך גראד טאקע א מעשה שהיה:

צווישען אונזער חבריא, איז געווען איינער, אברהם חיים האט ער געהייסען, א כלי שלמה, א חסיד מיט'ן פולען מויל, ממש א צאצקע. ביים אלטען ז"ל איז ער געווען אן אויג אין קאפ, דאס אייבערשטע פונ'ם שטויסעל.

ער איז אויך געווען א כהן און געהאט א חזקה עולה לתורה צו זיין אינ'ם צדיק'ם שוהל יום־כפור צו מנחה.

דער אלטער ז"ל פלעגט האבען א מנהג, יום־כפור א ל י י ן אויפצורו־פען די קרואים צו דער תורה און זיי צו מאכען א „מי שברך". בעת ער ז"ל האט אנגעהויבען צו מאכען דעם „מי שברך" פאר אברהם חיימ'ן, האט ער פלוצים פערגעסען דעם צווייטען נאמען. עטליכע מאל האט ער אלץ אנגעהוי־בען „יברך את מורנו ר' אברהם"... און שטעהן געבליבען. און לסוף טאקע גע־

ענדיגט דעם מי שברך מיט בלויז דעם ערשטען נאָמען „אברהם״; דעם נאָמען „חיים״ האָט דער צדיק גאַנץ פערגעסען.

מיט א געבראָכען האַרץ און וואַקעלדיגע טריט איז ר׳ אברהם חיים דע־מאָלט צוריקגעגאַנגען פון דער קריאה. ער האָט שוין גוט פערשטאַנען אין וואָס ס׳האַנדעלט זיך. אויך די גאַנצע חסידישע חבריא איז געוואָרען זעהר צורו־דערט. עפּיס א קלייניגקייט? דער צדיק, אויף וועמען די גאַנצע וועלט פלעגט זאָגען „כי אין שכחה לפניו״, האָט פּלוצים פערגעסען דעם נאָמען פון זיין בעסטען חסיד, און נאָך דערצו פּונקט דעם נאָמען „חיים״!

און דער צדיק גופא?

לכתחילה האָט זיך געדוכט, אז ס׳רוהט א וואָלקען פון עצבות, חלילה, אויף זיין הייליגע צורה. ער האָט זיך אָבער באַלד מחזק געווען, געענדיגט די קריאה, געפּראַוועט דעם נעילה גלייך ס׳וואָלט גאָר ניט געשעהן. א כח פון א צדיק!

מוצאי יום כפור, האָט ער, ז״ל, געגעבען דער חברה משקה און געהייסען ווינשען אברהם חיים׳ן אריכות ימים. „גיט איהם א גוטען „לחיים״, האָט ער דעמאָלט געזאָגט. חסידישער „תיקון״ האָט אמאָל מעהר כח פון א צדיק׳ס תפלות״.

מיר האָבען דעריבער אַלע געוואוסט, אויך טאַקע אברהם חיים גופא, אז דער גזר־דין איז שוין גע׳חתמ׳עט געוואָרען.

תיכף מאָרגען, צו גאָטס־נאָמען, איז אברהם חיים שווער קראַנק געוואָרען.

„זייט מיך ניט מבלבל מיט אברהם חיים׳ס מחלה, האָט זיך דער צדיק גע־בעטען ביי דער חבריא. איך וועל אודאי טהון אַלצדינג לויט מיין יכולת. איהר מוזט אָבער וויסען אז דער כלל־ישראל שטעהט העכער פונ׳ם פּרט, און אז ימים־טובים־צייט איז פאַר א מנהיג־הדור פאַראַנען זעהר וויכטיגע עובדות״.

ס׳איז געקומען שמחת תורה. אברהם חיים האָט שוין געהאַלטען שמאָל. די דאָקטוירים האָבען איהם בעטראַכט פאַר א חולה מסוכן. די חסידישע חבריא האָט דעריבער בעשלאָסען צו בריינגען דעם חולה מיט׳ן בעטעל אינ׳ם רבינ׳ס שוהל אריין, וויסענדיג אז ביי די הקפות איז א עת רצון, און דעם צדיק׳ס כח האָט דעמאָלט גאָר ניט קיין גרעניץ. זיי האָבען געוואָלט כמעט ווי צווינגען דעם צדיק מיט גוואַלד איהם צו געבען א רפואה מן השמים.

און וואָס פאַר א הקפות דעמאָלט איז געווען, זאָלט איהר מיך שוין גאָר ניט פרעגען. די עבודה פונ׳ם צדיק איז געווען שלא כדרך הטבע. ער איז אין גאַנצען פערטהון געווען אין די עולמות עליונים. ביי יעדער הקפה, ווען ער, ז״ל, איז צוגעקומען צו דעם ווינקעל וואו אברהם חיים׳ס בעטעל איז געשטאַנען, האָט איהם אַן אַלטער חסיד איינגערוימט אויפ׳ן אויער: „אברהם חיים בן ביילא רבקה לרפואה שלמה״ און געוואָלט אָנווייזען אויפ׳ן חולה. ס׳איז אָבער לחלוטין ניט מעגליך געווען אָבצורייסען דעם צדיק פון זיין גרויס דבקות.

ערשט ביי די לעצטע הקפה האָט ער, הפנים, מרגיש געווען. „נו, נו, האָט ער זיך אָנגערופען, זייט ניט מערבב די שמחה; עס איז א ששון ושמחה אין אַלע עולמות עליונים. שישו ושמחו בשמחת־תורה״.

דאס זינגען און טאנצען נאך דער לעצטער הקפה איז געווען איבער'ן מעג־שליכען יכולת, טאקע נור מיט א הימלישען כח. דער אלטער, ז"ל, איז זיך גע־שטאנען ביים עמוד כסדר פער'דבק'ט אין א מצב פון התפשטות הגשמיות. מען האט געקענט זעהן בחוש, ווי ער שעפט בידים די שמחה פונ'ם היכל־השמחה גופא, און איז זי משפיע אין די הערצער פון דער גאנצער חבריא.

„טאנצט, חברה, לעבעדיג, הוליעט מיט אלע כחות, האט ער פלוצים אויס־געשריען. ס'איז איצט א גרויסער עת־רצון. כביכול מיט דער גאנצער פמליא־של־מעלה זיינען מלא שמחה. די מלאכים און שרי־מעלה העלפען אונז איצט מיטצו־זינגען שירות ותשבחות צום חי־העולמים. די שמחה איז פול אין אלע היכלות־של־מעלה. זייט אייך משמח, חברה, ג ר ו י ס א י ז א י צ ט א י י ע ר כ ח!"

די חבריא האט איצט פערשטאנען די טיעפע כונה פונ'ם צדיק'ס דבורים. ע ר טאר ניט העלפען; ז י י אבער, מ ע ג ע ן און זיינען אויך ב כ ח צו העלפען...

ווי א שטראם וואסער האט זיך די גאנצע חבריא א לאז געגעבן צום קראנ־קענס בעט, געכאפט אברהם חיים'ען אויף די הענט און מיט איהם אנגעהויבען צו טאנצען, אויסרופענדיג: „דו וועסט לעבען, אברהם חיים! מיר זיינען גוזר, אז די זאלסט תיכף האבען די רפואה; מיר ווילען ניט פערשטערען כביכול'ס שמחה, און כביכול וועט ניט פערשטערען אונזער שמחה"...

פלוצים איז דער צדיק צוגעשפרונגען צום טאנצענדיגען מענשען־קנויל, ־יובען מיטצוטאנצען מיט די חברה זינגענדיג:

שישו ושמחו בשמחת תורה, כי היא לנו ע ו ז ואורה".

לאזט איהם אראב פון די הענט! — האט ער דאן אויסגעשריען, לאזט אראב, ער קען א ל י י ן מיטטאנצען, כי היא לנו ע ו ז ואורה!" (די ...ה גיבט דעם מענש ש ט א ר ק י י ט און ליכטיגקייט.)

אברהם חיים האט דעמאלט מיט אונז מיטגעטאנצט, גלייך ווי ער וואלט קיינמאל גאר ניט קראנק געווען; ער האט אויך געהאט אריכות ימים.

ד א ס, רבותי, האבען געקענט פ ע ר צ י י ט י ג ע חסידים!

## 5

# דאָס חנוכה ליכטעל — אַ נר־נשמה

### (אַ חסידישער שמועס).

דאָס חולין׳דיג ווערען פון אַ נסיעה צום צדיק. — די שכינה איז אין גלות. — פאָהרט צום צדיק שטאַרבען. — מען דאַרף פּערשטעהען דעם רבינ׳ס דבורים. — די חנכה־ליכט עבודה מציל צו זיין אַ חסיד פון חבוט־הקבר. — דער „לחיים צו אַ מת. — אַ מיתה מתוך שמחה. — וואָס הייסט אמונת צדיקים.

„אוי, ניטאָ די אַמאָליגע גוטע צייטען פון חסידות״, האָט ר׳ אייזיק׳ל אָנ־געהויבען זיין שמועס אין חסידים־שטיבעל ביי אַ „זיטץ״ אין די ערשטע נאַכט חנכה. אַלעס איז געוואָרען חולין, וואָכענדיג, מגושם׳דיג מעג מען זאָגען. דער כח פון דער סטרא אחרא האָט גובר געווען, די טומאה איז געוואָרען, בעונותינו הרבים די גבירה, די גאַנצע בעל־בית׳טע, און דאָס חסידות, די קדושה, טאַקע דאָס גאַנצע אידישקייט — די שפחה.

„פערצייטענס אָבער, ווען איך בין געווען אַ יונגערמאַן, איז עס גאַנץ אַנדערש געווען. אוי, איז דאַמאָלס געווען אַ וועלט! אַלעס האָט פשוט גע־שיינט, אַלעס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט קדושה. אַ נסיעה צום הייליגען צדיק איז געווען אַ נסיעה, אַן ענין, אַ גאַנצער עסק. מען האָט געהאַט הכנה פאַר׳ן פאָהרען און ביים פאָהרען. און געפאָהרען זיינען מיר צווישען אונ־זערע, סאַמע היימישע, אפילו ניט איין חלבנה. מען האָט געזעהן, געהערט אויפ׳ן וועג הייליגע דבורים, עס איז געווען בלויז אמת. אָבער היינט? אַט פאָהרט מען אויך מכלומר׳שט צום צדיק, מען זיצט אויך צוזאַמען, מען דער־צעהלט זיך חסידות, בקיצור, מען טהוט לפנים אַלעס דאָסזעלבע וואָס אונ־זערע אבות האָבען געטהון, אָבער עפּעס איז עס דאָך ניט דאָסזעלבע, עס פעהלט הארץ, עס פעהלט תוך, איך מעג זאָגען עס פעהלט די הארה פון דער שכינה.

„וואָס ווייסט איהר, יונגע צוציקעס, צו זאָגען אָדער צו דערצעהלען וועגען א נסיעה. אַט זעצט איהר אייך אריין אין דער קליפה'דיגער באהן, צווישען אן ערב־רב פון ברואים וועלכע זיינען מטמא דעם גאנצען אויר, ניט האָבענ־דיג אפילו די מעגליכקייט מטהר צו זיין אייערע מחשבות ווי עס קעהרט צו זיין, ניט זייענדיג אימשטאנד אפילו צו רעדען עטליכע חסידישע דבורים, דורך דער טומאה'דיגער סביבה. אין מיינע צייטען איז אָבער גאָר געווען אן אנדער וועלט. יא, רבותי, שכינתא בגלותא, די הייליגע שכינה איז נעבעך אין גלות".

א טיעפער ביטערער זיפץ האָט זיך ארויסגעריסען פון אלע הערצער מיט אמאָל.

„און היינט די דבורים וואָס מיר האָבען זיך דאמאלס אָנגעהערט אויף דער נסיעה. עפעס א קלייניגקייט, צוואנציג חסידים, און חסידים מיט'ן פולען מויל, חסידים פונ'ם אלטען דור, וועלכע האָבען זיך עפעס אָנגעזעהען ביי צדיקים און אָנגעהערט פון צדיקים, צוואנציג אזעלכע חסידים אויף איין פוהר. און געפאָהרען זיינען מיר טאקע גאנצע פיערצעהן טאָג צוזאמען, צו־זאמען גענעכטיגט, צוזאמען געגעסען און געטרונקען און צוזאמען עוסק געווען אין חסידות. אוי, איז דאָס געווען א צייט! דאמאָלס איז באמת מקוים געווארען דער פסוק „והיה המשכן אחד", דער צדיק מיט די חסידים זיינען גע־ווען איינס, א „קומה שלמה".

„פאָהר איך מיר אזוי צום אלטען ז"ל אויף חנכה. און געפאָהרען זיינען מיר דאמאלס בלויז אלטע חסידים, מוח מענשען, קעפּ, בעלי מדרגה. איך בין געווען דער אינגסטער צווישען זיי, דער „זעירא דמן חבריא", דער קלענס־טער. מילא וואס איך האָב מיך דאמאלס צוגעהערט איז מה שאין הפה יכול לדבר. נור אָבער כדי אייך צו ווייזען וואָס מען מיינט א חסיד און ווי ווייט עס גרייכט דער כח פון אמונת־צדיקים, וועל איך אייך דאָ דערצעהלען א מעשה וועלכע האָט טאקע פאסירט אויף יענער חנוכה־נסיעה, וואס איך האָב צוגעזעהען מיט מיינע אייגענע אויגען.

„איינער פון אונזער נסיעה־חבריא האָט געהייסען ר' נחמן'טשע באַ־שיעס, א חסיד מסוים. דער רבי ז"ל האָט אויף איהם אמאָל געזאָגט: „נחמן איז א קאָזאק, דער יצר־הרע ציטערט פאר איהם ווי א פיש". איהר הערט עפעס דבורים? א מענש וועלכער האָט מיט'ן יצר הרע לגמרי גאָר ניט קיין חשבונות. איהר קענט אייך שוין משער זיין ווי בגלופין'דיג מיר אלע האָבען זיך געפיהלט ווייסענדיג, אז ר' נחמן'טשע פאָהרט מיט אונז צוזאמען.

אלע אונזערע הערצער זיינען געווען פול מיט שמחה. אָבער די שמחה פון ר׳ נחמן׳טשע אליין אויפ׳ן גאנצען וועג איז געווען עולה על כלנו. עס איז געווען א משונה׳דיגע שמחה געמישט מיט דביקות. און געשמועסט האָט ער דאמאלס, און דערצעהלט האָט ער דאמאלס, מיט א מין חמימות, מיט א מין התרוממות ממש אין לשער. חסידים וועלכע האָבען איהם געקענט מכמה שנים האָבען מבטיח געווען, אז ר׳ נחמן׳טשע איז לגמרי ארויס פון די כלים. אין אזא מדרגה האָבען זיי איהם קיינמאָל ניט געזעהען.

„אן ערך פון א מייל פאר סאדאגערי, האָט זיך פלוצים ר׳ נחמן׳טשע א כאפּ געטהון ביים קאָפּ מיט אן אויסגעשריי: מיין קאָפּ, מיין קאָפּ! ער האָט באלד בעקומען היץ און מיר האָבען פערשטאנען אז עס איז ניט ווי אַם בעסטען מיט אונזער ר׳ נחמן׳טשע. מיר האָבען געהייסען דעם בעל־עגלה זיך צו איילען אין שטאָדט אריין, כדי איהם תיכף מזכיר צו זיין פאר׳ן הייליגען צדיק. אָבער ביז מיר זיינען געקומען אין די שטאָדט איז ער געוואָרען א חולה מסוכן.

„ווי גרויס אונזער צער איז געווען פון ר׳ נחמן׳טשעס מסוכנ׳דיגע קראנקהייט, איז אלץ גרעסער געווען דער בטחון, אז אזוי ווי מיר וועלען איהם מזכיר זיין פאר׳ן רבי׳ן, וועט תיכף קומען די ישועה מיט די רפואה.

„צוקומענדיג אין דער סטאנציע, איז דער משרת באלד געלאָפען רופען א דאָקטאָר, בעת איך, אלס דער איינגסטער פון דער חברה, בין תיכף געלאָפען צום הייליגען צדיק, כדי צו פערכאפּען די ברכה בעפאָר עס איז גע׳חתמ׳עט געוואָרען דער ביטערער גזר דין.

דערצעהלענדיג דעם גבאי מכח דעם ענין, האָט ער מיך תיכף געמעלדעט ביים רבי׳ן ז״ל און טאקע באלד מיך אריינגעפיהרט אין זיין חדר מיוחד.

„הייליגער רבי, האָב איך מיט אימפעט אויסגערופען תיכף נאָכ׳ן קבלת שלום, ר׳ נחמן׳טשע באשיעס איז אין א גרויסער סכנה, ער איז א חולה מסוכן".

„אין א סכנה! האָט דער רבי ז״ל מיט א פליאה אויסגערופען. וואָס זאָגסטו עפּעס? נחמן א חולה מסוכן! חלילה, נחמן איז ניט אין א סכנה, נחמן איז אָנגעזאפּט מיט מצות, מיט מעשים טובים און מיט אמונת צדיקים, נחמן האָט גאָר קיין מורא ניט". און אזוי ווי זיך ערמונטערנדיג פון א מין דבקות, האָט ער, ז״ל, אויפ׳ס נייעס א פרעג געטהון: אזוי, נחמן איז קראנק? השם יתברך איז א כל יכול, ער ק ע ן העלפען און שיקען די ישועה.

ווי איהר ווייסט, האָט דער הייליגער רבי קיינמאָל ניט גערעדט א פשוט׳ן דבור. עס איז דעריבער געווען ביי אלע מקורבים א דבר ידוע, אז

וויבאַלד דער רבי זאָגט אויף אַ חולה די ווערטער: „השם יתברך וועט זיך מרחם זיין", איז עס געווען אַ סימן מובהק, קלאָר ווי דער טאָג, אַז דער חולה וועט זיכער האָבן די רפואה. טאָמער האָט אָבער דער רבי געזאָגט: „השי"ת זאָל העלפען", האָט דאָס געהייסען, אַז דער גזר דין איז נאָך ניט ענטשיעדען, דער עסק איז נאָך אין אַ ספק, אַהין אָדער אַהער. האָט אָבער דער רבי געזאָגט: „השי"ת קען העלפען", האָט יעדער געוואוסט, אַז מען מעג שוין מאַכען די ברכה "דין האמת", ווייל דער גזר־דין איז שוין גע'חתמ'עט און דער חולה האָט ניט מעהר קיין שום האָפנונג.

וויסענדיג פון דיעזען ענין האָב איך מיך פון ר' נחמן'טשע גאַנץ מיאש געווען. איך האָב אויך גוט פערשטאַנען די כונה פונ'ם רבי'נס דבורים דאָס „נחמן איז ניט אין אַ סכנה", וועלכע האָבען געמיינט, אַז ער האָט זיך גוט פערזאָרגט מיט צידה לדרך, אַזוי אַז ער דאַרף גאָר ניט מורא האָבען פאַר'ן יום הדין.

אהיימקומענדיג פונ'ם רבין ז"ל, האָב איך שוין נעטראָפען ר' נחמן'טשע בשעת גסיסה. ער האָט נאָך געסטייעט צו עפענען די אויגען און אַרויסצור־רעדען דיעזע דבורים, וועלכע איך וועל אין מיין לעבען קיינמאָל ניט פער־געסען: „חברים, זאָגט מיר דעם הייליגען רבינ'ס תשובה. גיט מיר מיט זיינע קמיעות אינ'ם קבר. זיי ליגען אין מיין רענצעל אין אַ ליינווייטען בייטעלע. זייט מיך מזכיר פאַר'ן הייליגען צדיק און טרינקט „לחיים" פאַר מיין נשמה איידער מען וועט טהון מיין רעכט."

„דער רבי האָט געזאָגט, האָב איך מיט אימפעט אויסגערופען, אַז איהר האָט גאָר ניט וואָס מורא צו האָבען..."

אַ ליעבער שמייכעל האָט זיך בעוויעזען אויפ'ן פנים פונ'ם גוסס. ער האָט פערשטאַנען דעם רבינ'ס דבורים. און תוך כדי דבור האָט ער אויסגעהויכט זיין כשר'ע נשמה, ערב חנכה בין השמשות.

די הדלקה (אָנצינדען) פונ'ם ערשטען חנכה־ליכטעל איז דעמאָלט גע־ווען ממש פחדים'דיג. מיט'ן ברענענדיגען שמש אין דער האַנד, איז דער צדיק געשטאַנען אין דער אַלטער קלויז בצד מעריב, פאַר דעם גרויסען, וואונ־דערבאַרען חנכה־לעמפעל, גאַנץ פער'דבק'עט. די אויגען זיינען געווען פער־גלייזט און דער גאַנצער גוף כמעט ווי פערשטיינערט, קוים, קוים וואָס מען האָט געקענט בעמערקען אַ בעוועגונג אין דער אויבערשטער העלפט פון דעם הייליגען גוף, דורך דעם ציטערן פונ'ם קליינעם פלעמעל פון דעם ברענענ־דיגען שמש. פאַר פראָסטע ברואים, וואָלט זיך אפשר געקענט דאַכטען, אַז

דער צדיק שטעהט זיך אזוי גאנץ קאלט גלאט אין דער וועלט אריין. אָבער די שארפע הרגשה פון חסידים האבען געפיהלט ווי ס'קאכט זיך אינ'ם פנימיות פונ'ם רבי'ן ממש ווי א קעסעל. דאס אש־קודש פון זיין הארץ האט געהאט א געוואלדיגע השפעה אויפ'ן גאנצען חסידישען עולם, וועמעס אלע אויגען זיינען ווי מיט א מאגנעט צוגעצויגען געווארען צו דער איינציגער נקודה, וואו דער רבי, ז"ל, איז געשטאנען.

פלוצים האט זיך דערהערט א שטילער, לאנג אויסגעצויגענער קרעכץ, ארויסקומענדיג פונ'ם צדיק'ס ברוסט, אלס אן הקדמה צו דער ברכה איבער די חנכה־ליכט.

אלעס אין דער קלויז שטעלט אויף מויל און אויערן.

ברוך אתה... הויבט דער צדיק אן מיט א שטיל קול ווי זיין סדר פלעגט זיין. אין דער קלויז איז שטיל אז מען קען מאהן זייען. אלע חסידים שטעהען מיט פערמאכטע אויגען און מיט אויפגעשטעלטע אויערן, כדי ניט צו פערלירען, חלילה, אפילו איין איינציגעס ווארט וואס געהט ארויס פונ'ם צדיק'ס פה קדוש...

„להדליק נר של"... און דער רבי האט מפסיק געווען א רגע איידער ער האט געענדיגט דאס ווארט „חנכה".

מען האט זיך שפעטער דערוואוסט, אז דאס חנכה־ליכטעל איז גאר געווען א נ ר ־ נ ש מ ה פאר זיין געליעבטען חסיד ר' נחמן'טשע, און די הפסקה איז געווען צוליעב דער מחשבה: „להדליק נר של נשמה".

און די עבודה בשעת דער חזן זינגט דעם זמר פון „מעוז צור" בעת דער רבי קוקט געוועהנליך גלייך אין דעם „אור" פונ'ם חנכה־ליכטעל, איז דער־מאלט געווען שרעקליך. מען האט געקענט זעהען בחוש אז ער פעראַרבייט מעשים, פיהרענדיג א מלחמה מיט'ן בעל־דבר.

און יהושע'קע סאקווערער זינגט, מיט זיין נעימות'דיגען ניגון „ובידו הגדולה הוציא את הסגולה". עס ציפט ביי דער נשמה פאר גרוים מתיקות. די וואס זיינען געשטאנען נאהנט נעבען רבי'ן האבען בפירוש געהערט, ווי דער רבי ז"ל האט נאכגעזונגען שטיל כמה פעמים די ווערטער, מיט א טיע־פען קרעכץ בעגלייטעט: „אוי, הייליגער בעל־הרחמים! ובידו הגדולה הוציא את הסגולה" (מיט זיין גרויסע האנד האט ער בעפרייט זיין ליעבען אוצר).

איצט ערשט האט יעדער פון די חסידים פערשטאנען, אז דער רבי ווייסט שוין, דורך א ידיעה פון אויבען, וואס ס'איז געשעהען, און אז זיין גרויסע עבודה איז צו בעפרייען זיין ר' נחמן'טשי פון די יסורים פון חיבוט הקבר.

ערשט נאָך די חנכה־ליכט בענשען האָט מען איהם דערצעהלט פון ר' נחמן'טשעס פטירה.

„אַ גרויסע נשמה, אַ הויכע נשמה! האָט דער רבי עטליכע מאָל אויסגע־רופען. ער האָט אַ גרויסע זכיה. ער וועט האָבען מעהר מנוחה ווי ביי זיך אין דער היים".

מטהר געווען האָבען איהם נאָר די גאַנצע חבריא וועלכע האָבען מיט איהם געמאַכט די לעצטע נסיעה. קיין אנדערען האָט מען ניט צוגעלאָזט. אזוי האָט דער רבי געהייסען.

נאָך דער טהרה, ווי ער, דער בר־מינן, איז שוין געווען אָנגעטהאָן אין זיינע ריינע ווייסע מלבושים, האָט איינער פון אונזער חברה אַרויסגענומען אַ פלעשעלע בראָנפען און מיר האָבען געטרונקען „לחיים". מיר האָבען דאָס פנים פונ'ם בר־מינן אויפגעדעקט, ער זאָל זעהען און הערען דאָס זיין רצון איז מקוים געוואָרען. ביים „לחיים" האָט קיינער ניט פערגעסען צו וויני־שען דעם מת ער זאָל געפינען אַ מנוחה צווישען די אַלטע חסידים און צדיקים, מיט'ן כח פון זיין אמונה אין צדיקים.

איך, אַלס דער אינגסטער, בין געווען דער לעצטער ביים טרינקען. מיט אַ הימלישען כח פון אמונה, אז ער ווייסט און הערט אַלעס, האָב איך אַ כאַפּ געטהון דעם נפטר'ס האנד זאָגענדיג צו איהם: „לחיים ברודער'טשע נחמן בן רייזעל, און טאַקע לחיים. זאָרג ניט ברודער, דו ביזט גליקליך ווי די גאַנצע וועלט וואָס ביסט דאָ געשטאָרבען. דער רבי האָט געזאָגט אז דאָ וועסטו געפינען די אמת'ע מנוחה, ער האָט דיר אויך אַ טובה געטהון נעכטען ביים ערשטען חנכה־ליכטעל, לחיים, פערגעס אונז ניט דאָרט."

רבותי, איך זאָל אזוי זוכה זיין צו זעהען קבוץ גליות, ווי איך האָב מיט מיינע אויגען געזעהען דעם בר־מינן'ס פנים אויפלייכטען און שמייכלען. איך האָב אויף דעם צוואַנציג עדות.

**אַ, דאָס, חברה, הייסט אַ חסיד, וואָס האָט אמונת צדיקים.**

6

# דער לאַכעדיגער פּורים

דעם רבינ׳ס הויף־בדחן. — מען מעג זיך פרעהען אָבער ניט לאַכען. — מען דאַרף שכל האָבען אָבצונאַרען דעם בעל־דבר. — דער סוד פון שכור׳ן אים פּורים. — דער חילוק פון סאדאגערער און אַנדערע חסידים. — ס׳איז אַמאָל בעסער צו זיין אין גהינם ווי אין גן־עדן.

דער פּורים׳דיגער טיש פון ר׳ ישראל׳טשי ריזינער, דער סאדאגערער רבי, איז געווען מורא׳דיג. דער רבי איז כסדר געזעסען פערטראַכט מיט פער־מאַכטע אויגען, זינגענדיג דאָס בעקאַנטע, פערוועהטאָגטע ניגונ׳דעל, וועל־כעס איז אָנגעזאַפּט מיט א בענקעניש צו דער שכינה.

עס האָבען ניט געהאָלפען יאָסעל בראָדער׳ס חכמות. דער רבי האָט ניט געשמייכעלט אפילו.

ר׳ יאָסעל בראָדער איז געווען ביים ריזינער ז״ל א מין הויף־נאַר. ווי גרויס דער פּחד און דער יראת הכבוד זאָל ניט געווען זיין פאַר׳ן ריזינער, האָט יאָסעל בראָדער תמיד געהאַט א פרייע האַנד צו מאַכען זיך כל׳ערליי הלצות אין דער געגענוואַרט פונ׳ם רבי׳ן. און א גבורה האָט ער געהאַט, אַז קוים האָט ער געעפענט זיין מויל אַרויסצוריידען א דבור, האָט דער רבי ז״ל געמוזט געבען א שמייכעל, אָבער טאַקע נאָר א שמייכעל, ווארום גע־לאַכט האָט ער, ז״ל, כ מ ע ט קיינמאָל ניט. אָבער דעם רבינ׳ס א בלויזער שמייכעל האָט אין זיך געהאַט גענוג כח אַרויסצורופען אַן אונגעהויערע שמחה ביי אַלע זיינע חסידים, וויסענדיג אַז דער רבי איז מיט זיין שמייכעל ממש בונה עולמות.

דער ריזינער רבי איז געווען א גרויסער פריינד פון שמחה און א שטאַר־קער שונא פון עצבות. א חסיד מיט א זויער פּנים האָט ניט געטאָרט קומען אונטער זיינע אויגען. ער פלעגט זאָגען, אַז אויף א פרעהליך פּנים רוהט די שכינה. מיט שמחה קען מען אַלעס פועל׳ן ביי השי״ת, ווייל כביכול איז דער מקור השמחה, בעת עצבות און מרה שחורה איז נור מעשה שטן. ער,

ז"ל, פלעגט זאָגען, אז ער האָט ליעבער א לוסטיגען דייטש פון א מרה־שחורה׳־דיגען חסיד. פונדעסטוועגען איז ער געווען א שטאַרקער מתנגד פון לאַכען.

„ש מ ח ה איז עפּעס אנדערש, און ל א כ ע ן איז עפּעס אנדערש", האָט ער אמאָל געזאָגט אין א שמועס מיט די מקורבים. „לאַכען איז גאָר ניט מעשה איד. די אידישע שמחה דאַרף זיין בבחינת „עוז וחדוה במקומו", זי דאַרף זיך געפינען אינ׳ם פנימות, אינ׳ם תוך פונ׳ם הארץ. די גוי׳שע שמחה אָבער בעשטעהט פון בלויז חצוניות, אינ׳ם לאַכען, וועלכע איז נור א שמחה לשעה, א שחוק עובר, און עס שמעקט אויך מיט תאוה. דאָס איז דער סוד פונ׳ם פסוק „אל תשמח ישראל אל גיל בעמים". אן איד דאַרף ניט, און טאָר זיך ניט פרעהען אויפ׳ן זעלבען אופן ווי להבדיל דער גוי".

איינמאָל אין יאָהר אָבער, פלעגט ער, ז"ל, מאַכען אן אויסנאהם, געבענ־דיג אן אמת׳ן לאַך. דאָס פלעגט זיין ביי דער פורים׳דיגער סעודה, ווען יאַ־סעל בראָדער פלעגט אריינקומען א פערשטעלטער, מאַכענדיג פערשידענע אַנשטעלען און דערציילענדיג כל׳ערליי הלצות. לכתחילה האָט זיך אָנגע־הויבען צו בעווייזען אויפ׳ן רבין׳ס פנים א שמייכעל, וועלכער האָט זיך בסדר פערגרעסערט ביז צו דער מדרגה פון אן אמת׳דיגען לאַך. אָבער טאַקע נאָר איין איינציגען לאַך, ניט מעהר. תיכף איז דאָס הייליגע פנים נשתנה געוואָרען, אָננעהמענדיג צוריק דעם פריהערדיגען ערנסט. דאָס געלעכטער איז ווי מיט־אמאָל אָבגעהאַקט געוואָרען, כלומר, אָט האָב איך אָבגעטהון מיינס, אָבגענאַרט דעם שטן, דעם עמלק, און מעהר טאָר מען ניט.

מכח דיעזען לאַכען, האָט ער, ז"ל, אמאָל געזאָגט דיעזע דבורים: „פורים איז אן עת רצון זיך מתגבר צו זיין איבער׳ן ס"ם דעם שטן, וואָס ווערט אָנגערופען ע מ ל ק, מבטל צו זיין זיינע קטרוגים אויף דער כנסת ישראל. כדי איהם אָבצונאַרען, מוז מען זיך פאַרשטעלען אין זיינע מלבושים, זיך נוהג זיין מיט זיינע מנהגים, כדי ער זאָל אונז בעטראַכטען פאַר „אחד משלהם", אויף וועמען עס איז נישטאָ מעהר וואָס מקטרג צו זיין. אזוי ווי ער איז נאָר מסיח דעת פון אונז, איז גרינג מבטל צו זיין יעדען גזר דין וואָס הענגט איבער אידישע קעפּ. דאָס מיינט די גמרא: „חיב אדם לבסומי בפוריא", א איד דאַרף זיך אָנ׳שכור׳ן אין פורים. אָננעהמען פאַר א ווייַלע דעם שטן׳ס מנהגים, כדי איהם אָבצונאַרען. אָבער נור ביז א בעשטימטען גבול. מען דאַרף וויסען ווען אויפצוהערען."

דאָס איז אויך געווען דער טעם פונ׳ם ריזינער׳ס לאַכען ביי דער פורים׳־דיגער סעודה.

דאָס יאָהר אָבער, האָבען אַלע חכמות און הלצות פון יאָסעל בראָדער ניט געהאָט די קלענסטע פּעולה.

אַלע חסידים האָבען געזעהן בחוש אז עס הענגט א סכנה־דיגער גזר־דין איבער'ן כלל ישראל.

פלוצים האָט דער רבי ז"ל געעפענט די אויגען, זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטען, כמו אראבקומענדיג פון א גאַנץ אַנדערן עולם. אָט שטעהט פאַר איהם יאָסעל בראָדער מיט א פּנים פון א געקינצעלטער חוצפה, זאָגענדיג צום רבי'ן:

„אייערע חסידים, רבי, האָבען אויף אייך א גרויס תרעומות. זיי זיינען אויף געהאַקטע צרות מעהר ווי כל החסידים פון אַנדערע רביים. זייער גורל איז א ביטערער בזה ובבא, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

„וואָס מיינסטו דאמיט צו זאָגען?" האָט איהם דער ריזינער געפרעגט.

„איך מיין פשוט כפשוטו", האָט יאָסעל בראָדער געענטפערט. „אָט לאָמיך אייך זאָגען: ווען א חסיד פון אַן אַנדער'ן רבי'ן קלויבט זיך צו פאָהרען צו זיין צדיק, גרייט זיין פלונית'טע פאַר איהם אַן צידה לדרך, ממש פון כל טוב. דער שטעדטישער עולם בעגלייט איהם מיט גרויס כבוד. קומענדיג צו זיין רבי'ן, איז דאָך אגיל ואשמח. דער רבי איז מיט איהם א גאַנצער „פאַניע בראַט", ער האָט דאָרט כל'ערליי התקרבות, מען זינגט אין איינעם, מען טאַנצט צוזאַמען, און ס'איז א לעבען פון ששון.

„איצט וועל איך אייך דערצעהלען וואָס עס טהוט זיך מיט איהם אויף יענער וועלט. אזוי ווי דער בר־מינן קומט פאַר'ן בית דין של מעלה, גיט איהם דער גרויסער שופט א פרעג: „במה עסקת? וואָס האָסטו געטהון אויף יענעם עולם"?

„איך בין געוועזן א חסיד!" ענטפערט דער בר־מינן קלאַפּענדיג מיט די צייהנער, וויסענדיג, אז דער שופט עליון האָט שוין פריהער גוט דורך גענישמערט זיין ספר הזכרונות און זיך געמאַכט רשימות פון זיינע היבשע חטאים.

„א חסיד? פון וועלכען גוטען־איד?"

„מיין רבי איז געוועזן דער פּיטשיריוועקער צדיק", ענטפערט דער חסידישער מת מיט טויט־שרעק.

„בא, לויט דעם רבי'ן איז ער כ'מעשה ניט פון א חסיד, זאָגט דער שופט עליון צו דער פמליא של מעלה. אין גן־עדן אריין!"

ווי אזוי געהט עס אָבער אייער'ס א חסיד? אויף אַלע שונאי ישראל געזאָגט. וויל ער פאָהרען צו אייך קיין סאַדאַגערי, מוז ער זיך אוועק'גנב'ענען ביינאַכט, פערכאַפּענדיג מיט זיך בלויז טלית ותפילין, ווייל, ווי איהר ווייסט,

ווערט א סאדאגערטשיק אומערום געןרודף'ט. פון התקרבות קען דאך ביי אייך גאר קיין מדובר ניט זיין. קוים וואס ער איז זוכה אנצוריהרען אייערע שפיץ פינגער ביים קבלת שלום, און צו הערען פון אייך ביים געזעגנען די פאר דבורים: „פאהרט לחיים ולשלום". מעהר קוקט איהר אייך אפילו אויף איהם ניט אום.

קומענדיג ווידער אויף יענעם עולם און הערענדיג די שאלה: במה עסקת? ענטפערט ער מיט גאוה: „איך בין געווען א ריזינער חסיד", האפענדיג אז אייער נאמען וועט איהם מציל זיין פון חבוט הקבר און די שבעה מדורי גיהנם.

„אזא גרויסען רבי'ן, און דאך אזא קאלעקעוואטער חסיד!" רופט אוים דער שופט עליון מיט כעס: „אין גיהנם אריין!"

„פאר וואס־זשע זוכסטו דיר ניט אויס אן אנדער רבי'ן?" האט איהם דער ריזינער געפרעגט, בעת אויף זיין הייליגער צורה האט זיך אנגעהויבען צו ווייזען שפורען פון א שמייכעל.

„ווייל יאסעל בראדער זאגט, ס'איז בעסער צו זיין אין א ו נ ז ע ר גיהנם איידער אין ז י י ע ר גן עדן."

דער רבי ז"ל האט זיך שטארק צולאכט. און געלאכט האט ער דאמאלס צוויי מאל.

באלד האט ער אנגעהויבען צו זאגען תורה מיט דערזעלבער כונה, אויפ'ן פסוק: אשרי העם, גליקליך איז דאס פאלק ישראל, שככה לו, כאטש עס האט זיך אויסצושטעהען אינ'ם גלות צרות און רדיפות מעהר ווי אלע פעלקער, פונ־דעסטוועגען אשרי העם, פיהלט זיך די כנסת ישראל גליקליך, ווייל שה' אלהיו. בעסער צו ליידען צרות זייענדיג גאט'ס פאלק, איידער צו האבען נחת און פרייד אונטער'ן רשות פון דער סטרא אחרא.

און דער רבי האט געלאכט צום דריטען מאל. און די חסידים האבען מיט־געלאכט. עס איז געווארען א שמחה אין אלע עולמות. דער ס"ם איז מבולבל געווארען און דער גזר דין איז בטל געווארען.

דער פורים פון תר"ח, ווערט דעריבער גערופען פון אלע סאדאגערער חסידים, „דער לאכעדיגער פורים".

7

# פסח ביים ריזינער רבי'ן

(פון ר' אייזיק'ל חסיד'ס ספר זכרונות.)

**די אמת'ע שמחת־יום־טוב איז נור ביים צדיק. — לאו כל אדם זוכה צו זעהן דעם רבינ'ס סדר. — א נסיעה צום צדיק. — נסים פון בית־המקדש. — דער סדר־טיש. — א צדיק'ס תורה פול מיט ציוניסטישע געדאנקען. — ווער איז משיח? — א גאולה טבעית מוז זיין פריהער פאר די גאולה נסית.**

כל זמן שהנשמה בקרבי, אזוי לאנג ווי מיינע אויגען וועלען אפען זיין, וועל איך ניט פערגעסען דעם גרויסען הימלישען תענוג וואס איך האב געהאט אין מיינע יוגענד יאהרען, ווען איך האב געמאכט מיין נסיעה צום ריזינער קיין סאדאגורע, אויף פסח פון דעם יאהר תר"י.

דער אמת'ער חסיד, פיהלט קיין מאל ניט קיין עונג יום־טוב סיידען אין דער מסבה פונ'ם צדיק מיט זיינע חסידים. מחמת א חסיד זוכט אין שמחת יום־טוב דאס איידעלע, דאס אצילות'דיגע, ניט פשוט א פולען בויך פון די מגושם'דיגע מאכלים. און התרוממות הנפש, וועלכע איז די תולדה פון א תענוג רוחני, קען מען באין אופן ניט האבען און ניט משיג זיין, נור אין דעם צדיק'ס מסבה, צוזאמען מיט די חבריא קדישא.

און ווען דאס איז געזאגט געווארען בנוגע אלע ימים טובים פונ'ם יאהר, על אחת כמה וכמה דער יום־טוב פסח, וועלכער איז כמעט בלויז רוחניות, וואו דער חסיד וואס איז זוכה צו זיצען ביים רבינ'ס „סדר", פיהלט און פער־שטעהט דעם תענוג פון „צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה". דעריבער איז דער גרעסטער וואונש פון יעדען חסיד ער זאל כאטש איין איינציג מאל אין לעבען, זוכה זיין צו זיצען ביים רבינ'ס סדר־טיש, צו זעהען דעם צדיק'ס דבקות אין דיזע גרויסע ליל־שמורים־נאכט, און פיהלען אט אזא מין הימלישעם נעימות, מה שאין הפה יכול לדבר ואין האזן יכולה

לשמוע (דאָס מויל קען עס ניט אַרויסריידען און דאָס אויער קען עס ניט אויפ־פאַסען).

עס איז אָבער זעהר שווער צו דערגרייכען צו דיזער זכיה. מחמת פסח איז ביים רבי'ן ז"ל ניט ווי אַן אַנדער יום־טוב. ווען יעדער יום־טוב'דיגער „טיש" איז קדש, איז דער פסח'דיגער סדר־טיש קדש קדשים, פון וועלכען ס'איז געזאָגט געוואָרען „ולא יבואו לראות כבלע את הקדש", ניט יעדער איינער קען האָבען די זכיה זיך צו צוזעהן די גרויסע קדושה פונ'ם רבינ'ס סדר אָבריכ־טען. עס ווערט דעריבער צוגעלאָזט נור יחידי סגלה, דאָס זעמעל־מעהל פון די חסידים, און אויך פון דיזע, נור א מנין מצומצם, ניט מעהר פון צעהן פאַרשוין.

פונדעסטוועגען פלעגען קומען צופאָהרען אויף פסח אַן ערך פון הונדערט חסידים. און אַזוי פלעגט זיין דער מנהג: ערב פסח, האָט שמואליק גבאי פאַרגעלייגט פאַר'ן צדיק א ליסט פון אַלע אָנגעקומענע חסידים. דער רבי האָט די רשימה דורכגעקוקט און בעצייכענט, ממש ביד קדשו, וועלכע חסידים פון דער ליסט זיינען ראוי זיך צו בעטייליגען אין זיין חבורתא קדושתא. דער גאַנצער עולם איז געשטאַנען אין הויף וואַרטענדיג אויף דעם רעזולטאַט פון דער בחירה. דאַן איז שמואליק אַרויסגעקומען, זיך געשטעלט אויף די טרעפ און אויסגערופען די נעמען פון די גליקליכע, וועלכע דער גאַנצער חסידישער עולם האָט שטאַרק מקנא געווען. די נבחרים זיינען תיכף געגאַנגען האָבען די נויטיגע הכנה, זיך אויסטהאָן נאָך מעגליכקייט פונ'ם גשמיות, פונ'ם וואָכעדי־גען, אָדער בעסער געזאָגט פונ'ם חמצ'דיגען. „כי אין לבוא אל שער המלך בלבוש שק". דאָס מיינט, אַז פאַר'ן צדיק טאָר מען זיך ניט ווייזען, כל זמן מען איז וואָכעדיג און מגושמ'דיג; מען מוז זיך פריהער אָבריינִיגען דורך טובל זיין אין א מקוה און האָבען דאַבּיי א הרהור־תשובה. בעת דער איבריגער עולם האָט זיך א לאָז געגעבען צום סאַלאַש, א מין שפּייז־מאַגאַזין, וואו מען האָט זיי אויסגעטיילט מצות, וויין אויף ארבע כוסות און א פלעשעלע שליוואָוויץ, פאַר די ערשטע צוויי סדר־נעכט; דעם סדר האָט א יעדער געפּראַוועט אויף זיין סטאַנציע.

איצט זייט אייך משער מיט וואָס פאַר א מין מחשבות, האָפנונגען און כליון נפש, איך בין געפאָהרען אויף מיין נסיעה קיין סאַדאַגורע אויף פסח.

אַרויסגעפאָהרען זיינען מיר א גאַנצע חבריא, פונקט אים ראש־חדש ניסן. אָ, וואָס פאַר א מין נסיעה דאָס איז געווען! מיר האָבען געפיהלט בחוש די שמחה פון „עולה רגל" זיין. שוין אויפ'ן וואָגען האָט מען געקענט

זעהן ממש נפלאות. גערַאכט האָט זיך לכתחלה, אז אין דער בויד וועלען ניט קענען אריין מעהר ווי, לכל היותר, אכט פאַרשוין, און דאָס אויך בדוחק גדול, און געפּאָהרען זיינען מיר גאַנצע פינפצעהן פאַרשוינען, און ס׳איז ברוך־השם געווען פּלאַץ פאַר אַלע, נאָך ווי הייסט פּלאַץ, טאַקע בהרחבה, ממש ווי אין בית־המקדש, וואו ס׳פלעגט זיין: „עומדים צפופים ומשתחוים רוחים“ (בעת מען איז געשטאַנען איז ענג געווען און ביים בוקען זיך האָט יעדער געהאַט גענוג פּלאַץ זיך אויסצושטרעקען אויף דער ערד), אמת׳דיגע גבורות הבורא.

אָנגעקומען קיין סאַדאַגורע זיינען מיר פונקט פאַר בדיקת חמץ, וועלכעס פלעגט זיין אין סאַדאַגורע אַ גאַנצער ענין. פאַר מנחה, איז דער צדיק ז״ל געגאַנגען בכבודו ובעצמו צום ברונען אין הויף, אָבצושעפּען „מים שלנו“ פאַר די מצות וואָס מען האָט בעדאַרפט באַקען ערב פּסח. מיר, די נייע אָנגעקומענע אורחים, האָבען נאָך זוכה געווען צו שטעהען אין דער שורה וואו דער רבי האָט בעדאַרפט דורכגעהן, צו זעהן דעם צדיק׳ס צורה, וועלכע האָט דעמאָלט געשיינט ווי דער אור פון ששת ימי בראשית, און פון איהם מקבל שלום צו זיין. ס׳פערשטעהט זיך, אז תיכף ביי אונזער אָנקומען, איז געווען די ערשטע עובדא צו לויפען זיך טובל זיין אין מקוה אריין, ווי איך האָב שוין פריהער בעמערקט: „כי אין לבוא אל שער המלך בלבוש שק“.

בדיקת חמץ פלעגט געדויערען ביים רבי׳ן ביז האַלבע נאַכט. ער פלעגט אליין מיטגעהן מיט׳ן גבאי שמואליק, וועמען ער האָט געגעבען אַ כח הרשאה צו זוכען דאָס חמץ, אין אַלע חדרים אריין. דאָס קרעכצען און די בכיות פונ׳ם צדיק, זיינען דעמאָלט געווען איבער׳ן מענשליכען יכולת. מען האָט געזעהן בחוש, אז מיט זיינע עובדות וויל ער מבער זיין דעם שטן, דעם יצר־הרע, וועל־כער ווערט אָנגערופען „שאור שבעיסה“, דער גרויסער חמץ. מיר האָבען שוין אָנגעהויבען פיהלען די „הארה“ פון ליל שמורים.

ביי אונז אַלע האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט ממש ווי ביי אַ גזלן. ווער פון אונז וועט האָבען די גרויסע זכיה מיטצוזיצען ביים טיש „שהמלך במסבו“?

ווי גרויס איז געווען מיין שמחה, הערענדיג צו מאָרגענס שמואליק׳ן אויס־רופען מיין נאָמען צווישען דעם רבינ׳ס אורחים ביים סדר טיש. איך האָב אָנגעהויבען צו טאַנצען אין הויף פאַר גרויס שמחה און גערַאכט האָט זיך מיר, אז אַלע עולמות עליונים און די בני היכלא דמלכא עילאה טאַנצען מיט מיר מיט; דעם אמת געזאָגט, האָב איך מיך אויף אַזאַ כבוד גאָר ניט גע־רעכט, מחמת איך בין דעמאָלט געווען דער „זעירא דמן חבריא“.

* * *

פסח, די ערשטע סדר־נאכט. אויפ'ן הסב־בעט, וועלכעס איז איבערגע־דעקט מיט א זיידענער קאָלדרע, אויסגעשטיקט מיט גאָלדענע שטיקערייען, זיצט דער צדיק איינגעהילט אין א ווייסען קאפטאַן, וועלכען ער האָט נאָך בירושה פונ'ם זיידען ר' אברהמ'לע מלאך, און רעכט אָב דעם סדר. ארום א קיילעכדיגען טיש זיצען די זעקס זיהן, די הייליגע קינדער פונ'ם רבי'ן און די אייניקלאָך. אלע כלים פונ'ם טיש זיינען פון ריין גאָלד. אין דער מיטען פונ'ם טיש איז געשטאַנען די בעריהמטע זילבערנע קערה, וועלכע געפינט זיך נאָך היינט אין סאדאגורער הויף און איז פאררעכענט פאר אַן אנטיק שבאנטיקען. זי האָט אויסגעזעהען ווי א קליינע קאָמאָדע, מיט דריי שובלעדלעך. יעדעס שובלעדעל האָט געדיענט פאר א פלאַץ פאר איין מצה פון די דריי סדר־מצות. אויף דער דעק פון דיזע זילבערנע קאָמאָדע זיינען געשטאַנען זעקס קונסטפאָלע טעלערלעך, פאר די קליינינקייטען, וועלכע מען דאַרף האָבען צו דער סדר־צערעמאָניע. אָט ביי דיזען רונדען טיש זיינען נור געזעסען דעם רבינ'ס קינ־דערלעך. צווישען דיזען טיש און דעם טיש וואו דער מנין חסידים זיינען געזעסען, צווישען וועלכע איך בין געווען דער לעצטער, זיינען געשטאַנען אויף דער ערד צוויי גרויסע, הויכע זילבערנע אכט־רעהריגע מנורות, קינסטלעריש אויסגעארבייט, וועלכע האָבען געגרייכט פיעל הויכער איבער די טישען און פערשפרייט אויף זיי א העלע ליכטיגקייט.

דאָס איינציגע מאָל אין יאָהר, וואָס אויך די רביצין און די שניערען זיי־נען געזעסען אין דעם זעלבען חדר פונ'ם צדיק. זייער ציערונג און די טייערע בריליאַנטען האָבען געבלישטשעט פון דערווייטענס ווי די זון־שטראַהלען. אָבער ווער האָט זיך דעמאָלט מיט דעם פעראינטערעסירט, בעת מען זעהט פאר זיך דעם גרויסען צדיק אויף וועמעס פנים ס'האָבען געשיינט די „קרני־הוד" פון משה רבנו.

אַלטע חסידים האָבען עדות געזאָגט, אז יענער סדר איז געווען משונה פון אַלע פריהערדיגע סדרים. די השפעה פונ'ם צדיק'ס קדושה און התלהבות איז אריין אין די טיעפע ווינקעלאָך פון אונזערע נשמות. מיר זיינען געקומען צו דער מדרגה פון „פסיקת זוהמא", ווערענדיג געריינינגט פון אַלערליי פסולת.

שטיל, אָבער מיט אינערליכער התלהבות, הויבט דער צדיק אָן צו זאָגען „הא לחמא עניא". און שטיל זאָגען מיר איהם נאָך מלה במלה. מען דאַרף האָבען א הימלישע גבורה איינצוהאַלטען דאָס פייער וואָס ברענט אין אונזערע הערצער. דאָס איז נור דער כח פונ'ם צדיק.

„הא לחמא עניא" — הויבט דער רבי אָן מפרש צו זיין — „עס איז ארים

ברויט וואָס מיר עסען אין גלות. כל זמן מיר האָבען ניט אונזער אייגענע היים, הייסען מיר נור אורחים, זיצערס ביי פרעמדע טישען, און די גרעסטע רחבה, די גרעסטע גדולה אונזערע ווערט דאדורך נור אָנגערופען „לחמא עניא" אָרים ברויט. „השתא עבדי", אפילו די אידישע שררות אין גלות זיינען בבחינת עבדים, די נשמה פון אונזערע גדולים זיינען פערקנעכט צו אנדערע. נור אין אונזער אייגען לאנד, מיט אן אייגענע אידישע ממשלה, וואָלטען מיר געקענט אָנגערופען ווערען „בני־חורין". אָבער, משטיינס געזאָגט, וואָס טהוען מיר שוין גאָר כדי צו צוקומען צו דער מדרגה פון „בני־חורין"?

א טיעפער זיפץ האָט זיך ארויסגעצויגען פון צדיק׳ס ברוסט, און מיר אַלע האָבען בעקומען א שטאַרקען הרהור תשובה.

ביי יענעם סדר האָבען מיר געזעהען זאכען וואָס עין לא ראתה און גע־הערט דבורים שלא שמעה אוזן מעולם. דאָס איז שוין געוועזען א שטיקעל סדר! מען האָט כסדר געזעהן דבקות. דעם מאמר פון „והיא שעמדה לאבותינו" האָט דער צדיק איבערגע׳חזר׳ט צוויי־און־פערציג מאָל. די חסידים וואָס זיינען געזעסען נעהענטער צום צדיק האָבען עדות געזאָגט, אז ביי יעדעס מאָל זאָגען האָט ער לגמרי געהאַט א גאנץ אנדערע צורה, דאָס הייסט, ער איז געוועזען א „פושט צורה ולובש צורה".

ביים לעצטען מאָל זאָגען, האָט ער זיך שטאַרק פער׳דבק׳ט, מעהר ווי א האַלבע שעה, דאַן האָט ער איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער: „שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותנו" כמה פעמים, און געענדיגט מיט דיזע ווערטער: „עס וועט קומען א צייט, ווען די אומות העולם וועלען אונז פיינד האָבען שנאת מות. און ניט קענענדיג פון אונזערע פטור ווערען דורך רדיפות און שחיטות, וועלען זיי אונז אַרויסטרייבען פון זייערע מדינות צוריק קיין ארץ ישראל. ס׳איז אפילו ניט קיין גרויסער כבוד צוריק צוקעהרען צו אונזער לאַנד אויף אַזא מבוזה׳דיגען אופן, אָבער האָט אונז דען ניט פרעה אויך ארויסגעטריבען פון מצרים? דער פסוק זאָגט דאָך בפרוש „כי גורשו ממצרים". איבריגענס, זאָל זיין ווי ס׳וויל, און אויף וואָס פאר אן אופן ס׳וויל, אבי מיר זאָלען צוריק קומען צו אונזער אייגען לאַנד; דאָס איבריגע וואָס ס׳דאַרף געשעהן, וועט שוין טאַקע דאָרט ממילא געשעהען".

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום זמר „אל בנה", האָט זיך דער צדיק פאַר א ווייל'ע פערטראַכט און ווידער אָנגעהויבען:

„זיי ווילען ד ו ק א א גאולה מופתית, וואָס זאָל איך אָבער טהאָן, ווען איך האַלט לחלוטין גאָר ניט פון מופתים? זיבען טעג רצופים האָט משה רבנו

זיך געוויינערט אין מדין פון צוגעהן אין השם־יתברך'ס שליחות קיין מצרים, אויסצולייזען די אידען. ווייסט איהר פארוואס? ווייל די גאולה האט בע־דארפט פערבונדען זיין מיט מופתים און משה רבנו האט געוואלט א גאולה בדרך הטבע..."

דאס אלעס איז אבער געווען בקליפת השום אקעגען דער הויכע מדרגה וואס מיר האבען דעמאלט משיג געווען, בעת דער צדיק האט זיך געזונגען „שיר־השירים", נאכ'ן סדר, מיט דעם בעוואוסטען ניגונ'דעל, וועלכעס קען אויסציהען דעם מענשענ'ס חיות ביז ממש צו כלות־הנפש. דאס האבען מיר געפיהלט, בעת ער האט אנגעהויבען צו זינגען דעם פסוק „נפשי יצאה בדברו". אזעלכע דבורים, ממש כנתינתן, האב איך ניט געהערט און וועל שוין מעהר ניט הערען.

נאכ'ן סדר, בעת מיר חסידים האבען דעם ענין פון רבינ'ס דבורים אי־בערגעשמועסט, האט אן אלטער חסיד דערצעהלט א פריהערדיגען דבור פונ'ם צדיק וועלכער האט אויך א גרויס שייכות צום דאזיגען ענין:

„אים יאהר תר"ח (1848), האט די גאנצע אידישע וועלט גערעכענט אז ס'איז עקבתא דמשיחא. די מלחמות, די ערבוביא און די רעוואלוציאנען פון יענעם יאהר, האבען ביי אונזערע חסידים פערשטארקט די אמונה, אז דאס זיינען די „ימות המשיח". אויך פיעל צדיקי הדור האבען געהאט דיזעלבע מיינונג. א טייל פון זיי האבען אפילו געוואגט זיך עפענטליך צו אויסערן, ווער פון די צדיקי הדור וועט זיין דיזער משיח. צווישען זיי איז געווען דער סטרעטינער רבי, ר' יהודה הירש, דער תלמיד און ממלא מקומו פון ר' אורי סטרעליסקער.

זאגענדיג תורה ביים פסח'דיגען סדר־טיש, איז דער סטרעטינער אריין אין א שטארק דבקות, אויסטייטשענדיג דעם פסוק: „הנה זה עומד אחר כתלינו", אט שטעהט שוין משיח הינטער די טהיר. „דער צדיק הדור, דאס איז ר' ישראל'טשע ריזינער, איז דער ריכטיגער משיח. די צייט איז אויך אן עת מוכשרת. הלואי דאס דור זאל נור ראוי זיין דאצו".

הערענדיג דיזע דבורים האט דער ריזינער בעמערקט: „ניין, דער דור איז אבסאלוט נ י ט ראוי צו א גאולה נסית, דאצו דארף מען גרויס כח, עבודה און אונגעהויערע סגופים. ווי קען דאס אבער אויספיהרען דאס גע־פלאגטע און אויסגעמאטערטע אידישע פאלק, וועלכעס האט שוין אפילו קיין כח ניט הויך צו וויינען און צו בעטען רחמים? זאל דאס אידישע פאלק פריי ווערען פון זיין שעבוד הנפש; זאל מען איהם נור אריין לאזען פריי קיין ארץ־

ישראל אָהן ניסים ונפלאות, דאַן וועט שוין די ישועה רוחנית ממילא קומען. עס מוז פריהער זיין אן „אתערותא דלתתא“, דורך עובדות און ממשות׳דיגע מעשים, ניט נור דורך מחשבות און אבלויזען רצון. איך זאָג, האָט דער רבי ז״ל דעמאָלט געענדיגט זיינע דבורים, אז קודם וועט זיין א גאולה על פי הטבע, פונקט ווי אין עזרא הסופר׳ס צייטען ביים בית־שני. ערשט דאַן, דאָרט אין ארץ ישראל, וועט קומען די אמת׳ע גאולה, די גאולה רוחנית“.

אוי איז דאָס געווען א פסח! כל זמן שהנשמה בקרבי וועל איך איהם ניט פערגעסען.

8

# דער לעצטער שבועות אין סאַדאַגורע

## (אוים ר׳ אייזיק׳ל חסיד׳ם „ספר זכרונות״)

עונג יום טוב נור ביים צדיק. — מען פיהרט דעם רבי׳ן מיט שמחה אין מקוה אַריין. — פערשלאָפען די צערעמאָניע. — גרויסע השגות ווי ביי „מתן תורה״. — דער מורא׳דיגער „טיש״. — א רמז אויף דער פטירה. — דער רבי האָט זיך ניט בעוויזען.

דאָס איז געווען אין יאָהר תרמ״ג, דאָס יאָהר, אין וועלכען דער אַלטער סאַדאַגורער צדיק, ר׳ אברהם יעקב׳ניו ז״ל איז נסתלק געוואָרען. איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין ביים צדיק דעם לעצטען שבועות, וועלכען די חסידים רופען סתם: „דער גרויסער שבועות!״

שוין כמה שנים וואָס איך וויים ניט דעם טעם פון אָבהאַלטען א יום טוב ביי ווייב און קינדער אין דער היים, ניט ביי א גוטען־אידען. ביי אנשים כערכנו, זעהט עס אוים וואָכעדיג, עם־הארצות׳דיג, צו זוכען דעם עונג יום טוב ביי זיך אין דער היים, ביים „סיר הבשר״, ביי פיש און ביי ווײן. דעם „עונג יום טוב״ מוז מען פיהלען מיט דער נ ש מ ה ניט נור מיט׳ן ג ו ם ע ן; און פיהלען, קען מען באין אופן ניט אין דער גשמיות׳דיגער סביבה פונ׳ם בני בית, נור ביים צדיק, וואו אַלעס איז בייזאמען, דער קאָפּ מיט די איברים, דער רבי מיט די חסידים, וועלכע בילדען צוזאמען א גאנצע קערפּערשאפט, א „קומה שלמה״.

ווער ס׳האָט ניט געזעהן און ניט מיטגעמאכט דעם לעצטען שבועות אין סאדאגורע, האָט קיינמאָל ניט פערזוכט דעם זיסען טעם פון „וגילו ברעדה״. ס׳איז געווען ממש דיזעלבע בחינה ווי בשעת מתן תורה. לכל הפחות, האָ־בען אזוי בעהויפּטעט די געהויבענע חסידים, וואָרים בנוגע צו מיין אייגענע הרגשה, וועט איהר באלד הערען, אז כ׳בין ניט ווערט געווען מיטצומאכען די גרויסע הימלישע שמחה; איך האָב זי, בעונותינו הרבים, פערשלאָפען.

די שטימונג פון די חסידים אין יענער שבועות־נאַכט, איז געווען זעהר נעדריקט. דעם רבינ׳ס קרעכצען ביי דער שמונה עשרה פון מעריב, זיינען געווען מורא׳דיג. אַלע אויגען זיינען געווען פול מיט טרעהרען און אויף יע־דען הארץ איז געלעגען ווי אַ שווערער שטיין, דריקענדיג עד כלות הנפש. הפנים, ס׳האָט זיך שוין געפיהלט אין דער לופט, אַז ס׳הענגט אַ ביטערער גזר־דין איבער אונזערע קעפ. אפשר האָט דאָס געהאט אַ שייכות מיט דער חסידישער בעהויפּטונג, אַז דער צדיק איז דער „עץ חיים" און די חסידים זיינען די צווייגען, וועלכע האָבען שוין אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז די וואָרצ־לען פונ׳ם בוים פערלירען זייער השפעה און די יניקה פונ׳ם רוחניות׳דיגען זאַפט ווערט שוואַכער.

פיהלענדיג דיזע הרגשה, האָט זיך יעדער איינער געשטופּט, ממש מיט מסירת הנפש, זיך גוט איינצוקוקען אינ׳ם רבינ׳ס הייליגע צורה, גלייך דאָס הארץ וואָלט איהם געזאָגט, אַז אַט פאָהרט ער נאָך יום טוב אהיים, וועט ער שוין קיינמאָל ניט זיין ביכולת צו זעהן דעם צדיק.

די ערשטע נאַכט שבועות איז ביי די סאַדאַגורער חסידים פּעררעכענט פאַר דעם וויכטיגסטען זמן פונ׳ם גאַנצען יאָהר. אַט זיצען זיך די חברה־לייט אין קלויז זאָגענדיג פּשוט „תיקון ליל שבועות", גאָר ניט מעשה חסידים. פּלוצים פערגלוסט זיך אַ ביסעלע משקה, פערמאַכט מען די תיקונ׳דלעך, מען טרינקט לחיים, מען צוזינגט זיך און מען כאַפּט אַ רקידה׳לע אַזוי ווי אין פּסוק שטעהט, און ס׳פיהלט זיך אמת בגילופין׳דיג. דאָס אַלעס איז אָבער נור בקליפּת השום, אַ הבל־הבלים, אַקעגען דער גרויסער, הימלישער שמחה, בעת דער רבי נעהט נאָכ׳ן „תיקון" אין מקוה אריין. דאָס איז בעלות הבקר, אַזוי ווי ס׳הויבט נור אָן צו טאָגען. דער סוד פון דיזער „טבילה" איז אַ זעהר טיעפער ענין. דער רבי ווערט דעמאָלט נתקדש און קומט צו דער מדרגה פון „ומשה עלה אל האלקים". די שמחה פון די טויזענדער חסידים וועל־כע פיהרען דעם רבי׳ן אין מקוה אריין, זייער זינגען און טאַנצען איז אין לשער. יעדער פיהלט דעמאָלט אַ געוואַלדיג התרוממות הנפש, אַ מין „יציאה מן הכלים", וועלכעס מען קען ניט איבערגעבען מיט׳ן מויל אָדער מיט אַ פעדער.

ווי געזאָגט, זיינען די חסידים געווען יענע שבועות־נאַכט אביסעל מרה־שחורה׳דיג. אָבער חסידים זיינען דאָך חסידים. זיי ווייסען, אַז עצבות, רחמנא ליצלן, איז מעשה „בעל דבר", וועלכער וויל נור פערשטערען זייער שמחת יום טוב, כדי אריינצוגעבען חיות אין די סטרא אחרא. מיט דעם

כח פון אביסעל משקה האבען זיי באלד פערטריבען דאס עצבות. ס'איז באלד געווארען לעבעדיג. די חברה האט געהוליעט מיט כל הכחות, ווי ווייט דאס צייג האט געהאלטען, וגם אני הקטן בתוכם, האפענדיג אויף דער גליקליכער מינוט, ווען דער רבי וועט אין א מזל'דיגער שעה געהען אין מקוה אריין.

הפנים, אז אני הקטן בין נאך ניט געווען קיין אויסגעפראוועטער חסיד, מחמת איך בין באלד מיעד געווארען און אנידערגעפאלען ווי א הרוג. ווארים וויסען מוזט איהר, אז מיעד ווערען איז גאר ניט מעשה חסיד. דער אמת'ער חסיד, וואס מעהר ער טאנצט און הוליעט לכבוד יום טוב, אלץ מעהר הימ־לישען כח בעקומט ער, א מין „אתערותא דלעילא", אזוי אז ער פיהלט זיך ביכולת צו מאכען מיט־טאנצען מיט זיך די גאנצע וועלט. אזוי ווי איך בין אבער, לא עליכם, מיעד געווארען, האב איך מיך אביסעל צוגעלעגט אין דרויסען אויף די שטיינער אינ'ם הויף פון דער נייער קלויז, כדי צו כאפען כאטש א דרימעל, א שינת ארעי, האפענדיג, אז דער געטומעל פונ'ם זינגען בעת די חסידים וועלען פיהרען דעם רבי'ן אין דער מקוה, וועט מיך אויפוועקען פון מיין שלאף, און אויך איך וועל זיין ביכולת זיך צו בעטייליגען „בהאי ועדא", אין דער הימלישער שמחה.

אין מיין טיעפען שלאף האב איך פלוצים דערהערט א וואונדערליך זים געזאנג פון טויזענדערליי קולות, וועלכעס האט געקלונגען אין מיינע אויערען ווי א שרפים־הארמאניע. איך האב געעפענט אביסעל מיינע מיעדע, פערשלאפענע אויגען און דערזעהען אן אונגעהויערעם בלישטשען פון טויזענדער ליכטער און א ווילדעם טאנצען פון א טויזענד קעפיגער מאסע ארום דעם צדיק. ס'האט זיך מיר געדוכט, אז דער גאנצער הויף טאנצט מיט, צוזאמען מיט די שטיינער אויף וועלכע איך ליעג. אויב ס'איז אמת, אז אין די ערשטע נאכט שבועות עפענט זיך דער הימעל און ווער ס'איז זוכה קען דעמאלט זעהען „מראות אלקים", איז דאס זיכער געווען באותו הרגע ווען דער רבי איז געגאנגען אין מקוה אריין. אזוי ווי איך האב אבער ניט געהאט קיין זכיה מקבל צו זיין דאס פנים פון דער שכינה הקדושה, בין איך צוריק אנשלאפען געווארען.

פיעל מעהר ווי איך האב געזעהען אין מיין האלב פערשלאפענעם צו־שטאנד, האבען דעמאלט די חסידים געזעהען בהקיץ, אין דער ווירקליכקייט. ס'ווערט בעהויפטעט, אז די גאנצע חבריא קדישא, וואס האבען בעגלייט דעם רבי'ן אין מקוה אין יענער שבועות־נאכט, האבען זוכה געווען צו אן השגה פון דערזעלבער שמחה ווי בשעת מתן תורה, „למחזי זיו דזעיר אנפין", צו זעהען אין צדיק'ס צורה, כביכול, דאס פנים פון דער שכינה. דאס איז גע־

ווען די „נדיזנע“, וועלכע דער רבי ז״ל האָט איבערגעלאָזט, דעם לעצטען יום־טוב, פאר זיינע חסידים. הפנים, אז ס׳איז באמת געווען עפּיס זעהר אינטע־רעסאַנטעס. א והא ראיה, דאָס איך, און מן הסתם נאָך אַנדערע וואָס זיינען ניט ראוי געווען דאָס צו זעהען, האָבען עס פערשלאָפען.

* * *

און דער „טיש“ איז דעמאָלט געווען א מורא׳דיגער. דער רבי ז״ל איז כסדר געזעסען פער׳מוח׳ט. דאָס ניגונ׳דל, וועלכעס ער פלעגט תמיד זינגען שטילערהייט ביי יעדען טיש. האָט ער דעמאָלט געזונגען כמעט בקול רם, מיט אזא מין דבקות, מיט אזא מין התעוררות, אז ס׳האָט געצויגען קוואַלען טרעהרען פונ׳ם גאַנצען עולם. א מורא׳דיגע שטילקייט האָט געהערשט צווי־שען די טויזענדער חסידים וואָס האָבען אָנגעפילט דעם גרויסען ריזיגען „סאַ־לאַש“. מען האָט געזעהען בחוש, אז דיעזער „טיש“ איז גאַנץ אַנדערש פון אַלע „טישען“; ווען אַלע טישען זיינען קודש איז דיזער טיש קודש קדשים. „תורה“ ביים טיש האָט דער רבי דעמאָלט ניט געזאָגט; דערפאַר האָט ער געהייסען זינגען ביים טיש דאָס קאַפּיטעל „אָב הרחמים“, א מין הזכרת נשמות אין פאַראויס...

ווי איהר ווייסט, איז אין סאַדאגורע ביים אַלטען ז״ל געווען א מנהג, אז נאָכ׳ן טיש, פלעגען די חסידים טאַנצען מיט גרויס התלהבות, אינ׳ם הויף פאַר׳ן רבינ׳ס פענסטער. דאָס טאַנצען איז געווען א מין ארויספאָדערונג, אז דער צדיק זאָל זיך בעווייזען ביים פענסטער, באַדיי אויף א י י ן רגע. דאָס איז אויך תמיד געשעהען. פריהער אדער שפּעטער, האָט זיך דער רבי פּלוצים א ווייז געטהון ביים פענסטער, תמיד מיט א שמייכעל אויף זיינע בלאַסע ליפּען. דערזעהענדיג דעם צדיק׳ס צורה, וועלכעס איז ביי די געהויבענע חסידים בעטראַכט געוואָרען ווי „קבלת פּני השכינה“, איז געוואָרען א הימלישע שמחה צווישען די טאַנצענדיגע חבריא. אין דער רגע האָט געשטעקט דער גאַנצער ס ו ד פון „עולה רגל“ זיין.

אויך יענעם לעצטען שבועות, ווי שלעכט געשטימט די חסידים זאָלען ניט געווען זיין, האָבען זיי געטהון דאָס זייעריגע. זיי האָבען געזונגען, געטאַנצט, פשוט מרעיש עולמות געווען, אָבער אומזיסט, אין קול ואין עונה.

אין דערזעלבער צייט איז זיך דער רבי געזעסען אין זיין חדר, ארומגע־רינגעלט פון זיינע קינדער און גאַנץ נאָהנטע מקורבים, זעהר פער׳דבק׳ט, מיט פערגלייזטע אויגען, ניט אמאָל הערענדיג דאָס אונגעהויערע זינגען און דאָס רעש׳דיגע טאַנצען פאַר זיינע פענסטער.

פלוצים האָט דער רבי ז"ל אויפגעמאַכט די אויגען, זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטען, גלייך ער וואָלט ערשט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפען שלאָף, און אָנגעהויבען צו זאָגען תורה אויפ'ן פסוק: „לך אמור להם שובו לכם לאהליכם" זעהר טיפע און הויכע ענינים. דער תוכן פון דער „תורה" איז געווען, אז פאר'ן צדיק הדור איז פעראַנען אַ בעשטימטע צייט ווי לאַנג ער זאָל קענען טהון טובות דעם כלל ישראל זייענדיג אויף ד י ע ז ע ן ע ו ל ם ה ש פ ל. ס'קומט אָבער אַ צייט, ווען דעם צדיק'ס כח אויף ד י ע ז ע ן עולם לאָזט זיך אויס, און זיין כח און יכולת איז נור צו קענען אַ טובה טהון זייענדיג אויפ'ן ע ו ל ם ה א מ ת. דעמאָלט הערט דער צדיק אַ קול משמים זאָגענדיג צו איהם: „לך אמור להם, שובו לכם לאהליכם", זאָג זיי, דיינע חסידים, אז די צייט איז געקומען זיי זאָלען אהיימפאָהרען געזונטערהייט: „ואתה פה עמוד עמדי", מחמת ד ו דאַרפסט פערבלייבען ד אַ מיט מיר.

אזוי ווי דער רבי ז"ל האָט געענדיגט דיעזע דבורים, האָט ער אַ וואונק געגעבען צו די קינדער זיי זאָלען זיך אָבטרעטען און אהיים געהען. דאַן האָט ער בעפוילען דעם גבאי ער זאָל זאָגען דער חברה זיי זאָלען אויפהערען צו טאַנצען, כדי דעם רבי'ן ניט מבלבל צו זיין פון זיינע מחשבות, און געהען צו די קינדער, דאָרט זיך ווייטער משמח צו זיין, „כי חדות ה' היא מעזכם", ווייל דער כח פון חסידים, אפילו על כל צרה שלא תבוא, איז נור דורך שמחה.

די מקורבים האָבען שוין דעמאָלט פערשטאַנען די כונה פון דיעזע דבורים און האָבען זיך שוין געריכט אויף דעם ביטערען גזר־דין.

דאָס איז געווען דער א י י נ צ י ג ע ר יום טוב וואָס דער רבי ז"ל האָט זיך ניט געוויזען ביים פענסטער און ניט געשמייכעלט.

# דער זעהער פון לובלין

## אינהאַלטס־פערצייכנים:


1) די רוחניות'דיגע צורה פונ'ם לובלינער צדיק..........157—161
2) אַן אַרענדאַר וואָס טענה'ט איין מיט'ן מלאך המות........162—166
3) דער צדיק אַנטלויפט אין דער חתונה־נאַכט..........167—171
4) דער נסיון־עבירה פונ'ם צדיק....................172—176
5) דער צדיק וויל זיך מוסר נפש זיין צוליעב ליעבען נאָמען 177—181
6) די הקפדה פון צדיק טויטעט אַ חסיד................182—186
7) מען הייסט פון הימעל אָוועקפאָהרען פון לאַנצוט........187—190
8) דער רבי בעדיענט דעם שוהל־קלאַפּער מיט נעגעל־וואַסער..191—195
9) סכסוכים צווישען אַ גאון און אַ גוטען־איד.........196—200
10) דעם זעהער'ס אָפענע אויגען...................201—204
11) זאָגט איהם דעם צווייטען זיווג ביים ווייב'ס לעבען......205—208
12) דעם צדיק'ס ווירקונג אויף מתנגדים..............209—212
13) דאָס הימעל־צעטעלע אינ'ם רבינ'ס קעשענע.........213—217
14) דבורים און מנהגים פונ'ם לובלינער צדיק..........218—221
15) דער פירשט טשאַרטרינסקי דעם רבינ'ס אַ חסיד.....222—226
16) דאָס שעהנע קרבן פסח'ל.......................227—230
17) משיח בן יוסף און משיח בן דוד.................231—234
18) אַ בעל עגלה איז זיך קונה עולם הבא..............235—239
19) די הימלישע מלאכים־מעלאָדיע....................240—244
20) דער צדיק איז מציל אַן אשת־איש פון אַן עבירה........245—248
21) דעם בעל־דבר'ס דריי ריטער.....................249—253
22) אַ מחלוקת צוליעב אַן אַלט העמד.................254—257
23) דער דריטער זיווג פונ'ם צדיק...................258—262
24) צדיקים שיקען אַ שליח מיוחד אויף יענעם עולם........263—267
25) דער שרעקליכער שמחת תורה....................268—272
26) דער עונש פונ'ם לובלינער'ס תלמידים.............273—276
27) דעם לובלינער זעהער'ס פטירה...................227—287

# I

## די רוחניות'דיגע צורה פונ'ם לובלינער צדיק

ער קוקט מסוף העולם ועד סופו. — די מרידה געגען זיין רבי'ן און דער עונש. — אַ נייע שיטה אין חסידות. — אַן עבירה דאַרף מען פערגעסען. — דער טיש מיט ווייסע בעקישעס. — אַ הלצה פונ'ם ראַפשיצער. — דער רבי פסק'ענט שאלות. עפ"י רוח הקודש. — דער רב וויל זיך ניט משדך זיין מיט אַ מלאך. — דערזעהט די פמליא של מעלה און ווערט פער־חלש'ט. — אַ שאלה און אַ תשובה.

צווישען אַלע צדיקים, די חסידישע גוטע אידען, וואָס האָבען זיך קונה שם געווען אין דער גאַנצער חסידישער וועלט אַלס אמת'ע יורשים פונ'ם בעל־שם'ס כח, האָט דער לובלינער צדיק ר' יעקב יצחק געשפּיעלט די גרעסטע ראָליע. ניט נאָר די גאַנצע חסידישע וועלט האָט איהם געהאַלטען פאַר'ן צדיק הדור, פאַר דעם רבי פון אַלע שפּעטערע גוטע אידען און איהם ניט אַנדערש גערופען ווי סתם „דער הייליגער לובלינער", נאָר אויך אַלע גוטע אידען פון זיין דור, אַהן אויסנאַהם, האָבען זיך איהם אונטערוואָרפען, פון איהם מקבל מרות געווען, און איהם אַ נאָמען געגעבען דער „חוזה" (דער זעהער), גלויבענדיג, אַז ער האָט אָפענע אויגען צו זעהען וואָס ס'טהוט זיך פון איין עק וועלט ביז צו דער אַנדערער. דער קאָזיניצער מגיד, וועלכער איז געווען עלטער פון איהם און אַ תלמיד פונ'ם רבי'ן ר' בער, האָט איהם, דעם לובלינער, ניט אַנדערש גערופען ווי נאָר דער „אורים ותומים", מחמת זיינע אויגען זעהען אַזוי קלאָהר און דייטליך, און זיינע אַלע דבורים ווערען מקוים גלייך ווי מען וואָלט אַנגעפרעגט ביים „אורים ותומים" פונ'ם כהן גדול.

געבוירען געוואָרען איז דער לובלינער אין יאָהר תק"ה. ער איז אַלזאָ אַלט געווען קוים פופצעהן יאָהר בעת דער בעל־שם איז נסתלק געוואָרען. ער האָט דעם בעל־שם ניט געקענט. זיין רבי מובהק איז געווען דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק. אָבער נאָך ביים לעבען פון זיין רבי'ן האָט דער לובלינער איהם פערלאָזען און אַנגעהויבען צו מאַכען שבת פאַר זיך אַליין, צו שפּיעלען אַ גוט־אידישע ראָליע. טאַקע אין שכנות פון זיין רבי'ן, אין דער שטאָדט לאַנצוט, וואָס איז נאָר ניט ווייט פון ליזענסק. דאָס האָט דעם רבי'ן ר' אלימלך גורם געווען אַ גרויסען חלישות הדעת. ס'איז גאָר פאַראַן אַ יש אומרים, אַז דער טראַגישער

טויט מיט וועלכען דער לובלינער צדיק איז געשטארבען איז פארגעקומען צוליעב דער הקפדה פונ'ם רבי'ן ר' אלימלך: ס'איז געווען א מין עונש.

פונדעסטוועגען האט דער ליזענסקער רבי ר' אלימלך פאר דער פטירה, ביים פערטיילען זיין גייסטיגע ירושה צו זיינע פינף וויכטיגסטע תלמידים, אז זיין תלמיד ר' יעקב יצחק פון לובלין ניט פערגעסען און איהם איבערגעלאזט דאס טייערסטע וואס ער האט פערמאגט, „דאס ליכט פון זיינע אויגען". דער זידאטשאווער צדיק האט דאן בעמערקט, אז דעם לובלינער'ס אויגען האט אפילו דער רבי ר' אלימלך אליין ניט געהאט: ער האט איהם איבערגעגעבען א דאפעלטען כח, ממש ווי אליהו הנביא האט געטהאן צו זיין תלמיד אלישע.

און פערלאזט האט דער לובלינער זיין רבי'ן מחמת ער האט אויסגעוועהלט א נייעם דרך אין חסידות. דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס דרך איז געווען, אז א חסיד מוז מקיים זיין דעם פסוק „וחטאתי נגדי תמיד" (די זינד וואס ער האט בעגאנגען זאלען כסדר שטעהן פאר זיינע אויגען), כדי ער זאל זיין פול מיט חרטה און צער איבער זיינע חטאים. קומט אבער צוגעהן זיין תלמיד, דער לובלינער, און זאגט פונקט פערקערט: „הרהורי דעברה קשין מעברה" (דאס פיעל נאכטראכטען פון א געטהאנענע עברה איז פיעל ערגער פון דער עברה אליין), ווייל צער און עצבות זיינען די גרעסטע שטערונג צו עבודת הבורא: ביזט נכשל געווארען אין אן עברה, פערגעס זי, דענק ניט דעריבער פיעל נאך, האב שמחה און דיען ווייטער דעם בורא כל עולמים: די שמחה'דיגע מצוות וואס דו וועסט דאן טהאן וועלען שוין ממילא פערלאטען און אויסבעסערען די חסרונות וואס דיין נפש האט בעקומען דורך דער עברה.

ביים לובלינער'ס טיש אום שבת אדער יום־טוב זיינען געזעסען נאר אויסשליסליך זיינע תלמידים, צוקינפטיגע רביים, אבער ניט קיין געוועהנליכע חסידים. ס'איז ביי חסידים א דבר ידוע, אז דער קלענסטער תלמיד, וועלכער האט נאר זוכה געווען צו זיצען ביים לובלינער'ס טיש האט געהאט א קלארען רוח־הקודש. דעם לובלינער'ס א יום־טוב־טיש פלעגט מען רופען „דער טיש מיט ווייסע בעקישעס", ווייל ביים טיש פלעגען דעמאלט זיצען נאר אויסגערופענע גוטע אידען, וועלכע פלעגען דעמאלט טראגען ווייסע מלבושים.

חסידים דערצעהלען נאך א דבר־הלצה פון ר' נפתלי ראפשיצער, דעם לובלינער'ס תלמיד מובהק, וועלכער האט האלד געהאט צו זאגען חכמה'לעך מכח דיזען ענין: ווען דער ראפשיצער מיט זיינע חברים זיינען נאך א יום־טוב אהיימגעפאהרען פון לובלין, זיינען זיי אויפ'ן וועג, אין א זונטאג, צוגעפאהרען אין א קרעטשמע צו אן ארענדאר, זיך צו דערכאפען דאס הארץ. ארום דעם לאנגען טיש אין דער קרעטשמע זיינען געזעסען די גאנצע דארפס־גראמאדע אין זייערע ווייסע לייוועטענע סערדוקעס, געטרונקען בראנפען און געזאגט סברות מכח דער רוסיש־פראנצויזישער מלחמה.

— א גרויסער מענש אונזער ארענדאר ר' שואל — האט דער ראפשיצער געזאגט מיט א תמימות פנים צו זיינע חברים. — א. איך האב לגמרי גאר ניט געוואוסט, אז ער איז אזא אדם גדול!

— דהיינו? — האבען איהם זיינע חברים איבערגעפרעגט. — ווי אזוי האט איהר עפעס דערקענט פלוצים זיין גרויסקייט?

— איהר זעהט ניט? אט זיצען ביי זיין ט י ש א גאנצע חבורותא בלויז ווייסע־מלבושים׳ניקעס און האלטען כסדר אין איין נביאות זאגען איבער דעם אויסגאנג פון דער מלחמה.

דאס האט געדיענט אלס א מין „שטעכווערטעל" געגען די ווייסע־בעקישעס גוטע־אידען, וועלכע דער ראפשיצער האט ניט זעהר געגליכען.

דאס אינטערעסאנטסטע פון דעם לובלינער׳ס „אפענע אויגען" איז, וואס ער האט זיך אויף זיין רוח־הקודש סומך געווען ניט נאר ביי עצות געבען צו זיינע חסידים, נאר טאקע אין דין אריין (לעניני דינא). עס האט זיך אמאל געטראפען אזא מין מעשה:

א לובלינער בעל־הבית איז אמאל אהיים געקומען ביינאכט און האט גע־טראפען א פרעמדען מאן ביי זיך אין הויז אליין מיט זיין ווייב. קיין צייכען פון א מעשה־רע האט ער אפילו ניט בעמערקט, נאר מחמת על פי דין טאר א אידישע פרוי ניט האבען קיין יחוד (זיין אליין אין א חדר) מיט א פרעמדען מאן איז דער פרומער בעל־הבית תיכף אוועקגעלאפען צום לובלינער רב ר׳ עזריאל, וועלכען מען האט גערופען „דער אייזערנער קאפ", צוליעב זיין גאונות׳קייט, ביי איהם צו פרעגען א שאלה, אויב ער מעג ווייטער וואוינען מיט זיין ווייב. דער רב האט איהם גע׳פסק׳עט, אז ער טאר ניט מעהר וואוינען מיט איהר.

געהענדיג צוריק אהיים איז ער פערביי געגאנגען דעם לובלינער׳ס בית־המדרש אין וועלכען די חסידים זיינען נאך געזעסען און עוסק געווען אין ענינים פון חסידות, כאטש עס איז שוין געווען שפעט אין דער נאכט.

דעם מאן איז איינגעפאלען א געדאנק: אזוי ווי דער רב האט איהם גע׳אסר׳ט צו וואוינען מיט דעם ווייב, איז דאך אודאי ניט גלייך ער זאל מיט איהר צוזאמען זיין אין איין חדר. איז דאס גלייכסטע פאר איהם, ער זאל אריינ־געהן אין רבינ׳ס בית־המדרש און דארט אביסעל שלאפען ביז עס וועט ווערען טאג.

זייענדיג אין בית־המדרש האט ער פלוצים דערזעהן ווי די טיר עפענט זיך און דער לובלינער קומט אריין, געהט גלייך צו צו איהם און פרעגט איהם וואס ער, אלס בעל־הבית, טהוט דא אין בית־המדרש אזוי שפעט ביינאכט. דער איד האט איהם דערצעהלט דעם רב׳ס פסק.

— געה אהיים, שוטה, דו מעגסט וואוינען מיט דיין ווייב אויף מיין אחריות — האט זיך צו איהם דער לובלינער אנגערופען.

דער „אייזערנער קאפ", וועלכער איז געווען א שטארקער מתנגד האט דאן דעם לובלינער געלאזט פרעגען פארוואס ער האט מתיר געווען דעם מאן צו וואוי־נען מיט איהר, בעת דער ר"ן פון נדרים שרייבט בפירוש ביי אזא פאל: „וראוי לכל בעל נפש לחוש לעצמו כדי לצאת ידי שמים" (אז אן עהרליכער איד דארף אויף זיך מחמיר זיין ניט צו וואוינען מיט אן אשה וואס האט געהאט יחוד מיט א פרעמדען מאן).

— אזוי ווי עס איז ניט קיין מפורש׳דיגער דין, נאָר אַ בלויזע חומרא — האָט דער לובלינער געענטפערט — קען איך מיך גאַנץ גוט סומך זיין אויף מיין רוח־הקודש, וועלכער זאָגט מיר, אַז די אשה איז ריין, אָהן אַ זינד.

דער „אייזערנער קאָפּ" פלעגט תחלת פיהרען מחלוקת מיט׳ן לובלינער. שפּע־טער אָבער, אַזוי ווי דער לובלינער איז זעהר גרויס געוואָרען, האָט ער מעהר קיין מחלוקת ניט געפיהרט, כאָטש ער האָט פון לובלינער ניט געהאַלטען אַלס רבי. זיי זיינען זיך פיעל מאָל ביידע צוזאַמענגעקומען אויף אַ שטאָדטישען ברית אָדער אויף אַ חתונה ביי אַ שטאָדטישען גביר, און געפיהרט וכוחים.

די חסידים האָבען זעהר געוואָלט, אַז ס׳זאָל הערשען אַן אמת׳ער שלום צווישען די צוויי מנהיגים פון דער שטאָדט. ווען דער לובלינער איז געוואָרען אַן אַלמן, זיינען צוויי אָנגעזעהענע חסידים געגאַנגען צום רב ר׳ עזריאל, איהם פאָרשלאָגען אַ שידוך: ער זאָל געבען זיין טאָכטער דעם לובלינער פאַר אַ ווייב.

— עס איז געגען דער תורה — האָט זיי דער „אייזערנער קאָפּ" גע־ענטפערט.

— וואָס מיינט איהר דערמיט? — האָבען זיי איהם איבערגעפרעגט.

— די תורה שרייבט — האָט ער געענטפערט — „את בתי נתתי ל א י ש" (מיין טאָכטער האָב איך אַוועקגעגעבען צו אַ מ ע נ ש): און איהר, חסידים, בעהויפּטעט דאָך כסדר, אַז דער רבי איז אַ מ ל א ך.

זיין „סמיכה" אַלס אַ גוטער „זעהער" האָט דער לובלינער נאָך געהאַט פונ׳ם רבי׳ן ר׳ בער, דעם בעל־שם׳ס ממלא מקומו. אַלס גאָר אַ יונגערמאַן איז ער נעפאָהרען קיין מעזעריטש צום רבי׳ן ר׳ בער. די חסידים האָבען זיך מיט איהם דעמאָלט נאָך גאָר ניט גערעכענט. מען האָט איהם אפילו ניט געקענט און ניט געוואוסט ווער ער איז. דער רבי ר׳ בער פלעגט זיך נוהג זיין צו דאַווענען אַלע טאָג ביחידות. נאָר ביי דעם קאַפּיטעל „אין כאלהינו" פלעגט ער הייסען אַריינרופען אַ מנין. אַמאָל האָט זיך געטראָפען, אַז מען האָט דעם לובלינער אַריינגערופען איהם מצרף צו זיין צום מנין.

„ברענגט מיר אַן אַנדערען — האָט זיך דער מעזעריטשער מגיד אָנגערופען צו זיינע מקורבים — מחמת דער יונגערמאַן איז אַ ב ט ל ן.

אַזוי ווי מען האָט גראָד ניט געטראָפען קיין אַנדער חסיד איז ער פער־בליבען צווישען דעם מנין. באַלד ווי דער מגיד האָט אָנגעהויבען זאָגען „אין כאלהינו", האָט דער לובלינער אָנגעהויבען צו חלש׳ן, און מען האָט איהם קוים מיט זעהר שווערע מיה צוריק דערמינטערט.

— האָב איך אייך ניט געזאָגט, אַז ער איז אַ ב ט ל ן? — האָט דער „מגיד" געזאָגט צו זיינע מקורבים נאָכ׳ן דאַווענען. — וואָרים גלייך ווי ער האָט דערזעהען ביים זמר פון „אין כאלהינו" די פמליא של מעלה האָט ער זיך דער־שראָקען און גע׳חלש׳ט. איך האָב דעריבער געוואָלט אַז אַנדער חסיד וואָס האָט פראָסטע אויגען וואָס זעהען ניט און וועלכער האָט זיך ניט פאַרוואָס צו שרעקען.

דער דובנער מגיד האָט אַמאָל געפרעגט דעם לובלינער די סיבה פאַרוואָס

א וועלט מיט מענשען לויפען איהם, דעם לובלינער, נאך, כדי פון איהם זיך עפעס אבצולערנען, בעת אויף איהם, דעם דובנער, כאטש ער איז א גרויסער תלמיד חכם קוקט זיך קיינער אפילו ניט אום.

— אט דיזעלבע קשיא פרעג א י ך אויך — האט איהם דער לובלינער געענטפערט. — פארוואס קומט דער עולם צו מיר, וואס איך בין באמת אן „אין“ (א גארנישט), און ניט צו אייך, אזא גדול בישראל? און אפשר איז ד א ס טאקע די סיבה: דערפאר ווייל איך פיהל ביי זיך און וויים ברי לי, אז כ׳בין נ י ט ווערטה מען זאל צו מיר קומען — קומט מען דוקא י א, און ווייל איהר פערשטעהט אז איהר פערדיענט עס און איהר זייט ראוי דערצו, אז מען זאל צו אייך יא קומען — קומט מען דוקא נ י ט. אז איפכא מסתברא׳דיגע וועלט.

## 2

# אַן אַרענדאַר וואָס טענה'ט איין מיט'ן מלאך־המות

דער גאונ'ישער אַרענדאַר. — בעסער צו זיין אַן „אב המון גוים" ווי אַן „אב בית דין". — מען דאַרף צ ו ו י נ ג ע ן דעם אָרימאַן צו נעהמען צדקה. — אַ פּגישה מיט'ן מלאך המות. — דער אַרענדאַר האָט זוכה בדין געווען. — די געבורט פונ'ם לובלינער.

אינ'ם דאָרף ליקאָווי, נעבען טאַרנינגראַד, אַ שטעדטעל אין פּוילען, האָט געהאַלטען די קרעטשמע פונ'ם פּריץ אַ איד אַ תלמיד חכם, אַ גרויסער מופלג און אַ זעלטענער מכניס אורחים מיט'ן נאָמען ר' קאָפּיל. ער איז געווען בע־ריהמט אין גאַנץ פּוילען מיט זיין צדקה און גמלות חסדים און, ועל כולם, מיט זיין גאונות'קייט און יראת שמים. וואָס אַנבעטרעפט גאונות'קייט איז זיין שם אַזוי גרויס געווען, אַז די קהלה פון אַמסטערדאַם האָט זיך צו איהם גע־ווענדעט מיט אַ בריעף בעטענדיג איהם, ער זאָל ווערען ביי איהר דער „אב־בית־דין", דאָס הייסט, אַננעהמען דאָס רבנות פון דיזער גרויסער, בעריהמטער קהלה. ר' קאָפּיל האָט אָבער די רבנות־שטעלע צוריקגעוויזען, ענטפערענדיג, אַז השם־יתברך האָט איהם בעשטימט צו זיין אַ „אב־המון גוים" (אַן עלטסטער איבער אַ גראָמאַדע גוים), ניט פאַר קיין אב־בית־דין — אַ שעהנע הלצה אין ויעלכער ס'האָט אָבער געשטעקט אַ גרויסער מוסר. רבנים און גאונים, האָ־בען דעמאָלט אין פּוילען ניט געפעהלט. די תורה האָט דעמאָלט, ווי אין פּסוק שטעהט, געזונגען אין אַלע גאַסען ; אַן עם־הארץ איז אין די פּוילישע שטעדט כמעט ניט געווען במציאות, אָבער איידעלע און גוטהערציגע אַרענ־דאַרען, וועלכע זאָלען שטיצען די דורכרייזענדע תלמידי חכמים, זיי געבען עסען און געלד ביד רחבה, זיינען געווען זעהר ווענינ. דאָס רוב פון די אַרענדאַרען זיינען געווען פערטהאָן אין חומר, בעלי־גופים, פאַר וועלכע דאָס גאַנצע דאָרף האָט געציטערט, אָבער ניט קיין בני־תורה. ר' קאָפּיל האָט דעריבער בעשלאָ־סען בעסער צו בלייבען ביים עמוד פון גמילות־חסדים, צו טהאָן טובות, געבען אָרימע אידען עסען און טרינקען, איידער צו ווערען אַ רב און זיין אַ „מרביץ הורה ברבים".

מכח אַט דעם בעריהמטען אַרענדאַר נעהט אַרום אין גאַנץ פּוילען אַזאַ לעגענדע :

פאָהרענדיג אַמאָל מיט זיין פערד און וועגעלע אין אַ דאָנערשטאָג אין שטאָדט אַריין איינקויפען צרכי שבת, האָט ער אויפ'ן וועג בעגעגנט אַ קרוע

ובלוע׳דיגען אָרימאַן. ר׳ קאַפּיל האָט געהאַט אַ טבע, אַז וויפיעל אָרימע לייט ער זאָל ניט בעגעגענען, האָט ער זיי אַלע געמוזט אויפנעהמען אויפ׳ן וואָגען, טיילמאָל אויך אויף זיין אייגענעם זיץ. דערזעהענדיג דעם אָרימאַן, האָט ר׳ קאַפּיל איהם געהייסען אויפזעצען זיך אויפ׳ן וועגעלע. דער אָרימאַן האָט ניט געוואָלט און זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועגס. האָט דערפון ר׳ קאַפּיל געהאַט גרויס צער, מחמת דער אָרימאַן וויל איהם ניט מזכה זיין מיט אַ מצוה. ער איז אָראָבגעקראָכען פונ׳ם וואָגען און אָנגעהויבען דעם אָרימאַן זעהר מפציר צו זיין ער זאָל מיט איהם אויפזיצען.

— וואָס גערהט׳ם אייך אַזוי אין לעבען? — האָט איהם דער אָרימאַן געפרעגט. איהר מיינט דאָך אודאי נור צוליעב מ י י ן טובה, איך זאָל ניט דאַרפען געהן צופוס. אָבער וויבאַלד איך וויל בעסער געהן ווי פאָהרען, טאָ צו וואָס דאַרפט איהר זיך אַזוי מוסר נפש זיין מיך צו איבעררעדען כ׳זאָל דוקא מיט אייך מיטפאָהרען?

— עס שטעהט אין דער הייליגער תורה — האָט איהם ר׳ קאַפּיל גע־ענטפערט — „נתון תתן לו", דו זאָלסט געבען דעם נצרך צדקה. שטעהט עס אָבער מיט אַ טאָפּעל לשון „נתון תתן", וועלכעס מיינט, אַפילו ב ע ל כ ר ח ו. ווי באַלד דו ווייסט, אַז דיין חבר איז אַ נצרך, ער ד אַ ר ף האָבען דיין טובה, איז ניט גענוג איהם נאָר אָ נ צ ו ב י ע ט ע ן די טובה, נאָר וויבאַלד ער זאָגט דיר אָפּ, זאָלסט דו איהם כמעט ווי צווינגען, אַזוי לאַנג צורייִדען, ביז ער וועט פון דיר מקבל זיין די טובה.

— איך וויים אָבער אויף זיכער — האָט צו איהם דער אָרימאַן געזאָגט — אַז איהר אַלע בעלי טובה און בעלי צדקה, טהוט דאָס אַלעס נאָר א י י ך צו־ליעב, ניט דעם אָ ר י מ אַ ן צוליעב. ס׳ווילט זיך אייך ־האָבען נאָך אַ מצוה, כדי איהר זאָלט דאַן אויף יענער וועלט האָבען אַ גרעסערען חלק עולם־הבא. איך וועל אייך דעריבער זאָגען דעם גאַנצען אמת: אַט טאַקע ווייל איך בין זעהר מיעד, פערגין איך אייך גאָרניט זוכה צו זיין אין איין רגע אַזאַ גרויסע מצוה, מחיה צו זיין אַ נפש, אויף וועלכער די גמרא זאָגט: „כל המקיים נפש אחת כאלו קיים עולם מלא", ווער עס דערהאַלט איין איינציג נפש ביים לעבען, איז גלייך ער וואָלט דערהאַלטען די גאַנצע וועלט".

— אַז ס׳גערהט אייך אין דעם — האָט איהם ר׳ קאַפּיל געענטפערט — זיצט אויף מיט מיר אויף מיין וועגעלע און איך וועל א י י ך שענקען דעם שכר־עולם־הבא פון דיזער מצוה. געמאַכט אַ געשעפט?"

— געמאַכט — האָט איהם דער אָרימאַן געענטפערט — נאָר גיט מיר דאַרויף תקיעת־כף, אַז איהר זייט מיר מזכה מיט׳ן שכר פון דיזער גמלות־חסדים מצוה.

ר׳ קאַפּעל האָט איהם געגעבען די האַנד תקיעת־כף.

— איצט הערט מיך אויס, ר׳ קאַפּיל — האָט זיך דער אָרימאַן צו איהם אָנגערופען — כ׳האָב אייך צו דערצעהלען אַ זעהר וויכטיגען ענין, נור פרעגט מיך גאָר ניט איבער, ביז איך וועל ניט פאַרטיג ווערען מיט מיינע אַלע דבורים.

— ס׳איז געקומען דער זמן איהר זאָלט שטאַרבען — האָט דער אָרימאַן

אָנגעהויבען זיין ספּור המעשה — דער מלאך המות האָט שוין געהאַט בעקומען די פּקודה פונ'ם רבון העולמים ביי אייך צו צונעהמען די נשמה. זיינען פּלוצים אָנגעקומען אַ גאַנצע כתה פון מלאכים, וועלכע זיינען בעשאַפען געוואָרען פון די מצוות פון צדקה און גמלות־חסדים וואָס איהר האָט געטהאָן, און אָנגעהויבען ממליץ טובות צו זיין פאַר'ן חי העולמים, טענה'דיג: „רבונו של עולם, ווילסט דו חלילה מאַכען פון דיינע כתבי הקודש, פונ'ם הייליגען תנ"ך, אַ „פּלסתר", אַ פּשוט'ען ליגען, חלילה וחס? האָט ניט שלמה המלך געשריבען אין משלי: „צדקה תציל ממות", צדקה רעטעט פון אַ פריהען טויט. ווער האָט אין דיזען דור נאָך מעהר געטהאָן צדקה און גמלות־חסדים פון ר' קאַפּיל ליקאָווער? צום סוף ווילסט דו איהם אָוועקנעהמען פון דער וועלט איידער ער האָט נאָך אַפילו חתונה געמאַכט זיין אינגסטע טאָכטער מייטעל! השופט כל הארץ לא יעשה משפט?"

דער מלאך המות האָט אָבער גאָר קיין חשק ניט געהאַט ארויסצולאָזען אַזאַ טייערען העכט פון זיין נעץ. ער האָט פערשטאַנען, אַז דער מדת הרחמים הויבט אָן גובר צו זיין דעם מדת־הדין און דעריבער אָנגעהויבען צו טענה'ן:

„שופט צדק! ניט אויף אַזאַ מין צדקה ווי די היינטיגע מענשען־קינדער טהוען האָט דער גרויסער חכם שלמה געמיינט מיט זיינע דבורים „צדקה תציל ממות". היינטיגע צדקות טהוען די מענשען לחלוטין גאָר ניט לשם שמים, נור לטובת עצמם, כדי מען זאָל זיי לויבען איבער זייער גוט הארץ, אָדער, אין גאָר בעסטען פאַל, כדי צו האָבען עולם־הבא. אַזעלכע ברואים זיינען פּשוט'ע פראַצענטניקעס, פאַר אַ פּאָר מטבעות מיט וועלכע זיי האָבען צדקה געטהאָן, ווילען זיי אַלע תענוגים פון עולם הבא. אָבער דאָס געהט מיך ניט אָן. דאָס בית־דין־של־מעלה מעג זיי אַפילו געבען דערפאַר אַלע ש"י עולמות. אָבער מ י ר אַ קריוודע צו טהאָן, אַריינקריכען אין מיין גבול אַריין, פון מיר בידים אָוועקצורייבען וואָס מיר ג ע ה ע ר ט. דאָס איז שוין, נאָך מיין מיינונג, אַ גרויסע עולה. און צוזאַמען מיט די מלאכי־רחמים וויל איך פרעגען אָט טאַקע דיזעלבע שאלה: השופט כל הארץ לא יעשה משפט?"

„געה אַראָפּ אויף דעם עולם השפל — האָט זיך דער וועלט־ריכטער אָנגערופען צום מלאך — און פּרוב אויס ר' קאַפּלען, לשם וואָס ער טהוט זיין צדקה און גמלות־חסדים: אויב לשם־שמים, דאָס הייסט לשם מצוה גופא, אָדער נאָר לטובת עצמו, לשם כבוד און לשם שכר עולם־הבא. דאָן גיב איך דיר רשות צו האַנדלען ווי דו וועסט פערשטעהן. דו זאָלסט אָבער וויסען, אַז אויך ד ו וועסט מוזען אָפּגעבען דין וחשבון, וויבאַלד אַז דו וועסט האַנדלען שלא כהוגן".

„א י ך בין דער מ ל א ך ה מ ו ת — האָט דער אָרימאַן געענדיגט זיינע דבורים. איך האָב אויסגעפונען, אַז דו האָסט אין דיין צדקה ניט קיין שום פּניה, קיין זייטיגע מחשבה, נאָר אַלעס איז לשם שמים. איך בין דיר מוסיף אויף דיינע יאָהרען פינף־און־צוואַנציג יאָהר, כדי דו זאָלסט זיין ביכולת ניט נאָר חתונה צו מאַכען דיין אינגסטע טאָכטער מייטעלע, נאָר אויך צו דערלעבען די חתונה פון איהר זוהן, וועלכער וועט פערשיינען די וועלט מיט זיין

גרויסקייט, מיט זיין תורה און מיט זיין קדושה ; דו וועסט דערלעבען גרויס נחת".

און ריידענדיג דיזע דבורים, איז דער אָרימאַן נעלם געוואָרען.

ר' קאָפּיל, וועלכער איז אויך געוועזען אַ שטיק עושר, האָט גענומען פאַר אַ חתן פאַר זיין שעהנער טאָכטער מייטעל דעם בעריהמטען עלוי פון שעברעשין, ר' אברהם אליעזר הלוי הורוויץ, וועלכער האָט געקענט אויסוועניג זעקס הונדערט בלאַט גמרא מיט רש"י און מיט תוספות. ער האָט איהם צוגעזאָגט פופצעהן יאָהר קעסט, בתנאי אַז איבער דאָס ערשטע קינד וואָס זיין טאָכטער וועט געבוירען, אויב ס'וועט זיין אַ אינגעל, זאָל ער, ר' קאָפּיל, האָבען די גאַנצע דעה מכח דער ערציהונג, אַזוי ווי איבער זיין אייגען קינד.

דער פאָטער פונ'ם חתן האָט מסכים געווען אויף אַזאַ תנאי. ער האָט אָבער זיך געקווינקעלט נעגען דעם פריהען זמן־החתונה, מחמת די כלה איז נאָך גאַר יונג געוועז. ר' קאָפּיל האָט, פערשטעהט זיך, ניט געקענט דערצעהלען די סיבה פאַרוואָס ער איילט זיך אַזוי צו חתונה מאַכען זיין טאָכטער, מחמת דעם ענין פון דער פגישה מיט'ן מלאך המות האָט ער כל ימי חייו פאַר קיינעם ניט מגלה געווען, ביז מיטוואָך פריה, שושן פורים קטן פון תקכ"ט, עטליכע שעה איידער ער איז געשטאָרבען, אין טאַרניגראַד. אַזוי ווי ער האָט זיך אָבער שטאַרק איינגעשפּאַרט, האָט דער מחותן געמוזט נאָכגעבען. די חתונה איז פאָרגעקומען אין ליקאָווי אין יאָהר תק"ד.

אין יאָהר תק"ה האָט זיין טאָכטער מייטעל געבוירען אַ אינגעל, וועלכען מען האָט דאָן אַ נאָמען נעגעבען יעקב יצחק. די שמחה פונ'ם זיידען ר' קאָפּיל איז געווען אין לשער, האָבענדיג אַ הימלישע הבטחה אַז פון דיזען קינד וועט אַרויסוואַקסען אַ גרויסער וועלט־צדיק און זיינע אויגען וועלען עס נאָך זוכה זיין צו זעהן. כדי דאָס קינד זאָל ניט אויפוואַקסען אין אַ סביבה פון גויים, האָט זיך זיין פאָטער בעזעצט אין טאַרניגראַד און דאָרטען געלעבט אויף די הוצאות פון זיין שווער. דאָס קינד האָט זיך נאָך אין דער פריהסטער יוגענד געוויזען פאַר אַ גרויסען עלוי. ביי דריי יאָהר האָט ער שוין געקענט כמעט גאַנץ חומש און דאָס דאַוונען בעל פה. ער האָט זיך אָבער געוויזען, נאָך אַלס קינד, צו זיין אַ מין חוזה. ער פלעגט זעהן פערשיעדענע חזיונות און געזאָגט פערשיעדענע נביאות. דער פאָטער, וועלכער איז געווען מעהר גאון ווי חסיד, פלעגט איהם דעריבער רופען יעקעלע „הוזה", וואָס מיינט, נאָכדענקער און פערטראַכטער : שפּעטער איז פון דעם וואָרט „הוזה" געוואָרען „חוזה", דער זעהער, מחמת אַלע צדיקים האָבען דאַן אויף איהם עדות געזאָגט, אַז ער זעהט מסוף העולם עד סופו, די גאַנצע וועלט איז פאַר איהם אָפען ווי אַן אָפען ספר.

ווי שטאַרק דער לובלינער האָט געהאַלטען פון זיין זיידען ר' קאָפּיל, קען מען זעהן פון אַזאַ פאַל : בעת דער לובלינער האָט בעזוכט דעם מעזיבעזשער צדיק, דעם רבי'ן ר' ברוכ'ל, האָט זיך דורך אַ סיבה געמאַכט אַ שטיקעל פּירוד צווישען דיזע צוויי צדיקים. אין דעם סכסוך האָט ר' ברוכ'ל געזאָגט צום לובּ־

לינער : „איהר ווייסט, אַז איהר דאַרפט פאַר מיר דרך ארץ האָבען ? איך בין דאָך דעם בעל־שם׳ס אַן אייניקעל !"

„און איך בין ר׳ קאָפּיל ליקאָווער׳ס אַן אייניקעל ! — האָט איהם דער לובלינער געענטפערט — איך ווייס לחלוטין ניט ווער פון אונז ביידע איז דער גרעסערער מיוחס".

## 3

# דער צדיק אַנטלויפט אין דער חתונה־נאַכט

דאָס פאַנטאַסטישע אינגעל זוכט ג אָ ט אין די פעלדער. — אַ חכמה'דיגע תשובה פון אַ אינגעל. — געהט פערבונדען די אויגען עכ׳יבע יאָהר. — דער „צלם" אויף דער כלה'ס שטערען. — ווערט נעלם אין דער נאַכט פון דער גרויסער סעודה. — ער האָט גוט געקוקט.

אַלס אינגעל פלעגט דער לובלינער זעהר ליעב האבען די נאַטור. אַזוי ווי ער איז געווען אַ עלוי און דעם שעור גמרא וואָס זיין מלמד האָט מיט איהם געלערנט האָט ער תופס געווען תיכף אום זונטאג ביים ערשטען מאָל, פלעגט ער די איבריגע טעג זיך אַוועק'גנב'נען פון'ם חדר, אַרומוואַנדערען אין די וועלדער אָדער צווישען די פעלדער און טראַכטען מחשבות. דער פאָטער האָט זיך אויף איהם כמה פעמים גוט אויסגעבייזערט פאַר אָט דער צ ו ל א ז ע נ ק י י ט: „דאָס פעלד איז געמאַכט געוואָרען פאַר גראָבע יונגען", פלעגט ער איהם זאָגען. „פאַר אַזאַ עלוי ווי דו, איז פאַראַן אַ חדר און אַ בית־המדרש; דאָרט איז דיין פלאַץ. דו האָסט דאָך געלערנט אין פרק, אַז „המכיר את מקומו" (ווער עס דערקענט און וויים זיין ריכטיגען פלאַץ), איז איינע פון אַ תלמיד־חכם'ס מדות".

דאָס אינגעל פלעגט איהם אָבער גאָרנישט ענטפערען און זיך ווייטער געטהאָן זיינס.

אַמאָל האָט זיך דער פאָטער אויף איהם שטאַרק מתרגז געווען און מיט'ן הארבען וואָרט, בגזרת „כבוד־אב" איהם געפרעגט:

„זאָג מיר איציק'ל, וואָס זוכסטו ד אָ ר ט אין די פעלדער און אין די וועלדער?".

מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ האָט איהם דאָס אינגעל געענטפערט:

„איך זוך דאָרט גאָט, דעם בעשעפער פון דער טבע!".

זיין פאָטער ר' אליעזר איז לכתחלה געבליבען שטעהן ווי געפּלעפט. ער האָט זיך אָבער באַלד מתחזק געווען און צו איהם געזאָגט:

„דו ווייסט דאָך אָבער, איציק'ל, אַז השם־יתברך איז „מלא כל הארץ כבודו" (זיין כבוד איז פול אין דער גאַנצער וועלט): א ו מ ע ט ו ם קען מען איהם געפינען. ווען מען האָט נאָר ריינע געדאַנקען און קלאָרע אויגען, און בעזאָנדערס אינ'ם למוד התורה; מען דאַרף איהם ניט ג ע ה ן זוכען".

„בין איך אויך אַ חלק פון אָט דיזער גאַנצער וועלט?", האָט איהם איציק'ל צוריק געפרעגט.

„געווים ביזטו. דער מענש ווערט אין די קבלה־ספרים אנגערופען „עולם־קטן" (די קליינע וועלט), מחמת ער איז א וועלט פאר זיך אליין".

„ובכן, איז דאך אין מיר אויך דא א ח ל ק א ל ה י (א טייל פון דער גאטהייט), וואס פילט אן די גאנצע וועלט. אט ד א ס חלק זוך איך טאקע. און געפינען קען איך עס נאר בעת כ'בין אליין מיט דער טבע, ניט צווישען מענשען".

דעמאלט האט שוין דער פאטער פערשטאנען, וואס פון דעם פער'חלום'טען אינגעל וועט אמאל אויסוואקסען.

בעת ר' אליעזר איז געווארען רב אין יוזעפאוו, האט ער געוואלט מיט זיך מיטנעהמען זיין איציק'לען, כדי ער זאל מיט איהם אליין לערנען תורה. זיין שווער ר' קאפיל האט איהם אבער דערמאנט אן דעם תנאי פון פאר דער חתונה, אז די השגחה אין דער ערציהונג פון דעם קינד געהערט צו איהם, צום זיידען. אזוי ווי דער זיידע האט איהם אין טארניגראד ניט מעהר געוואלט איבער־לאזען און אין דארף ביי זיך האט ער איהם ניט געקענט האלטען, האט ער דאס אייניקעל אוועקגעפיהרט צום רבי'ן ר' שמעלקע, וועלכער איז דעמאלט געווען רב אין ריטשיוואל און דארט געפיהרט א ישיבה. אין דערזעלבער ישיבה האבען אויך געלערענט די צדיקים ר' ישראל פון קאזשיניץ און ר' לוי יצחק פון בער־דיטשעוו, וועלכע זיינען געווען עלטער מיט עטליכע יאהר פונ'ם לובלינער.

דער רבי ר' שמעלקע האט זעהר ליעב געהאט זיין יונגען תלמיד, וועלכער איז קוים אלט געווען פערצעהן יאהר און האט שוין מיט זיין מוח איבער־שטיגען אלע עלטערע תלמידים. בעת די רבי'צין האט איהם ניט זעהר גורם געווען. דעמאלט האט אויך געלערנט אין דער ישיבה ר' מרדכי בענעט, וועלכער איז שפעטער געווען רב אין ניקעלסבורג. ר' מרדכי, וועלכער איז ערצויגען געווארען אין מעהרען, האט אין דער רבי'צין נוהג כבוד געווען. יעדען פרייטאג צו־נאכט, נאך דעם רבי'נס קידוש, פלעגט ער צוגעהן צו דער רבי'צען איהר ווינ־שען „גוט־שבת", בעת ר' איציק'ל, וועלכער איז געבוירען געווארען אין פוילען, האט מיט קיין אשה, מעג זי זיך זיין אפילו די רבי'צין, ניט געשמועסט, כמנהג פון די גרויסע חסידים. די רבי'צין האט זיך געפיהלט בעליידיגט און ערנידעריגט דורך דיזען פרומען ישיבה־בחור.

„מרדכי'לע איז טאקע א בעל נימוס, א וועלט־קינד", האט זי אמאל גע־זאגט צום מאן, דעם רבי'ן ר' שמעלקע. „ער ווייס וואס עס מיינט „דרך ארץ קדמה לתורה" (מענשליכע זיטען שטעהען העכער פון דער תורה). בעת איציק'ל איז א בטלן, א בניאק, גאלע חסיד".

„מרדכי'לע וועט דערפאר זיין א גאון גדול, א ד י י ט ש ע ר רב", האט איהר ר' שמעלקע געענטפערט, „בעת דיזער בטלן וועט טראגען אויף זיינע פלייצעס טויזענדער אידען און זיי לערנען עבודות ה': די גאנצע וועלט וועט קלינגען מיט זיין שם".

אלס צוועלף־יעהריג אינגעל האט דער לובלינער אויף זיך גענומען ניט ארויסצוקוקען פון די ד' אמות, כדי ער זאל זיין אימשטאנד דאס אויסצופיהרען

האט ער זיך ארומגעבונדען די אויגען מיט א טיכעל אויף אזא אופן, אז ער זאל נאר קענען קוקען א ר א ב אויף דער ערד, צו זעהען וואו צו גיהן, אבער ניט פ א ר זיך. צוויי מיט א האלב יאהר כסדר איז ער געגאנגען מיט פערבונדענע אויגען. ערשט דער רבי ר' שמעלקע האט איהם דערפון אבגעראטען. ער האט איהם ערקלערט, אז נ י ט צו זעהען דאס שלעכטע איז נאך ניט די אמת'דיגע עבודה פון א צדיק. אז מען זעהט דוקא י א, נאר מען היט זיך אויס דערפון, מען איז גובר דעם יצר־הרע, אט דא שטעקט די אמת'ע עבודה. איבריגענס, האט ער איהם ווייטער ערקלערט, דארף דער צדיק זיך אזוי אויסארבייטען זיינע איברים, אז די אויגען, אפילו ווען זיי זיינען אפען, זאלען דאס שלעכטע ניט זעהען, און די אויערען, אפילו ווען זיי זיינען נ י ט פערשטאפט, זאלען די שלעכטע דבורים ניט הערען.

פונדעסטוועגען האט דער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק, וועלכער איז שפּעטער געווען דעם לובלינער'ס רבי, עדות געזאגט, אז דערפאר וואס דער לובלינער האט זיך קאליע געמאכט די ראיה, דורך דעם וואס ער האט געהאט פערבונדען די אויגען עטליכע יאהר רצופים, האט ער זוכה געווען צו בעקומען ליכטיגע אויגען, זיי זאלען זעהען וואס ס'טהוט זיך „מה למעלה מה למטה, מה לפנים מה לאחור".

אין א דארף נעבען קראסניבראד האט דעמאלט געוואוינט אן ארענדאר, א גרויסער עושר, וועלכער האט געהאט א בת־יחידה, א זעלטענע יפת תואר. ער האט זעהר געגארט חתונה צו מאכען זיין טאכטער מיט א גרויסען תלמיד חכם. אזוי ווי ער האט געהערט, אז אין דער ריטשוועלער ישיבה געפינט זיך א יונג אינגעל א גרויסער עלוי, א זעלטענער ירא שמים און דערצו אויך א בעריהמטער בעל יחוס, האט ער געשיקט שדכנים צו ר' קאפיל פון ליקאווי, דעם אינגעל'ס זיידע, און צום יוזעפאווער רב, דעם אינגעל'ס פאטער, ביי זיי צו פועל'ן, אז זיי זאלען מסכים זיין אויפ'ן שדוך מיט זיין טאכטער. א חוץ א היבשען נדן האט ער זיך מחייב געווען אויסצוהאלטען דאס פאר־פאלק מיט כל ההוצאות, ו ו א ו דער איידעם וועט נאר וועלען וואוינען, ביז ער וועט בעקומען אן אנשטענדיג רבנות, וואס זאל איהם טראגען פרנסה בכבוד. די מחותנים האבען מסכים געווען און דער שידוך איז אין א מזל'דיגער שעה געשלאסען געווארען.

די חתונה איז פארגעקומען אין קראסניבראד. די פארבערייטונגען וואס דער רייכער דארפס־מחותן האט געמאכט לכבוד די מחותנים און דעם חתן זיינען געווען אין לשער.

דאנערשטאג ביינאכט, א טאג פאר דער חופה, בעת דער חתן איז געזעסען ביים טיש צווישען אלע מחותנים, פראווענדיג דאס „חתן־מאהל", האט זיך דער חתן פלוצים געווענדעט צום זיידען ר' קאפיל, וועלכער איז געזעסען ביי זיין רעכטע האנד, פערלאנגענדיג פון איהם, ער זאל הייסען דער כלה אריינקומען אין חדר, כדי ער, דער חתן, זאל זי זעהן, מקיים צו זיין דעם מאמר פון דער גמרא: „אסור לאדם לקדש את האשה עד שיראנה" (א מענש טאר ניט מקדש זיין א אשה ביז ער זעהט זי ניט פריהער). הערענדיג דיזען פערלאנג, זיינען

אלע מחותנים געבליבען זיצען נבהל ונשתומם. סטייטש, אזא הייליגער חתן, וועלכער איז געגאנגען עטליכע יאהר די אויגען פערבונדען, כדי ער זאל ניט חלילה אנקוקען דאס פנים פון א אשה, זאל פלוצים זיך ניט שעהמען צו פער־לאנגען בפני עם ועדה, אין געגענווארט פון אזעלכע גרויסע מחותנים, אז מען זאל איהם אריינברייגען די כלה ער זאל זי אנקוקען קודם החופה! אבער אזוי ווי ער האט זיך געשטיצט אויף א בפירוש'דיגער גמרא, האט מען ניט געפרופט איהם מדחה צו זיין מיט תירוצים, נאר תיכף ומיד ממלא געווען זיין רצון.

דעמאלט איז געווען דער מנהג, אז ביים „חתן מאל" איז שוין די כלה גע־גאנגען פערדעקט דאס פנים מיט א דעק־טוך. ר' קאפיל, וועלכער האט צוגע־פיהרט די כלה צום טיש, האט מיט זיינע אייגענע הענט אויפגעהויבען דאס דעק־טוך פון דער כלה'ס פנים, כדי דער חתן זאל זי זעהן. ר' איציק'ל האט נאר וואס קוים א בליק געטהאן אויף איהר צורה, איז ער געווארען בלאס ווי די וואנט. די כלה איז צוריקגעגאנגען צו איהר חדר און דער חתן האט ניט מעהר גע־קענט קומען צו זיך. די מחותנים האבען בעמערקט דעם שנוי אינ'ם חתן'ס בענעהמען זיך, אבער זיי האבען בשום אופן ניט געקענט וויסען וואס דא איז עפעס פארגעקומען.

נאד דער סעודה, בעת די מחותנים זיינען אהיים געקומען אויף זייער סטאנציע, האט דער חתן געזאגט צום פאטער און צום זיידען, אז ער איז ניט צופרידען מיט'ן שדוך. ער האט זיי געבעטען אז זיי זאלען איהם צוליעב טהאן און תיכף ומיד, טאקע באותו הלילה, אהיים פאהרען. דער זיידע האט אויף איהם אנגעשריען, אז ס'איז לגמרי ניט מעשה תלמיד־חכם, מביש צו זיין א אידישע טאכטער, בפרט ווען ס'איז ניטא דאס מינדעסטע אויף איהר אויסצוזעצען. א מיידעל מיט אלע מעלות פון א אידישער טאכטער. אבער דער פאטער, דער יו־זעפאווער רב, איז געווען אביסעל ווייכער. ער האט זיך לגמרי גאר ניט גע־בייזערט, נאר גערעדט מיט מתינות, ניט אויפגערעגט, און פערלאנגט פון דעם חתן ער זאל איהם אנגעבען א טעם צו דיזען זעלטענעם פערלאנג. ער האט גוט געוואוסט, אז מיר־ניט דיר־ניט וועט דער חתן ניט אבטהאן אזא מעשה.

„בעת דער זיידע האט אויפגעהויבען דאס דעק־טוך", האט איהם זיין זוהן, דער חתן, געענטפערט, „האב איך דערזעהן אויף דער כלה'ס שטערן, דארט וואו כ'האב ערווארטעט צו זעהן דעם צלם־אלהים, ארומשוועבענדיג א שתי וערב, רחמנא ליצלן. רעדט מיך מעהר ניט צו, ווייל כ'קען מיט איהר ניט חתונה האבען".

„הער מיך אויס, מיין קינד", האט צו איהם דער פאטער געזאגט. „ווען דו וועסט ניט וועלען מיט איהר וואוינען כדת משה וישראל נ א ד דער חופה וקידושין, וועל איך זיך אין דיינע ענינים גאר ניט אריינמישען. איך האף, אז דער זיידע וועט דיר אויך ניט אריינזאגען א דעה אדות דיין התנהגות. אבער א י צ ט, ווען מען האלט שוין פ א ר דער חופה, איצט בין איך אויף דיר גוזר ב ג ז י ר ת כ ב ו ד א ב, אז דו זאלסט אונטער קיינע אומשטענדען ניט מביש זיין די

כלה. דו זאלסט מארגען געהן צו דער חופה גלייך ווי דו האסט גארנישט געזעהן. שבת־צו־נאכט, ביי דער גרויסער סעודה, זאלסטו ניט ארויסווייזען קיין שום ווידערווילען און אונצופרידענהייט. שפעטער מעגסטו טהאן ווי אזוי דו וועסט וועלען, אפילו אויך איהר געבען א גט“.

דער חתן האט מבטיח געווען דעם פאטער און דעם זיידען, אז ער וועט זי מקדש זיין בחופה וקידושין, כדי זי ניט מביש צו זיין און זיי ניט צו פערשטערען די שמחה. דער דארפס־מחותן האט ניט געהאט קיין שום אהנונג פון אלעם וואס ס'איז דא פארגעקומען. מען האט געפייערט די חתונה מיט גרויס פאראד. בעזונדערס גרויס איז געווען די שמחה ביי דער גרויסער סעודה שבת־צו־נאכט, בעת ר' קאפיל איז געגאנגען טאנצען מיט דער כלה דאס מצוה־טענצעל דורכ'ן ווייסען האנד־טיכעל. אויפ'ן חתן'ס פנים אבער האט מען ניט געקענט זעהען אפילו א צייכען פון שמחה. ער איז כסדר געזעסען פערטראכט, גלייך ווי גאר ניט ע ר איז דער חתן, און אלץ געפאלגט וואס מען האט איהם געהייסען טהאן.

זונטאג איז דער פריה האט מען זיך דערוואוסט, צו אלעמענס גרעסטע איבערראשונג, אז דער חתן איז ביינאכט נעלם געווארען.

א קורצע צייט נאך דיזער פאסירונג האט זיך די גאנצע געגענד פון קראסניבראד געקאכט פון דער איבערראשענד שרעקליכער נייעס, אז דעם רייכען ארענדאר'ס טאכטער, וואס האט ניט לאנג חתונה געהאט מיט'ן יוזעפאווער רב'ס עלוי, וועלכער איז פערשוואונדען געווארען אין דער סאמע חתונה־נאכט, האט זיך גע'שמד'ט, חתונה געהאט מיט דעם פריץ'ס א זוהן און וואוינט טאקע אין דעם הויף פונ'ם פריץ, אין דעמזעלבען דארף, וואו איהר פאטער האלט די ארענדע.

דער חתן האט, הפנים, גוט געקוקט.

4

# דער נסיון־עבירה פונ'ם צדיק

אַ לעגענדע מכח דעם צדיק'ס נסיון. — ער גנב'עט אַוועק אַ כלה ביי אַ רבי'ן. — דער רבי גיט איהם אַ ברכה אנשטאָט אַ קללה. — די סמיכה דורכ'ן רבי'ן ר' אלימלך. — דער תלמיד איז מסיג גבול דעם רבי'ן. — וואָס מען האָט געגעבען קען מען מעהר ניט צוריקנעהמען.

בעת מען האָט דעם חתן, דעם רבי'ן ר' איציק'ל אַריינגעפיהרט אין דער חתונה־נאַכט אין אַ בעזונדער חדר, ווי דער מנהג איז ביי די חסידים, און די מחותנים האָבען זיך דאָן משמח געווען די גאַנצע נאַכט, האָט זיך דערווייל דער חתן בשתיקה אַרויסגע'גנב'עט פון דעם יחוד־חדר, טאַקע אַזוי ווי ער איז געגאַנגען און געשטאַנען אין די חתן־מלבושים, און זיך געלאָזט לויפען אַוועק פון דער שטאָדט, קיין ליזענסק, צום רבי'ן ר' אלימלך.

ניט האָבענדיג קיין גראָשען ביי דער נשמה, האָט ער געמוזט לויפען צו־פוס. ס'איז געווען אין אַ ווינטער־נאַכט. די קעלט האָט איהם דורכגענומען אַלע זיינע דאַרע ביינער, ער האָט ממש געפיהלט אַז ער געהט אויס. אָבער מיט דעם בטחון אויף השם יתברך און זיך פערלאָזענדיג אויפ'ן זכות און כח פונ'ם רבי'ן ר' אלימלך, האָט ער זיך ניט אָבגעשטעלט, נאָר געהאַלטען אין איין לויפען.

פלוצים האָט זיך געמאַכט אַ שרעקליכער שנעע־שטורם, וועלכער האָט איהם ממש פערבלענדעט די אויגען. באַלד האָט ער פערלוירען דעם וועג, און אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, וועלכע איז נור אביסעל בעלויכטען געווען פון דעם ווייסען שנעע, איז ער פערגאַנגען אין אַ וואַלד אַריין. אַזוי איז ער געגאַנגען איבער'ן וואַלד עטליכע שעה, ניט וויסענדיג וואו־אַהין און וואו אויס. פערצווייפעלט און ציטערנדיג אין אַלע זיינע איברים, האָט ער זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטען, אפשר וועט ער דערזעהן עפּעס אָן אויסגאַנג און אַ שפור פון אַ וועג. קיין צייכען אפילו. ער האָט דערפיהלט, אַז ס'איז ממש כלות־הנפש און האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען אַ בוים, זאָגענדיג דעם פסוק „בידך אפקיד רוחי", צו דיר, גאָט, פערטרוי איך מיין נשמה, האָ־בענדיג הכנה צו שטאַרבען.

באַלד האָט זיך די זאַווערוכע אָפּגעשטעלט, און ער האָט פון דער־ווייטענס דערזעהן דורך די ביימער אַ שיין פון אַ ליכט. ער האָט זיך מחזק געווען, אָפּגעגעבען אַ שבח והודיה צו זיין ליעבען נאָמען פאַר דעם גרויסען

חסר, און זיך געלאָזט געהן אין דער ריכטונג פון וואנען די ליכטשיין האָט זיך געוויזען. ער איז באַלד אַרוים פונ׳ם וואַלד און צוגעקומען צו אַ שעהנער הייזקע, וועלכע האָט פון דרויסען אויסגעזעהן ווי אַ וואַלד־קרעטשמע.

ער האָט ניט לאַנג געטראַכט און איז תיכף אַריינגעגאַנגען אין דער קרעטשמע, וועלכע האָט אינעווניג גאָר ניט אויסגעזעהן מעשה קרעטשמע, נאָר ממש ווי אַ היכל מלכים. ער האָט זיך גאָר מחיה געווען מיט דער וואַרימקייט פונ׳ם חדר, וואו ער האָט געהאַפט איבערצונעכטיגען ביז אין דער פריה. ווי ערשטווינט איז ער אָבער געוואָרען, דערזעהענדיג ווי אַ שעהנע יונגע פרוי איז אַריינגעקומען אין חדר, זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ קאַנאַפּע און איהם צוגע־וואונקען מיט דער האַנד ער זאָל זיך זעצען נעבען איהר. אַלע זיינע איברים זיינען אַזש פערשטאַרט געוואָרען פאַר גרויס שרעק. וואָס זאָל ער איצט טהאָן ? דאָ נעכטיגען, טאָר ער דאָך ניט בשום אופן, מחמת דער בלויזער „יחוד״ מיט אַ אשה אין איין חדר איז שוין אַ גרויסע עבירה. צוריק אַרויסגעהן, איז דאָך סכנת נפשות. ער איז ביי זיך זיכער געווען, אַז ער וועט ניט קענען איבער־טראָגען די שטאַרקע קעלט, בפרט ווען ער ווייסט ניט דעם וועג וואו צו געהן.

איידער ער האָט אָבער נאָך צייט געהאַט צו קומען צו אַ בעשלוס, איז די פרוי צו איהם צוגעגאַנגען און אָהן הקדמות גענומען איהם איינריידען צו אַן עברה, מיט דער בעמערקונג, אַז זי איז אַ פנויה, נאָך ניט פערהייראַטעט.

„הער אוים וואָס איך וועל דיר זאָגען — האָט איהר ר׳ איציקעל גע־ענטפערט — זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, האָב איך אויף מיר מקבל געווען, קיינמאָל ניט צו האָבען קיין הנאה פון דיזער וועלט, ביז איך וועל מיך ניט פריהער איבערצייגען, אַז פון מ י י ן הנאה קען אויך אַרויסקומען אַ נחת־רוח פאַר ז י י ן ל י ב ע ן נ אָ מ ע ן. קענסטו מיר ניט זאָגען, טאָכטער, וואָס פאַר אַ מין נחת־רוח השם־יתברך קען האָבען פון דעם וואָס איך וועל איצט טהאָן דיין רצון ?״

כהרף עין איז אַלץ פערשוואונדען געוואָרען. ער האָט זיך פּלוצים דער־זעהן שטעהן אויפ׳ן גלייכען וועג ניט ווייט פון אַ קרעטשמע. ס׳האָט פּונקט אָנגעהויבען צו טאָגען. ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער קרעטשמע, וואו ס׳האָט געוואוינט אַן אַרענדאַר, אַ געוויסער ר׳ דניאל, וועלכער איז געווען אַ חסיד פונ׳ם רבי׳ן ר׳ אלימלך. דער אַרענדאַר האָט אויף איהם רחמנות בעקומען, איהם געגעבען צו עסען און צו טרינקען און וואַכעדיגע מלבושים און איהם אָפּגעשיקט מיט זיין עגלה צום רבי׳ן ר׳ אלימלך.

אזוי ווי ער האָט נור בעטרעטען דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך׳ס חדר מקבל שלום צו זיין, האָט דער רבי אויסגערופען : „שלום עליכם, יוסף הצדיק ! דער בעל־דבר האָט פערלוירען זיין שפּיעל״.

פון דעמאָלט אָן איז ר׳ איציק׳ל געוואָרען אַ תלמיד־מובהק פונ׳ם רבי׳ן ר׳ אלימלך.

אזוי דערצעהלט די חסיד׳ישע לעגענדע.

אזוי ווי ר׳ קאָפּעל לוקאָווער האָט זיך דערוואוסט אַז זיין אייניקעל איז געוואָרען אַ יושב אין ליזענסק, איז ער אָהין געפאָהרען, מיט דער כונה צו

צווינגען דעם לובלינער ער זאָל צוריק אהיימפאָהרען וואוינען מיט זיין ווייב. דער רבי ר׳ אלימלך האָט איהם אָבער געזאָגט, אז איציק׳ל ווייסט שוין גוט וואָס ער טהוט און אז ער, ר׳ קאָפּעל, זאָל זיך אין זיינע ענינים ניט מעהר אריינמישען, ווייל ער, ר׳ איציק׳ל, דאַרף שוין ניט מעהר קיין אַפּטרופּוס. ר׳ קאָפּעל האָט איהם געפאָלגט. ער האָט נאָר פונ׳ם אייניקעל מיטגענומען א גט פאַר זיין ווייב, וועלכען זי האָט אויך מקבל געווען און זיך באַלד נאָכדעם כופר געווען.

באַלד נאָכדעם האָט דער רבי ר׳ אלימלך געטהאָן א שדוך פאַר זיין גע־ליעבטען תלמיד מיט א מיידעל שפּרינצע, די טאָכטער פון ר׳ הירשעל לאַנ־ציטער, א פייערדיגער ליזענסקער חסיד. ר׳ איציקעל האָט תחלת געגעסען קעסט ביים שווער, באַלד אָבער איז ער געוואָרען, דורך זיין רבינ׳ס השתדלות, וועמעס השפּעה איז זעהר גרויס געווען אין דער גאַנצער געגענד, רב און ראש בית־דין פון לאַנציט.

כאָטש ר׳ איציק׳ל איז געווען א נכנע און א תלמיד פונ׳ם ליזענסקער רבי׳ן ר׳ אלימלך, האָט ער דאָך זעהר חשק געהאַט צו קענען דעם עלטסטען רבי׳ן אינ׳ם דור, דעם רבי׳ן ר׳ בער, דער שטעלפערטרעטער פונ׳ם בעל־שם, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אין ראָוונע. דער רבנות־געהאַלט איז דער־מאָלט זעהר קליין געווען און ניט מספּיק געווען פאַר דעם רבי ר׳ איציק׳ל אפילו אויף פרנסת הבית. זיין זיידע ר׳ קאָפּעל איז דערווייל נסתלק געוואָרען. ער האָט ניט מעהר געקענט ערוואַרטען פון איהם וועלכע שטיצע. ער האָט דעריבער ניט געהאַט אויף הוצאות הדרך קיין ראָוונע. דער לאַנציטער רב האָט אַלזאָ געמוזט געהן צופוס ביז ראָוונע, ניט קוקענדיג אויף דעם כבוד התורה און דעם כבוד הרבנות.

ביים ערשטען מאָל וואָס דער לובלינער איז געווען אין ראָוונע האָט זיך פערלאָפען אזא געשיכטע:

ר׳ שלמה, דער מגיד פון סקוהל, האָט געהאַט דעם כבוד ביים רבי׳ן ר׳ בער מסדר צו זיין ביי די סעודות פון שבת אויפ׳ן רבי׳ן ר׳ בער׳ס טיש די י״ב חלות, לויט די פאַרשריפטען פון ר״י הקדוש (ר׳ יצחק לוריא). דער לאַנ־ציטער רב, וועלכער איז זעהר אָרים געווען און געוואוסט אז ער וועט ניט האָבען מעהר קיין חלה מקיים צו זיין אים מוצאי שבת די סעודה פון „מלוה מלכה״, האָט ביי דעם שלש־סעודות׳דיגען טיש אָפּגעבראָכען אין דער פינסטער איין חלה און זיך בעהאַלטען אין דער קעשינע פאַר א מלוה־מלכה סעודה. אזוי ווי דער רבי ר׳ בער האָט דערפיהלט אז ס׳פעהלט א חלה, האָט ער גע־פרעגט דעם סקוהל׳ער מגיד וואָס די מעשה איז. דער סקוהלער מגיד האָט איהם געענטפערט, אז נאָך זיין מיינונג האָט דאָס קיין אנדערער ניט געטהאָן נאָר דער פוילישער יונגערמאַן, וועלכער „קוואָקעט״ שוין אויף א רבי. דער מעזעריטשער מגיד האָט תיכף נאָך דעם שלש־סעודות געלאָזט אריינרופען דעם לאַנציטער יונגענמאַן צו זיך אין חדר. פול מיט שרעק האָט ר׳ איציקעל זיך מודה געווען פאַר׳ן רבי׳ן, אז ער האָט טאַקע צוגענומען די חלה, כדי צו

זיין ביכולת מקיים צו זיין די מצוה פון „סעודת מלוה מלכה", וועלכע ער האט נאך קיינמאל ניט פערפעהלט.

דער מעזעריטשער מגיד האט אויפגעהויבען זיינעביידע הענט, זיי ארויפ־געלעגט אויף ר' איציקל'ס קאפ און איהם געבענשט מיט דיזע ווערטער:

„יהי רצון מלפני אבינו שבשמים, עס זאל זיין א ווילען פונ'ם פאטער אין הימעל, אז דו זאלסט זוכה זיין מקיים צו זיין די סעודה פון מלוה מלכה בהרחבה גדולה, אלס א מנהיג בישראל".

זיין ברכה איז אויך באלד מקוים געווארען. ר' איציק'ל האט באלד אנגעהויבען צו זיך צוציהען אן עולם און פיהרען גוט־אידישקייט אין לאנציט גופא. אין זיין בית המדרש פלעגען תמיד זיינע חסידים אפהאלטען די מלוה־מלכה־סעודות מיט גרויס הרחבה, כדי מקיים צו זיין דעם רבי ר' בער'ס דבור.

כאטש ר' איציק'ל איז שוין געווען א מפורסם'דיגער גוטער־איד, איז ער אלץ נאך געפאהרען כמה שנים קיין ליזענסק צום רבי'ן ר' אלימלך אלס א תלמיד. ווען ער פלעגט דאן קומען קיין ליזענסק, האט איהם דער רבי תמיד אפגעשטאטעט א בעזוך אין זיין סטאנציע, ניט קוקענדיג אויף דער מחאה פון זיינע קינדער, וועלכע האבען בעהויפטעט, אז דאס איז פאר איהם א פחיתות הכבוד. „אז די שכינה הקדושה שעהמט זיך ניט מיט איהם מיטצוגעהן וואו ער געהט און שטעהט, פארוואס־זשע זאל איך מיך שעהמען איהם צו בעזוכען אין זיין היים?" — האט ער זיי געענטפערט. ער אליין, דער רבי ר' אלימלך, פלעגט איהם נאך צו שאנצען חסידים. מחמת ער איז שוין געווען אלט, האט ער ניט מעהר קיין בח געהאט צו פערנעהמען אידישע צרות און צו צוזעהן די מרעהרען פון די געבראכענע הערצער, האט ער דעריבער אלע קראנקע און געבראכענע געשיקט קיין לאנציט און דערמיט געגעבען די הסכמה, אז ביי ר' איציקלען קען מען גיכער האבען א ישועה ווי ביי איהם אליין.

ביסלעכווייז האט זיך דער חסידישער עולם אפגעוועהנט פונ'ם אלטען רבי'ן און זיך צוגעבויגען צום נייעם רבי'ן, וועלכער האט צו זיך צוגעצויגען די חסידים ממש ווי א מאגנעט. דער רבי ר' אלימלך האט דאן אנגעהויבען צו האבען הקפדה אויף די חסידים וואס פאהרען קיין לאנציט. די חלישת הדעת פונ'ם רבי'ן ר' אלימלך איז אזוי גרויס געווען, אז ער איז אזש קראנק גע־ווארען פאר יסורים.

„דו אליין האסט דאך איהם געמאכט פאר א רבי — האט צו איהם זיין זוהן ר' אלעזר געזאגט — ווער־זשע איז אין דעם שולדיג?"

„כ'האב געטהאן דאס וואס איך האב בעדארפט טהון, מחמת ער האט עס פערדיענט. אבער כ'האב דערביי פערגעסען, אז „אין מלכות נוגעת בחברתה אפילו כמלא נימא". וויבאלד אז ע ר נעהמט איבער די ממשלה, האב א י ך שוין ניט מעהר דא וואס צו טהאן; ס'ווילט זיך מיר אבער נאך זעהר לעבען".

ר' אלעזר איז תיכף אוועקגעפאהרען קיין לאנציט בעטען ר' איציקלען ער זאל ניט פיהרען קיין גוט־אידישקייט מיט חסידים כל זמן דער רבי ר'

אלימלך לעבט, מחמת ס'איז ממש סכנות נפשות פאר'ן אלטען צדיק.
„גמירנא מיהב יהבי מישקל לא שקלי" (מיר האבען א קבלה, אז וויבאלד מען האט שוין געגעבען, קען מען ניט מעהר צוריקנעהמען) — האט איהם דער לובלינער געענטפערט — נאכדעם ווי דער טאטע האט מיך געמאכט פאר א „רבי" פון חסידים, קען איך ניט מעהר צוריק. „מאן מלכי רבנן". א חסידישער רבי איז דומה למלך. און איהר ווייסט דאך וואס די גמרא זאגט: „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול". איך קען מעהר ניט מוחל זיין אויף מיין כבוד, מחמת ער געהערט ניט צו מיר, נאר צו מיינע חסידים".

## 6

# דער צדיק וויל זיך מוסר נפש זיין צוליעב זיין ליעבן נאָמען

מרה־שחורה צוליעב גרויסע השגות. — זיין רבי הייסט איהם גוט היטען. — אַ לשם־יחוד פאַר׳ן מסירת־הנפש. — זיין חבר איז איהם מציל פון טויט. — ער האָט פיינד סגופים. — אַ חלוק פון אַ חסיד ביז אַ מתנגד.

ווי ס׳איז שוין פריהער בעמערקט געוואָרען, איז דער לובלינער נאָך פון זיין יוגענד אָן געווען אַ טרויכער. שפּעטער, שוין אלס גרויסער רבי, איז ער נאָך דערצו געוואָרען אַ גרויסער בעל־מרה־שחורה. ער פלעגט זיך פערמאַכען אויף מעהרערע שעות אין זיין חדר, קיינעם צו זיך ניט צוגעלאָזט, נאָר כסדר ארומגעשפּאַציערט אין חדר, פון וועלכען ס׳האָט זיך אָפט געלאָזט הערען אַ טיעפער קרעכץ, אָדער טיילמאָל אויך אַ וויינענדיג קול. די מקורבים האָבען, אויך מאָנכעסמאָל געהערט דבורים, וועלכע האָבען אויסגעדריקט זיין מורא פאַר אַן עונש אויף יענער וועלט.

די צדיקי הדור פלעגען זאָגען, אַז זיין מרה־שחורה איז צו איהם געקומען פון זיין הויכער השגה, פון זיין שטאַרקען כח־הראיה צו זעהן און משיג זיין אַזעלכע השגות, וואָס קיין שום נברא האָט דערצו ניט זוכה געווען.

און ערקלעהרט האָבען דאָס די חסידים צוליעב אַן עובדא וואָס האָט פּאַסירט מיט׳ן לובלינער נאָך אלס חסיד פונ׳ם רבי׳ן ר׳ אלימלך פון ליזענסק, וועלכע האָט דעמאָלט אויפגערודערט די גאַנצע חסידישע וועלט.

„מען דאַרף אויף ר׳ איציק׳לען זעהר גוט אכטונג געבען — האָט אַמאָל דער רבי ר׳ אלימלך געזאָגט צו זיינע תלמידים — ער פליהט צו הויך, ער איז אַ „נכנס לפרדס” (אין די הויכע עולמות). איך האַלט איהם צו דאָרט, מיט אַלע כחות, ער זאָל ניט מיעד ווערען פונ׳ם קלעטערען, אָבער איהר חברים, מוזט דאַ אויף איהם אכטונג געבען ער זאָל חלילה ניט פאַלען”.

די תלמידים, כמעט אַלע גוטע אידען, האָבען אויסגעטייטשט דעם רבינ׳ס דבורים, אַז ער וויל, זיי זאָלען מתפלל זיין פאַר׳ן לובלינער, אַז זיין הויכער דרך זאָל איהם חלילה נישט שאַדען. נאָר איינער צווישען זיי, דער קדוש ר׳ זלקא פון גראָדזשיסק, האָט גוט פערשטאַנען דעם רבינ׳ס כונה, אַז מ׳דאַרף פשוט כפשוטו אויף איהם גוט אכטונג געבען, מחמת וויסענדיג די גרויסקייט פון „אין סוף”, און האָבענדיג גרויס התבטלות פון זיין אייגענעם „איך”, ניט זייענדיג אימשטאַנד יוצא צו זיין אין דער „עבודה” פאַר אַזאַ גרויסען בורא, קען ער זיך נאָך חלילה ווען מוסר נפש זיין מיט זיין אייגענעם רצון, זיך צונעהמען דאָס לעבען, לכבוד השם יתברך.

פון דעמאלט אן האט ר׳ זלקא ממש געהיט די טריט פונ׳ם רבי׳ן ר׳ איציק׳ל, ווי ווייט ער איז נור געווען ביכולת. מחמת דיביידע צדיקים זיינען געווען אוהבים נאמנים, פלעגט ר׳ זלקא תמיד בעגלייטען ר׳ איציק׳לען, בעת ער האט ארומגעוואנדערט אין די פעלדער און וועלדער אדער אויף די בערג, כדי זיך מתבודד צו זיין פון מענשען און האבען א שעת־הכושר צו מאכען מיט זיך אליין א חשבון־הנפש. ווי א שאטען פלעגט איהם ר׳ זלקא נאכגעהן, אכטונג געבען אויף יעדער בעוועגונג וואס דער פער׳מות׳טער ר׳ איציק׳ל פלעגט מאכען בעת ער האט מיחד געווען זיינע יחודים.

ויהי היום, בעת דער לובלינער איז געווען אין ליזענסק, האט ער עפעס ניט געקענט האבען די רעכטע הכנות, ווי ס׳דארף צו זיין, צו דער ראש־חודש׳־דיגער תפלה. ער איז דעריבער ארויסגעגאנגען פון דער שטאדט, צום וועלדעל אויף א בארג, וואס די ליזענסקער אידען רופען: „דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך׳ס וועלדעל״, מחמת דער רבי פלע.ט דארט געהן שפאציערען און מיחד זיין זיינע יחודים; דער לובלינער האט געהאפט, אז זייענדיג אליין אינ׳ם ריינעם אויר פון א בארג־וועלדעל, וועט ער זיין ביכולת צו לייטערען זיינע מחשבות פון די מניעות דורך די הבלי העולם. ער האט געמיינט, אז ער געהט גאנץ אליין, ניט ווויסענדיג, אז ר׳ זלקא היט איהם די טריט.

געגאנגען איז דעמאלט דער לובלינער זעהר פערטראכט. און גערעדט האט ער מיט א צובראכען הארץ צו זיך אליין. ר׳ זלקא האט דעמאלט בפירוש געהערט ווי ער זאגט: „וועה איז צו דעם דור וואס איך בין זיין פיהרער״.

פלוצים האט זיך דער לובלינער געלאזט צוגעהן צום שפיץ פון בארג, צו דער זייט וואו דער בארג האקט זיך אב ווי א גלייכע וואנט ביז צום טהאל אונטען. דארט האט ער זיך אנידערגעשטעלט אויף א ווייל, אראבגעקוקט אין טהאל אריין און געזאגט אט דיעזע ווערטער:

„לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה, הנני מוסר את נפשי רוחי ונשמתי ביד אלהי הרוחות. אנא קבל נא אותן ברצון״ (אין דיין האנד, גאט פון אלע נשמות, גיב איך איצט איבער מיין נשמה, נעהם זי צו, כ׳בעט דיך, מיט א גוטען ווילען).

אלע איברים פון ר׳ זלקא האבען אנגעהויבען צו ציטערען פאר גרוים שרעק. ער האט תיכף פערשטאנען די געפאהר, אז ער טאר ניט פערזאמען אפילו איין איינציגע רגע. פונקט באותו הרגע, ווען דער לובלינער האט געוואלט א שפרונג געבען פונ׳ם בארג אראב, האט איהם ר׳ זלקא אנגעכאפט ביים גארטעל און צוריקגעצויגען איהם מיט כח הינטערוויילעריג... ער האט איהם מציל געווען.

שפעטער ווען דער לובלינער איז שוין געווען דער בעריהמטער וועלט־רבי, ביי וועמעס טיש ס׳זיינען געזעסען ניט ווייניגער ווי הונדערט און צוואנציג מפורסם׳דיגע צדיקים, און טאקע דיעזער צדיק ר׳ זלקא אויך צווישען זיי, האט דער לובלינער אמאל ארומגעכאפט ר׳ זלקא׳ן מיט גרוים שמחה זאגענדיג צו איהם ממש אט דיעזע דבורים:

„ר׳ זלקא לעב, מיר האבען אייך זעהר ליעב, מחמת אין ערשטען גלגול

זענט איהר געווען מיין פאטער, נאר ווען מיר דערמאהנען זיך וואס איהר האט אונז געטהאן אין ליזענסק, קענען מיר אייך ניט אין גאנצען ליעב האבען".

ווי ר' זלקא האט שפעטער דערצעהלט, איז איהם דעמאלט ניט אזוי גרינג אנגעקומען דעם לובלינער צו בערוהיגען, צו שטארקען זיין פערצווייפעלט הארץ מיט עצות און גוטע דבורים, כדי איהם צוריקהאלטען פון יענעם שרעקליכען בעשלוס. הפנים אבער, אז דער לובלינער אליין האט ניט געפונען די גאנצע נחמה און מנוחת הנפש אין ר' זלקא'ס דבורים.

אבער דאס צובראכענקייט פונ'ם לובלינער בעת ער איז שוין געווען א וועלט־רבי, און זיין שטארקע מרה־שחורה, זיינען נור געווען א י נ ו ו ע נ י ג ס ט ע. דאס פנים זיינס פלעגט שיינען פון שמחה, און אין זיין סביבה האט תמיד געהערשט די גרעסטע שמחה. ווי פערוויילאגט דעם חסיד'ס הארץ זאל ניט געווען זיין, איז גענוג געווען נאר צו כאפען איין איינציגען בליק אויפ'ן צדיק'ס צורה, און דאס הארץ איז געווארען פול מיט האפנונג, מיט קוראזש און מיט שמחה. ער אליין האט דאס אמאל געזאגט צום צדיק ר' משה פון סאמבאר, דער בעל־מחבר פונ'ם ספר „תפלה למשה": „עס קומען צו מיר כמה וכמה מענשען בעלי מרה־שחורה, און פאהרען אוועק פון מיר מיט ליכטיגע פנימ'ער און פרעהליכע הערצער, בעת איך אליין בין אוים הויל מרה־שחורה, ניט דא אינעווייניג אפילו א קרן־אור (א שטראהל פון ליכט)".

בעת דער גאון ר' משה טייטעלבוים פון אוהעל האט זיך אנגעהויבען מדבק זיין אין צדיקים, האט איהם תמיד געפלאגט אט דיזע קשיא אויף די חסידים: לויט דעם דין פון שלחן ערוך דארף א איד, א ירא־שמים, כל ימי חייו זיך מצער זיין און פול זיין מיט דאגות וועגען דעם חורבן בית המקדש. בעת די חסידים זיינען תמיד מלא שמחה, לוסטיג און לעבעדיג, ניט צו בעמערקען ביי זיי אפילו א זכר פון עצבות.

פאהרענדיג דאס ערשטע מאל קיין לובלין, האט ער אויף זיך גענומען צו פרעגען דעם רבי'ן אט דיזע הארבע שאלה. דער לובלינער האט אבער לחלוטין גאר ניט געווארט ביז דער שיניאווער רב (דעמאלט איז ער נאך געווען רב אין שיניאווע) וועט איהם דאס פרעגען, נור תיכף ביים קבלת־שלום, האט זיך דער לובלינער צו איהם אנגערופען: „שיניאווער רב, וואס ווייזט איהר עפעס ארוים אזא מורא'דיג טרויעריג פנים? אמת, אז לויט דעם שלחן־ערוך דארף א איד, א ירא־שמים, זיך תמיד זארגען און מצער זיין אויפ'ן חורבן בית־המקדש, אבער ווי זאגט דער מאמר החכם? „צהלה בפניו ואבלו בלבו" (דאס פנים דארף אויסזעהן לוסטיג בעת דאס הארץ זאל זיין פול מיט טרויער). מיר זיינען אויך מקונן אויף גלות־השכינה ביים חצות אבריכטען מיט געוויין און תחנונים, אבער דאס איז איינגעהילט מיט א לבוש פון שמחה.

„איהר פערשטעהט עס נאך ניט? לאמיר אייך געבען א משל:

„א גרויסער מלך האט אמאל פערלארען די מלחמה און איז גענומען געווארען אין געפאנגענשאפט. אויפ'ן וועג האט זיך דער געפאנגענער מלך געשטעלט אברוהען אין א הויז פון זיינעם אן אלטען בעקאנטען. דערזעהענדיג דעם גרויסען

מלך אבריכטען גלות, האט זיך דער בעקאנטער זעהר צעוויינט. איכ'ם געוויין האט אבער געשטעקט א היבש ביסעל שמחה, מחמת די זכיה וואס ער האט דא־דורך געהאט, דער קעניג זאל ביי איהם האבען אן אכסניה.

„מיר דארפען וויינען אויף גלות־השכינה און צוגלייך האבען ש מ ח ה וואס די שכינה איז מ י ט א ו נ ז אין גלות".

אזוי ווי דער לובלינער איז געווען א גרויסער מחמיר בנוגע זיין אייגענע פערזאן, איז ער אבער דאגעגען געווען א גרויסער מקיל בנוגע זיינע חסידים:

„א חסיד איז נור דער יעניגער, וואס איז אין דער זעלבער בחינה ווי א קינד, — האט ער אמאל געזאגט, — אט וויינט עס, און אט לאכט עס שוין. מען טאר ניט צופיעל וויינען אדער זיך אנטהאן סגופים צוליב חטאים. אט האסטו א וויין געגעבען, האק־אב און הויב אן צו לאכען". ביי א חסיד, וועלכער האט אמאל פון איהם פערלאנגט א תשובה אויף א שווערען חטא, האט דער לובלינער קודם אויסגעפרעגט אויב דער זינד איז פון די חטאים שבין אדם לחברו אדער פון בין אדם למקום (אויב ס'איז א זינד קעגען א מענש אדער נאר קעגען גאט). אזוי ווי דער חסיד האט זיך שטארק צוואוויינט, ערקלערענדיג, אז ער האט זיך שטארק פערזינדיגט געגען זיין ליעבען־נאמען, האט זיך צו איהם דער רבי אנגערופען:

„וויין ניט, שוטה, השם יתברך האט ניט ליעב קיין צוקראכען נפש. מיט א פריי, לוסטיג פנים קען מען ביי איהם מעהר פועל'ן ווי מיט צוקראכענקייט פון א ווארעם. זאג נאר, ווייסטו ביי דיר זיכער אז דו האסט געזינדיגט? אפשר איז עס גאר ניט אזא גרויסער חטא ווי דו מיינסט? אדער אפשר קען מען מלמד זכות זיין, אז לויט די אומשטענדען האסטו געמוזט זינדיגען?"

„ניין, רבי, כ'וויים זיכער, אזוי אמת ווי די תורה איז, אז כ'בין בעגאנגען א גרויסען חטא אויף וועלכען ס'איז ניטא קיין שום למוד־זכות. איך פערלאנג דע־ריבער פונ'ם רבי'ן א שווערע, הארבע תשובה".

„געה א היים, שוטה, דו האסט ניט קיין שום חטא. אזוי באלד ווי דו ווייסט זיכער, אז דו האסט יא געזינדיגט. ביי דיר איז דער אמת, דער חותם פון הקדוש־ברוך־הוא. הלואי וואלט איך געווען אט ביי דער אמת'ער ידיעה. דאס אליין איז שוין די גרעסטע תשובה."

„כ'האב אפילו ליעבער אן אמת'ען רשע, וועלכער ווייסט ביי זיך, אז ער איז א רשע, פון א צדיק וואס ווייסט ביי זיך אז ער איז א צדיק — האט דער לובלינער דעמאלט בעמערקט — מחמת ביי אזא רשע איז דא דער „אמת", גאט'ס חותם, בעת ביי יענעם צדיק קען ניט זיין דער אמת, כי אדם אין צדיק בארץ.

„א מענש דארף נאר וויסען, וואו ער האלט אין דער וועלט. אט דאס איז דער סוד פון אמת'ער תשובה".

„קענט איהר אפשר ערקלעהרען דעם חילוק פון א חסיד ביז א מתנגד — האט אמאל דער „אייזערנער קאפ" געפרעגט דעם לובלינער, אבער מיט דברים של טעם".

דער לובלינער האָט איהם אזוי געענטפערט:
„איהר מתנגדים לערנט תורה, און מיר חסידים קענען און פערשטעהען זי; איהר דיענט השם־יתברך נור מיט'ן מוח, מיר אויך מיט'ן הארץ; ביי אייך איז תמיד גובר דער שכל, ביי אונז דער רגש אויך אמאָל; איהר ווייסט דעם שכר פון א מצוה און דעם עונש פון אן עברה, בעת מיר פיהלען דעם גוטען טעם פון דער מצוה און דעם פאסקודנעם ריח פון א בלויזען הרהור־עבירה. אָט דעריבער דארפט איהר מתנגדים אייך אָנטהאָן סגופים, כדי מכפר צו זיין אויף אייערע חטאים, בעת דער חסיד ליידעט שוין די סגופים (יסורים) פון דער בלויזער ידיעה, אז ער האָט מרגז געווען זיין ליעבען נאָמען“.

# 6

# די הקפּדה פון צדיק טויטעט אַ חסיד

די קנאה צווישען די צדיקים. — שיקט דעם חסיד אין הימעל אַריין אָהן אַ ליוטער. — איין רבי אַנטלויפט פאַר'ן צווייטען. — אַן עונש פאַר מישען זיך אין צדיקים'ס מחלוקת. — קוקט אויף דער האַנד־פלאַכע און זעהט די גאַנצע וועלט. — אַ גרויסער רב לאָזט אײנזעצען אין תפיסה די דריי גרעסטע צדיקים פון דור. — דער ריכטער דערשרעקט זיך פאַר'ן רבינ'ס שטערען.

די קנאה פון רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק, אויף זיין תלמיד אין לאַנצוט, וועלכער האָט פון איהם צוגענומען ס'רוב פון זיינע חסידים, איז געווען אין לשער. ער איז כסדר געווען אויפגערעגט, צו זיך ניט געוואָלט צולאָזען אפילו זיינע נאָהנטסטע מקורבים, ניט מעהר געפיהרט די „טישען" ווי ס'קעהר צו זיין און געוויזען סימנים פון צורודערטקייט. אפילו גאָר די ראשי החסידים, זיינע טרייעסטע אנהענגער, האָבען אָנגעהויבען עפענטליך צו בעהויפּטען, אַז דער אַלטער צדיק איז אַביסעל געריהרט פונ'ם דעת, און האָבען זיך בגנבה אַוועקגעכאַפּט אויף אַ שבת קיין לאַנצוט צום רבי'ן ר' איציק'ל, וואו זיי האָבען געפונען פרישע, זאַפטיגע רוחניות־חיונה, מיט וועלכע זיי האָבען דערקוויקט זייערע חסידישע נפשות. אָבער ניט אַלע חסידים האָבען גוט אָפּגעשניטען; אַ טייל פון זיי האָבען נעהאַט אַ עונש אויפ'ן אָרט און שטעלע פונ'ם ליזענסקער צדיק.

אַזוי ווי ער האָט זיך אַמאָל דערוואוסט, אַז זיינער אַ חסיד מובהק, ר' דוד'ל מלמד פון זולין (אַ שטעדטעל צווישען ליזענסק און לאַנצוט) איז געפאָהרען אויף אַ שבת קיין לאַנצוט, האָט זיך דער רבי ר' אלימלך אָנגעטהאָן כח, אויפגעשטאַנען שבת־צו־נאַכטס פונ'ם קראַנקען־בעט, געהייסען תיכף ומיד איינשפּאַנען פערד און וואַגען, און באַלד נאָך הבדלה אַוועקגעפאָהרען קיין זולין, כדי זיך צו איבערצייגען אויב ס'איז אמת וואָס מען האָט איהם דערצעהלט.

קומענדיג קיין זולין, אָרום צוועלף ביינאַכט, איז ער גלייך פערפאָהרען צו ר' דוד'ס דירה. דעם מלמד'ס ווייב האָט זיך זעהר דערשראָקען דערזעהענדיג דעם אַלטען צדיק ביי זיך אין חדר, האָבעניג מורא, ער זאָל ניט בעשטראָפען דעם מאַן פאַר דעם פּחיתות הכבוד וואָס ער האָט איהם גורם געווען.

— וואו איז דיין מאַן? — האָט דער צדיק זי געפרעגט.

— אָט וועט ער באַלד אַריינקומען — האָט זי געענטפערט דעם רבי'ן —

כ׳געה איהם אריינרופען. און תוך כדי דבור האט זי פערלאזט דאס חדר, איז געגאנגען און זיך אוועקגעשטעלט אויפ׳ן וועג וואס קומט פון לאנצוט, וויסענדיג, אז דער מאן דארף באלד אנקומען, כדי זי זאל איהם דערצעהלען, אז דער רבי איז דא, ער זאל וויסען אויסצוהיטען זיך, אז דער רבי זאל ניט ער־פאהרען וואו ער איז געווען.

ר׳ דוד׳ל האט אבער ניט געוואלט זאגען קיין ליגען פאר׳ן רבי׳ן. אזוי ווי דער רבי האט איהם געפרעגט וואו ער איז געווען, האט ער איהם געענט־פערט כהאי לישנא:

— דער רבי זיצט אין הימעל. ער איז צו הויך איהם צו דערגרייכען; אין לאנצוט איז פאראן א לייטער, דורך וועלכען מען קען זיך אפשר ארויפדראפען כדי צו דערגרייכען צום רבי׳ן.

— פאק דיך! — האט דער רבי ר׳ אלימלך אויסגעשריען מיט גרוים כעס — ס׳איז פאר דיר פאראנען א וועג אין הימעל אריין אהן א לייטער אויך.

דער רבי ר׳ אלימלך איז תיכף ארויסגעלאפען פון ר׳ דוד׳ס חדר, אויפ־געזעצט זיך אויף זיין וואגען און אהיימגעפאהרען קיין ליזענסק.

דיזעלבע וואך איז ר׳ דוד׳ל מלמד נפטר געווארען.

אזוי ווי דער רבי ר׳ איציק׳ל האט זיך דערוואוסט פון דיזער עובדא, האט ער אויסגערופען מיט דיזען פסוק פון תהלים: „הלמתים תעשה פלא? אם רפאים יקומו יודוך סלה". א קונץ צו ווייזען א מופת צו ממית׳ן מענשען? א דאנק קומט נאר אזא צדיק, וועלכער קען היילען קראנ־קע און אויפשטעלען שוואכע ברואים".

פונדעסטוועגען האט ר׳ איציק׳ל מורא געהאט צו בלייבען וואוינען אין שכנות מיט זיין פריהריגען רבי׳ן. ער איז דעריבער אוועק פון לאנצוט און זיך בעזעצט אין ראזוואדאוו.

„וואס איז דער רבי אזוי שרוי בכעס?" — האט דעמאלט דער לובלינער בעמערקט — „ווייס ער דען ניט, אז „יפתח בדורו כשמואל בדורו"? יעדער צדיק האט זיך זיין צייט און זיין תקופה. ווען שמואל הנביא וואלט געווען אין דער צייט פון יפתח׳ס דור, וואלט ער געמוזט זיין א נכנע און כפוף (אונ־טערווארפען) אונטער יפתח׳ס הנהגה.

דער לובלינער האט אבער אין ראזוואדאוו ניט געהאט קיין מנוחה. אין יענעם שטעדטעל זיינען געווען צוויי ראשי הקהל, וועלכע האבען זעהר גע־האלטען פון רבי׳ן ר׳ אלימלך. זיי האבען דעריבער שטארק גע׳רודפ׳ט און מצער געווען דעם רבי׳ן ר׳ איציק׳ל, וועלכער האט זיך אפגעזאגט פון זיין רבי׳ן און אליין געווארען א גוטער־איד.

איינער פון דיזע צוויי ראשי הקהלה האט געהאט א בת־יחידה. זי איז פלוצים זעהר קראנק געווארען און די גאנצע שטאדט האט בעהויפטעט, אז דאס איז נאר א עונש פאר דעם לובלינער׳ס צער. דער פאטער פון דער קראנ־קער טאכטער איז אוועקגעלאפען צום רבי׳ן ר׳ אלימלך און איהם געבעטען רחמים ער זאל איהם ראטעווען זיין איינציגע טאכטער, וועלכע איז אין א גרויסע סכנה. „ס׳וועט דערפון ארויסקומען א גרויסער קדוש השם" — האט

דער ראש הקהל בעמערקט — „ווייל איצט בעהויפטעט יעדער, אז דאס האב איך א עונש דערפאר וואס כ'האב מיך אנגענומען דעם רבינ'ס קריוודע".

— האסטו ניט געזאלט קריכען מיט א געזונטען קאפ אין פייער אריין — האט איהם דער רבי ר' אלימלך געענטפערט — דו האסט בעדארפט וויסען וואס עס שטעהט אין פרק: „וכל דבריהם כגחלי אש", א צדיק'ס הקפדה ברענט ווי פייער. איך קען מיר מיין שטעדטעל בעשטעהן. איך דארף ניט דער עולם זאל זיך פאר מיר אננעהמען.

— פאהר אהיים, תיכף ומיד — האט איהם דער צדיק געזאגט — און בעט איבער ר' איציק'לען. ער איז א גוטער. ער וועט דיר מוחל זיין.

דער ראש הקהל איז אהיים געפאהרען און געפונען זיין טאכטער אין א זעהר מסוכנ'דיגען מעמד. ער איז תיכף געלאפען צום רבי'ן ר' איציק'ל, איהם געבעטען מחילה, וויינענדיג בדמעות שליש, דער רבי זאל איהם מוחל זיין און איהם צוריקגעבען זיין טאכטער, זיין איינציג אויג אין קאפ.

— גלויב מיר באמונה שלמה, אז דיין טאכטער'ס קראנקהייט איז ניט דערפאר וואס איהר האט מיך מצער געווען — האט צו איהם דער לובלינער געזאגט — ראשית, קומט אייך איבערהויפט גאר ניט קיין עונש, מחמת אייער כונה איז דאך געווען לשם שמים, אננעהמענדיג זיך פאר דעם כבוד פון מיין רבי'ן. והשנית, האב איך מיר אויסגע'פועל'ט ביים בורא כל העולמים ער זאל זיך פאר מיר קיינמאל ניט אננעהמען און קיינעם ניט מעניש זיין צוליעב מיר.

דאן איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער, ארויסגעקוקט צום הימעל און מתפלל געווען פאר דעם חולה, זאגענדיג:

— רבונו של עולם, כ'וויים גאנץ גוט, אז דאס חולאת פון שרה בת רעביל איז ניט געקומען צוליעב דעם חלול פון מיין כבוד, „כי חוטא ופושע אני", מיין כבוד איז ניט צומאל ווערטה אז א אידיש נפש זאל ליידען אפילו א קלאפ אינ'ם קליינעם פינגער. נאר אזוי ווי די וועלט האט זיך ליעב צו נארען און מען מיינט אז איך בין א צדיק און איך האב זי קראנק געמאכט, טא, בעט איך דיך, מאך זי געזונד, לאז שרה בת רעביל האבען א רפואה שלמה, טאקע א רפואה אויף אלע רמ"ח איברים, און זאל די וועלט וויסען דעם אמת, אז יעקב יצחק בן מייטל, וויל נישט און קען נישט מעניש זיין.

בשעת ער האט מתפלל געווען, איז גראד דער ראפטשיצער רב געווען אין חדר און בעמערקט, ווי דער רבי ר' איציק'ל האט נאך דער תפלה שטארק גע־קוקט אויף די פלאצע זייט פון זיין לינקע האנד, און דאן זיך אנגערופען צום פאטער פון דער קראנקער טאכטער, ווי איינער וואס לעזט ארויס פון א בריעף, דיזע ווערטער:

— דיין טאכטער שרה בת רעביל וועט האבען א רפואה שלמה. זי וועט אויך דאס יאהר געהאלפען ווערען מיט א בן־זכר. זאלסטו איהם א נאמען געבען פ י נ ח ס, אזוי ווי ס'שטעהט געשריבען אין יענער סדרה: „הנני נותן לו את בריתי שלום". איך האב אויף אייך גאר קיין תרעומות ניט.

„פאַרוואָס האָט דער רבי געקוקט אויף דער האַנד, בעת ער האָט געגעבען די הבטחה, אַז די קראַנקע טאָכטער וועט האָבען אַ רפואה?“ האָט איהם שפּעטער דער ראָפּטשיצער צדיק געפרעגט.

— מחמת עס שטעהט דאָך בפירוש אין דער ראש־השנה'דיגער שמונה־עשרה — האָט איהם דער לובלינער געענטפערט — „ועל י ד י עבדיך הנביאים כ ת ו ב לאמר“, אַז אויף דער האַנט פונ'ם נביא שטעהט אויפגעשריבען וואָס ער זאָל זאָגען.

כאָטש דער לובלינער וואָלט שוין נאָך דיזער מעשה ניט געהאַט מעהר קיין רדיפות אין ראַזוואַדאָוו, איז ער פונדעסטוועגען ניט פערבליבען דאָרט וואוינען און איז דאַן צוריקגעפאָהרען קיין לאַנצוט. „איך וויל ניט וואוינען אין אַ שטאָדט וועמעס נאָמען אליין מיינט שוין מחלוקת („ראַזוואַד“ איז אַ „גט“ אויף פּויליש)“ — האָט ער דעמאָלט בעמערקט.

באַלד נאָכדעם ווי דער לובלינער איז צוריקגעקומען קיין לאַנצוט זיינען צו איהם געקומען צופאָהרען זיינע צוויי חברים, די שפּעטער זעהר בעריהמטע צדיקים, דער רבי ר' מענדעלי פון פּריסטאַק און דער אַפּטער צדיק פון קאָל־בוסאָוו. חסידים זאָגען, אַז דער רבי ר' אלימלך האָט זיי געשיקט צו איהם, ביי איהם צו פּועל'ן ער זאָל צו איהם קומען אויף אַ שבת. „ווי באַלד ער וועט מיך ניט פאָלגען — זאָל דעמאָלט דער רבי ר' אלימלך האָבען געזאָגט — וועט ער אויף דער עלטער פיהלען מיין טעם“.

דער לובלינער האָט איהם דעמאָלט ניט געפאָלגט און אויף דער עלטער טאַקע געפיהלט דעמזעלבען טעם פון זיין רבין'ס צרות, בעת ז י י ן תלמיד־מובהק, ר' יעקב יצחק פון פּרשיסכא האָט איהם, דעם רבי'ן, איבערגעלאָזט און „געמאַכט שבת“ פאַר זיך, ווערענדיג אליין אַ גרויסער גוטער־איד.

בעת די צוויי גרויסע צדיקים, דער ריִמאַנאָווער און דער אַפּטער, זיינען געווען אין לאַנצוט, האָט די גאַנצע געגענד גע'רעש'ט. טויזענדער מענשען זיינען געקומען קיין לאַנצוט אויף שבת, כדי צו זעהן די דריי צדיקים צוזאַמען. דאָס האָט ניט געשמעקט דעם ריישער רב, בלומענפעלד, וועלכער איז געווען אַ פערביסענער מתנגד. ער האָט אָנגעצייגט אלע דריי צדיקים ביי דעם קרייז־געריכט אין ריישע, אַז זיי פערפיהרען דאָס פאָלק מיט זייערע שווינדלערייען, און אין סאַמע מוצאי שבת, ווען די דריי צדיקים זיינען געזעסען ביי דער סעודת מלוה־מלכה, זיינען זיי ארעסטירט געוואָרען פון זשאַנדאַרמען און מען האָט זיי אָוועקגעפיהרט קיין ריישאַ און זיי איינגעזעצט אין תפיסה.

דער ריישער המון־עם איז זונטאָג פריה בעפאַלען דעם רב'ס הויז און געוואָלט איהם ממית'ן. דער רב האָט שוין חרטה געהאַט אויף דעם חלול־השם וואָס ער האָט גורם געווען, ער האָט אָבער ניט געקענט מעהר העלפען, מחמת זונטאָג איז קיינער פון די געריכטס־בעאַמטע ניט געווען צו געפינען. די דריי צדיקים זיינען געזעסען תפוס ביז מאָנטאָג פריה, ווען מען האָט זיי פריי געלאָזט, טאַקע דורך דער פּראָטעקציע פונ'ם רב בלומענפעלד.

וועגען דיזער בעפרייאונג דערצעהלען זיך די חסידים אָט אַזאַ מין מעשה: מאָנטאָג אין דער פריה האָט מען אלע דריי צדיקים געשטעלט פאַר דעם

קרייז־געריכט· מחמת דער רבי ר׳ מענדעלי האט געקענט ריידען א גוטען דייטש, איז ער געווען דער ראש־המדברים פאר אלע דריי.

— וואס איז אייער בעשעפטיגונג ? — האט איהם דער ריכטער געפרעגט.

— אונזער בעשעפטיגונג איז צו דיענען מיט ריינע מחשבות און א טריי הארץ דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא.

— וואס זשע טהוט איהר אלע אין לאנצוט ?

— מיר זיינען געקומען זיך לערנען גאט דיענען ביי אונזער אלטען חבר ר׳ יעקב יצחק הורוויץ, וועלכער פערשטעהט אט דיזע עובדה בעסער פון אונז.

— פארוואס געהט איהר עפעס אנגעטהאן אין ווייסע מלבושים ? — האט דער ריכטער ווייטער געפרעגט.

— פארוואס געהט דער הערר ריכטער אנגעטהאן אין שווארצע קליידער?— האט דער רימאנאווער געענטפערט מיט א שאלה.

דער ריכטער איז אנגעצונדען געווארען פאר כעס און האט אויסגערופען :

— וויים פאר וועמען דו שטעהסט ! ענטפער מיר תיכף ומיד אויף מיין תשובה.

— „דע לפני מי אתה עומד" ווייסען מיר שוין גאנץ גוט וואס ס׳מיינט — האט דער רבי ר׳ מענדעלי געזאגט. — אז דער שופט וועט צו אונז ריידען מיט כעס, וועלען מיר איהם איבערהויפט גאר ניט ענטפערען. — און ריידענדיג דיזע ווערטער האט זיך דער רימאנאווער ארויפגעשארצט דאס שטריימעל אויפ׳ן קאפ, ווייזענדיג דעם ריכטער דעם ברייטען שטערען.

א שרעקליכער פחד איז געפאלען אויפ׳ן ריכטער. ער האט אנגעהויבען ציטערן ווי אין א שווער קדחת מיט אלע אברים. מיט שווערער מיה האט ער קוים געקענט ארויסרעדען די ווערטער :

— איהר זייט אלע בעפרייט ! כ׳וויל ניט האבען קיין מגע־ומשא מיט אזעלכע פארשוינען.

## 7

# מען הייסט פון הימעל אוועקפאהרען פון לאנצוט

דעם ליזענסקער רבינ'ס א בריעף. — די נבואה פון א תהלים-זאגער. — דער אלטער רבי קוקט קיין קראקא און דער נייער קיין אלמיץ. — פון לאנצוט קיין טשעכאוו. — דער רבי דערשמעקט, אז די יויך איז פון בשר נבלה.

נאכדעם ווי דער רבי ר' איציק'ל האט זיך פורש געווען אין גאנצען פון זיין רבי'ן אין ליזענסק, און צו זיך צוגעצויגען פיעל תלמידים און חסידים פון זיין רבי'ן, האט דער רבי ר' אלימלך צו איהם געשריבען א בריעף, איהם בע־טענדיג ער זאל איהם ניט פערלאזען.

„האב רחמנות אויף מיינע אלטע יאהרען און אויף דיינע אלטע יאהרען און קום צו מיר, האט דער אלטער רבי צו איהם געשריבען. מיר דארפעןביידע איינער דעם צווייטען. פון מיר האט מען פון הימעל צוגענומען צוויי גרויסע מדרגות זייט דו האסט מיך פערלאזען. כ'פלעג קענען האבען „גלוי אליהו" (אליהו הנביא זאל זיך צו איהם בעווייזען) צו יעדער צייט ווען כ'האב נאר געוואלט, און יעדען פרייטאג פאר קבלת שבת האט מען מיר געשיקט פון דער מתיבתא דרקיע (די הימלישע ישיבה) א „ברכת שלום". אבער זייט דו ביזט פון מיר אוועק, האט מען ביי מיר די טייערע מדרגות צוגענומען. דו ווידער דארפסט נאך האבען מיין טובה, מחמת כ'האב דיך נאך ניט פערזארגט מיט א גוטען סוף. וויבאלד דו וועסט ניט קומען וועסטו חרטה האבען".

דער לובלינער האט אבער באין אופן ניט געוואלט מעהר זיין א נכנע צום רבי'ן, ס'האט זיך איהם זעהר געוואלט פערלאזען לאנצוט, כדי ניט צו זיין צו נאהענט פון אלטען רבי'ן. ער האט נור געווארט אויף א ריכטיגער געלעגנ־הייט.

אין לאנצוט האט דעמאלט געוואוינט א איד, ר' וואלף תהלים-זאגער האט מען איהם גערופען, מחמת ער, אלס פשוט'ער, ניט-געלערענטער מענש, האט כסדר יום ולילה ניט מעהר געטהאן נאר תהלים געזאגט. דיעזע פראסטע בריאה האט זוכה געווען, אז ס'פלעגט זיך צו איהם אין חלום בעווייזען א „מגיד" (א מין מלאך) וועלכער האט איהם געזאגט עתידות (וואס ס'וועט שפעטער פאר־קומען).

ויהי היום, און דיעזער ר' וואלף איז אין א פריהמארגען אריינגעקומען צום רבי'ן ר' איציק'ל און איהם געזאגט, אז באותו הלילה האט זיך צו איהם בעוויזען דער „מגיד", איהם געזאגט, ער זאל תיכף אין דער פריה געהן צו ר'

איציק'ל הורוויץ (דער לובלינער) איהם מודיע זיין, אז ער מוז תיכף ומיד אוועק פון לאנצוט, ווייל די הקפדה פון רבי'ן ר' אלימלך האט אין הימעל שטארק עושה רושם געווען, און פאהרען מיט זיין גאנצ בני־בית קיין ווינאווי, נעבען לובלין.

דיזעלבע נאכט האט אויך דער רבי ר' איציק'ל אליין געהאט א חלום, אז ער האט געזעהן אין זיין בית־המדרש אריינקומען אן אלטען איד מיט א הדרת־פנים. בעת ער האט איהם געגעבען „שלום", האט איהם דער אלטער געזאגט: איך בין א ב ר ה ם א ב י נ ו, און געקומען בין איך דיר זאגען דאס זעלבע וואס השם־יתברך האט אמאל צו מיר געזאגט: „לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך" (פערלאז דיין לאנד און דיין היים און געה אהין וואו איך וועל דיר ווייזען). פון דיזען חלום, האט ר' איציק'ל פערשטאנען, אז ס'איז טאקע א גזרה מן השמים תיכף צו פערלאזען לאנצוט. און אז דעם תהלים־זאגערס נבואה איז אמת. אבער וואו אהין פאהרט מען? ער האט אין זיין לעבען קיינמאל ניט געהערט פון א שטעדטעל ווינאווע, נעבען לובלין, אויך זיינע אלע מקורבים האבען דערפון ניט געהערט.

פערלאזענדיג זיך אויף השם־יתברך, האט ער קודם אבגעדאווענט בהשכמה און געהייסען אלעם איינפאקען און מאכען הכנה אין וועג אריין, מחמת ער איז ברעה טאקע נאך דעם זעלבען טאג אבצופאהרען.

באלד נאכ'ן דאווענען, האט ער דערהאלטען א בריעף פון א שטעדטעל משעבאוו, נעבען לובלין, אין וועלכען מען פרעגט איהם א שאלה מכח א גט, וואס איז געשריבען געווארען מיט א טעות. אנשטאט וואס דער סופר האט בעדארפט שרייבען „מתא ווינאווע דמתקרי טשעבאוו", די שטאדט ווינאווע, וועלכע מען רופט איצט טשעבאוו, האט ער נור איינגעשריבען דעם איצטיגען נאמען טשעבאוו אליין.

אט איצט האט דער לובלינער געזעהן בחוש, אז מען ווייזט איהם אן מן השמים וואו דאס שטעדטעל ווינאווע געפינט זיך, כדי ער זאל אהין פאהרען. זיין שמחה איז נאך גרעסער געווען, וואס גראד אט אין דיזען שטעדטעל משעבאוו וועט ער ניט זיין א פרעמדער, מחמת ער האט דארט געהאט היבשע עטליכע חסידים בעלי יכולת.

דאס שטעדטעל טשעבאוו האט פערמאגט א היבש ביסעל נגידים, וועמעס השפעה איז געקומען פון דער גרויסער וועלט, מחמת זיי זיינען געווען אקסען־סוחרים און געפיהרט מסחרים אזש ביז אלמיץ און וויען, וואו אהין זיי פלעגען פיהרען זייערע אקסען צו פערקויפען. אט דיזע אקסען־הענדלער פלעגען תמיד פאר דעם ארויסשיקען אן עקספארט פון אקסען אין וועג אריין, זיך פריהער בעראטהען מיט'ן רבי'ן ר' אלימלך פון ליזענסק, ווען זיי זאלען ארויסשיקען די אקסען, און נעהמען ביי איהם א ברכה, אז ס'זאל זיך חלילה ניט אריינכאפען צווישען זיי א מגפה אויפ'ן וועג.

אזוי ווי דער רבי ר' איציק'ל האט אנגעהויבען צו פיהרען גוט־אידישקייט אויף זיין אייגענעם רעכנונג אין לאנצוט, האבען פיעל טשעבאווער אקסען־

סוחרים אויך ביי איהם אבגעטראטען און זיך מיט איהם אז עצה געהאלטען מכח זייערע מסחרים. ער איז בעזאנדערס צווישען זיי בעריהמט געווארען נאבדעם, ווי זיי האבען זיך איבערצייגט, דורך א מעשה שהיה, אז ער זעהט פיעל בעסער פון זיין רבי'ן דעם ליזענסקער.

וכך הוה עובדא:

איינער פון די גרויסע אקסען־סוחרים פון טשעכאוו איז געפאהרען צום רבי'ן ר' אלימלך זיך אנפרעגען, אויב ער זאל אוועקשיקען א גרויסען טראנספארט פון אקסען קיין אלמיץ, מחמת ער האט געהערט, אז ס'הערשט א מגפה צווישען בהמות. דער ליזענסקער צדיק האט איהם געהייסען ווארטען מיט די אקסען ביז די מגפה וועט אויפהערען, מחמת ער זעהט, אז די אקסען וועלען אויפ'ן וועג זיין אין א זעהר גרויסע סכנה. אזוי ווי צו ווארטען מיט די אקסען איז געווען פערבונדען מיט גרויסע הוצאות, איז דער סוחר אוועקגעפאהרען פון ליזענסק קיין לאנצוט צום רבי'ן ר' איציק'ל, כדי צו הערען וואס דער נייער רבי וועט איהם ראטהען.

„דו קענסט שיקען די אקסען קיין אלמיץ — האט איהם דער לובלינער נעזאגט — דו וועסט מצליח זיין און פערדיענען א סך געלד".

„דער ליזענסקער רבי האט מיך אבער אבגעראטהען — האט איהם דער אקסען־סוחר דערצעהלט — ער האט מיר געזאגט, אז די אקסען וועלען זיין אויפ'ן וועג אין א גרויסע סכנה".

„דער ליזענסקער רבי האט דיר געזאגט אמת — האט איהם ר' איציק'ל געענטפערט — דו מוזט אבער וויסען, אז ער איז שוין אויף דער עלטער, זיין כח־הראיה איז אביסעל אבגעשוואכט און ער האט נור געקוקט ביז ק ר א ק א. איך בין אבער יונגער און קען קוקען אביסעל ווייטער. איך קוק אזש ביז א ל מ י ץ; רכב וצלח!"

דער סוחר האט געפאלגט דעם לובלינער און האט די אקסען געשיקט אין וועג אריין. פאר קראקא האט אויסגעבראכען א מגפה צווישען די אקסען און עטליכע זיינען געפאלען אויפ'ן וועג. אין קראקא האט מען געשטעלט די אקסען אין „קאראנטין", ניט לאזענדיג דעם סוחר ווייטער פיהרען די אקסען ביז א געוויסען טערמין און ביז ער וועט האבען די הסכמה פון די רעגיערונגס פיה־דאקטוירים. דער סוחר איז אזש פערצווייפעלט געווארען פאר גרויס צרות און שטארק חרטה געהאט פאר וואס ער האט ניט געפאלגט דעם אלטען רבי'ן. מעהר ווי העלפט פון די אקסען זיינען געפאלען. נאך גרויסע צרות און שווערער מיה, איז איהם געראטען צו ברייננען די קלענערע העלפט פונ'ם טראנספארט אויפ'ן אלמיצער מארק. ווי איבערראשט איז ער אבער געווארען, דערזעהענדיג, אז ער איז דער איינציגער אקסען־סוחר אויפ'ן מארק. ער האט דעמאלט פאר די אקסען בעקומען אזא הויכען פרייז, אז ס'האט געקלעקט, ניט נאר פאר אלע זיינע הוצאות און יסורי הנפש, נאר דערביי אויך פערדיענט א גרויסען פערמעגען.

**אנגעקומען קיין טשעכאוו איז ר' איציק'ל אין א דאנערשטאג. ער איז**

גלייך פערפאהרען מיט זיין גאנץ בני־בית און מיט די מקורבים צו דעם פריהער דערמאהנטען אקסען־סוחר. ער האט זיך אבער באלד דערוואוסט, אז דער אקסען סוחר איז געשטארבען און דאס ווייב, די אלמנה, פיהרט א מסחר פון פשוט'ע קצבות אין שטאדט. די אלמנה האט דעם רבי'ן אויפגענומען מיט גרויס כבוד איהם אבגעטראטען כמעט איהר גאנץ הויז און איהם אויסגעהאלטען מיט אלע הוצאות פונ'ם ערשטען שבת.

פרייטאג צו־נאכטס, אזוי ווי דער צדיק האט גענומען דעם לעפעל מיט'ן זופ צום מויל, האט ער די זופ צוריקגעגאסען אין טעלער אריין, בעהויפטענדיג, אז ער פיהלט א ריח פון נ ב ל ה. די מקורבים האבען אזש אויפגעציטערט, דערהערענדיג אזעלכע ווערטער, האבענדיג מורא, אז די אלמנה, וועלכע האט זיי אזוי מקרב געווען זאל ניט אויף זיי בייז ווערען פאר אזא מיאוס'ן חשד, וועלכער קען זי נאך חלילה רואינירען און מקפח זיין איהר פרנסה. זיי האבען דעם רבי'ן אויף דעם ענין אויפמערקזאם געמאכט.

„איהר פערשטעהט דאך, אז איך וועל קיין טרפות ניט עסען בעד כל חללא דעלמא — האט צו זיי דער רבי געזאגט — מיין חוש הריח האט מיך קיינמאל ניט אבגענארט; אין רחמים בדין. רופט אריין אט דא תיכף ומיד די בעל־בית'טע!"

מען האט זי תיכף אריינגערופען צום רבינ'ס טיש.

„וואס איז עפעס געשעהן מיט אט דעם פלייש וואס איהר האט פאר אונז אבגעקאכט לכבוד שבת — האט זי דער רבי געפרעגט, ניט אמאל אויפהויבענ־דיג די אויגען צו איהר — זייט אייך מודה תיכף ומיד וואס ס'האט געשעהן".

די אלמנה איז אנידערגעפאלען אין חלשות נעבען דעם צדיק'ס טיש. אזוי ווי מען האט זי דערראטעוועט, האט זי זיך מודה געווען, אז ניט האבענדיג מעהר קיין כשר פלייש, און וועלענדיג זעהר האבען דעם רבי'ן פאר אן אורח אין איהר הויז, האט זי זיך בעדיענט מיט „עובר" פלייש, וועלכעס איז געווען נאך דריי טעג פון דער שחיטה און זי האט עס ניט „אבגעגאסען", ווי דער אידישער דין הייסט.

דער רבי האט תיכף שבת־צו־נאכטס פערלאזט די דירה פון דער אלמנה און איז אריין אין זיינס אן אייגענע דירה, וואס די איבעריגע אקסען־סוחרים האבען פאר איהם געדונגען.

דיעזע עובדא האט באלד צו איהם צוגעצויגען א היבשען טייל פונ'ם פראסטען עולם פונ'ם שטעדטעל, בעת די מתנגדים האבען געזוכט פערשיעדענע מיטלען, ווי אזוי איהם צו רודפ'ן און פון איהם פטור צו ווערען.

8

# דער רבי בעדיענט דעם שוהל־קלאַפּער מיט נעגעל־וואַסער

די רדיפות אין מעכאַוו. — דער רבי און דער שוהל־שמש. — ער קוקט פון מעכאַוו קיין ווארשא. — אַ גביר וואָס קויפט אַפּ טויטע און לעבעדיגע. — די „פּויליש׳ע חסידות" טעמער׳ל. — פאַר וואָס אַ „חסידה" (באַציאַן) איז אַן עוף טמא.

אזוי ווי די ראשי הקהל פון לובלין, דעמאָלט אַ שטאָדט פון הוילע מתנגדים, האָבען דערהערט אַז אין זייער שכנות, כמעט אונטער זייער נאָז, האָט זיך קובע מקום געווען אַ רבי פון חסידים, וועלכער פיהרט „טישען", נעהמט פדיונות און זאָגט עתידות, האָבען זיי בעשלאָסען אַלעס אַנצוואווענדען, כדי צו פערטרייבען דעם רבי׳ן פון זייער סביבה. מחמת די השפעה פון דער לובלינער קהלה איז געווען זעהר גרויס אין דער גאַנצער געגענד, האָט זיך אָנגעהויבען פאַר׳ן רבי׳ן ר׳ איציק׳ל אַ פּרק פון מחלוקות און רדיפות, וואָס האָט איהם געשטערט צו עבודות ה׳. ער האָט זיך דעריבער געפיהלט זעהר נעקרענקט און נעדריקט פון אַ שטאַרקען חלישות־הדעת.

נאָכדעם ווי די לובלינער ראשי הקהלה האָבען געזעהן, אַז קיין מיטלען העלפען ניט דעם רבי׳ן צו פערטרייבען פון מעכאַוו און דער המון־עם האַלט פון איהם שטאַל און אייזען, האָבען זיי בעשלאָסען צו שיקען קיין מעכאַוו איינעם פון די „פּני", דעם מתנגד׳ישען גביר ר׳ משה יאַטשים, דער איידעם פונ׳ם בעוואוסטען גאון ר׳ אברהם הימעלפאַרב, דער בעל־מחבר פונ׳ם ספר „אמרי אברהם", כדי זיך צוצוקוקען צום רבינ׳ס עובדות און אין איין וועגם זיך צו בעראַטהען מיט די מתנגדים אין מעכאַוו ווי אזוי פונ׳ם רבי׳ן פּטור צו ווערען.

ר׳ משה יאַטשים איז אַוועקגעפאָהרען קיין מעכאַוו, זיך דאָרט פערזוימט אַ וואָך און דאַן אהיימגעקומען קיין לובלין, צום ערשטוינען פון זיינע חברים די ראשי הקהלה, אַ פייערדיגער פערעהרער און אַנהענגער פונ׳ם רבי׳ן.

בעת ר׳ משה איז געווען אין מעכאַוו, האָט זיך געטראָפען אַ מין עובדא, וועלכע האָט גורם געווען, אַז דעם רבינ׳ס כבוד זאָל גרויס ווערען אפילו אין די אויגען פון די גרעסטע מתנגדים. ומעשה שהיה כך היה :

אין מעכאוו איז א מנהג נאך עד היום הזה, אז דער שמש געהט ארום יעדען פריה־מארגען פון די וואכען־טעג, בעלות הבוקר, קלאפען אין שוהל אריין.

בעת ער איז פארבייגעגאנגען יענעם טאג, וואס ר׳ משה איז דארט געווען, דעם רבי׳נס פענסטער, האט פלוצים דער רבי געעפענט דאס פענסטער און צו איהם א געשריי געגעבען, ער זאל בלייבען שטעהן, זיך ניט ריהרען פון ארט ביז ער וועט צו איהם ארויסקומען. דער שמש איז געבליבען שטעהן און גע־ווארט, בעת דער רבי האט דערווייל געכאפט א קרוג מיט וואסער און איז ארויסגעלאפען צום שמש און איהם געהייסען זיך אפגיסען די הענט מיט נעגעל־וואסער. ווי דער צדיק האט אפגעטהאן דיזע עובדא, איז ער צוריק אריינגעגאנגען אין זיין חדר, בעת דער עולם אויף דער גאס, וואס האט דאס אלעס צוגעזעהן, איז נבהל ומשתומם געווארען, ניט פערשטעהענדיג וואס דא טהוט זיך און אין וואס עס האנדעלט זיך. ענדליך האט זיי דער שמש אליין דערצעהלט דעם גאנצען אמת, אז ער איז געווען א גאנצע נאכט אויף א חתונה, און האט זיך ערשט פארטאג געלעגט שלאפען. ווען ער האט זיך אויפגעכאפט פונ׳ם שלאף, איז שוין געווען שפעט און אין איילעניש האט ער געכאפט דעם האמער און איז געלאפען קלאפען אין שוהל אריין אהן נטילת ידים. דער רבי האט דאס אן זיין פנים תיכף דערקענט.

די מעשה האט זיך פערשפרייט אין שטעדטעל, און דער משולח ר׳ משה יאטשים איז דערפון שטארק נתפעל געווארען. ער איז דאן געגאנגען צום צדיק, מיט איהם עוסק געווען א לאנגע ווייל, ביז ער האט זיך איבערצייגט אין דעם אמת׳ן דרך פונ׳ם חסידות, און פון דארט איז ער אהיימגעפאהרען ניט נאר אלס חסיד, נאר אויך דעם רבי׳נס אן אמת׳ער מקורב.

באלד האט זיך פערלאפען אט דיזע מעשה:

אין יאהר תקנ״ד, ווען דאס רוסישע מיליטער האט בעלאגערט ווארשא, ממש אין יוצא ואין בא, מען האט ניט געקענט אריין אדער ארויס, האט דער בעריהמטער לובלינער פרנס און גביר ר׳ אפרים זלמן מרגליות, ניט דער־האלטען א לאנגע צייט קיין ידיעה פון זיין טאכטער, וועלכע איז גראד פאר דער מלחמה אוועקגעפאהרען מיט׳ן מאן און מיט איהר קינד צו איהר שווער, דעם בעריהמטען נדיב און גביר ר׳ שמואל זביטקאווער. בעזונדערס נאכדעם ווי מען האט זיך דערוואוסט, אז די קאזאקען האבען געמאכט אין פראגא א גרויסע שחיטה צווישען די אידען, האט דער פרנס, ר׳ אפרים זלמן, געהאט גרויס צער און איז געווען מלא דאגה, אויב ס׳האט ניט חלילה פאסירט עפעס אן אומגליק מיט זיין געליעבטער טאכטער. ער איז געווארען פערצווייפעלט און איז געווען מוכן ומזומן אוועקצוגעבען זיין גאנץ פערמעגען פאר דעמיעניגען, וואס וועט איהם ברענגען א גוטע ידיעה פון זיין טאכטער.

ווי ר׳ משה יאטשים האט זיך דערוואוסט פון ר׳ אפרים זלמנ׳ס גרויס עגמת־נפש, האט ער זיך געטראכט, אז איצט איז געקומען די געלעגענהייט מקדש השם צו זיין, צו ווייזען די לובלינער מתנגדים, וואס א חסידישער רבי איז אימשטאנד צו טהאן און צו בעווייזען. ער איז געגאנגען צום פרנס און

איהם צוגערעדט, ער זאָל מיט איהם מיטפאָהרען קיין מעכאָוו צום „זעהער“, מחמת ער איז בטוח, אַז דער רבי איז בכח צו זעהן זיין טאָכטער, וועלכע איז אין וואַרשא און אָפּגעבען פון איהר אַ גרוס, אויב ס'איז מיט איהר חלילה ניט געשעהן קיין אומגליק.

ר' אפרים זלמן מרגליות, אַ פערברענטער מתנגד, האָט זיך לכתחלה באין אופן ניט געוואָלט לאָזען איבעררײדען צו פאָהרען צו אַ חסיד'ישען רבי'ן ביי איהם צו זוכען אַ ישועה. נאָר זיין איידעם, דער בעקאַנטער גאון ר' מאיר ר' זלמנ'ס, וועלכער איז געוואָרען זעהר נייגיעריג צו וויסען און זיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל צו איבערצייגען, אויב ס'איז אמת אַז דער „חוזה“, ווי מען האָט דעמאָלט דעם רבי'ן גערופען, האָט אָפענע אויגען צו זעהן וואָס עס טהוט זיך אויף דער גרויסער וועלט, האָט גע'פועל'ט ביים שווער צו פאָהרען קיין מעכאָוו צום רבי'ן ר' איציק'ל, און איהם פרעגען, וואָס די טאָכטער טהוט.

ווען דער רבי האָט איבערגעלייענט דאָס קוויטעל און זיך דערוואוסט פון דעם בעטריעבטען פאָטער'ס בקשה, האָט ער זיך אויפגעהויבען פון שטוהל, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט אויפ'ן הימעל עטליכע מי־נוט. דאַן האָט ער זיך צו זיי אָנגערופען אָט מיט דיזע דבורים:

„איבער אייער מחותנ'ס קאָפּ, ר' שמואל, שיינט אַ גרויס ליכט. ער האָט דאָרט ממש דערהאַלטען ביים לעבען טויזענדער אידישע נפשות. זיין הויז איז בשלום ושלוה, קיין בייז איז דאָרט ניט געשעהן. איהר ווילט וויסען, וואָס אייער טאָכטער טהוט איצט? זי שטעהט ביים לאָקשענברעט און שניידט לאָקשען, דערביי וויעגט זי מיט איין פוס דעם קינד'ס וויעגעל. זי געהט איצט אָנגעטהאָן אין אַ קלייד פון אַ ברוינעם קאָליר“.

אַלע גליעדער פון ר' אפרים זלמן האָבען בשעת מעשה געציטערט. די אַרט און ווייזע ווי אַזוי דער רבי האָט צו איהם גערעדט, האָט אויף איהם געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער רבי קוקט, זעהט און ו ו י י ס ט וואָס ער זאָגט. בעזונדערס איז זיין איידעם ר' מאיר תיכף צוגע־קלעפּט געוואָרען צום רבי'ן. זיי האָבען אָבער בעשלאָסען אָפּצוואוואַרטען ביז עס וועט זיך אַרויסווייזען, אויב דעם רבינ'ס דבורים זיינען אמת.

באַלד ווי דאָס לאַנד האָט זיך בערוהיגט פון דער אינערליכער מלחמה, איז די טאָכטער פונ'ם פרנס חדש צוריק אַהיימגעקומען צום פאָטער און עס האָט זיך אָן אַרויסגעוויזען, אַז אַלץ וואָס דער רבי האָט דעמאָלט געזאָגט, איז געווען גאַלע אמת.

ר' אפרים זלמן מרגליות האָט זיך דעמאָלט עפענטליך ערקלערט פאַר אַ חסיד פונ'ם רבי'ן. צוזאַמען מיט'ן איידעם, מיט ר' משה יאַטשים און נאָך עטליכע „פני“, אויף וועלכע זיי האָבען געהאַט אַ השפּעה, איז ער געפאָהרען קיין מעכאָוו און געבראַכט דעם רבי'ן מיט זיין גאַנץ בני בית אויף זיינע הוצאות קיין לובלין. ער האָט דעם רבי'ן אָוועקגעשענקט אַ פּלאַץ, וואָס ער האָט געהאַט נעבען דעם שטאָדטישען בית־המדרש, אויף וועלכען ער האָט פאַר זיין געלד איהם אויפגעבויט אַ שעהן הויז. און אַזוי ווי דער גאון ר'

מאיר ר׳ זלמז׳ס איז געוואָרען דעם רבי׳נס אַ פערברענטער חסיד, האָט שוין ממילא דער פּראָסטער שטאָדטישער עולם אויך אָנגעהויבען צו געהן צום רבי׳ן מיט בקשות און נאָך עצות, און פון דער מתנגד׳ישער שטאָדט איז פּלוצים געוואָרען אַ בעריהמטער צענטער פון חסידות.

דער נדיב און גביר ר׳ שמואל זביטקאָווער, אויף וועלכען דער לובלינער האָט געזאָגט, אַז ער זעהט אויף איהם אַ גרויס ליכט, האָט דעמאָלט, בשעת דעם גרויסען חורבן אין פּראַגא, באמת מציל געוועזן פון אַ זיכערען טויט טויזענדער אידישע נפשות. אַזוי ווי עס האָט זיך דערהערט אין וואַרשא, אַז די קאָזאַקען האָבען אין פּראַגא אויסגע׳הרג׳עט הונדערטער אידישע נפשות, וועמעס קער־פּערס וואַלגערען זיך אַרום אין גאַס און קענען אפילו ניט קומען צו קבר ישראל, האָט ר׳ שמואל געלאָזט וויסען, אַז ער וועט צאָהלען פאַר יעדען ט ו י ט ע ן אידישען נפש וואָס די קאָזאַקען וועלען איהם ברענגען — א י י ן גאָלדען רענדעל, און פאַר יעדען ל ע ב ע ד י ג ע ן אידישען נפש — פ י ע ר גאָלדענע רענדלעך. אויף אַזאַ אופן האָט ער אויסגעלעזט די לעבעדיגע נפשות פון אַ זיכערען טויט און די טויטע נפשות האָט ער געבראַכט צו קבר ישראל.

ער האָט דעמאָלט פערשוועגדעט אויף דעם אַ הון רב.

צווישען די לובלינער בעריהמטע חסידים איז ניט נאָר גערעכענט אָט טאַקע דיזער גביר ר׳ שמואל, וועלכער איז דאַן געוואָרען אַ ווילדער מאמין אין לובלינער, נאָר אויך זיין טאָכטער, די בעריהמטע גבירה טעמערל (תמר׳ל) פון וואַרשא, וועלכע איז אין גאַנץ פּוילען בעקאַנט געוועזן מיט׳ן נאָמען די „פּוילישע ח ס י ד ה״.

דעם נאָמען „חסידה״ האָט איהר געגעבען דוקא אַ מתנגד און טאַקע איהרער אַ לייבליכער קרוב, ביי אַ מעשה שהיה, און דער נאָמען איז איהר פערבליבען ביז זי איז געשטאָרבען.

דיזע רייכע פרוי פלעגט פאָהרען עטליכע מאָל אין יאָהר קיין לובלין צום רבי׳ן און דאָרט פערשוועגדען אַ הון־רב. עס איז ביי איהר גאָר ניט געווען אַ צו טייערע זאַך פאַר׳ן רבי׳ן אָדער פאַר די געהויבענע חסידים: איהרע אַלע אָנגעשטעלטע אין די גיטער און אין די וועלדער זיינען געווען אויסשליסליך לובלינער חסידים. דער בעריהמטער רבי ר׳ יצחק פון וואָרקי איז ביי איהר געווען אַ וואַלד־נאָמן איידער ער איז געוואָרען אַ רבי. אויך דער פּשיסכער צדיק ר׳ שמחה בונם איז ביי איהר געווען אַ גאַנצער כל־ולך, בעת ער איז נאָך געווען אַ פּשוט׳ער לובלינער חסיד; ער איז אויך געווען אַ שותף אין אייניגע איהרע אונטערנעהמונגען.

איז אַמאָל צו איהר געקומען איהרער אַן אָרימער קרוב, אַ מלמד, וועלכער האָט ניט געהאַט מסלק צו זיין זיין טאָכטער׳ס נדן, מיט אַ בקשה, אַז זי, אַלס גבירה, קרובה און פּזרנית, זאָל איהם אַרויסהעלפען מיט עטליכע הונ־דערט קערבלעך, כדי ער זאָל זיין ביכולת חתונה צו מאַכען זיין טאָכטער. אַזוי ווי דער מלמד איז געווען אַ מתנגד, האָט זי איהם אָפּגע׳פּטר׳ט מיט אַ „שיבוש״.

וויסענדיג אז זי איז א מלומדת און פערשטעהט זיך גוט אין די קליינע אותיות, האט ער צו איהר געזאגט, ביים געזעגענען זיך, אט דיזע ווערטער:

„ווען כ'האב ביי אייך ניט געפונען די שטיצע, אין וועלכער איך נויטיג זיך אזוי און וועלכע איך האב געהאפט צו בעקומען פון אייך, האב איך אבער דערפאר ביי אייך געפונען א תירוץ אויף א הארבע רש"י, וואס איך האב כל ימי חיי ניט פערשטאנען. צווישען די עופות־טמאים וואס שטעהען אויסגע־רעכענט אין דער תורה, איז פאראנען א ע ו ף ט מ א וואס הייסט „חסידה" (א באציאן). זאגט רש"י דארויף: פארוואס הייסט דיזער עוף טמא דוקא „חסידה"? מחמת זי האט ליעב צו טהאן ג מ ל ו ת ח ס ד י ם מיט איהרע ח ב ר ' ט ע ס (שעושה חסד עם חברותיה). איז מיר תמיד קשה געווען פארוואס אזא טייער עוף וואס האט ליעב צו טהאן א גמלות־חסד, זאל זיין פערדעכענט צווישען די עופות טמאים? איצט פערשטעה איך שוין דעם פירוש. א בריאה וואס האט ליעב צו טהון גמלות חסדים און צדקות נ ו ר צ ו א י י ג ע נ ע ח ב ר ה ־ ל י י ט און צו אנדערע ברואים איז זי אן אכזר, מעג זיך טאקע זיין א „חסידה", זי איז אבער פארט א ע ו ף ט מ א".

פון דעמאלט אן האט זי בעקומען דעם נאמען „די פוילישע ח ס י ד ה".

## 9

# סכסוכים צווישען אַ גאון און אַ גוטען־איד

פּאַרוואָס אַ צדיק נעהמט אַ פּדיון. — ס׳איז שווער פאַר אַ צדיק פּטור צו ווערען פון זיינע חסידים. — דער רב אַ טרעגער. — מסר׳ט זיך אַליין כדי מציל צו זיין אַנדערע אידען. — דער גאון איז מבלבל דעם רבי׳ן פון דבקות — דער עונש אויפ׳ן אָרט. — ער שיקט איהם מוסר זאָגען זיין ליבען נאָמען.

די ערשטע צייט, וואָס דער רבי ר׳ איציק׳ל האָט אָנגעהויבען צו פיהרען זיין רבי׳שע ממשלה אין לובלין, האָט ער ניט געהאַט אויף זיך קיין מחלוקת, מחמת דער דעמאָלסטיגער רב אין לובלין, ר׳ צבי הירש מרגליות, איז געווען אַן אוהב שלום. כאָטש אַלס מתנגד האָט ער פון לובלינער רבי׳ן גאָר ניט געהאַלטען. די איבריגע שטאָדטישע מתנגדים האָבען ווידער ניט געהאַט גענוג מוטה ארויסצוטרעטען מיט עפענטליכע מחלוקות.

געענדערט האָט זיך אָבער די לאַגע בעת דער גרויסער גאון ר׳ עזריאל הלוי הורוויץ, וועלכען מען האָט גערופען „דער אייזערנער קאָפּ" צוליעב זיין גרויס גאונות, איז געוואָרען לובלינער רב. ער איז געווען אַ גרויסער „תקיף בדעתו", און אויסגענוצט אַלערליי מיטלען, כדי משפּיל צו זיין דעם כבוד פון דעם צדיק. ער פלעגט איהם דערקוטשען אויף פערשידענע אופנים. דוקא מיט איהם ניט ברוגז געווען; ביי געלעגענהייטען אויך זיך צוזאַמענגעקומען און גערעדט. אָבער בעת דער לובלינער האָט גערעדט מיט הכנעה, מקיים זייענדיג דעם פּסוק „דברי חכמים בנחת נשמעים", פלעגט דער גאון איהם מצער זיין מיט „שטעכווערטלעך": איהם אַפילו ניט גערופען מיט׳ן טיטעל „רבי", כאָטש ער איז געווען אויך אין נ ג ל ה אַ גדול בישראל, נאָר תמיד ביים פּראָסטען נאָמען „איציק׳ל": אַן עובדא, וואָס איידער ער איז געשטאָרבען האָט ער דערויף חרטה געהאַט.

איינמאָל, בעת זיי ביידע זיינען געווען צוזאַמען, האָט דער גאון געפרעגט דעם רבי׳ן די פאָלגענדע שאלה:

— וואָס איז אייגענטליך דער טעם, וואָס די רביים פון די חסידים לאָזען זיך בעצאָהלען דערפאַר, וואָס זיי זיינען מתפלל פאַר זייערע חסידים, אַזוי, אַז יעדער חסיד מוז צוזאַמען מיט זיין בקשה־קוויטעל אויך צולעגען אַ פ ד י ו ן?

— מחמת דער אמת׳ער צדיק איז אַ מכיר את ערכו — האָט איהם דער לובלינער געענטפערט. — ער ווייס, אַז ער איז אַ גאָרנישט, אַן אפס, און איז ניט

ראוי מתפלל צו זיין פאר אן אנדער מענש. ס'וואלט דעריבער אויסגעזעהן ווי א גאות צו מאכען זיך פאר א מעקלער צווישען השם־יתברך און זיין פאלק. דעריבער נעהמט דער צדיק פאר זיין תפילה א פדיון און דאן זאגט ער צום רבונו־של־עולם: „אמת, כ'בין ניט ווערטה מתפלל צו זיין פאר אן אנדער מענש, אבער וואס קען איך טהאן? ס'איז דאך מיין פרנסה, מען צאהלט מיר דאך דער־פאר, דעריבער בעט איך דיך, העלף זיי, די מענשען, וואס קומען צו מיר, און נעהם ביי מיר ניט צו מיין פרנסה.

— אבער, ווען איהר ווייסט ביי זיך, אז איהר זייט א גארנישט, פאר־וואס־זשע נעהמט איהר צו די חסידים? — האט איהם דער גאון ווייטער געפרעגט.

— וואס זאל איך טהאן, אז זיי לויפען מיר נאך און ווילען דוקא איך זאל זיי מדריך זיין אין עבודת ה'?

— זאגט זיי אויס דעם אמת — האט צו איהם דער גאון געזאגט. — זאגט זיי, אז איהר זייט ניט קיין רבי, אז איהר זייט א גארנישט, ערגער ווי א פראס־טער בן־אדם.

— אט וועל איך אייך פאלגען — האט דער לובלינער איהם צוגעזאגט.

שבת ביים טיש, בשעת תורה זאגען, האט זיך דער רבי שטארק צואוויינט, פרעגענדיג די חסידים פארוואס זיי קומען עפעס צופאהרען צו אזא שפל שבשפלים, א פראסטע זינדיגע בריאה, וועמעס עבודת ה' שטעהט פיעל נידריג־גער פון א פראסטען בעל־בית, וואס זאגט נאר איינמאל אין טאג עהרליך „שמע ישראל". דער גאנצער עולם איז פון זיינע דבורים, פונ'ם צדיק'ס עניוות, אזוי נעריהרט געווארען, אז זיי האבען אלע בעקומען א הרהור תשובה און מיט־גע־וויינט. ס'פערשטעהט זיך, אז דער צדיק איז דעריבער אין זייערע אויגען נאך פיעל גרעסער געווארען ווי פריהער.

— כ'האב אייך געפאלגט — האט ביי אן אנדער געלעגענהייט דער לוב־לינער געזאגט צום גאון. — אייער עצה האט אבער ניט געהאלפען. די חסידים ווילען פון מיר ניט אבטרעטען.

— מחמת די טבע פון חסידים איז, אז זיי האבען ליעב אן עניו און פיינט א בעל־גאוה — האט איהם דער גאון געענטפערט. — אויב איהר ווילט באמת אז די חסידים זאלען אייך פערלאזען, זאגט זיי שבת ביי דער תורה, אז איהר זייט דער „צדיק הדור", אין וועמעס זכות די וועלט האט א קיום, און נאך אזעלכע שבחים, דאן, בין איך זיכער, אז זיי וועלען אייך איבערלאזען און ניט מעהר דערקוטשען.

— קיין צ ד י ק בין איך טאקע ניט; קיין ר ב י אודאי ניט; קיין ל י ג נ ע ר בין איך אבער אויך ניט — האט איהם דער לובלינער דערויף געענטפערט.

עס איז כדאי זיך אביסעל אבצושטעלען אויף דעם כאראקטער פון אט דיזען וועלט־גאון, דעם לובלינער'ס מתנגד, כדי צו פערשטעהן די אמת'ע כונה פון זיין התנגדות.

דער געהאלט, וואס דער „אייזערנער קאפ" האט בעקומען פון דער לוב־

לינער קהלה האט בעטראפען אכט פוילישע גולדען א וואך. חוץ דעם געהאלט האט ער ניט געוואלט נהנה זיין פון קיין שום בן־אדם אויף דער וועלט, אפילו ניט פון די הכנסות וואס יעדער רב פלעגט האבען פון זיינע בעלי־בתים. ער האט ניט געוואלט נעהמען קיין רח"ש, אויך ניט קיין געלט פאר א פסק פון דיני תורה. אזוי ווי די אכט גולדען האבען ניט מספיק געווען אויף הוצאות הבית, אפילו צו לעבען אין גרעסטען דחקות, האט ער אויך געהאנדעלט מיט אלט מעבעל. אז ער פלעגט קויפען פון א פריץ א שטול אדער א טיש אדער וואס ס'איז, האט ער עס אליין אהיים געטראגען אויף זיינע פלייצעס. אומזיסט פלעגען איהם בעטען די אידישע טרעגער ער זאל עס זיי געבען צו טראגען; ער האט ניט געוואלט עמיצער זאל ביי איהם ארבייטען אומזיסט, און צאהלען פאר טראגען האט ער ניט געקענט און ניט געוואלט, כדי ער זאל ניט דארפען העכערען דעם פרייז צו די ארעמע קויפער.

ווען ער האט בעדארפט האלטען א דרשה פלעגט ער אליין ארומגעהן אין די אידישע גאסען אויסרופען: „ווער עס וויל, מעג קומען מארגען, שבת נאכ־מיטאג, צו מיין דרשה".

אמאל האט זיך געטראפען אזא מעשה:

די גוים פונ'ם שטעדטעל ש ע ל י ש ט ש האבען געמאכט אויף די אידען פון יענעם שטעדטעל אן עלילת־דם. אלע חשוב'ע לייט פון יענער קהלה האט מען, צוליעב דיזען חשד, ארייגעזעצט אין דער תפיסה אין זאמאשטש. אזוי ווי זיי זיינען ניט געווען קיין נגידים האבען זיי ניט געקענט זיך פערטיידיגען, און פון שכנ'ישע קהלות האט זיך קיינער ניט מיט זיי אינטערעסירט.

אזוי ווי דער „אייזערנער קאפ" האט געזעהן, אז די אידען פון שע־לישטש זיצען שוין א לאנגע צייט אין תפיסה, ליידען דארט ענויים קשים פאר א פאלשען בלבול, און קיינער נעהמט זיך ניט אן זייער קריוודע, האט ער זיך בגנבה ארויסגעכאפט פון לובלין, איז געגאנגען קיין זאמאשטש גלייך אין געריכט און ערקלערט, אז די שעלישטשער אידען זיצען גאנץ אומזיסט, זיי ווייסען ניט פון קיין פתרון און קיין חלום פונ'ם גאנצען עניין, מחמת ער אליין, ר' עזריאל, האט דאס געטהאן, און נאר טאקע ע ר א ל י י ן דארף דערפאר בעשטראפט ווערען. די ריכטער האבען זיך ניט געלאזט בעטען, און איהם אויך גענומען תפוס, נאר די בעשולדיגטע האבען זיי ניט בעפרייט. א גאנץ יאהר איז ער געזעסען אין תפיסה, ניט געוואלט ארויסגעהן פון דארט, — כאטש ער האט געוואוסט, אז מען וועט איהם תיכף בעפרייען, וויבאלד ער וועט זיינע דבורים צוריקציהען — כל זמן די איבריגע אידען בלייבען זיצען. ענדליך האבען זיך די לובלינער פרנסים איינגעשטעלט פאר די בעשולדיגטע און בעוויזען זייער אונשולד. ערשט דעמאלט איז ער מיט זיי צוזאמען ארויס פון דער תפיסה.

אט אזא זעלטענער מענש איז דאס געווען דער מתנגד פונ'ם גרעסטען און חשוב'סטען צדיק אינ'ם דור.

אמאל האט ער זיך צוזאמענגעטראפען אויף א ברית־מילה מיט'ן לובלי־נער, וועלכער איז געווען דער סנדק, בעת דער „אייזערנער קאפ" איז געווען דער מוהל.

אזוי גיך ווי דער לובלינער האט זיך אנידערגעזעצט אויף דער כסא של אליהו מיט'ן קינד אויף דער שוים האט ער אנגעהויבען צו ציטערען ווי א פיש און דערביי מאכען פערשידענע העויות. ווי חסידים דערצעהלען, איז דאס ציטערען ביים לובלינער געווען א מין געוואלטיגע עבודה. ר' מאיר'ל פרעמישליאנער האט אמאל געזאגט, אז ווער ס'וויל זעהן און פערשטעהן דעם פסוק פון „ויחרד יצ ח ק חרדה גדולה עד מאד“, ד. ה. יצחק אבינו האט שרעקליך געציטערט, זאל זיך צוקוקען צום לובלינער'ס (דער לובלינער האט אויך געהייסען י צ ח ק) ציטערען בשעת עבודה.

ר' עזריאל, דער גאון, וועמען ס'האט אבער לחלוטין געפעהלט די חסידישע השגה, האט דעם לובלינער איבערגעשלאגען אין מיטען דער עבודה, פרעגענדיג:

„וואס איז עפעס מיט דיר געשעהן, איציק'ל, וואס דו ציטערסט עפעס אזוי? וואס זעהסטו דען אזוינס, וואס איך זעה ניט?“

דער לובלינער איז באלד צו זיך געקומען, אבער געענטפערט האט ער גאר ניט. אזוי ווי דער גאון האט געמאכט די ברכה און דאס קינד מל געווען, איז ער מבולבל געווארען און מיט'ן מעסער פערשניטען אין קינד'ס בייכעל. ער איז זעהר דערשראקען געווארען און אויסגעשריען: „געוואלד, איציק'ל, וואס האסטו מיר געטהון? האסט מיך מעניש געווען מיט שפיכת־דמים פאר'ן חטא פון הלבנת־פנים (פערשעהמען א מענשען), מדה כנגד מדה?“

„שרעקט אייך ניט, לובלינער רב, — האט צו איהם דער רבי געזאגט. — דעם קינד וועט גאר ניט געשעהן. ער וועט אויפוואקסען, זיין אן עושר, האבען פינף קינדער און לעבען צוויי און זעכציג יאהר.“

בכלל האט דער לובלינער שטארק נוהג כבוד געווען אן דעם גאון און ניט געלאזט אויף איהם רעדען קיין שלעכט ווארט. טאמער האט א חסיד, זיך אננעהמענדיג פאר'ן רבינ'ס כבוד, געפרובט ארויסצורעדען עפעס א שלא־כהוגנ'דיגען דבור אויפ'ן גאון, האט זיך תיכף דער לובלינער אויף איהם אנגעבייזערט, זאגענדיג מיט דעם לשון: „דרך ארץ פאר איהם: דער איד לערנט תורה לשמה און פעהלט ניט פון שלחן־ערוך אפילו כקוצו של יוד!“

פונדעסטוועגען האט זיך אמאל פערלאפען אזא מעשה:

דער רבי ר' איציק'ל איז אמאל אריינגעקומען אין שטאדטישען בית־המדרש און געהערט דעם גאון האלטען א מוסר־דרשה פאר'ן פאלק. ער האט ביים עולם ממש צוגענומען די נשמה מוסר'נדיג זיי און אויסמאהלענדיג מיט לעבעדיגע פארבען אלע יסורי גיהנם, וואס זיי וועלען האבען אויסצושטעהן פאר זייערע גרויסע זינד.

„וואס ווילט איהר נעבעך האבען פון דעם ארימען, געפלאגטען פאלק ישראל? — האט זיך צו איהם דער רבי אנגערופען. — וואס פערביטערט א י ה ר נאך זייער שוין סיי־ווי פערביטערט לעבען? וואס דארפט א י ה ר זיי נאך שטראפען? זיינען זיי דען שוין ניט גענוג געשטראפט פון זיין ליבען נאמען? אויב ס'ווילט זיך אייך דוקא מוסר זאגען, טא געהט, זייט מוחל, טאקע צו איהם, צו זיין ליבען נאמען אליין, און מוסר'ט איהם גוט

אוים, פֿאַרוואָס ער טהוט אַז זיין פֿאָלק אַזוי פיעל צרות. פרעגט איהם א שאלה, צי זיינען טאַקע באמת די אידען ערגער פון כל הפעלקער שבעולם, וואָס אויף זיי איז געפֿאַלען דער גורל צו זיין דער שעיר לעזאזל פון דער גאַנצער וועלט?"

דיזע דבורים האָבען אָבער ניט געדיענט, חלילה, דעם גאון צו בעליידיגען, נור כדי מלמד זכות צו זיין אויף די אידען, און, אגב, צו ווייזען דעם גאונ׳ישען מתנגד דעם חילוק צווישען דער השקפה פון מתנגדים און די השקפה פון חסידים אויף דעם פערהעלטניס צווישען די כנסת־ישראל און דעם אבינו שבשמים.

## 10

# דעם זעהער'ס אָפּענע אויגען

דערצעהלט זיינע חברים אין ליזענסק וואָס די כלה טהוט אין לאַנצוט. — מען דאַרף קענען ליינען אַ קוויטעל. — ער זאָגט אויס אַ סוד פונ'ם חדר. — דער קצב האָט אַ לוסטיגען יום־טוב. — די פּגישה מיט'ן בערדיטשעווער. — די סמיכה פונ'ם רבי'ן ר' ברוכ'ל אַלס „חוזה".

בעת דער לובלינער איז געזעסען צוזאמען מיט זיינע חברים, א שבת פאר זיין צווייטער חתונה, ביי דער פאַרשפּיעל־סעודה און געשמועסט מכח גרויסע ענינים, האָט ער פּלוצים אַבגעהאַקט דעם שמועס, זיך אויף א ווײַלע פערטראַכט, מיט אָפענע, שאַרף־קוקענדע אויגען, ווי איינער וואָס קוקט עפּעס זיך אזוי גלאט אין דער וועלט אריין, און דאַן זיך געווענדעט צו זיינע חברים זאָגענדיג: כ'האָב געוואָלט זעהן וואָס ס'טהוט זיך איצט אין דער כלה'ס הויז אין לאַנצוט (ער איז דעמאָלט געווען ביי זיין רבי'ן אין ליזענסק). ער האָט זיי אויך געזאָגט אַלעס וואָס ס'קומט דאָרט פאָר איצט אין דיעזער מינוט.

„וואו האָסטו דען גענומען אָט דיעזען הימלישען כח?" — האָבען איהם זיינע חברים געפרעגט.

— איך בין געבאָרען געוואָרען מיט א כח־הראיה צו זעהן פון איין עק וועלט ביז צו דער אנדערער — האָט ער זיי דעמאָלט ערקלעהרט — נאָר אזוי ווי כ'האָב שפּעטער דערפיהלט, אז דאָס שטערט מיר צו עבודת־הבורא, האָב איך מיך גע־בעטען ביי זיין־ליעבען־נאָמען, ער זאָל פון מיר אָט דיעזע מדרגה צונעהמען. „תפלה עושה מחצה", מיין תפילה איז נור למחצה (טיילווייז) אָנגענומען געוואָ־רען. ביז פיער הונדערט מייל אין דער לענג און אין דער ברייט (ד' מאות פרסאָ על ד' מאות פרסא) זעה איך אזוי קלאָהר, ווי אין מיינע ד' אמות. ווייטער פון דיעזען שטח זעה איך שוין שוואַך, ווי איינער וואָס קוקט דורך א זיפּ.

דער בעלזער צדיק ר' שלום פלעגט זאָגען: „א „קוויטעל" ליינען מוז מען קענען. איך האָב דאָס געלערענט ביי מיין רבי'ן אין לובלין. ער פלעגט מיר ווייזען אינ'ם קוויטעל פון זיינס א חסיד, פון וואַנעט דעם מענשענ'ס „שורש נשמה" איז; וויפיעל מאָל ער איז שוין מגולגל געוואָרען און וואָס ער האָט פוגם געווען און קאַליע געמאַכט אין יעדען גלגול; וועלכער חטא ס'איז ביי איהם אן עצמיות, א מין געוואָהנהייט פון וועלכער ער קען זיך ניט אָבגעוועהנען, און וואָס פאר א מצוות ער האָט מקיים געווען. דאָס אַלעס פלעגט ער מיר ווייזען

אין דעם נאמען וואס איז אנגעשריבען אין קוויטעל. ער האט דעריבער געהאט א טבע לאנג אריינצוקוקען און זיך צו פערטראכטען אינ'ם קוויטעל פון אן אדם כשר, א ירא שמים, בעת אין א קוויטעל פון א חוטא, האט ער קוים וואס דרינען א בליק געטהאן און תיכף עס אוועקגעלעגט אויס דער האנד, כדי ער זאל ניט זעהן דעם גנות, דאס געמיינהייט פון דעם מענשען".

ער האט ניט געהאט קיין טבע מגלה צו זיין דעם מענש זיינע חטאים איהם מביש צו זיין, ווי למשל, ר' מאיר'ל פרעמישליאנער פלעגט זיך נוהג זיין. אדרבה, ער פלעגט זיך מאכען כאילו לא ידע, מיט'ן חוטא איינ'טעהנ'ן, און מיט זיינע דבורים איהם מחזיר למוטב געוועזן. בדרך יוצא מן הכלל האט ער אמאל יא מגלה געוועזן, כלאחר יד, זיין חסיד'ס א גרויסען חטא.

בעת דער לובלינער האט נאך געוואוינט אין לאנצוט, איז צו איהם געקומען א דארפסמאן, א בעקאנטער עושר, און דוקא גראד ניט קיין גראבער יונג, און האט פאר'ן רבי'ן אנידערגעלעגט א קוויטעל מיט א פדיון. ווי דער סדר איז פון אלע גוטע אידען, האט דער לובלינער געלייענט דאס קוויטעל ניט מיט'ן מויל נור מיט די אויגען. קומענדיג צום לעצטען זאץ פונ'ם קוויטעל וואו ס'איז געשטאנען געשריבען אט דיעזע ווערטער: „יתפלל נא הצדיק לה' שיעזור לי ולכל בני משפחתי" (דער צדיק זאל מתפלל זיין צו השם־יתברך ער זאל העלפען מיר און אלע קינדער פון מיין פאמיליע) האט דער צדיק אנגעהויבען צו לייענען אויף א הויך קול, נור די ווערטער: „בני משפחתי", האט ער געלייענט מיט אנ־דערע נקודות, דורך וועלכע די צוויי ווערטער האבען בעקומען א בעדייטונג, אז ס'מיינט „מיינע קינדער פון מיין דיענסט".

דער דארפסמאן, וועלכער האט די ווערטער גוט פערשטאנען, איז גע־ווארען דערצייטערט. ער האט אנגעהויבען ביטער צו וויינען און זיך מודה געווען פאר'ן רבי'ן, אז ער האט שוין פיעל יאהרען צו טהאן מיט זיין גוי'שע דיענסט, וועלכע האט אויך פון איהם עטליכע קינדער. „גיט מיר, הייליגער צדיק, ארויס עפעס א תשובה", האט ער זיך געבעטען מיט א ביטער געוויין ביים צדיק.

דער לובלינער האט זיך פאר א ווײלע פערטראכט, דאן האט ער צו איהם געזאגט: ס'וואלט געווען פון זיי אויסגעוואקסען גרויסע רשעים, שונאי ישראל, אבער כ'האף צו השם יתברך, אז ס'וועט ניט קומען דערצו, באם, אז דו וועסט מהיום והלאה זיך אויפפיהרען בדרך הישר.

ביים לאנצוטער קצב האט זיך עטליכע מאל געטראפען, אז די בהמות וואס ער האט געקוילעט זיינען טרפה געווארען. דער קצב, וועלכער, איז סיי ווי ניט געווען קיין עושר, האט דאדורך פערלארען אלעס וואס ער האט פערמאגט. געבליבען איז איהם נאך איבער צוויי בהמות, וועלכע ער האט זיי געהאלטען צו שעכטען אויף א יום־טוב. מיט א צובראכען הארץ איז ער אריינגעגאנגען צום רבי'ן זיך מתיעץ צו זיין וואס ער זאל טהאן, צי זאל ער זיי קוילען אויף יום־טוב אדער פערקויפען. ער האט זעהר ביטער געוויינט, ערקלעהרענדיג, אז באם דיעזע צוויי קיה וועלען ווערען טרפה, האט ער ניט מעהר פון וואס צו לעבען.

— הער מיך אויס וואס כ'וועל דיר זאגען, נור דו זאלסט איצט קיינעם דאס

ניט דערצעהלען — האט דער לובלינער געזאגט צום קצב — איידער דו וועסט געהען שעכטען א בהמה. שרייב מיר אויף אויף א שטיקעל פאפיער ווי אזוי זי זעהט אויס און וואס פאר א סימן מובהק זי האט אויפ'ן קערפער, דאן וועל איך דיר זאגען, אויב זי וועט זיין כשר אדער טרפה.

א לאנגע צייט האט דער קצב אזוי געטהאן און דער רבי האט פון קוויטעל אראבגעלייענט „כשר" אדער „טרפה", טיילמאל האט ער געזאגט, אז די בהמה האט א „שאלה", און ער קען ניט וויסען, ווי אזוי דער שוחט אדער דער רב וועט פסק'ענען, מחמת „לא בשמים היא", די תורה איז ניט אין הימעל, דארט ווייסט מען אויך ניט ווי אזוי א „שאלה" וועט ערקלערט ווערען פונ'ם רב אויף ד ע ר וועלט.

בעת דער רבי ר' איציק'ל איז שוין געווען אין לובלין, איז אמאל צו איהם געקומען דער בערדיטשעווער צדיק צו גאסט. בשעת די ביידע צדיקים האבען זיך געזעגענט, האט דער בערדיטשעווער געפרעגט דעם לובלינער אט דיזע ווערטער:

— מיר האבען געהערט אז איהר זאגט רוח־הקודש, האט איהר דאס געזעהען ביי אונזערע רביים אדער ביי אונז?

— אז איהר הייסט מיר ניט זאגען וועל איך מעהר ניט זאגען — האט איהם דער לובלינער געענטפערט.

— איהר מעגט, איהר מעגט זאגען רוח־הקודש — האט דער בערדיטשעווער מסכים געווען.

נאכדעם ווי דער בערדיטשעווער איז אוועקגעפאהרען, האט איהם זיין זוהן ר' יוסף געפרעגט:

— וואס וואלט דער טאטע געווען געטהאן, ווען דער בערדיטשעווער וואלט איהם ניט געווען געהייסען זאגען רוח־הקודש, וואלסטו איהם געווען געפאלגט משנה צו זיין פון א דרך, וואס דער טאטע פיהרט זיך שוין כמה וכמה שנים?

— כ'האב דאך אבער געזעהן ברוח־הקודש, אז ער וועט מיך י א הייסען זאגען — האט איהם דער פאטער געענטפערט.

אין שיניאווע איז געווען א לובלינער חסיד, אן עושר, וועלכער פלעגט דעם לובלינער אפט שיקען מתנות. אמאל האט דיזער עושר מיטגעגעבען א מתנה צום רבי'ן דורכ'ן שינאווער רב ר' משה טייטעלבוים (שפעטער דער בעריהמטער אוהעלער גאון און צדיק), וועלכער איז דאמאלט געפאהרען קיין לובלין אויף שבת. בעת דער רב איז געפאהרען אויפ'ן וועג, האט ער זיך דערמאנט דעם מאמר פון דער גמרא: „כל המביא דורן לתלמיד חכם כאלו הקריב בכורים", אז ווער ס'ברייננגט א מתנה צו א תלמיד־חכם איז גלייך ווי ער וואלט געבראכט בכורים (ערשט־צייטיגע פירות) אין בית־המקדש אריין. ר' משה האט זיך ממש מחיה געווען מיט דיעזען מאמר, מחמת די גמרא זאגט ניט „כל הנותן דורן", ווער ס'גיט די מתנה, נאר „כל המביא" ווער ס'ברייננגט זי, דער האט די מצוה. „יהי רצון, האט דער שיניאווער רב מתפלל געווען, אז ס'זאל ביי השם־יתברך אזוי חשוב זיין גלייך כ'וואלט פאר איהם מקריב געווען בכורים".

בשעת קבלת־שלום, האט דער שינאווער רב איבערגעגעבען די מתנה צום

לובלינער. דער לובלינער האָט זי צוגענומען צו דער נאָז, געשמעקט צו איהר, זאָגענדיג: „אָה, עס שמעקט מיט א ריח פון בכורים. נאָר וואָס פאַר א חידוש, אז ר' יעקב חסיד איז דער שיקער און דער שיניאָווער רב דער ברענגער!"

דער רבי ר' ברוכ'ל פון מעזיבוש, דעם בעל־שם'ס אן אייניקעל האָט ניט ליעב געהאַט די פוילישע רביים, ער האָט צו זיך אפילו ניט געוואָלט צולאָזען זייערע חסידים. פונדעסטוועגען האָט ער פונ'ם לובלינער געהאַלטען עולם ומלואו, ער האָט איהם ניט אנדערש גערופען נור „דער פוילישער חוזה", אפילו נאָכדעם, ווי ס'האָט זיך געמאַכט צווישען זיי סכסוכים.

דעם נאָמען „חוזה", האָט דער לובלינער דערהאַלטען פונ'ם רבי'ן ר' ברוכ'ל דורך אז עובדא.

בעת דער לובלינער איז דאָס ערשטע מאָל געווען אין מעזיבוש ביים רבי'ן ר' ברוכ'ל, האָט איהם דער מעזיבושער געוואָלט אויספּרואווען, אויב ס'איז אמת, אז דער יונגער פוילישער רבי האָט אָפענע אויגען.

ערב שבת, פלעגט ר' ברוכ'ל זיך ניט טובל זיין אין א מקוה ווי אנדערע רביים, נאָר ער פלעגט ארויספאָהרען אין זיין קאַלעסע צום טייך אונטער דער שטאָדט און זיך דאָרט טובל געווען. ער האָט דעריבער מכבד געווען דעם לובלינער ער זאָל מיט איהם צוזאַמען פאָהרען צום טייך זיך טובל צו זיין לכבוד שבת. אויפ'ן וועג, איז ר' ברוכ'ל געווען זעהר פערטראַכט אין זיינע הייליגע געדאַנקען, מיחד צו זיין די יחודים וואָס זיינען נויטיג צו דער טבילה לכבוד שבת. פּלוצים האָט ער זיך ווי „ראָזדראָכעט" און א פרעג געטהאָן דעם לובלינער כהאי לישנא:

— די וועלט זאָגט אויף אייך, אז איהר זייט א חוזה. וואָס פיהלט איצט, דער פוילישער חוזה?

— דעם אויר פון ארץ ישראל — האָט איהם דער לובלינער געענטפערט.

קוים זיינען זיי אביסעל ווייטער געפאָהרען, האָט דער מעזיבושער ווייטער געפרעגט:

— און וואָס פיהלט איהר איצט?

— דעם אויר פון ירושלים — איז געווען די תשובה.

אריינקומענדיג אין דער מחיצה נעבען דעם טייך, וועלכע איז געמאַכט געוואָרען פאַר'ן מעזיבושער זיך אויסצוטהאָן, האָט ער איהם ווידער געפרעגט דיזעלבע שאלה.

— די קדושה פון בית המקדש — האָט ער געענטפערט.

בשעת טבילה אין טייך, האָט דער מעזיבושער איהם ווידער געפרעגט:

— אין וואָס זענט איהר אייך איצט טובל?

— אין דעם טייך פונ'ם ריינעם באַלזאַם־אויל — איז געווען די תשובה.

דער רבי ר' ברוכ'ל האָט איהם דעמאָלט א קוש געגעבען אין שטערן, זאָגענדיג צו איהם:

— עס איז אמת ויציב, איהר האָט א קלאָהרע ראיה און א שאַרפע הרגשה: איהר זענט אן אמת'ער חוזה.

## 11

# זאָגט איהם דעם צווייטען זיווג ביים ווייב׳ס לעבען

א חסיד א ברען. — א רבי וואָס גיט זיך ניט אָב מיט מופתים. — א ווייב וואָס דער מאָן איז ביי איהר טהייערער ווי עולם הבא. — ניט יעדער צדיק האָט דעם זעלבען כח. — דער צדיק א שדכן. — דער יום־כפור׳דיגער חלום. — א כשר׳ער טויט. — ער איז מציל די תורה מיט׳ן אתרוג.

איבער דעם לובלינער׳ס אפענע אויגען דערצעהלען זיך חסידים אט דיזע וואונדערליכע מעשה:

אינ׳ם שטעדטעל סערעט ביים פרוט האט געוואוינט א איד א חסיד, ר׳ בנימין, וועלכער איז געווען א גרויסער בעל־מות, א שטיק גוטער־איד. געפאהרען אלס חסיד איז ער נור צום צדיק ר׳ חיימ׳ל טשערנאוויצער, דער מחבר פונ׳ם ספר „סדורו של שבת״, וועלכער האט איהם ליעב געהאט אהבת נפש.

בעת דער טשערנאוויצער רב ר׳ חיים איז אויף דער עלטער אוועק־געפאהרען קיין ארץ־ישראל, איז זיין געליעבטער חסיד ר׳ בנימין געפאהרען איהם בעגלייטען ביז יאסי, אין רומעניען. דארט האט זיך ר׳ חיימ׳ל אבגע־שטעלט פאר א ווייל, כדי צו בעזוכען דעם אפטער צדיק, ר׳ אברהם יהושע העשיל, וועלכער איז דעמאלט געווען רב אין יאסי.

ביים געזעגענען זיך האט ר׳ בנימין ביטער געוויינט, אויסרופענדיג: „הייליגער צדיק, וואו לאזט איהר מיך איבער? איך בלייב דא ווי א שאף אהן א פאסטוך!״

„אל תירא — האט איהם ר׳ חיימ׳ל געענטפערט — איך לאז דיך איבער אין גאנץ גוטע הענט. מהיום והלאה איז דער אפטער צדיק, וואס וואוינט היע אין יאסי, דיין רבי מובהק, ביי איהם וועסטו געפינען דאס אמת׳דיגע מנוחת הנפש״.

„אבער, טהייערער רבי, א י י ך וועל איך דאך ניט האבען די זכיה מעהר צו זעהן, ועל אלה אני בוכיה, אט דעריבער פערקלעמט מיר אזוי ביים הארץ.״

„מבטיחך אני, כ׳בין דיר מבטיח — האט דער צדיק ר׳ חיימ׳ל געזאגט צו ר׳ בנימין — אז בטרם שתמות, איידער דו וועסט שטארבען, עוד תראה את פני, וועסטו מיך נאך זעהן (ר׳ חיימ׳ל טשערנאוויצער האט נור געשמועסט אין לשון קודש).

און ר' בנימין איז געווארן דעם אפטער'ס א פערברענטער חסיד און האט טאקע ביי איהם געפונען זיין מנוחת הנפש, פיהלענדיג, אז דא האט ער געטראפען א רבי'ן, א מורה דרך, ווי ער האט זיך אליין געוואונשען.

ר' בנימין איז שוין דעמאלט געווען א איד אין די מיטעלע יאהרען, אבער א חשוך בנים, לא עלינו, קיין קינדער האט ער ניט געהאט. ווען ער פלעגט מפציר זיין ביי זיין פריהערדיגען רבי'ן ר' חיימ'ל, ער זאל מיט זיינע תפלות פועל'ן ביי השם־יתברך, אז זיין ווייב זאל געהאלפען ווערען מיט א בן־זכר, האט איהם דער רבי תמיד מדחה געווען, ענטפערענדיג: „מיר דארפען דיענען צו השם־יתברך „שלא על מנת לקבל פרס", אהן שום וועלכע טענות צו זיין ליעבען נאמען, אז ער זאל אונז פאר אונזער עבודה עפעס בעצאהלען. איך קען דיר גאר ניט העלפען. על פי דין דארפסטו דיך גט'ן מיט'ן ווייב און חתונה האבען מיט א בת־בנים; דו מעגסט זי אפילו גט'ן בעל כרחה, געגען איהר ווילען; איך זאג דיר אבער אן, אז דו זאלסט זיך פון איהר ניט שיידען נור ברצון טוב, מיט איהר אמת'ע הסכמה."

ר' בנימינ'ס ווייב האט אבער בשום אופן ניט געוואלט מסכים זיין זיך צו שיידען פון אזא טהייערען אוצר ווי איהר מאן; ס'האט אויך ניט געהאלפען זיין הבטחה, אז באם זי וועט זיך גט'ן ברצון טוב, וועט ער איהר פערשרייבען מיט א קנין, אחוץ זיין גאנץ פערמעגען פון דער־וועלט, אויך א האלב חלק אין זיין עולם־הבא. ער האט שוין דעריבער כמעט אויפגעגעבען די האפנונג איבערצולאזען נאך זיך א קדיש.

איצט, אז ר' בנימין האט בעקומען א נייעם רבי'ן, א צדיק פון אז אנדער מין, וועלכער ווייזט שוין יא מופתים און פועל'ט שוין אוים ביי השם־יתברך פערשידענע בקשות, איצט האט זיך בעניים זיין האפנונג צו האבען א ישועה דורכ'ן רביג'ס תפילות. נאכדעם ווי ער האט זיך שוין געפיהלט מעהר היימיש ביים צדיק, האט ער אנגעהויבען איהם צו דערקוטשען, ער זאל מתפלל זיין פאר זיין ווייב, זי זאל נפקד ווערען מיט א זרע של קימא.

„פאהרט קיין לובלין — האט צו איהם דער אפטער איין מאל געזאגט, — דארט, ביים חוזה, קענט איהר עפעס פועל'ן. איך קען אייך אין דעם ענין גאר ניט העלפען. עס איז צו שפעט."

און ר' בנימין איז געפאהרען קיין לובלין.

אזוי ווי ר' בנימין איז אריינגעקומען אין לובלינער'ס חדר מקבל פנים צו זיין, האט זיך דער צדיק אויפגעהויבען פון זיין זיץ, שטעהענדיגערהייט איהם געגעבען א ברייטען, פריינדליכען „שלום עליכם", בעמערקענדיג שטי־לערהייט צו זיינע מקורבים:

„מען מוז דרך־ארץ האבען פאר א איד, וועלכער טראגט א ספר־תורה אין דער רעכטער האנד און אן אתרוג אין דער לינקער, ארומגערינגעלט מיט מצוות."

די מקורבים האבען זיינע דבורים לחלוטין גאר ניט פערשטאנען: דעם צדיק טאר מען אבער ניט איבערפרעגען.

נאכדעם ווי דער רבי האט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין שטוהל, האט ער זיך אנגערופען צו ר' בנימינ'ען:

„איהר וועט מיר מוחל זיין וואס איך בין ניט איצט ביי דער בחינה צו לייענען אייער קוויטעל און אויסצוהערען אייער בקשה. איך בין גראד איצט טרוד מיט א פדיון־נפש פון א חולה פון יאסי. איהר האט דאך אודאי געהערט פון דעם גרויסען גביר ר' מיכל דניאל פון יאסי. זיינער א ברודער איז א חולה מסוכן, איך דארף פאר איהם מתפלל זיין, דעריבער קען איך ניט אויסהערען קיין אנדערע ענינים, כדי צו זיין ביכולת מצמצם צו זיין אלע מיינע מחשבות צו איין נקודה. קומט, זייט מוחל, מארגען אין דער פריה, וועל איך אייך געבען צו אייער בקשה א תשובה הגונה."

ר' בנימין האט די גאנצע נאכט ניט געקענט שלאפען פאר גרוים התפעלות. עפעס איז איהם דאס בענעהמען פון צדיק אויסגעקומען פליאה'דיג. וואס האט דער צדיק איהם בעדארפט דערצעהלען מיט וואס פאר א פדיון־נפש ער איז פערנומען? בעזונדערס איז ער אבער נתפעל געווארען פונ'ם לובלינער'ס קלארע הבטחה, אז מארגען וועט ער איהם געבען א תשובה הגונה אויף זיין בקשה. אזעלכע דבורים האט ער ביי זיינע רביים קיינמאל ניט געהערט.

דעם צווייטען טאג, אזוי ווי דער לובלינער האט איבערגעלייענט ר' בנימינ'ס קוויטעל, האט ער זיך צו איהם אנגערופען:

„מיין תפלה מכח ר' מיכל דניאל'ס ברודער איז געווען א „תפלה מטורפת", די דבורים זיינען ניט ארויסגעקומען פון מיין מויל ווי ס'קעהר צו זיין, איך האב געהאט א בלבול הדעת, א צורודערטקייט, א סימן, אז דער חולה איז שוין געשטארבען. ובכן, זאלט איהר וויסען, ר' בנימין, אז זיין אלמנה איז אייער זווג. מיט דיזער פרוי וועט איהר האבען בנים ובנות און ברכה והצלחה. פאהרט מיר לחיים ולשלום."

ווי א דונער האבען דיזע דבורים פועל געווען אויף ר' בנימינ'ען. ער ווייסט, אז ער האט איבערגעלאזט זיין ווייב אין סערעט פריש און געזונט. און פלוצים שלאגט איהם דער חוזה גאר אן א שידוך מיט א יאסיער אלמנה. אויף אזא מעשה האט ער זיך גאר ניט געריכט. ער איז אהיים געפאהרען פון לובלין שטארק צורודערט.

באלד נאכדעם ווי ער איז אהיים געקומען איז זיין ווייב קראנק געווארען און געשטארבען. ר' בנימין האט שפעטער חתונה געהאט מיט דער יאסיער אלמנה, וועלכע האט איהם געבוירען א זוהן און א טאכטער. ער האט אויך געהאט הצלחה אין זיין מסחר פון שניט־סחורה, ווערענדיג דער גרעסטער סוחר אין דער גאנצער געגענד.

ר' בנימין האט געהאט א מנהג כל ימי חייו יום כפור ביינאכט אויפצוזיין אין שוהל, ניט אמאל קיין אויג צו צוטהאן. אין די נאכט פון יום כפור תקפ"ד, האט זיך ר' בנימין געפיהלט זעהר שוואך, ניט זייענדיג מעהר אימ־שטאנד אויפצוזיין א גאנצע נאכט. דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען איז ער אהיים געגאנגען שלאפען. אין דער פריה האט ער דערצעהלט צו זיינע בעקאנטע אין דער שוהל, אז ער האט זעהר מורא ס'זאל דאס יאהר מיט איהם ניט עפעס געשעהן, מחמת ער האט ביינאכט געזעהן אין חלום זיין רבי'ן ר' חיימ'ל טשערנאוויצער, וועלכער איז שוין עלף יאהר אויפ'ן עולם האמת.

זיינע חברים האבען איהם מטיב־חלום געווען, און ס'איז איהם גרינגער געווארען אויפ'ן הארצען.

די ערשטע נאכט סכות איז ר' בנימין געשלאפען אין סוכה, ווי זיין סדר פלעגט זיין כל ימי חייו. ביינאכט האט ער דערהערט א גרויסען רעש. ער האט זיך אויפגעכאפט און דערזעהן אז די גאנצע שטאדט שטעהט אין פייער. ער איז גיך געלאפען פון דער סוכה אין זיין געוועלב אריין, שנעל אויפגעעפענט די אייזערנע טהיר און אריינגעלאפען עפעס ארויסצוראטעווען. בינו לביני האט זיך דאס ווייב אויך אויפגעכאפט, און דערזעהענדיג די גרויסע שרפה איז זי ארויסגעלאפען און געטראפען די טהיר פון געוועלב שטעהען אפען. זי האט גיך די טהיר פערשלאסען אין שרעק, ניט וויסענדיג אז ר' בנימין איז אינוועניג. דאס פייער איז כסדר צוגעקומען נעהנטער, און דער עולם האט זיך ארומגעזעהן אז ר' בנימין פעהלט. דאן האט זיך די פרוי דערמאנט, אז זי האט די טהיר פון געוועלב געפונען אפען, און ס'קען גאר זיין א סברא, אז ר' בנימין איז אינוועניג.

אין איילעניש האט מען געעפענט דאס געוועלב און זיך ארומגעקוקט. אין א ווינקעל האט מען דערזעהן ר' בנימינ'ען זיצען אויף א בענקעל, האלטענדיג א ספר־תורה אין זיין רעכטע האנד און דעם אתרוג אין זיין לינקער, זייענדיג האלב טויט. מען האט געפרובט איהם צו ראטעווען, ער איז אבער באלד געשטארבען אונטער די הענד.

אין דער גרויסער שרפה האט ער זיך לחלוטין ניט אינטערעסירט צו ראטעווען די פאמיליע אדער זיין פערמעגען; קודם כל איז ער געלאפען ארויסראטעווען די ספר־תורה מיט'ן אתרוג, און איז דערביי אומגעקומען.

און דאס האבען דעם ז ע ה ע ר ' ס אויגען אין פאראויס געזעהן.

## 12

# דעם צדיק'ס ווירקונג אויף מתנגדים

מתנגד'ישע גאונים ווערען חסידים. — אַ ויכוח צווישען אַן אײדעם און אַ שווער. — טרעפט צו זײן מחשבה אין מיטען שמונה־עשרה. — פון אַ הײסען מתנגד צו אַ פערברענטען חסיד. — דעם צדיק'ס תורת. — אַ קוק פון אַ גוטען־אידען.

צווישען אַלע חסידישע רביים, איז ניטאָ קײן אײנציגער רבי, וועלכער זאָל געווען האָבען אַזוי פיעל גאונ'ישע תלמידים ווי דער לובלינער. ער האָט געהאַט אַן אונגעהײערען כח המושך. טאָמער האָט וועלכער ס'איז גאון, ווי באַלד ער איז נאָר ניט געווען קײן להכעיס־מתנגד, זיך געלאָזט איבעררײדען צו פאָהרען צום לובלינער, כדי צו זײן אַ „תוהה על קנקנו", צו זעהן וואָס פאַר אַ מין סחורה דאָס איז, איז מעהר קײן ספק ניט געווען, אַז ער וועט שוין פערבלײבען אַ חסיד, טײלמאָל טאַקע אויך אַ רבי, פאַר כל ימי חייו.

עס איז ממש קוים צום גלויבען, ווי אַזוי אַזעלכע גאונים ווי ר' ליבוש ווישניצער, דער בעל מחבר פון „גבורות ארי", ר' ליבוש לאַנצוטער, דער בעל מחבר פונ'ם „חומת אריאל", ר' יעקעלי גלאָגאָווער, דער בעל מחבר פונ'ם „מלא הרועים". זײנען פלוצים געוואָרען פערברענטע חסידים, בײ וועמען אַ בלויזער דבור פונ'ם לובלינער איז געווען אַ תורה שלמה. כדי צו קענען צו־זאַמענהאַלטען אַזאַ מין גאונ'ישע הבריא, בעלי מוחות, מוז מען האָבען באמת אַן איבערנאַטירליכען כח.

אָבער דאָס גרעסטע חידוש איז, ווי אַזוי אַזאַ גאון עולם ווי דער אוהעלער רב, דער בעל מחבר פון „השיב משה", אַן אויסגערופענער מתנגד, ווי ער איז געוואָרען צוגעקלעפּט צום לובלינער און שפּעטער אַלײן געוואָרען אַ רבי מפורסם, פון וועמען עס איז אַרויסגעקומען אַ גאַנצער דור פון רביים ביז צום הײנטיגען טאָג.

דער אוהעלער גאון איז געווען דער שוועהר פון דעם גאון ר' ליבוש וויש־ניצער. נאָכדעם ווי דער שוועהר האָט זיך דערוואוסט, אַז זײן אײדעם איז פלוצים געוואָרען אַ חסיד, האָט ער געשריעבען אַ בריעף צום אײדעם, איהם גוט אויסגעשטראָפט איבער זײנע נײע דרכים, פרעגענדיג איהם: סטײטש, ווי כ'האָב געהערט, דאַווענסט דו שפּעט, ביזט עובר זמן תפלה, נעגען די דינים

פון שלחן ערוך. ווייסטו דען ניט אז דער וואס גענהט ארויס פון שלחן ערוך איז א יורד לגיהנם?

„כ׳וויים עס שוין גוט, שוועהר, האט איהם דער איידעם געענטפערט. איהר דאוועגט פריה, מיט בערל שוסטער, חיים יוחנן באדנער, וואוועטשי שינ־דער, טודרוס לאטוטניק, איהר אלע וועט זיצען אין גן־עדן, בעת איך מיט דעם לובלינער, דעם קאזניצער, דער רימאנאווער און טאקע דער בעל־שם בכלל, וועל־כע האבען געדאווענט און דאווענען נאך היינט שפעט, נאכ׳ן זמן קריאת־שמע, מיר אלע וועלען זיין אין גיהנם. ס׳איז אבער בעסער צו זיצען צוזאמען מיט מיינע רביים און חברים אין גיהנם איידער צוזאמען מיט אייער חברה אין גן־עדן״.

דער אוהלער גאון, וועלכער איז דעמאלט נאך געווען רב אין שינאווע, איז ערשטוינט געווארען צו הערען אזעלכע דבורים פון זיין איידעם א בעל־מוח און א גאון. ער האט זיך אנגעכאפט ביים קאפ און געוויינט פאר גרוים צער, בעטראכטענדיג דעם איידעם אלס א מין יוצא לתרבות רעה. ער האט דעריבער בעשלאסען צו פאהרען קיין ווישניץ צום איידעם, כדי מקיים צו זיין די מצוה פון „הוכח תוכיח״, איהם פערזענליך אבצו׳מוסר׳ן, און באם ער וועט איהם ניט פאלגען, זאל ער זיך פון איהם אינגאנצען אבזאגען אלס שוועהר און מיט איהם ניט מעהר האבען קיין שום מגע ומשא כל ימי חייו.

דער אוהעל׳ער גאון איז געווען א שרעקליכער שונא פון די חסידישע רביים. בעת ער איז נאך געווען א רב אין שינאווא, איז אמאל דער עלטעסטער און גרעסטער רבי אינ׳ם דור, דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק וועלכער איז גראד געווען אלס א גאכט אין שינאווא, פערבייגעגאנגען פאר׳ן רב׳ס הויז, בעת דער רב איז געשטאנען אין דרויסען בײַ דער טהיר. דער רב, ר׳ משה טייטעלבוים, האט אפילו ניט געוואלט אויסשטרעקען די האנט, כדי צו געבען „שלום״ דעם גרעסטען הסידישען רבי׳ן. עס איז דעריבער לייכט צו פער־שטעהען, וויביעל צער דער אוהעל׳ער גאון האט געהאט פון דעם, וואס זיין איידעם איז געשטרויכעלט געווארען צו ווערען פלוצים א חסיד.

זייענדיג ביים איידעם אין ווישניץ און צוזעהענדיג זיין עבודה אין תורה און תפלה, איז דער גאון אביסעל ווייכער געווארען. ר׳ ליבוש האט געפרובט איהם געבען צו פערשטעהן וואס עס מיינט א חסידישער רבי. ר׳ משה האט עס אבער באין אופן ניט געקענט משיג זיין און פערלאנגט פונ׳ם איידעם ער זאל דאס חסידות אוועקווארפען און אויפהערען צו פאהרען קיין לובלין.

„איך וועל אייך פאלגען, שוועהר, האט צו איהם דער איידעם געזאגט. נאר מיט איין תנאי, איהר זאלט איינמאל מיט מיר מיטפאהרען קיין לובלין און באם איהר וועט פערבלייבען ביי אייער מיינונג און מיר ניט הייסען ווי־טער פאהרען וועל איך אייך פאלגען. איהר קענט דאך ניט דן זיין א רבי׳ן שלא בפניו״.

ר׳ משה טייטעלבוים האט דערצו מסכים געווען.

זייענדיג שבת אין לובלין האט זיך איהם געטראפען א געלעגענהייט צו

זעהן וואס מען מיינט האבען א קלאהרען רוח־הקודש. בעת ר' משה האט גע־דאווענט די שמונה עשרה פון שבת'דיגען שחרית, האט ער זיך דערמאהנט, אז ער האט פערגעסען ארויסצוציהען דאס שליסעלע פונ'ם טיש־קעסטעל, אין זיין סטאנציע, וואו ער האט אוועקגעלעגט ערב שבת דאס געלד פון קעשענע. ער האט זעהר מורא געהאט מען זאל איהם דאס געלד ניט צו'גנב'ענען, און איז דעריבער געווען צורודערט ביי דער גאנצער שמונה עשרה.

ביים טיש, ביי וועלכען דער שינאווער רב איז געזעסען צווישען די אנ־דערע חסידים, האט זיך דער לובלינער פלוצים אנגערופען: „עס קומען צו מיר רבנים, וועלכע ביי דער שמונה־עשרה'דיגע תפלה „ישמח משה", אנשטאט מכוין צו זיין די כונות פון „משה" זיינען זיי גאר מכוין כונות פונ'ם שליסעלע פון א טיש־קעסטעל. דער מענש דארף זיך אבער ביים דאווענען אויפהויבען, שטעהן העכער פון אלע וועלטליכע ענינים, אזוי, אז ער זאל גאר ניט זיין ביכולת צו האבען א בלבול הדעת וועגען א נארישע פאר גולדען".

נאכדעם ווי ר' משה טייטעלבוים איז האַרט פערבליבען א היבשע צייט, און זיך איבערצייגט ניט נאר אין דעם רבינ'ס רוח־הקודש, נאר איבערהויפט אין דער גרויסקייט פון זיינע דרכים, איז ער געווארען איינער פון די טרייעסטע לובלינער חסידים פאר כל ימי חייו.

דאס אלץ האט אבער ניט געהאלפען, אז דער פער'עקשנ'טער ר' עזריאל, דער לובלינער רב, זאל זיך צובויגען צום רבי'ן ר' איציק'ל, כאטש ער אליין האט פון איהם צוגעזעהן מאנכע נפלאות'דיגע זאכען.

דער לובלינער רב ר' עזריאל האט געהאט א זוהן, א תלמיד חכם, ער האט געהייסען אפרים פישעל, און איז געשטאנען אין א שידוך מיט דעם בראדער גאון, ר' אברהם ליב הורוויץ'ס א טאכטער, אן איינקעל פון ר' איציק'ל האמ־בורגער. דער אבי הכלה האט דעריבער געבעטען זיינעם א פריינד א תלמיד חכם ר' דוד פון פיעטרעקאוו, אז ער זאל אריבערפאהרען קיין לובלין פרובען דעם חתן, אויב ער איז ראוי צו נעהמען זיין טאכטער רייזעל. ער האט איהם אויך מיטגעשיקט א כח־הרשאה (פולמאכט), אז באם דער חתן וועט איהם געפעלען, זאל ער תיכף שליסען דעם שידוך און שרייבען תנאים. ר' דוד איז געקומען קיין לובלין געפרובט דעם חתן און אזוי ווי ער האט אויסגעפונען, אז דער חתן איז טאקע א גדול, האט ער געשלאסען דעם שידוך און געשריבען תנאים.

איידער ער איז אוועקגעפאהרען, האט ער געוואלט אויסנוצען די געלעגענ־הייט צו קענען דעם רבי'ן און צו זעהן, אויב ער איז עפעס א תלמיד חכם. ווארום אלס מתנגד, האט ר' דוד פיעטרעקאווער זיך אם מייסטען אינטערע־סירט אויב דער רבי קען גוט לערנען.

אריינקומענדיג צום לובלינער, תיכף אזוי ווי דער רבי האט איהם נאר שלום געגעבען, האט איהם ר' דוד געבעטען דער רבי זאל איהם עפעס זאגען א דבר־תורה.

„נאכדעם ווי שאול האט געהאט ארומגעזוכט די אייזלען דריי טעג און

האט זיי ניט געפונען — האט דער רבי אנגעהויבען — בעת ער האט זיך שוין מיאש געווען פון זיי און געוואלט צוריק א היים געהן, האט צו איהם דער משרת געזאגט: לאמיר געהן צום נביא שמואל, „והוא יגיד לנו את דרכנו אשר הלכנו עליה," און ער וועט אונז זאגען און ערקלעהרען דעם וועג, וואס מיר זיינען געגאנגען. איז דאך די קשיא, וואס שטעהט עפעס א לשון עבר „הלכנו", דעם וועג וואס מיר זיינען געגאנגען, בעת זיי האבען גאר בעדארפט פרעגען מיט א לשון עתיד, וועלכען וועג זיי זאלען געהן, כדי צו גע־פינען די עזלען?

„נאר דער תירוץ איז, אז זיי זיינען לחלוטין גאר ניט געגאנגען פרעגען מכח די עזלען, וועגען וועלכע זיי האבען שוין לאנג מיאש געווען, ניט מעהר געהאפט זיי צו געפינען. דעם נביא האבען זיי געוואלט פרעגען אן אנדער זאך. אזוי ווי יעדער טריט וואס דער מענש מאכט אפילו אהן זיין ידיעה, מוז זיין צו עפעס א געוויסען תכלית, פאר וואס די השגחה האט געפיהרט, אז דער מענש זאל דארט אהין געהן; און אזוי ווי זיי האבען זיך איבערצייגט, אז דייר צוועק און תכלית פון זייער געהן איז ניט געווען צוליעב די עזלען, א והא ראיה, זיי האבען דאך די עזלען ניט געפונען, מן הסתם האט זיי די השגחה געשיקט צו עפיס אן אנדערען תכלית, האבען זיי דעריבער געוואלט פרעגען דעם נביא, ער זאל זיי ערקלעהרען דעם וועג וואס זיי זיינען געגאנגען, דאס הייסט, וואס איז אייגענטליך געווען פון תחילת אן דער תכלית פון זייער געהן. דער נביא האט שאול'ן טאקע ערקלעהרט, אז די השגחה האט איהם גאר געשיקט פאר אן אנדערען צוועק, כדי ער זאל איהם זאלבען פאר א קעניג.

„איהר זייט אהער געקומען שליסען א שידוך. אוים דעם שידוך וועט אבער גאר ניט זיין, מוז דאך ליגען אין אייער אהער קומען עפעס אן אנדערער צוועק. און דאס מוזט איהר אויסגעפינען. פאהרט לחיים ולשלום".

ר' דוד האט דעם גאנצען שמועס ניט פערשטאנען, כאטש די טייטש פונ'ם פסוק איז איהם זעהר געפעהלען. סטייטש, ער טראגט די תנאים שוין אין קע־שענע און דער רבי זאגט, אז ס'וועט פון דעם גאר ניט זיין. ער איז אבער באלד געוואהר געווארען, אז דעם רבינ'ס דבורים זיינען אמת. קוים האט דער בראדער מחותן דערהאלטען די תנאים פון ר' דוד, האט ער איהם זיי תיכף צוריקגע־שיקט און איהם געבעטען ער זאל ווידער צוריקפאהרען אבלאזען דעם שידוך. די סיבה איז ביז היינט ניט בעקאנט. דער שידוך איז בטל געווארען און דער מתנגד ר' דוד איז געווארען א הייסער לובלינער חסיד. איצט האט ער שוין פערשטאנען דעם רבינ'ס דבורים, אז ס'מוז זיין אן אנדער תכלית אין זיין לובלינער נסיעה.

דער תכלית איז געווען צו געפינען א שעת הכושר זיך מרבק צו זיין אין דעם צדיק.

„דערמיט וואס מען קען שידוכים קאליע מאכען איז מען נאך אלץ ניט קיין רבי" — האט דער מתנגדישער גאון בעמערקט ווען מען האט איהם דערצעהלט דעם לובלינערם דבורים.

## 13

# דאָס הימעל־צעטעלע אינ׳ם רבינ׳ס קעשענע.

**דער צדיק פערשעלט די פראַנצויזישע אַרמעע. — ער וויל נישט אַ ישועה דורך אַ רשע. — ער אַרבייט מיט דער חבריא צו ברייגגען די גאולה. — אַ שטיקעל אַרבייט פון אַן אפיקורס. — דעם רבי׳ן קען מען ניט נאַרען. — ער פער־שעלט און האָט חרטה אויף דער קללה. — דעם משומד׳ס תשובה.**

בעת דער מלחמה פון פראנקרייך מיט רוסלאנד, אין יאָהר 1813, האָט דער לובלינער רבי ר׳ איציק׳ל פעראַרבייט מעשים, אז די פראַנצויזען זאָלען כאַפּען אַ מפּלה. ווען ער האָט דערזעהן דעם שונא׳ס חיל דורכמאַרשירען דורך רוס־לאַנד, האָט ער גענומען אַ חומש׳ל אין דער האַנד, אויפגעמישט די „שירה" ביים ים, און זיי נאָכגערופען דיעזען פּסוק: „תפּל עליהם אימתה ופחד בגדול זרועך ידמו כאבן", עס זאָל אויף זיי פאַלען אַן אַנגסט און אַ שרעק, דורך דיין גרויסע גבורה זאָלען זיי פערשטומט ווערען ווי אַ שטיין.

אזוי ווי דער רבי ר׳ מענדעלי פון רימאַנאָוו האָט איהם מודיע געווען, אז וויבאַלד נאַפּאָלעאָן וועט זיעגען, קען ער גורם זיין ס׳זאָל באַלד קומען די גאולה, האָט איהם דער לובלינער צוריק געשריבען דעם פּסוק: „מי יתן טהור מטמא", פון אַ טמא זאַך קען קיין גוטס ניט אַרויסקומען. איך וויל ניט, אז דער „כופר בעיקר" (נאַפּאָלעאָן) זאָל זיין אַ גורם צו דער אידישער ישועה. דאָס געהערט צו די צדיקי הדור.

און ער, דער לובלינער, האָט פון זיין צד געטהאָן איבער׳ן יכולת מקרב צו זיין די גאולה. ער האָט זיך כמה שנים מקדש ומטהר געווען, אָבגעהאַלטען אסיפות מיט זיינע תלמידים מכח דער עבודה, ווי אזוי מעורר רחמים צו זיין צו ברייגגען די גאולה פאַר דער צייט, ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפען, מחמת דער דור איז ניט ראוי געווען דערצו.

ביי איינע פון אָט דיעזע אסיפות האָט זיך געטראָפען אַ מקרה, דורך דער האַנד פון אַן אַפּקורס, וועלכער האָט דעם צדיק גורם געווען גרויס חלישות־הדעת און האָט געמאַכט אַ רעש אויף דער גאַנצער חסידישער וועלט.

איינער פון די גאַר נאָהנטע מקורבים און תלמידים מובהקים פונ׳ם לובלינער, איז געווען דער מגיד פון קאָזמיר, ר׳ יחזקאל, וועלכער איז געווען ביים רבי׳ן אַן „עייל בלא בר", ער האָט געמעגט אריינקומען צום צדיק צו יעדער צייט,

בייטאג און ביינאכט, ניט בעדארפט זיך ביי עמיצען אנצופרעגען און צו נעהמען רשות.

אט דיעזער גרויסער חסיד, אליין אויך א גרויסער צדיק, האט געהאט א זוהן, וועלכער איז, ווי חסידים רופען עס אן, נחמץ (זויער) געווארען. ער האט בסתר, ווען קיינער האט ניט געזעהן, עוסק געווען אין חכמות חיצוניות, און זיך א־סגעלאכט פון חסידות. אזוי ווי ער איז אבער נאך געווען אין פאטער'ס רשות, האט ער ניט געוואגט ארויסצורייךען אפילו א דבר קל, ניט נור אויפ'ן רבי'ן נור אפילו ניט אויף די חסידים. לפנים האט ער אבגעהיט אלע מצוות, געווען זהיר אין אלע חסיד'ישע מנהגים, מיט'ן פאטער מיטגעפאהרען צום צדיק, מיטגעטאנצט און מיטגעזונגען מיט די חסידים, בעת זיין נשמה איז שוין געווען פער'משכנ'ט אין דער האנד פונ'ם בעל־דבר, רחמנא ליצלן.

עס איז א דבר ידוע ביי חסידים, אז זייט דער לובלינער האט אנגעהויבען זיין שווערע עבודה צו ברייגנען די גאולה און מאכען אן עק צום אידישען גלות, האט ער פון זיך אליין אוועקגענומען דעם גאנצען כח־הראיה, דאס הייסט, ער האט זיך ניט מעהר געוואלט בענוצען מיט דעם כח פון זיינע גייסטיגע אויגען צו זעהן דאס, וואס א פשוט'ער בשר ודם קען ניט זעהן. ער איז אין דיעזען ענין געווארען כאחד האדם, געזעהן מיט פראסטע אויגען ווי יעדער בן־אדם. און געטהאן האט ער דאס מחמת מורא, ער זאל ניט חלילה דערזעהן מיט זיינע קלאהרע אויגען אויף די פנים'ער פון די אידען זייערע חטאים, וועט דאס ביי איהם אוועקנעהמען דעם מוטה און דאס התחזקות פון זיין עבודה צו ברייגנען משיח'ן פאר דער צייט. אזוי אבער, ווייבאלד ער האט מיט זיינע אויגען קיין חטאים מעהר ניט געזעהן, איז ער ביכולת געווען מלמד זכות צו זיין אויפ'ן כלל ישראל און אויף זיי מעורר רחמים צו זיין.

אט דאס איז געווען די סיבה, וואס דער לובלינער האט ניט געזעהן וואס ס'טהוט זיך ביים קאזמירער מגיד'ס זוהן אין הארץ און ניט געגעבען דעם פא־טער אן אנצוהערעניש, אז מיט זיין זוהן איז עפעס ניט ווי ס'דארף צו זיין, כדי ער זאל אויף איהם מעהר אכטונג געבען.

בעת דער לובלינער האט אמאל צוזאמענגערופען זיינע גרעסטע חסידים, צווישען זיי ר' יחזקאל קאזמירער, כדי זיך מיט זיי מתיעץ זיין מכח א הויכען ענין פון עבודה פאר'ן צוועק פון מקרב זיין די גאולה, האט דער קאזמירער מגיד מיטגענומען מיט זיך זיין זוהן, כדי איהם אויך מחנך צו זיין אין דער עבודה. אט דער זוהן, וועלכער האט דורכ'ן פאטער'ס זכות געהאט א דריסת הרגל אין אלע חדרים פונ'ם צדיק, האט בעשלאסען ביי זיך אין הארצען אב־צוטהאן דעם רבי'ן א שפיצעל, אז די גאנצע וועלט זאל דערמיט קלינגען.

ער איז געגאנגען צו א גוי'שען חתימה־קריצער און זיך געלאזט מאכען א חתימה, אויף וועלכע ס'איז געווען אויסגראווירט גאט'ס נאמען, דער „שם המפורש". דאן האט ער גענומען פארמיט, אויפגעשריבען פערשיעדענע „שמות" און „צירופים", ווי ער האט זיי געזעהן אין די קבלה־ספרים, מיט פערשיעדענע בילדער מיט משונה'דיגע שריפטען, כדי דאס „קלף־צבי־צעטעלע" זאל הא־

בען אן אויסזעהן ווי א „פיתקא מן שמיא" (א הימעל־צעטעלע. נאך פון אלטע צייטען האט געהערשט ביי די אידען אן אמונה, אז צו די אויסגערופענע צדיקים פאלט אמאל אראב, ביי א זעהר וויכטיגע אנגעלעגנהייט, א הימעל־צעטעלע, איהם מודיע צו זיין עפעס א וויכטיגען ענין). דער אינהאלט פון דער „פיתקא" איז געווען, אז מיט די הסכמה פון די פמליא של מעלה, פון בית־דין הגדול, פון די ראשים איבער אלע ש"י עולמות, איז געווארען נמנו וגמרו, אז הקדוש ר' יעקב יצחק בן מייטעל, זאל ווערען אויסגעוועהלט פאר „משיח בן יוסף". ובכן, איז ארויס צו איהם א פקודה פונ'ם כסא הכבוד, ער זאל ארויפגעהן אויף די גאראיעץ בערג און דארט בלאזען מיט א שופר פון א באראן, די אידען מודיע צו זיין, אז די צייט איז געקומען צוזאמענצונעהמען די פערשטויסענע ישראל און זיי פיהרען קיין ירושלים. גע'חתמ'עט איז די „פיתקא" געווען מיט דער חתימה פונ'ם „שם המפורש". דאס פארמעט צעטעלע האט ער צוזאמענגע־לעגט און פער'חתמ'עט פון אויסוועניג מיט דער זעלבער חתימה.

אזוי ווי ער האט געהאט א צוטריט אין אלע חדרים פונ'ם צדיק און קיינער האט איהם איבערהויפט ניט נאכגעקוקט, מחמת ס'איז אויף איהם ניט געווען קיין שום חשד, איז איהם לחלוטין גאר ניט שווער אנגעקומען ארייבצולעגען די „פיתקא" אין דער קעשענע פונ'ם רבינ'ס ווייסען שבת־בגד.

אזוי ווי דער לובלינער האט אנגעהויבען מקבל שבת צו זיין מיט גרויס התלהבות, האט ער ניט ווילענדיג ארייגעשטעקט די האנד אין דער קעשענע און ארויסגענומען דאס פארמעט־צעטעלע. א קורצע ווייל האט ער מפסיק געווען, זייענדיג ערשטוינט פון וואנעט דאס האט זיך גענומען אין זיין קעשענע, און וואס דאס איז. ער האט זיך אבער תיכף דערמאהנט, אז ס'איז מוקצה, מען טאר עס אום שבת ניט אנריהרען; ער האט עס צוריקגעלעגט אין קעשענע און געענדיגט דאס דאווענען נאך מיט מעהר התלהבות ווי תמיד.

נאך קבלת־שבת האבען שוין דעם רבי'נס מקורבים געוואוסט, אז ס'איז צום רבי'ן אראבגעפאלען א „פיתקא מן שמיא". ס'איז געווארען צווישען זיי א גע'סוד'עריי און א שרעקליך קאבעניש. צו מארגענס פריה, ביים שחרית'דיגען דאווענען, האט שוין יעדער געוואוסט פון דעם גרויסען סוד. אבער וואס ס'שטעהט געשריבען אין דער „פיתקא" האט קיינער ניט געוואוכט. אלע האבען געווארט מיט גרויס תשוקה, ס'זאל שוין ווערען נאכט און מען זאל שוין זוכה זיין צו זעהן, וואס מען האט דעם רבי'ן מודיע געווען מן השמים. עס פערשטעהט זיך, אז מיינונגען און השערות האבען ניט געפעהלט צווישען די חסידים.

ביים שלש־סעודה'דיגען טיש, האט דערמאלט דער צדיק מקצר געווען אין זיך אביסעל צוגעאיילט. הפנים, אז ער אליין האט אויך געהאט א חשש, אז די „פיתקא" האט עפעס א ממשות. תיכף נאך דער הבדלה, האט מען ארויסגענומען די פער'חתמ'טע פיתקא, גוט אנגעקוקט די חתימה מיט'ן „שם המפורש", מען האט זי אבער ניט געקענט עפענען, מחמת מען וועט דאך מוזען ביים עפענען צוברעכען די חתימה, און דאס וועט הייסען א „מוחק את השם", מען מעקט אב דעם נאמען פון גאט, וועלכעס איז א גרויסע עברה און ווער ס'טהוט עס

איז חיב מיתה. אויפרייסען אדער אויפשניידען אז דער זייט, האט מען אויך מורא געהאט, מען זאל חלילה ניט ארייגשניידען אין די „שמות", וואס זיינען אנגעשריבען אין דער פיתקא. מיט גרוים כיה, איז דאך געלונגען א יונגען כאז, א קינסטלער, צו עפענען די פיתקא, אזוי, אז די חתימה איז ניט צעבראכען געווארען און דאס כתב איז ניט איינגעשניטען געווארען.

א שרעק האט יעדען אנגענומען, דערזעהענדיג, וואס עס איז אנגעשריבען אין דעם הימעל־צעטעל. קיין איינציגער פון דער חבריא האט זיך ניט געקענט א ריהר טהאן פונ'ם ארט. ביי זיי איז עס קיין ספק ניט געווען, אז אלעס איז אמת ויציב. דער רבי האט אויסגעבעטען די גאולה, און פון הימעל האט מען איהם דעריבער געענטפערט, אז „קריינא דאגרתא איהו ליהוו פרונקא", אז טאקע ער אליין, דער מעקלער פון דיעזען משיח־עניין, זאל ווערען אט ־דער מ ש י ח. אבער דער רבי האט זיך אביסעל פערטראכט און דאן געזאגט צו דער חבריא:

„די גמרא זאגט: „חותמו של הקדוש־ברוך־הוא אמת". די „חתימה" פון השם־יתברך איז דאס ווארט „אמת". ווען דאס וואלט געווען אן אמת'ע „פיתקא מן שמיא", מיט דער חתימה פון כביכול, וואלט בעדארפט שטעהן גע'חתמ'עט דאס ווארט „אמת", ניט דער „שם המפורש". מכאן, פון דאנען איז געדרונגען, אז די פיתקא איז נ י ט אמת, נאר א שקר גמור. דער רשע האט אונז געוואלט אבנארען. איך בין בטוח, אז ער וועט ניט אויסהאלטען דאס אידישקייט, כדי ס'זאל זיין א קידוש־השם".

באלד נאך דיזער מעשה איז דעם קאזמיר'ער מגיד'ס זוהן פלוצים נעלם געווארען פון דער היים. תחלת האט מען ניט געוואוסט וואו ער איז אהינגעקומען, און ס'האט זיך מכח איהם פערשפרייט פערשיעדענע שמועות. שפעטער, אין א צייט ארום האט מען זיך דערוואוסט, אז ער האט זיך גע'שמד'ט און איז געווארען א צענזאר אין ווארשא. שפעטער מיט עטליכע יאהר איז ער אנטלאפען קיין ענגלאנד און איז דארט געווארען א מיסיאנער.

„עס איז א וועהטאג, אז אן איבר פון א מענש ווערט אבגעשניטען, — האט דערמאלט דער לובלינער בעמערקט, דערהערענדיג, אז דעם קאזמיר'ער מגיד'ס זוהן האט זיך גע'שמד'ט, ס'איז אבער בעסער אז אבר אבצושניידען, איידער עס איבערצולאזען פאר אן „איבר המדולדל". וואס ברענגט שארען דעם גאנצען גוף.

חסידים דערצעהלען, אז דער רבי האט שטארק חרטה געהאט אויף דער קללה, און די גאנצע צייט, זייט ער האט זיך גע'שמד'ט ביז צום רבינ'ס פטירה (אין יאהר 1815), האט דער רבי מוריד דמעות געווען ביי דער ברכה „שלא עשני גוי". און געוואוסט האט מען, אז מיט דיעזע טרעהרען וויל ער איהם צוריקברייגען צו אידישקייט.

„פארוואס האט איהר איהם ניט בעסער ממית געווען? — האט דער קאזימיר'ער מגיד געוויינט בדמעות שליש פאר'ן רבי'ן. — כ'קען ניט לעבען און

כ'קען ניט שטאַרבען. ס'טייטש, מיין זוהן א משומד. איך בין א מנודה פוןביידע עולמות (פערוואָגעלט פון ביידע וועלטען)".

„ביי מיין לעבען קען איך מיין קללה ניט צוריקציהען, אבער נאָך מיין טויט, וועל איך איהם אייך צוריקגעבען" — האָט איהם דער רבי מבטיח געווען.

באלד נאָכ'ן לובלינער'ס פטירה, האָט דער משומד תשובה געטהאָן און צוריק געוואָרען א איד. אזוי דערצעהלען די חסידים.

14

# דבורים און מנהגים פונ'ם לובלינער צדיק

דער צדיק האָט פיינט שעהנע אידען. — אַז מען שלאָפט ווייניג איז מען אַ פערד. — אין רבינ'ס הויז קען אויך אַ קליינער שאָדען זיין אַ הפסד־מרובה. — פאַר וואָס די דריטע שבת־סעודה הייסט „שלש־סעודות". — ער הייצט אונטער דעם רבי'ן אום יום כפור. — אריכות־ימים אָדער אַ קינד. — אַ ווייטער קוק.

דער לובלינער זעהער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער פון זיך אַנטהון סגופים. ער פלעגט זאָגען, אַז אַ חסיד, וואָס פייניגט זיין אייגען נפש מיט פאַסטען און ווייניג שלאָפען, איז אַ פשוט'ער שוטה. ווען ער וועט זעהן אויף יענעם עולם אַזאַ מין חסיד פיהרען בתפים ובמחולות אין גן־עדן אריין און דרייצעהן בריקעם מיט עולם־הבא תענוגים פאָהרען איהם נאָך, וועט ער פאַר'ן חסיד ניט נתפעל ווערען נור איהם נאָכרופען: „דו ביזט פאַרט אַ שוטה, מוחל דיין עולם הבא!"

בעזאָנדערס האָט ער ניט געקענט ליידען די שעהנע אידען, וואָס פאַסטען משבת־לשבת, מיינענדיג אַז דערמיט מאַכען זיי דעם בורא כל העולמים אַ „מענטליק". ער פלעגט זאָגען, אַז ער האָט ליעבער אַ מענש וואָס זאָגט אַז ער פאַסט משבת לשבת און עסט ווען קיינער זעהט ניט, פון איינעם וואָס פאַסט טאַקע באמת משבת לשבת. מחמת דער ערשטער נאַרט נאָר אָב אַנדערע מענשען ניט טהוענדיג קיינעם קיין רעה, דער צווייטער אָבער נאַרט זיך אַליין אָב, מיינענדיג אַז ער טהוט זיך דערמיט אַ טובה בעת ער טהוט זיך גאָר אַ רעה דורך איינרעדעניש און נאַרישער גאוה.

ער האָט אויך ניט געהאַלטען פון אַזעלכע חסידים וואָס פייניגען זיך מיט ווייניג שלאָפען. ער פלעגט זאָגען, אַז מען טאָר ניט האַלטען פאַר גרינג אַזאַ טייע־רע מתנה, וואָס השם יתברך האָט מזכה געווען מאוצר מתנת חנם אַלע מענשען גלייך, אָרעם און רייך. בעת זיינע מענשען האָבען פאַר איהם אַמאָל געריהמט אַ בעקאַנטען חסיד, וועלכער האָט כל ימי חייו ניט מעהר געשלאָפען פון צוויי שעה אין מעת־לעת, האָט זיך דער לובלינער חוזה אַנגערופען:

— וואָס איז דאָ דער יחוס? אַ פערד און אַן עזעל שלאָפען נאָך ווייניגער פון איהם.

דעם לובלינער'ס חסידים, די יחידי סגולה, זיינען ניט געווען קיין בלינדע

גלויבערס, נור די בעדייטענדסטע למדנים פון פוילען, גאליציען און אונגארן, וועלכע האבען דעם רבי'ן גוט נאכגעקוקט און בעוואכט איידער זיי האבען זיך צו איהם צוגעבויגען. איינער פון זיי, ר' ישעיה פון פרשעדבורזש, דער גרעסטער למדן פון זיין דור, און דערצו נאך אן אמת'ער קדוש אין זיינע דרכים, האט עדות געזאגט, אז ער האט דעם רבי'ן בעאבאכטעט, גוט נאכגעקוקט אויף טריט און שריט צוויי־און־צוואנציג יאהר רצופים. ער האט אויסגעפונען, אז די גאנ־צע צייט האט דער רבי ניט פערפעהלט אויפצושטעהן חצות פונקט אין מיטען דער נאכט, קיינמאל זיך ניט פערשפעטיגט אפילו מיט פינף מינוט, כדי עוסק צו זיין אין תורה און תפלה. פאר דאס פלעגט ער אבער בייטאג צושלאפען עט־ליכע שעות, כדי אויסצורוהען דעם מוח.

און אט דיעזער ר' ישעיה האט איבערגעלאזט זיין רבנות אין דער היים און איז געווארען ביים רבי'ן א מורה־הוראה, כדי ער זאל כסדר קענען זיין אינ'ם צדיק'ס סביבה.

כדי צו בעווייזען ווי גרויס ס'איז שפעטער געווען די אמונה פון דיזען גאון אינ'ם לובלינער איז כדאי צו דערצעהלען די פאלגענדע עפיזאדע.

אינ'ם רבינ'ס הויז האט זיך אמאל געטראפען א שאלה אויף אן עוף. וואו על־פי דין טאר מען אזא שאלה ניט כשר מאכען נור ברוחק גדול, וואו ס'האנ־דעלט זיך אין א הפסד מרובה (א גרויסען שאדען). ר' ישעיה האט גע'פסק'ענט, אז דאס איז כשר און מען מעג עס קאכען פונ'ם רבינ'ס וועגען.

דער לובלינער מגיד ר' עזריאל, דער אייזערנער קאפ, וועלכער האט תמיד געזוכט אויסצוגעפונען חסרונות אויפ'ן צדיק, האט זיך דערפון דערוואוסט און געלאזט פרעגען ר' ישעיה'ן דעם מורה־הוראה, אויף וואס פאר א סמך ער האט מתיר געווען דאס עוף, בעת אין רבינ'ס הויז קען אזא קליינער שאדען פון אן עוף בשום אופן ניט בעטראכט ווערען פאר א הפסד־מרובה.

„עס וואלט אבער געווען א הפסד מרובה פאר'ן עוף — האט איהם ר' ישעיה געענטפערט — מי יודע וואס פאר א נשמה ס'איז מגולגל אט אין דעם עוף און ווי לאנג זי ווארט שוין כדי צו קענען האבען א תיקון דורך דעם וואס דער צדיק וועט דערפון עסען. איז נאך פאראן אפשר א גרעסערער הפסד מרובה פון דעם?"

דער „אייזערנער קאפ" האט אמאל געפרעגט דעם לובלינער אליין אט דיזע שאלה, כדי איהם צו ברענגען אין א פערלעגענהייט.

„מען דערצעהלט מיר, ר' איציק'ל, אז איהר האלט זעהר פון די דריטע סעודה פון שבת. דעמאלט פיהלט איהר די הערה פון „רעווא דרעווין" און פאלט אריין אין די גרעסטע התלהבות און דבקות. טא גיט'זשע מיר צו פערשטעהן. פארוואס מען רופט אט דיעזע דריטע סעודה מיט'ן נאמען „שלש־סעודות", וואס איז טייטש „דריי סעודות", אנשטאט וואס מען וואלט זי גאר בעדארפט רופען: „סעודה שלישית", די דריטע סעודה?"

„אט וועל איך אייך זאגען דעם טעם דערפון — האט איהם דער לובלינער געענטפערט תוך כדי דבור — איהר ווייסט דאך, אז די דריי סעודות פון שבת דארף מען עסען ל כ ב ו ד ש ב ת, דעם שבת צוליעב, אזוי ווי דער פסוק

זאגט: וקראת לשבת עונג. ביי די ערשטע צוויי סעודות, פרייטאג־צו־נאכטס און שבת אין דער פריה, איז ניטא קיין שום היכר, אז די סעודה ווערט נעגעסען דוקא לכבוד שבת, מחמת יעדען אויף דער נאכט עסט מען א „וועטשערע", און יעדען טאג עסט מען א „אנבייסען", צוליעב דעם פשוט'ן טעם, מחמת מען איז דעמאלט הונגעריג. נור די דריטע סעודה, וועלכע ווערט געפראוועט אין א צייט, ווען מען איז זיך קיינמאל ניט נוהג צו עסען און ווען מען איז לחלוטין גאר ניט הונגעריג, נור ביי איהר איז דא א היכר, אז מען עסט זי טאקע נור לכבוד שבת. זי איז דער תמצית פון אלע דריי סעודות, און איז מגלה דעת, אז אויך די ערשטע צוויי סעודות עסען אידען לכבוד שבת. ניט פשוט צו שטילען דעם הונגער. אט דאס איז דער טעם פארוואס זי הייסט „שלש־סעודות", דריי סעודות.

דער זידאטשאווער רבי ר' הירשעלע איז אמאל זייענדיג אין לובלין אויף ימים נוראים זעהר קראנק געווארען. ער האט ניט געקענט געהן אים יום כפור צום דאווענען, און זיין ברודער ר' משה סאמבארער, איז דעם גאנצען טאג יום־כפור געזעסען ביי זיין קראנקען־בעט, אליין צוהאקט האלץ, געמאכט פייער, כדי אבצוקאכען פאר'ן זידאטשאווער אביסעל פרישע זופ.

מוצאי יום כפור, ווען דער גאנצער עולם איז שוין געהאט אהיימגעקומען פון שוהל, איז דער צדיק ר' משה סאמבארער געגאנגען צום לובלינער און פאר איהם אויסגעגאסען זיין גאנץ ביטער הארץ, וואס ער האט געמוזט מחלל זיין די קדושה פון יום כפור מיט מאכען פייער און אונטערהייצען דעם אויווען. געמיינט האט ער, אז דער רבי וועט דערפון שטארק נתפעל ווערען און איהם ארויסגעבען עפּיס א תשובה. אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארען הערענדיג ווי דער רבי פּטר'ט גאר אפ דעם גאנצען ענין מיט א שמייכעל און מיט א הלצה'דיגע בעמערקונג:

„אהא, איצט ווייס איך שוין פארוואס די היינטיגע תפילות זיינען אזוי היים געווען, פול מיט התלהבות, דאס איז געווען מחמת איהר, ר' משה, האט אונז אונטערגעהייצט".

זייערער א ברודער, ר' סענדער פון קאמארנא, האט כמה שנים ניט געהאט קיין קינדער. ער פלעגט דערקוטשען דעם לובלינער ער זאל פאר איהם מתפלל זיין געהאלפען צו ווערען בזרע של קימא. האט איהם דער רבי כסדר מדחה געווען פון יאהר צו יאהר, ערקלעהרענדיג איהם, אז „עיקר תולדותיהם של צדיקים הם מעשיהם הטובים", אז די גוטע מעשים פון די צדיקים דאס זיינען זייערע ריכטיגע קינדער. „דיעזע קינדער — האט דער רבי צו איהם בעמערקט בדרך הלצה — קענט איהר מגדל זיין אהן גרויסע הוצאות און אהן צער פון גידול בנים".

האט זיך ר' סענדער בעקלאגט פאר זיין ברודער ר' הירשעלע זידאטשאווער, פארוואס דער צדיק איז „שר בשירים על לב רע", מאכט זיך א הלצה בעת זיין הארץ איז שרעקליך פערביטערט.

דער זידאטשאווער צדיק האט אויף א פערשטעלטע וועג נעגעבען אנצו־הערעניש דעם רבי'ן, אז זיין ברודער ר' סענדער איז זעהר פערביטערט וואס

דער רבי וויל ניט פאר איהם מתפלל זיין געהאלפען צו ווערען מיט א בן זכר, כאטש איין איינציגען קדיש.

דער לובלינער האט איהם געשיקט תיכף אריינרופען.

"ר' סענדער — האט איהם דער רבי געזאגט — אויב איהר ווילט דוקא א בן־זכר קען איך איהם אייך געבען, נור וויסען זאלט איהר, אז דאס וועט אייך קאסטען אייער אריכות ימים, איהר וועט ניט לאנג לעבען מיט'ן קינד צוזאמען."

„איך בין מסכים — האט זיך ר' סענדער אנגערופען — נור בתור מתנת חנם וואלט איך אייך געבעטען, אז איך זאל כאטש זיין ביכולת איהם מגדל צו זיין ביז קרוב צו בר־מצוה".

דער לובלינער האט איהם דאס מבטיח געווען און איהם מוסר געווען א סוד פון א שם, וועלכען ער זאל מכוין זיין, כדי אראבצוציהען פון די „גנזי מרומים" דעם אוצר הנשמות, א הויכע כשר'ע נשמה.

דאסזעלבע יאהר האט זיין ווייב געבוירען א אינגעל, וועלכעס איז צו 12 יאהר געבליבען א יתום פון'ם פאטער. דאס איז געווען דער בעריהמ־טער צדיק ר' יצחק אייזיק פון קאמארנא.

ר' אלעזר ניסן פון דראהאביטש, דער זוהן פון דעם אוהעלער צדיק ר' משה טייטעלבוים, האט אמאל מיטגעגעבען מיט א חסיד א קוויטעל צום לובלינער, אין וועלכען ס'זענען געווען איינגעשריעבען זיינע צוויי קליינע קינדער, א פיער־יעהריג אינגעלע און א צוויי־יעהריג מיידעלע.

בעת דער לובלינער האט געלייענט דעם נאמען פון'ם אינגעלע: יקותיאל יהודה בן רוזא בלימא", האט ער זיך אנגערופען: „עס שיינט, עס שיינט". ווען ער האט אבער געלעזען דעם נאמען פון דער מיידעלע: „חנה רחל בת רוזא בלימא", האט ער א קרעכץ געטהאן זאגענדיג דערביי: „נעביך, נעביך!"

שפעטער איז פון דעם אינגעלע אויסגעוואקסען דער גרעסטער רבי פון גאנץ אונגארן, דער סיגעטער רבי, דער בעל מחבר פון „ייטיב לב", וועלכער האט פערשיינט די וועלט מיט זיין תורה און זיין יראת שמים. זיין שוועסטער חנה רחל האט שפעטער חתונה געהאט מיט'ן טארנאווער רב, דער וועלט־גאון ר' ישראל כהן ראפאפארט. עטליכע יאהר נאך דער חתונה האט אויסגעבראכען א שריפה אין רב'ס הויז און די רבי'צין איז פערברענט געווארען ניט איבערלא־זענדיג אפילו א קינד.

דאס איז געווען דער רמז פון'ם לובלינער'ס דבורים.

15

# דער פירשט טשאַרטרינסקי דעם רבינ'ס אַ חסיד

די נבואה צום פעלדמאַרשאַל פּאַניאַטאָווסקי. — אַ גענעראַל דערשיסט זיך דורך דעם צדיק'ס דבורים. — דער רבי גיט אָפּ דעם פירשט אַ גנבה. — דער פירשט האָט ביים רבי'ן אַ ישועה. — דער עונש פון אַ שונא ישראל. — דעם רבי'ן קען מען ניט נאַרען.

די גאַנצע חסידישע וועלט ווייסט, אַז דער פירשט טשאַרטרינסקי איז געווען אַ שטאַרקער אַנהענגער פונ'ם קאָזעניצער מגיד. ער האָט געהאַט אמונה אין דעם צדיק'ס הימלישען כח פונקט ווי, להבדיל, דער גרעסטער חסיד, מחמת ער האָט געהערט און געזעהן פונ'ם קאָזעניצער מגיד פיעל הימלישע מופתים.

בעת דער מלחמה פון פראַנקרייך מיט פּרייסען, איז דער פעלדמאַרשאַל פּאַניאַטאָווסקי דורכגעפאָהרען דורך דעם שטעדטעל קאָזיניץ. די אידישע קהלה מיט'ן צדיק — דער מגיד — בראש, איז איהם אַקעגען געגאַנגען מיט גרוים כבוד מקבל פּנים צו זיין. דערזעהענדיג דעם צדיק, וועלכער איז געווען אַ שרעקליכער חלש, ממש הויט און ביינער, האָט פּאַניאַטאָווסקי געפרעגט דעם ריכטער פון קאָזיניץ, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין פּאַרשויז.

— דאָס איז אַ וואונדער־רבי, וועלכער ווייסט אַלצדינג — האָט איהם דער שופט געענטפערט.

— זאָגט מיר רבי — האָט דער פעלדמאַרשאַל געפרעגט דעם מגיד — אויב איך וועל מצליח זיין אין דער מלחמה און אויב איך וועל נאָך זוכה זיין אַהיימצוקומען.

— איהר וועט ניט מעהר אַהיימקומען — האָט דער מגיד קורץ און שאַרף געענטפערט.

וכך הוה. פּאַניאַטאָווסקי איז ניט מעהר אַהיימגעקומען. ער איז אין לייפּציג דערטרונקען געוואָרען.

פון דעמאָלט אַז האָט דער קאָזיניצער מגיד בעקומען אַ שם פון אַ בעל־מופת צווישען אַלע פּריצים און שרי המלכות.

באַלד נאָכדעם איז געקומען אַ גרויסער גענעראַל קיין קאָזיניץ און געשיקט רופען דעם רבי'ן צו זיך, מחמת ער דאַרף זיך מיט איהם ווענען עפּעס בעראַטהען מכח דער מלחמה. דער רבי האָט איהם געלאָזט וויסען, אַז ער איז

א שוואכער און ס'איז פאר איהם א גרויסע טרחה צו געהן צום גענעראל. אויב דער גענעראל דארף עפעס האבען צו איהם, זאל ער אזוי גוט זיין און זיך מטריח זיין צום רבי'ן אין הויז אריין.

דער גענעראל איז אזש אויפגעשפרונגען פון כעס הערענדיג דיזע תשובה: ער האט בעפוילען צום מגיד, אז ווי באלד ער וועט ניט תיכף קומען צוגעהן צו איהם, וועט ער לאזען דעם רבי'ן ארעסטירען, און אפשר טאקע אויך דער־שיסען. זאל דער רבי וויסען, אז ס'איז איצט שעת מלחמה.

— איך וויים, אז איצט איז שעת מלחמה — האט דער מגיד צו איהם צוריק בעפוילען — אבער ניט א י ך בין א חיוב־מיתה, נאר אן אנדערער. א פעררעטהער, וועלכער האט געוואלט פערקויפען די פרייסישע רעגיערונג פאר געלד צו די פראנצויזען; אט דער מאן האט ניט לאנג אוועקגעשיקט צוויי בריעף: איינעם קיין פרייסען, צו דער מיליטערישער בעהערדע און דעם צווייטען, א פעררעטערישען בריעף, צו דער גענעראל קאמאנדא פון פראנקרייך. ער האט אבער על פי טעות פערביטען די בריעף ביים אריינלעגען זיי אין די קאנווערטען. דער פעררעטהערישער בריעף איז אפגעגאנגען קיין פרייסען. אט אזא גענעראל איז חיב מיתה, ניט איך.

נאך אין דעמזעלבען טאג האט זיך דער גענעראל דערשאסען אין קאזיניץ.

הערענדיג פון אט דיזע וואונדער, האט דער פירשט טשארטרינסקי שטארק חשק בעקומען צו קענען אט דיזען וואונדער־רבי און זיך צו איבערצייגען אין זיין גרויסקייט. און דער שעת הכושר איז באלד געקומען.

דער רייכער פירשט פלעגט פיהרען גרויסע מסחרים אין פאריז, און זיינע פערטרויליכע בעלי עגלות פלעגען פיהרען אפטמאל פון פאריז גאנצע בריקעס מיט געלד. ויהי היום, האט מען ביי זיי אוועקגעג'גנב'עט אויפ'ן וועג צוויי פעסלעך מיט רענדלעך. האט דער פירשט טשארטרינסקי געבעטען דעם אי־דישען גביר, דעם גרויסען וואלד־סוחר, ר' שלמה פון קאנסקיוואליע, וועלכער פלעגט טהאן מיט'ן פירשט גרויסע וואלד־מסחרים, אז ער זאל מיט איהם מיט־פאהרען צום רבי'ן קיין קאזיניץ. דער רבי זאל מתפלל זיין מען זאל איהם צוריקגעבען די גנבה.

דער קאזיניצער מגיד איז כל ימי חייו געלעגען אויף א בעטעל, מחמת ער איז געווען זעהר א שוואכער און א קרענקליכער. לכבוד דעם פירשט אבער האט ער זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט און איהם מקבל פנים געווען אין זיין פריי־וואט חדר.

— איך בין געקומען בעטען דעם „ראבין" ער זאל מיר צוריקגעבען די גנבה פון צוויי פעסלעך מיט רענדלעך — האט צו איהם דער פירשט געזאגט.

— א י ך בין א שוואכער און א קראנקער, איך קען כמעט פון בעט ניט אראפקריכען — האט איהם דער מגיד געענטפערט — א י ך האב ניט גע־גנב'עט.

— איך וויים דאס — האט דער פירשט געענטפערט — איך וויל אבער, אז דער רבי זאל פועל'ן מיט זיינע תפלות, איך זאל צוריק בעקומען מיין גנבה.

— אויב אזוי, איז שוין עפּעס אנדערש — האָט דער מגיד געזאָגט — נאָר איידער איך וועל מתפלל זיין, זאָלסטו מיר צוזאָגן, אז דו וועסט דאָן ניט וועלען חוקר ודורש זיין ווער די גנבים זיינען געווען, כדי זיי צו בעשטראָפען.

דער פירשט האָט איהם דאָס פערשפּראָכען.

אין א קורצע צייט שפּעטער האָבען זיך די גנבים צוקריגט מכח די חלוקה און זיינען געקומען צום מגיד קיין קאָזיניץ דער רבי זאָל צווישען זיי אויסגלייכען, בעהויפּטענדיג, אז דאָס גאָלד האָבען זיי געפונען. דער רבי האָט זיי צוגערעדט זיי זאָלען מקדש השם זיין און אָפּגעבען די מציאה צום גראף טשארטרינסקי, וועלכער האָט דאָס גאָלד פערלוירען. די גנבים האָבען איהם געפאָלגט און דאָס גאָלד אָפּגעגעבען צום רבי'ן, וועלכער האָט עס דאָן איבערגעשיקט צום פירשט, דערמאָנענדיג איהם אָן זיין הבטחה ניט חוקר ודורש צו זיין פון וואנען און ווי אזוי ער האָט דאָס געלד בעקומען.

איצט ווען דער פירשט האָט זיך שוין פערזענליך איבערצייגט פון'ם צדיק'ס גרויסקייט, איז ער ווידער געפאָהרען קיין קאָזיניץ, דער רבי זאָל איהם געבען א ברכה ער זאָל האָבען א קינד, מחמת ער האָט ביז דעמאָלט ניט געהאַט קיין קינדער.

דער קאָזיניצער האָט זיך פאר א ווייַלע פערטראַכט, דאָן האָט ער זיך אָנגערופען צום פירשט:

— דאָס קענט איהר ביי מ י ר ניט פועל'ן. פאָהרט אריבער קיין לובלין צו מיינעם א חבר, א גרויסער מאן, ר' יצחק הורוויץ. ער קען אייך אפשר העלפען.

— דער לובלינער האָט קלאָרע אויגען צו קוקען אין דעם עתיד (די צוקונפט) — האָט דער קאָזיניצער דאָן ערקלערט דעם ענין צום גביר ר' שלמה פון קאָנסקיוואָליע — איידער מען געהט געבען א ברכה צו א גוי ער זאָל געהאָלפען ווערען מיט קינדער, מוז מען זיך פריהער גוט אומקוקען אויב פון אָט די קינדער וועט ניט שפּעטער ווערען קיין שונאי ישראל. מען נעהמט דעריבער אויף זיך א גרויס אחריות. דער לובלינער חוזה, דער אורים ותומים פון'ם דור, ער אליין איז אימשטאנד זיך גוט דורכצוקוקען און זעהן אויב ס'איז כדאי איהם צו געבען א ברכה.

דער פירשט טשארטרינסקי איז באלד אוועקגעפאָהרען קיין לובלין. דער לובלינער האָט ביים פירשט ניט געוואָלט נעהמען קיין „פדיון". דער פדיון וועט זיין — האָט ער געזאָגט צום פירשט — דיין הבטחה צו טהאָן טובות אידען און ניט ארויסצוואַרפען א אידישען ארענדאר פון א קרעטשמע, אויב ער איז ניט אימשטאנד צו צאָהלען א ראטע ווי געהעריג.

דער פירשט האָט דאָס איהם פערשפּראָכען און דער לובלינער האָט איהם געגעבען א ברכה, וועלכע איז ביז צום יאָהר מקוים געוואָרען.

די שמחה אין פירשט טשארטרינסקי'ס פּאַלאַץ איז געווען איבערנאַטירליך. אלע פריצים, גראַפען און פירשטען פון גאַנץ פּוילען האָבען זיך פערזאַמעלט אויף דעם באל וואָס דער פירשט האָט פעראַנשטאַלטעט צוליעב דעם

ניי־געבוירענעם זוהן, דער איינציגער יורש פון זיין גרויס פערמעגען. מיט גרויס אויפמערקזאמקייט האבען זיך אלע פריצים צוגעהערט צו די וואונדער וואס דער פירשט טשארטרינסקי האט זיי דערצעהלט מכח די צוויי גרויסע וואונדער־רביים, דער קאזיניצער און דער לובלינער, וועלכע ער האט געהערט און אליין געזעהן מיט זיינע אייגענע אויגען. און ועל כולם דאס איצטיגע מופת פון לובלינער, וועלכער האט גאר ניט געטהאן, נאר עפעס געקוקט אויף זיין אייגענע לינקע האנד, פערטראכטענדיג זיך אויף א מינוט, דאן האט ער געזאגט אז די הילף וועט באלד קומען און — זי איז טאקע געקומען.

— עס איז נאר א צופאל — האט זיך אנגערופען דער ברודער פונ'ם פירשט, דער יונגער טשארטרינסקי — איך קען בשום אופן ניט גלויבען, אז די זשידעס זעהען און וויסען מעהר פון אן אנדער מענש. זיי זיינען פשוט ביטרע שווינדלער, וועלכע פערשטעהען ווי אזוי צו בעגעהן זייערע שווינדלערייען און ניט צו ווערען געכאפט.

דער עלטערער ברודער איז געווארען אביסעל בעאונרוהיגט און אויסגע־רופען:

—און וואס איז מכח דער גנבה וואס דער קאזיניצער האט מיר מבטיח געווען אז זי וועט געפונען ווערען און דאן מיר זי טאקע בידים צוריקגעקעהרט?

— איך וואלט ניט געוואלט שווערען — האט זיך דער אינגערער פירשט אנגערופען, אז דער „זשידאווסקי ראבין" איז טאקע אליין ניט געווען א שותף צו די גנבים. מסתמא האט איהם אזוי געטויגט דיר די גנבה צוריקצוגעבען. די זשידעס פערשטעהען שוין גוט זייערע מסחרים. מעגסט דיך אויף זיי פער־לאזען.

דא איז דער עלטערער טשארטרינסקי שטארק אויפגערעגט געווארען און מיט כעס אויסגערופען:

— דו מוזט מיר בעווייזען דיינע בעשולדיגונגען געגען די רביים מיט פאקטען, ניט ריידען גלאט אין דער וועלט אריין.

— כ'וועל עס דיר באלד בעווייזען, אז אט דיינע זשידאווסקי הייליגע ווייסען ניט פון זייער לעבען צו זאגען — האט איהם דער ברודער געענטפערט — איך וועל קירצליך אריבערפאהרען קיין לובלין צום ראבין, איהם דערצעהלען א מעשה וואס איז ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. איך וועל דיר איצט ניט אויסזאגען מכח וואס, און דו וועסט זעהן, אז ער וועט מיר אויך געבען זיין ברכה, ניט וויסענדיג אז אלץ איז נאר אן אויסגעטראכטע זאך, כדי איהם צו מאכען צום נאר.

— אז דו וועסט קענען דעם ראבין אפנארען, וועל איך מודה זיין, אז ער איז א פשוט'ער שווינדלער — האט דער עלטערער ברודער געזאגט — הלואי, דו זאלסט אבער קיין חרטה ניט האבען.

באלד די צווייטע וואך איז דער אינגערער פירשט טשארטרינסקי געפאהרען צום רבי'ן קיין לובלין.

— העלפט מיר, רבי — האט צו איהם דער פירשט געזאגט — מיין איינ־

ציג זעקס־יעהריג אינגעל איז זעהר קראנק. די דאקטוירים האבען איהם שוין אויפגעגעבען. מיין עלטערער ברודער האט מיר אבער געזאגט, אז ביי אייך קען איך געפינען די הילף. איהר קענט מתפלל זיין אז דאס קינד זאל האבען א רפואה.

דער פירשט האט באמת געהאט א זעקס־יעהריג אינגעל, אן איינציג קינד. דאס קינד איז אבער געווען פאלקאמען געזונד ווען ער איז געפאהרען קיין לובלין. ער האט נאר געוואלט אפנארען דעם רבי'ן, כדי ער זאל קענען פון איהם חוזק מאכען.

דער לובלינער חוזה האט אויסגעהערט דעם פירשט'ס דבורים במנוחה. דאן האט ער זיך אביסעל פערטראכט, קוקענדיג אויף די האנד־פלאכע עטליכע מינוט. מיט אמאל האט ער אויסגערופען:

— יא, כ'זעה טאקע, דאס קינד איז באמת זעהר מסוכן: א י ך קען שוין אייך מעהר ניט העלפען. למען השם, פאהרט גיך אהיים, כדי איהר זאלט עס נאך קענען א י י נ מ א ל כאטש זעהן איידער עס שטארבט.

דער פירשט האט אין הארץ זיך אויסגעלאכט פון דעם רבי'נס דבורים, טראכטענדיג ביי זיך, אז אט האט ער איהם צו נאר געמאכט. ער האט זיך דעריבער ביי זיין היים־נסיעה ניט שטארק געאיילט. ווי גרויס איז אבער געווען זיין אומגליק, ווען ער איז אהיימגעקומען און דערזעהן זיין בן יחיד טויט.

— ער איז פלוצים שווער קראנק געווארען — האט מען איהם דערצעהלט —און די דאקטוירים האבען איהם ניט געקאנט ראטעווען.

דעם רבי'ן קען מען ניט נארען.

16

# דאָס שעהנע קרבן־פּסח׳ל

**יעדער שדוך מוז האָבען דעם רבינ׳ס הסכמה. — אַלע אידען זיינען גלייכע מיוחסים. — דער גרויסער ראָפּטשיצער איז זיך משדך מיט אַ שניידער. — דער שניידערישער חתן האָט אַ גוטען קוק. — דער לובלינער נעהמט פאַר אַן איידעם אַ פּראָסטען בחור.**

ביי די אויסגערופענע לובלינער חסידים איז געווען אַ מנהג, אַז וויבאַלד מען האָט זיי פאַרגעשלאָגען אַ שידוך פאַר זייער׳ס אַ זוהן אָדער אַ טאָכטער, ס׳האָט געמעגט זיין אפילו דער בעסטער שידוך, האָבען זיי קיינמאָל ניט בעשטעטיגט, ביז זיי זיינען ניט פריהער געפאָהרען קיין לובלין, זיך מתיעץ געווען מיט׳ן רבי׳ן און ערהאַלטען זיין הסכמה. אין קוויטעל פלעגען זיי איינשרייבען דעם נאָמען מיט דער מוטער׳ס נאָמען פונ׳ם חתן אָדער פון דער כלה, וואָס מען האָט זיי פאַרגעשלאָגען, און דער רבי פלעגט דאַן ענטפערען מיט איין איינציג וואָרט: יאָ, אָדער ניין, אָהן וועלכען פירוש.

דער ראָפּטשיצער רבי ר׳ נפתלי האָט געהאַט אַ בת־יחידה און האָט זעהר געוואָלט מיט איהר אַ שידוך טהאָן, מחמת זי איז שוין ניט מעהר יונג געווען, זי איז שוין אַלט געווען קרוב צו צעהן יאָהר, אַן עלטער, וועלכע האָט דעמאָלט געהייסען צווישען די גוט־אידישע משפּחות: „עבר זמנה״.

— וואָס וועט זיין דער תכלית — האָט זיך דאַן דער ראָפּטשיצער בעקלאָגט פאַר זיין רבי׳ן דעם לובלינער — כ׳וועל דאָך באַלד באמת ניט טרעפען מעהר קיין שידוך, מחמת אַלע גוטע־אידען און מיוחסים טהוען דאָך שידוכים מיט זייערע קינדער קליינערהייד, אין עלטער פון דריי ביז פיער יאָהר, וואו־זשע וועל איך דאַן בעקומען אַ חתן?

— מען מוז ניט דוקא טהאָן אַ שידוך מיט גוטע־אידען — האָט איהם דער חוזה געענטפערט — „כל ישראל בני מלכים הם״. אַלע אידען זיינען גלייכע מיוחסים. דער עיקר איז דאָס ק ר ן זאָל גוט זיין און ס׳זאָל זיין דיין קינד׳ס זיווג. וואָס קען איך טהאָן, אז פון אַלע שידוכים וואָס מען האָט דיר אָנגעשלאָגען, האָב איך ניט אויסגעפונען דיין קינד׳ס זיווג.

— אָבער ווי קען איך יעדעס מאָל ווען מען שלאָגט מיר אָן אַ שידוך קומען צו פאָהרען צום רבי׳ן פרעגען אום אַן עצה, בעת די שידוכים צעהלען אין די הונדערטער? — האָט איהם דער ראָפּטשיצער געפרעגט.

— ווער הייסט דיר דען איילען? — האט איהם איצט דער לובלינער אביסעל שטרענגער געענטפערט — שרייב דיר אויף די נעמען פון אלע פארגע־שלאגענע חתנים אויף א שטיקעל פאפיער, איינס נאך דאס אנדערע, און אזוי ווי ס'וועט זיין א היבשער מספר, זאגען מיר, פון עטליכע הונדערט, דאן זאלסטו קומען און איך וועל זעהן וועלכער ס'איז דער ריכטיגער זיווג.

דער ראפטשיצער האט אזוי געטהאן. נאך עטליכע חדשים איז ער געקומען צום רבי'ן מיט א גרויסען צעטעל מיט שידוכים. דער לובלינער האט מיט די אויגען דורכגעקוקט דאס גאנצע צעטעל און דאן געענטפערט מיט א לאנג אויסגעצויגענעם „ניין".

דער ראפטשיצער איז שטעהן געבליבען ממש פערצווייפעלט.

— פאהר א היים, ראפטשיצער רב, און טהו דעם ערשטען און בעסטען שידוך וואס ס'וועט דיר געפעלען. צו די תנאים אבער זאלסטו צו מיר קומען מיט חתן־כלה. איך וויל דעם חתן זעהן און אויך פערהערען.

אהיימפאהרענדיג פון לובלין, האט דער ראפטשיצער אנגעטרעטען אין ווארשוי. זייענדיג אין א בית־המדרש, האט ער דערזעהן א שעהן אינגעלע זיצען ביי א גמרא איבער'חזר'נדיג זיך דעם שעור פון דער וואך. דאס אינגעלע האט זעהר נושא חן געווען ביים ראפטשיצער. ער האט זיך מיט איהם אריינגעלאזט אין א שמועס און זיך איבערצייגט, אז דאס איז א כלי שלמה.

— ווי הייסטו און וועמעס ביסטו? — האט דער ראפטשיצער געפרעגט דעם אינגעלע.

— איך הייס ישעיה אשר און מיין טאטע איז א מענער־שניידער — האט דאס אינגעל געענטפערט.

— פיהר מיך, כ'בעט דיך, צו דיין פאטער'ס הויז, מחמת אז ארבעל פון מיין קאפטאן איז צוריסען און איך וויל דיין פאטער זאל איהם מיר פער־ריכטען.

דאס אינגעל האט איהם געפיהרט צום פאטער'ס הויז.

— כ'וויל מיך משדך זיין מיט אייער אשר'ל — האט צו איהם דער ראפטשיצער געזאגט, נאכדעם ווי דאס אינגעל איז צוריקגעגאנגען אין בית־המדרש אריין — איך האב א בת־יחידה, א שעהן געראטען קינד, און בין אויך א בעל־יכולת אויסצוהאלטען דאס פאר פאלק, אם ירצה השם, נאך דער חתונה, מיט כל ההצטרכות. וואלט איהר אייך געוואלט מיט מיר משדך זיין?

— איך מוז קודם וויסען ווער און וואס איהר זייט — האט איהם דער שניידער מיט תמימות געענטפערט — מיין קינד איז א מפורסם אין גאנץ פוילען פאר אן עלוי, און מיט א לאדיע וועמען, וועל איך מיך נים משדך זיין.

— איהר זייט גערעכט — האט צו איהם דער ראפטשיצער געזאגט — דא האט איהר א צעטעלע אויף וועלכען ס'איז אויפגעשריבען וואס און ווער כ'בין. געהט, זייט מוחל, צום רב און פרעגט איהם אן עצה, אויב איהר זאלט אייך מיט מיר משדך זיין, און לאזט מיך וויסען ביז מארגען אין מיין סטאנציע.

אזוי ווי דער גאון, דער בעל מחבר פונ'ם ספר „חמדת שלמה" האט דערזעהן דאס צעטעלע, איז ער אזש דערציטערט געווארען.

— פרעגט ניט קיין שאלות — האט ער זיך אבגערופען צום שניידער — לויפט גיך אויף זיין סטאנציע און זייט מסכים אויפ'ן שידוך. דאס איז איינער פון די גרעסטע מיוחסים און גרעסטע צדיקים פונ'ם דור.

דער ראפטשיצער איז מעהר ניט אהיימגעפאהרען. ער האט מיטגענומען דעם מחותן מיט'ן חתן קיין לובלין. ער האט געשריבען צו זיין בני בית, זיי זאלען קומען צופאהרען מיט דער כלה צום רבי'ן.

— לאמיך דיך פערהערען אינגעלע — האט דער לובלינער געזאגט צו אשר'לען — און זעהן וואס דו ווייסט.

ער האט ארויסגענומען פון טיש־קעסטעל א לוח (קאלענדער), אויפגעמישט א בלעטעל און געהייסען דאס אינגעל לעזען עטליכע ווערטער, וועלכע זיינען געווען גערדרוקט אין ראשי תיבות. די ווערטער זיינען געווען: „ע"פ ת"ב", וועמעס כונה איז, „ערב פסח, תענית בכורים", אז די בכורים דארפען דעמאלט פאסטען. דאס אינגעלע האט געלייענט: „ערב פסח תשעה באב".

— ער ווייסט וואס ער זאגט — האט זיך דער לובלינער אנגערופען צום ראפטשיצער — יפה בחרת, דו האסט דיר אויסגעקליבען א שעהן קרבן־פסח'ל.

קיין בן־אדם האט דעמאלט ניט פערשטאנען דעם לובלינער'ס דבורים, ביז שפעטער מיט צעהנדליגע יאהרען, נאכדעם ווי ר' אשר'ל איז געווארען א גרויסער חסידישער רבי, פערנעהמענדיג די שטעלע אין ראפטשיץ פון זיין פערשטארבענעם שוועהר; ערשט דאן, זיינען דעם לובלינער'ס דבורים מקוים געווארען. ר' אשר'ל איז נסתלק געווארען אין ערב פסח תרי"ד. ער איז, אלזא, געווען א קרבן פסח, און זיינע חסידים האבען יענעם טאג געטרויערט ווי אום תשעה באב.

דער לובלינער רבי איז ניט נאר געווען א „נאה דורש", בשעת ער האט געהייסען דעם ראפטשיצער זיך משדך זיין מיט וועמען ס'איז, מחמת אלע אידען זיינען דיזעלבע מיוחסים, ער איז אויך געווען א „נאה מקיים", ער האט טאקע מיט זיינ'ס א קינד געטהאן א פראסטען שידוך.

וכך הוה עובדא:

ס'איז אמאל געקומען א פרוי פונ'ם שטעדטעל אלפין, צום לובלינער מיט איהר א דערוואקסענעם בחור. אין איהר קוויטעל האט זיך די אשה בעקלאגט, אז ס'איז איהר שווער א שידוך צו טהאן מיט איהר זוהן, ווייל ער וויל נאר א כלה, וואס איז אן אמת'ע יראת־שמים, און ס'טרעפט זיך איהר ניט אזא מין שידוך.

דער רבי האט זי געבענשט, אז השם יתברך זאל פאר איהר מזמין זיין א שידוך הגון, א בת תלמיד חכם.

— ער וואלט געוואלט אזא מין שידוך ווי מיט'ן רבי'ן, למשל, — האט די אשה אנגעהויבען צו וויינען, אנדערש פאסט איהם ניט, מיין טהייערען זוהן.

— וואלסט אפשר געוואלט נעהמען באר א כלה מיין צירה'לע? — האט

דער לובלינער געפרעגט דעם חתן.

צירה'לע איז שוין געווען א כלה־מיידעל באמת. זי איז יונגערהייד א כלה געווארען, און בעת ס'האט שוין געזאלט זיין די חתונה איז דער חתן געשטארבען

דער בחור איז רויט געווארען, אראבגעלאזט דעם קאפ און גאר ניט גע־ענטפערט.

— ער וואלט אודאי און אודאי געוואלט, ווען דער היילינער צדיק זאל זיך נור ניט מאכען קיין קאטאוועס — האט זיך די מוטער אנגערופען אנשטאט איהר זוהן.

— מיר זיינען ניט קיין ליצנות־מאכער — האט צו איהר דער לובלינער געזאגט — איך מיין עס גאנץ ערנסט. איך וויל מיך מיט אייך משדך זיין און נאך היינט ביינאכט וועלען מיר מאכען „א ווארט”, אין א שעה מוצלחת.

ווען די פרוי איז אהיימגעקומען און דערצעהלט איהר מאן, אז זי האט זיך משדך געווען מיט'ן לובלינער, האט ער געמיינט, אז זי איז געריהרט געווא־רען פונ'ם שכל. זי האט איהם געבעטען מיט איהר מיטצופאהרען קיין לובלין, כדי זיך צו איבערצייגען אין דעם אמת פון איהרע דבורים. ער איז מיט איהר מיטגעפאהרען. אבער אין א קרעטשמע אונטער לובלין האט ער זיך אבגע־שטעלט און באין אופן ניט געוואלט אריינפאהרען אין שטאדט, אוים מורא, אז מען וועט איהם אויסלאכען. די פרוי מיט'ן חתן זיינען ביידע אריינגעפאה־רען און דערצעהלט דעם רבי'ן, אז דער מחותן שעהמט זיך צו קומען אין שטאדט.

דער לובלינער האט צו איהם ארויםגעשיקט זיין מקורב, אירם אריינגע־בראכט אין שטאדט און געשריבען די תנאים. אין א קורצע צייט שפעטער האט מען געפייערט די חתונה. דער איידים ר' שמואל, וועלכער איז בשעת חתונה געווען א איש פשוט, אבער א גרויסער ירא־שמים, איז דאן געזעסען יומם ולילה על התורה ועל העבודה. ער איז שפעטער געווארען רב אין רישא, מאריך ימים געווען און געהאט קינדער, וועלכע זיינען געווארען גרויסע רביים.

17

# משיח בן יוסף און משיח בן דוד

די הכנה מקבל פנים צו זיין דעם לובלינער. — יעדער דור האָט זיך זיינע משיחים. — מחלוקת איז מעכב די גאולה. — די ווייבער ביים רבי'נס טיש. — אַ מיאוס'ער עונש. — מען דאַרף קענען קוקען און ניט זעהן. — דער לובלינער מאַכט שבת פאַר זיך. — מען דאַרף חושש זיין אויפ'ן כבוד פון השם יתברך ניט פאַר דעם תועלת פון דער נשמה. — דער פירוד צווישען די צדיקים.

דער רבי ר' ברוכ'ל פון מעזיבוש, דעם בעל־שם'ס אַן אייניקעל, איז געווען אַ בעל־מחלוקת פון אַלע אַנדערע צדיקים. מחמת ער האָט געגלויבט, אַז זיין זיידע, דער בעל־שם, איז געווען אין דער בחינה פון „מלכות בית דוד", און אַז די אמת'ע גוטע אידען דאַרפען אַרויסקומען פונ'ם בעל־שם'ס זרע קודש.

פונדעסטוועגען האָט ער מודה געווען, אַז דער לובלינער רבי האָט אַ שטאַרקען כח אין זעהן עתידות. און בעת דער לובלינער איז צו איהם געקומען אויף שבת קיין מעזשבוש, איז דער רבי ר' ברוכ'ל געווען מלא שמחה, די גאַנצע וואָך האָט ער זיך געפרעהט, אויסרופענדיג כסדר: „ברוך המקום, געלויבט זאָל זיין דער בעשעפער, וואָס ער שיקט אונז צו אויף שבת אַזאַ טייערען אורח, אַז אמת'ען עונג־שבת".

האָבען חסידים דעם ענין פונ'ם מעזשבושער'ס גרויסע שמחה געגעבען צו פערשטעהן אויף דיעזען אופן: אין יעדען דור, מוזען אַראָבקומען פון „היכל הנשמות" צוויי גרויסע נשמות, איינע, די נשמה פון „משיח בן יוסף", און די צווייטע, די נשמה פון „משיח בן דוד". דער טעם דערפון איז אַזאַ: יעדער טאָג און יעדע רגע, קען ווערען אַז „עקבתא דמשיחא", אַזוי ווי אידען זאָלען מיט אַמאָל אַלע גוט ווערען אָדער אַלע שלעכט ווערען, מוז תיכף קומען משיח.

ובכן, אַזוי ווי צו ווערען גוט אָדער שלעכט איז דאָך אַ „בחירה", די ברירה ביי די מענשען אַליין צו טהאָן וואָס זיי ווילען, מוזען דאָך תמיד, אין יעדען דור, זיין פאַרבערייטעט די צוויי משיחים, כדי, אַזוי באַלד ווי מען וועט זיי נאָר בעדאַרפען, זאָלען זיי זיין גרייט צו דער האַנד צו טהאָן זייער שליחות. אָט דיעזע צוויי גרויסע נשמות, געפינען זיך תמיד אין די גופים פון די צוויי גרעסטע צדיקים אין דור. און דיעזע צוויי צדיקים מוזען תמיד האָבען מחלוקת, אַזוי

פיהרט מעז עס מן השמים. טאמער וואלט צווישען זיי געווען אן אמת׳ער שלום, וואלטען זיי געקענט ברענגען די גאולה פאר דער צייט, ווען זיי זאלען זיך זעהן פנים אל פנים.

איז עס אבער א דבר ידוע צווישען די חסידים, אז דער לובלינער חוזה האט אין זיך געהאט נשמת „משיח בן יוסף” און דער רבי ר׳ ברוכ׳ל נשמת „משיח בן דוד”. כהיום, וויבאלד דיעזע צוויי צדיקים וואלטען זיך צוזאמענגעקומען און צוזאמען הארמאנירט אין שלום ושלוה, איז קיין ספק ניט, אז די אידישע הילף וואלט תיכף געווען געקומען. האט זיך אבער דער בעל־דבר אריינגעמישט, געמאכט א קנאה־שנאה און א מחלוקת צווישעןביידע צדיקים תיכף ביי די פרייטאג־צונאכטס׳דיגע סעודה, כדי דער אידישער גלות זאל האבען א קיום און מיט איהם צוזאמען די ממשלה פונ׳ם ס״ם מיט זיין חבריא חיצונים.

ווי כ׳האב שוין פריהער דערצעהלט, איז ביים ערשטען קבלת פנים אלץ געגאנגען ווי געשמירט. ר׳ ברוכ׳ל האט פרייטאג, ביי דער טבילה לכבוד שבת, אויסגעפרובט די הרגשה פונ׳ם לובלינער, דאן איהם געגעבען א קוש אין שטערען און עדות געזאגט, אז ער האט אפענע אויגען און איז אן אמת׳ער חוזה. דיעזער קוש, וועלכער האט בעדייטעט אן „אתחלתא דגאולה”, אן אמת׳ער שלום צווישען די ביידע משיחים, האט, פערשטעהט זיך, געמאכט א רעש אין אלע זיעבען הימלען. דער „אור שבעת הימים” האט אנגעהויבען צו שיינען אין אלע ווינקעלאך פון די הימלישע היכלות, אז ס׳איז געווען ממש די בחינה פון „ואנפאי נהירין בנהירו עילאי”, די פנים׳ער פון די שרפים, חיות און אופני הקודש האבען געלייכט פונ׳ם אבגלאנץ פונ׳ם חשמל־ליכט, וואס האט דעמאלט ארומגערינגעלט דעם כסא־הכבוד. וואלט דער שלום געווען אנגעהאלטען, כאטש איבער דעם פרייטאג-צונאכטס׳דיגען טיש, וואלט געווארען דער „יחוד השלם”, וועלכער הייסט אין קבלה־ספרים: „יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה”.

אבער, אך און וועה צום אידישען מזל.

דער רבי ר׳ ברוכ׳ל האט געהאט א מאדנע מנהג, אנדערש פון כל הצדיקים. אפילו פון זיין אייגענעם זיידען דעם בעל־שם. ביי די שבת׳דיגע טישען, פלעגט ער זיצען צוזאמען מיט זיין ווייב, די רביצין, און מיט אלע זיינע טעבטער, ביי א בעזונדערען טיש, און די חברה חסידים, זיינע אורחים, ביי אן אנדערען טיש. די צדיקי הדור האבען עדות געזאגט, אז דאס איז זעהר א הויכער דרך וואס ניט יעדער צדיק קען עס משיג זיין. דער לובלינער האט אפילו געוואוסט פון אט דיעזען משונה׳דיגען מנהג, ער האט אבער גערעכענט, אז צוליעב איהם, וועלכער האט זיך תמיד אבגעהיטען די אויגען, און כמה שנים געגאנגען אין גאנצען פערבונדען מיט א טיכעל, כדי ניט צו קוקען אינ׳ם פנים פון אן אשה, צוליעב איהם, וועט ער ניט ערלויבען די ווייבליכע מיטגליעדער פון זיין בני בית צו זיצען ביים זעלבען טיש מיט איהם.

האט אבער ר׳ ברוכ׳ל ניט געוואלט משנה זיין פון זיין מנהג אפילו צוליעב אזא גרויסען גאסט. הפנים, אז ער האט זיך גאר ניט גערעכט אז דער לוב־

לינער וועט אזוי מקפיד זיין. ער האט גערעכענט, אז דער חוזה איז שוין ביי אזא מדרגה, דאס ער קען זאגען „גירא בעיניך, שיטנא!“, אז דער יצר־הרע האט איבער איהם לחלוטין מעהר קיין ממשלה ניט; און אפשר איז דאס טאקע געווען איינס פון די מיטעל אויסצופרובען דעם מצב־הנפש פונ׳ם לובלינער. זאל זיין ווי ס׳וויל, אז עובדא איז עס, אז ער האט דעם לובלינער געזעצט נעבען זיין רעכטע האנד, די רביצין ביי דער לינקער האנד, און די עלטסטע טאכטער איז אויסגעקומען צו זיצען פונקט געגענאיבער דעם לובלינער.

דער לובלינער האט זיך בעמיהט מיט אלע כחות ניט צו קוקען איהר אין שטח אריין, ער האט אבער געפיהלט, אז זי לאזט פון איהם ניט אראב קיין אויג די גאנצע צייט, קוקט איהם כסדר אין פנים אריין, כדי זיך צוצוזעהן צו זיינע מנהגים, און דאס האט איהם, דעם לובלינער, שטארק מבלבל געווען.

פלוצים האט דער לובלינער א הויב אויף געטהאן זיינע אויגען, זיך ארומגעקוקט צו אלע טעכטער פון ר׳ ברוכ׳לען, וואס זיינען געזעסען ארום דעם טיש, און באותו הרגע, האבען מיט אמאל אלע טעכטער פערלאזט דעם טיש. זיי זיינען געקומען צו אזא מדרגה, וואס האט זיי, אלס פרויען, אונמעגליך געמאכט ווייטער צו פערבלייבען זיצענדיג ביים טיש. דער רבי ר׳ ברוכ׳ל האט תיכף פערשטאנען וואס דא איז געשעהן, אז דער חוזה האט איהם אבגעארבייט דאס שטיקעל ארבייט אלס אן עונש. ער איז געווארען שטארק אויפגערעגט וואס דער גאסט האט איהם פערשטערט דעם שבת.

דוד המלך האט געזאגט — האט זיך ר׳ ברוכ׳ל אנגערופען צום לובלינער — „העבר עיני מראות שוא“, נעהם אוועק דעם כח הראיה פון מיינע אויגען, זיי זאלען ניט זעהען וואס מען טאר ניט. ער האט אבער ניט געזאגט: „העבר שוא מעיני“, וואס וואלט געמיינט: נעהם אוועק פון מיינע אויגען די זאכען וואס איך דארף ניט זעהען. מחמת דער צדיק דארף זיך אויסארבייטען זיינע אויגען, זיי זאלען ממילא ניט זעהען וואס מען דארף ניט, באטש ס׳שטעהט איהם ממש פאר די אויגען.

צו מארגענס, שבת אין דער פריה, איז דער לובלינער שוין פערבליבען אויף זיין סטאנציע, ניט געוואלט מעהר נעהן צו ר׳ ברוכ׳לס טיש. ס׳איז שוין געווען א פערשטערטער שבת, דער שטן האט מצליח געווען. ר׳ ברוכ׳ל האט זיך אבער ניט וויסענדיג געמאכט, געפראוועט דעם טיש ווי תמיד, ניט אמאל צו פרעגען מכח דעם אויספעהלען פון זיין חשוב׳ען אורח.

ערשט ביי דעם שלש־סעודות׳דיגען טיש, האט ר׳ ברוכ׳ל, הפנים, געפיהלט א שטארקען חלישות־הדעת. ער האט לחלוטין ניט געקענט פראווען דעם טיש, מחמת גרויס צורודערטקייט. ווי שטאלץ ער פלעגט זיין אויף דעם כבוד פון זיין יחוס, האט ער זיך דאס מאל ניט געקענט צוריקהאלטען פון זיך מכניע זיין, אין א געוויסען גראד, פאר׳ן לובלינער. אפשר איז דאס געווען מחמת קנאה, וויסענדיג אז אלע חשוב׳ע בעלי בתים פון מעזיבוש זיינען געווען איז דער פריה און זיינען אויך איצט ביים לובלינער׳ס טיש. ער האט אריבערגעשיקט זיין מקורב ר׳ מנלי, בעטען דעם לובלינער, ער זאל צו איהם קומען צו

שלש־סעודות. ער האָט איהם שטרענג אָנגעזאָגט, זיך ניט אָבצוטרעטען ביז דער לובלינער וועט מיטגעהן.

„איך האָב א „תורה" — האָט דער מעזיבושער צו איהם בעפוילען — וועלכע איך האַלט שוין בסוד זעקס און דרייסיג יאָהר, אמת'דיגע „רזין דאוריתא", אַזעלכע הויכע ענינים, וואָס „לבא לפומא לא גליא", מען טאָר זיי כמעט ניט אַרויסריידען, אָבער ווײַבאַלד איהר וועט קומען, וועל איך זיי פאַר אייך מגלה זיין. קומט, למען השם, תיכף ומיד, עס וועט זיין א גרויסער תועלת (נוצען) פאַר אייער נשמה".

„זאָגט אייער רבי'ן — האָט דער לובלינער געזאָגט צום מעזיבוש'ערם מקורב — אַז מיר זאָרגען קיינמאָל ניט פאַר א תועלת פון אונזער נשמה, נאָר פאַר'ן כבוד פון השם־יתברך, וועמעס כבוד וועט מעהר נתעלה (גרויס) ווערען, ווען מיר וועלען פערבלייבען ביי זיך אויף דער סטאַנציע. „לא בשמים היא", די „תורה" וואָס אייער רבי האָט געקענט משיג זיין, וועלען מיר אויך משיג זיין, ווײַבאַלד מיר וועלען נור ראָוי זיין צו וויסען. אַז ניט, דאַרף מען ניט".

ר' מנלי האָט זיך אָבער ניט געוואָלט אָבטרעטען, געוואָלט דעם לובלינער מבלבל זיין, כדי ער זאָל מוזען מיטגעהן מיט איהם. די חסידים האָבען אָבער מיט איהם ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, נאָר איהם אָנגענומען פשוט ביים קאָרג און אַרויסגעוואָרפען, ניט קוקענדיג אויף זיינע געשרייען, אַז זיי דאַרפען פאַר איהם דרך־ארץ האָבען, מחמת ער איז נאָך געווען א משמש ביים בעל־שם.

זונטאָג אין דער פריה האָט דער מעזיבושער נאָך אמאָל געשיקט בעטען דעם לובלינער ער זאָל צו איהם קומען.

„ס'חידוש'ט מיך, האָט איהם דער לובלינער געלאָזט זאָגען, אַז ער ווייסט ניט, דאָס זונטאָג בין איך א „נשמה אָהן א גוף" (קראַנק און צובראָכען פון דער גרויסער שבת־עבודה). ערשט מאָנטאָג איז ער זיך געגאַנגען געזעגענען צום מעזיבושער.

„איהר ווייסט ווער מיין זיידע איז געווען?" — האָט איהם דער רבי ר' ברוכ'ל געפרעגט — איהר ווילט גאָר ניט וויסען, אַז איך בין דעם בעל־שם־טוב'ס אייניקעל?"

„און איך בין ר' קאָפּעל ליקאָווער'ס אייניקעל — האָט איהם דער לובלינער געענטפערט. — איבערי ענס, מיין איך, אַז קודם כל, דאַרף דער מענש ז י ך קענען; אַזוי לאַנג ווי כ'בין נאָך ניט ביי דער מדרגה צו קענען מיין א י י ג ע נ ע ם מהות, אינטערעסירען מיך די זיידעס גאַנץ ווייניג".

דיביידע צדיקים האָבען זיך זייט דעמאָלט ניט מעהר געזעהן און די אידישע ישועה איז דעריבער נדחה געוואָרען אויף אַן אונבעשטימטע צייט.

## 18

# אַ בעל־עגלה איז זיך קונה עולם הבא

**דער נאָמען אין קוויטעל זאָגט אַלצדינג. — געהט טהאָן אַן עברה און כאַפּט גאָר אַריין אַ מצוה. — דערשמעקט אַן דער מצה אַ ריח פון ניאוף. — הייסט דעם בעלזער צדיק עסען אום תשעה באב. — דעם בעלזער'ס „סמיכה". — ס'איז אַ חלוק ווי אַזוי מען דערצעהלט אַ מעשה. — שלום איז רודף אהרן.**

„אַ קוויטעל לייענען האָט נאָר געקענט דער לובלינער צדיק — האָט אַמאָל זיין תלמיד ר' ישעיה פון פּרזשעדבאָרזש געזאָגט — ער האָט ביים קוויטעל לייענען געזעהן אַלצדינג וואָס ס'טהוט זיך מיט דעם מענשען, וועמעס נאָמען ס'איז געווען פערשריבען אינ'ם קוויטעל".

האָט זיך אַמאָל געטראָפען אַט אַזאַ מעשה:

אַ חסיד איז אַמאָל געפאָהרען אויף אַ בעל־עגלה'ס פוהר קיין לובלין צום רבי'ן. קומענדיג קיין לובלין, האָט דער בעל־עגלה געבעטען דעם חסיד, אַז בעת ער וועט זיין ביים צדיק, זאָל ער איבערגעבען דעם רבי'ן אויך פון זיינעט וועגען אַ קוויטעל מיט אַ פּדיון. דער חסיד האָט מיטגענומען דעם קוויטעל פון דעם בעל־עגלה און האָט עס איבערגעגעבען דעם רבי'ן.

בעת דער לובלינער האָט געלייענט דאָס קוויטעל, האָט ער אויסגערופען:

„אַ שעהנער נאָמען, אַ ליכטיגער נאָמען. דער איד פערשיינט דאָך אַלע עולמות מיט זיינע מעשים טובים". דער חסיד, וועלכער האָט פון תמיד אַן געקענט דעם בעל־עגלה פאַר אַ גאָר פּראָסטע בריאה, האָט זיך ממש ניט געקענט גענוג אַפּוואונדערען איבער'ן רבי'נס דבורים.

אַזוי ווי דער לובלינער צדיק האָט בעמערקט, אַז זיינע דבורים האָבען דעם חסיד אַריינגעבראַכט אין אַזאַ השתוממות, האָט ער זיך אָנגערופען:

— אפשר לייכט אַזוי זיין נאָמען, מחמת ער האָט איצט געטהאָן עפּעס אַ גוטע עובדא, ווי די גמרא זאָגט: „יש קונה עולמו בשעה אחת", מען קען זיך אַמאָל קונה זיין עולם־הבא מיט איין איינציגע גוטער עובדא".

די חסידים וועלכע האָבען געוואוסט אַז דעם רבי'נס דבורים זיינען אמת ויציב, האָבען זיך באַלד אוועקגעלאָזט איבער דער שטאָדט לובלין אויפצווזוכען דעם בעל־עגלה, כדי צו ערפאָהרען וואָס פאַר אַ מין מצוה ער האָט איצט געטהאָן, וועלכע האָט אַזוי פערשיינט דעם צדיק'ס אויגען. זיי האָבען איהם אַרומגעזוכט

אין יעדער אכסניא און אין יעדען איינפאהר־הויז, ביז דער חסיד האט אין איין גאסטהויז דערקענט די פערד און וואגען מיט וועלכע ער איז געקומען צו־פאהרען, בעת דעם בעל־עגלה איז ניט געווען צו געפינען.

געגענאיבער דעם גאסטהויז איז דעמאלט גראד געווען א חתונה וואו מוזיק האט געשפיעלט און די מחותנים האבען זיך זעהר משמח געווען. אזוי ווי די חברה חסידים זיינען פארבייגעגאנגען פאר'ן חתונה־הויז, האט דער חסיד גע־עפענט די טיהר גלאט אזוי פאר נייגיעריגקייט, און צו זיין גרויסען ערשטוינען דערזעהן דעם בעל־עגלה טאנצען און שפרינגען אין א רעדעל, צוזאמען מיט די מחותנים, צוואוארפענדיג אלע מאל די כלי־זמר א מטבע זיי זאלען כסדר שפיעלען.

דערזעהענדיג דעם בעקאנטען חסיד, האט זיך דער בעל־עגלה אביסעל פער־שעהמט. אויף דעם חסיד'ס פראגע, וואס ס'איז מיט איהם אזוינס די גדולה אויף דיזער חתונה, האט איהם דער בעל־עגלה דערצעהלט כהאי לישנא:

„זייענדיג היע אין א גרויסער שטאדט, האט זיך מיר פערגלוסט צו פער־זוכען פון די גרויסשטעדטישע שמחות, פון וועלכע אונזערע קליינשטעדטעלדיגע דערצעהלען זיך אזוי פיעל אן. איך האב דעריבער אנגעפיטערט און גוט אנגע־טרונקען מיינע סוסים און מיך ארויסגעלאזט אין מארק אריין זוכען עפעס א פרעהליכע הויז דארט צו פערברענגען עטליכע לוסטיגע שעה.

„פערבייגעהענדיג אט פאר דעם הויז, האב איך דערהערט שפיעלען, בין איך אריינגעגאנגען כאפען א קוק וואס פאר א מין שמחה דא איז עפעס. איך האב דערזעהן אז ס'איז א חתונה. די מוזיק שפיעלט, די מיידלעך טאנצען, די מחותנים קריגען זיך און די כלה וויינט. איך בין באלד געוואהר געווארען דעם גאנצען ענין אין וואס ס'האנדעלט זיך. די כלה איז אן ארימע יתומה. זי האט זיך מתחייב געווען צו קויפען דעם חתן א טלית, אזוי ווי דער מנהג איז. האט זי אבער קיין געלד ניט, און דער חתן וויל באין אופן ניט געהן צו דער חופה ביז מען וועט איהם ניט קויפען דעם טלית. האב איך רחמנות בעקומען אויף דער יתומה, ארויסגענומען אלע מיינע מטבעות וואס איך האב פערדיענט פון מיין איצטיגער נסיעה און געגעבען עס די מחותנים צו קויפען א טלית. אזוי ווי איך בין דאך געווען דער גורם די שמחה זאל ניט פערשטערט ווערען, בין איך מיך משמח אויף דיזער ארימער חתונה".

און דאס האט דער צדיק דערפיהלט בשעת ער האט געלייענט דעם בעל־עגלה'ס קוויטעל.

אבער ניט דוקא דורך א קוויטעל האט ער דערקענט די מעשים פון א מענש: זיין הרגשה צו דערפיהלען א חטא איז געווען שלא כדרך הטבע. די פסח'דיגע מצות פלעגט מען באקען טאקע אין לובלינער'ס הויז, געוועלגערט האבען ס'רוב מיידלעך, און די בחורים פלעגען זיין די קנעטער און די רעדלער. נאך דעם ווי מען האט די מצות אבגעבאקען, האט מען זיי אלע געמוזט אריינ־ברענגען צום רבי'ן און ער פלעגט זיי אויסקלייבען מצה איבער א מצה, וועלכע ס'איז כשר אויף פסח און וועלכע ניט. האט ער געזאגט אויף א מצה „צדיק".

האט מען געוואוסט אז זי איז געמאכט בטהרה און זי אוועקגעלעגט פאר פסח. האט ער געזאגט אויף א מצה „רשע", האט מען פערשטאנען אז זי איז געמאכט געווארען מיט א מחשבה זרה, און מען טאר זי ניט נוצען פאר פסח.

ר' קאפעל, דעם לובלינער'ס א שוועסטער'ס א זוהן, האט אמאל געוואלט אויספרואווען דעם פעטער אויב ס'איז טאקע אמת, אז ער דערקענט די מצות אויב זיי זיינען געמאכט בטהרה. אזוי ווי ער איז געווען דער רעדלער פון די מצות, האט ער אמאל געזעהן ווי בשעת וואלגערען די מצה האט א בחור א שטיף געטהאן מיט א מיידעל. ביים רעדלען האט ר' קאפעל זיך געמאכט א סימן אין דער מצה, כדי צו הערען וואס זיין פעטער וועט איבער איהר בעמערקען.

אזוי ווי דער לובלינער האט נאך דעם באקען אנגעהויבען אויסצוקלויבען די „צדיקים" צווישען די מצות און איז צוגעקומען צו דיזער מצה, האט ער זי ניט אמאל מיט דער האנד געוואלט בעריהרען. ער האט אויסגעשריען, מען זאל אט דיזע מצה שנעל אוועקנעהמען, ווייל ס'פיהלט זיך פון איהר א ריח פון ניאוף.

דער לובלינער חוזה איז געווען א גרויסער מקיל אין תעניתים. יעדען תענית-צבור פלעגט ער דורכגעהן זיין בית-המדרש, אנקוקענדיג יעדען איינעם אין די אויגען אריין, און געהייסען מאנכע געהן תיכף עסען. אמאל האט ער געזאגט צום בעלזער צדיק ר' שלום, וועלכער פלעגט צו איהם פאהרען אלס חסיד, תשעה באב בשעת די קינות, ער זאל תיכף געהן עסען. ר' שלום, אלס גרויסער צדיק, האט זיך ניט געאיילט און געווארט ביז נאך חצות. ווי דער לובלינער האט דאס דערהערט, האט ער געהאט גרויס תרעומות. „אל תצדק הרבה", זיי ניט צופיעל צדיק, האט ער דעמאלט געזאגט צו ר' שלום. באלד נאך תשעה באב איז ר' שלום געפעהרליך קראנק געווארען. ערשט דעמאלט האט מען זיך דערוואוסט די סיבה פארוואס דער צדיק האט איהם ניט געהייסען פאסטען.

דיזער בעלזער רבי, וועלכער האט זיך בעריהמט געמאכט דורך זיין גרויסען איבערנאטירליכען כח צו היילען כל־ערליי חולאת'ן, רחמנא לצלן, בעזונדערס נעלעהמטע און משוגע'נע, האט ערהאלטען זיין סמיכה טאקע פונ'ם לובלינער חוזה.

נאך אלס גאר א יונגערמאן, האט זיך ר' שלום אוועקגע'גנב'עט פון זיין רבי'ן דעם סקאהלער מגיד און געפאהרען קיין לובלין. שבת ביים טיש, איז ר' שלום, אלס אן אונבעקאנטער יונגערמאן, קוים זיבעצעהן יאהר אלט, געזעסען ביים לובלינער'ס טיש גאנץ אונטען, מחמת קיין מענש האט זיך וועגען איהם ניט געקימערט. דער לובלינער אבער, מיט זיינע אפענע אויגען האט תיכף דערזעהן וואס פאר א טייערע כלי ער האט איצט בעקומען פאר אן אורח און א תלמיד. ביים גאנצען טיש האט ער כסדר ארויסגעוויזען צייכענס פון שמחה, אויסרופענדיג אלע מאל: „א מחיה! אן אמת'ער עונג שבת!" קיינער האט אבער ניט פערשטאנען וואס און וועמען ער מיינט מיט זיינע דבורים.

אין לובלין האט דער רבי קיינמאל ניט מכבד געווען מיט בענטשן מזומן

ביי א שבת'דיגען טיש, נאר צו א „רבי", א מוסמך, א בעקאנטע פערזענליכקייט. יענעם שבת, פאר'ן בענשען, בעת מען האט זיך בעדארפט וואשען די פינגער מיט „מים אחרונים", האט דער רבי געהייסען געבען צום ערשטען דאס וואסער פאר „מים אחרונים" צו ר' שלום פון סקאהל, און דאס האט געדיענט פאר א צייכען אז מען איז איהם מכבד מיט „ברכת המזון". דער גאנצער עולם האט זיך אומגעקוקט, ניט וויסענדיג אפילו וועמען מען מיינט, באלד האבען זיי זיך אבער דערוואוסט, אז ער מיינט דעם גאנץ יונגינקען מאן וואס זיצט דער לעצ־טער ביים טיש. דאס איז געווען א בפרוש'דיגע „סמיכה", און מיט'ן מזומן בענשען האט דער לובלינער אין ר' שלום'ען ענטדעקט די פערבארגענע בע־האלטענע כחות הנפש צו ווייזען דער וועלט פלאים'דיגע וואונדער.

אין בעלז האט צו יענער צייט געוואוינט א גרויסער גאון, וועמען מען האט גערופען ר' אהרן משיח. אזוי ווי די שטאדט האט דעמאלט ניט געהאט קיין רב, האבען די ראשי הקהל געוואלט איהם מאכען פאר'ן שטאדט־רב. ר' אהרן איז אבער געווען א גרויסער עניו און באין אופן ניט געוואלט אננעהמען א רבנות־שטעלע, כדי ניט צו האבען וועלכע ס'איז הנאה פון דער תורה.

די ראשי הקהל, וועלכע זיינען געווען לובלינער חסידים, זיינען אריבערגע־פאהרען אום לובלינער חוזה, כדי זיך מיט איהם מתיעץ צו זיין וועמען זיי זאלען אויפנעהמען פאר א שטאדט־רב, אויף אזא חשוב'ע כסא־רבנות וואו דער גרויסער גאון דער ב"ח איז אמאל געזעסען.

„פאהרט קיין סקאהל און נעהמט אויף פאר א רב ר' שלום רוקח, דעם מגיד'ס תלמיד", האט דער לובלינער צו זיי געזאגט.

די ראשי הקהל זיינען אהיים געפאהרען, געלאזט אבשרייבען א כתב רבנות און געשיקט עס, דורכ'ן שמש, צו אלע בעלי־בתים פון שטאדט זיי זאלען זיך אונטער'חתמ'נען.

ווי דער שמש איז אריינגעקומען צו ר' אהרן משיח, כדי ער זאל זיך צום ערשטען חתמ'נען, האט זיין ווייב אנגעהויבען צו מאכען א גוואלט: „ס'טייטש, דו, אן אלטער מיוחס און א וועלט־גאון, וועסט מוזען זיין כפוף (אונ־טערוואָרפען) אונטער א ניינצעהן יעהריגען יונגען מאן!" זי האט ארויסגע־כאפט דעם כתב רבנות, עס צוריסען אויף פיצלעך און געצוואונגען איהר מאן ער זאל מסכים זיין צו ווערען שטאדט־רב. ר' אהרן משיח האט געמוזט געבען זיין הסכמה און זיך געזעצט אויפ'ן „כסא הרבנות".

דאס איז געווען פאר פורים. אום פורים איז ר' שלום רוקח געווען אין לובלין און דער רבי האט איהם מכבד געווען צו לייענען די מגלה בצבור אין זיין בית המדרש. נאך דער מגלה האט דער לובלינער געזאגט צו זיין חבריא: „איך האב שוין אט די דאזיגע מ ע ש ה (פון דער מגלה) געהערט דערצעהלען א סך מאל, אבער אזוי שעהן ווי דער יונגערמאן האט זי איצט דערצעהלט, האב איך זי נאך קיינמאל ניט געהערט. ער איז ראוי צו זיין א „מנהיג הדור" און וועט עס אויך ב א ל ד זיין. אונזערע חכמים זאגען, אז א ה ר ן הכהן

איז געווען אַ רודף ש ל ו ם. דיזער ש ל ו ם (דערביי האָט ער געוויזען אויף ר׳ שלום רוקח) וועט זיין אַ רודף א ה ר ן ״ (דאָס האָט ער געמיינט, אַז ער וועט פעריאָגען פון כסא הרבנות ר׳ אהרן משיח).

באַלד נאָך אַ קורצע צייט איז ר׳ אהרן משיח נפטר געוואָרען און ר׳ שלום רוקח איז געוואָרען בעלזער שטאָדט־רב און דערביי אויך אַ גרויסער „רבי“.

## 19

# די הימלישע מלאכים־מעלאָדיע

דאָס·התפשטות הגשמיות ביים שבת'דיגען טיש. — הערט די מלאכים זינגען שירה. — דער בעל שם־טוב ראַטעוועט דעם צדיק. — אַ גרויסער רבי וואָס דאַוועט אָהן אַ טלית. — די מחשבה צו פאָהרען צום צדיק איז גערעכענט פאַר אַ מעשה. — דער צדיק בעדיענט זיך מיט'ן אור פון „ששת ימי בראשית“. — דער חסיד קוקט און ווערט בלינד. — ר' ישעיה בעל־מופת.

אַלע גוטע אידען וועלכע קומען אַרויס פון דער ראָפּטשיצער גזע, האָבען אַ מנהג צו זינגען יעדען פרייטאָג־צו־נאַכטס דעם זמר „לאל אשר שבת“ מיט אַ מין סקאַרבאָווע ניגון, וועלכען אַלע חסידים רופען ניט אַנדערש נור „די מלאכים־מעלאָדיע“. דיזע מעלאָדיע שטאַמט אייגענטליך אָפּ פון'ם לובלינער זעהער.

ומעשה שהיה כך היה :

דער לובלינער זעהער האָט זיך אַמאָל ביי אַ פרייטאָג־צו־נאַכטס'דיגען טיש שטאַרק פער'דבק'עט. די עבודה איז דעמאָלט געוועזען שלא כדרך הטבע, ממש איבער'ן מענשליכען יכולת. די ראשי החסידים וואָס זיינען דעמאָלט געזעסען ביים לובלינער'ס טיש זיינען שטאַרק נתפעל געוואָרען. זיי האָבען פערשטאַנען אַז היינט דאַרף עפּעס נייעס פּאַרקומען. עפּעס אויסערגעוועהנליכעס.

פלוצים האָט דער לובלינער אַ ציטער געטהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער, אַראָפּגעוואָרפען דעם קאָפּ, אָנשפּאַרענדיג מיט'ן שטערען צום טיש און אַזוי געבליבען ליגען, ניט אַמאָל אַ ריהר צו געבען מיט אַן אבר.

עס געהט אַוועק אַ האַלבע שעה, אַ גאַנצע, צוויי שעה און דער צדיק גיט זיך ניט אַ ריהר. האָאר און נעגעל האָבען זיך קאַפּויר געשטעלט ביי אַלע טיש־חסידים. זיי האָבען געזעהן בחוש, אַז דער רבי האָט איצט עלית נשמה ; זיי האָבען אויך גוט פערשטאַנען אַז עפּעס קאָכט זיך דאָרט איצט אין די עולמות העליונים און אַז דער רבי שפּיעלט ביי דעם ענין אַ בעדייטענדע ראָלע. זיי האָבען זיך דעריבער זעהר געשראָקען, אַז דאָס צו גרויסע דבקות זאָל ניט חלילה פיהרען צו „כלות הנפש“, עס זאָל מיט איהם ניט חלילה געשעהן ווי מיט נדב ואביהו, ביי וועלכע די תורה האָט אָנגעשריבען „בקרבתם לפני ד' וימותו“.

מחמת זיי זיינען צו נאָהנט צוגעגאַנגען און זיך צופיעל מדבק געווען אין דער שכינה, דאַדורך איז זיי דאָס חיות אויסגעגאַנגען. דאָס קליינע ליכטעל, די נשמה, האָט זיך פעראייניגט אויף אייביג מיט'ן גרויסען ליכט, מיט'ן אור פון אין סוף.

האָבען פּלוצים אַלע חסידים אָנגעהויבען צו זינגען און צו טאַנצען ברעם וברעש, כדי דעם צדיק מבלבל צו זיין, איהם אָוועקרייסען מיט געוואַלט פונ'ם שורש. אַלעס איז אָבער געווען אומזיסט. דער רבי ליעגט כסדר מיט'ן קאָפּ אויפ'ן טיש אין אַ מצב פון כלות־הנפש.

פּונקט צוועלף אַזייגער האָט זיך דער זעהער פּלוצים אויפגעכאַפּט מיט אַ קול נגינה און מיט אַ מין שמחה, ממש אין לשער. מיט גרויס התלהבות האָט ער אָנגעהויבען זינגען דעם זמר „לאל אשר שבת“ מיט אַ נייעם ניגון וואָס די חסידים האָבען קיינמאָל ניט געהערט און וועלכער האָט אָבער געהאַט אַזאַ מין מתיקות, אַז ער איז זיך ממש צוגאַנגען איבער אַלע אברים. באַלד האָט די חברה מיטגעזונגען. ס'איז געוואָרען אַ שמחה אין אַלע ווינקעלער, מען האָט געפיהלט אַ תענוג „מעין העולם הבא“.

ערשט נאָכ'ן בענטשען האָט דער לובלינער מגלה געווען צו זיינע חסידים אַלצדינג וואָס ס'האָט מיט איהם פּאַסירט ביים טיש. דורכ'ן שטאַרקען דבקות איז ער כסדר געגאַנגען העכער און העכער, פון איין עולם צום אַנדערען, ניט זיך אָפּצושטעלען, שעפּענדיג אַ גן־עדן תענוג, מה שאין הפה יכול לדבר, וואָס דאָס מויל איז ניט אימשטאַנד אַרויסצוריידען. דורך דער הארה (ליכט) פון דער שכינה האָט ער זיך גאַנץ פערגעסען; ער איז אַרויס פונ'ם גאַנצען חומרות, און ס'איז איהם ממש אונמעגליך געווען זיך אָפּצורייסען פון אָט דער נעימות'דיגע סביבה.

אַזוי ווי ס'איז געקומען חצות הלילה, פּונקט האַלבע נאַכט, האָבען די מלאכים און שרפים אָנגעהויבען צו זינגען שירה פאַר זיין ליעבען נאָמען. דאָס קול איז געקומען פון אַלע פיער עקען פון דער וועלט, און געזונגען האָבען זיי דעם זמר „לאל אשר שבת מכל המעשים“, מיט אַ מין זיסע, האַרציגע, מחיה־נפשות'דיגע מעלאָדיע, [illegible] גערירט ביז די טיעפעניש פון דער נשמה. „די נגינה האָט מיר אַזוי גענומען, אַז איך בין שוין געקומען אָט צו יענער נקודה וואו דער חלק איז זיך מתדבק אינ'ם כלל. ס'האָט נאָך געפעהלט אַ האָאר און איך וואָלט געווען אויסגעגאַנגען מיט מיתת נשיקה“.

אָט אין דיזער קריטישער, סכנה'דיגער רגע האָט איהם עפּעס אַז אַלטער מאַן, בלי ספק דער בעל־שם הקדוש, אָנגעכאַפּט ביי דער האַנד זאָגענדיג צו איהם דיזע ווערטער: „איציק'ל, דו האָסט דאָך ניט געבענשט!“ תוך כדי דבור איז ער צו זיך געקומען און מיטגעבראַכט פאַר די חסידים אַ מתנה „די מלאכים מעלאָדיע“.

ביים לובלינער טיש פלעגט מען כמה פעמים זעהן נפלאות. ער האָט גע־וואוסט וועלכער חסיד פון זיינע חסידים האָט ביי זיך אין דער היים געהאַט אַ

מחשבה און א רצון צו פאהרען קיין לובלין אויף שבת, נאר ער איז געשטערט געוואָרען דורך עפּעס א מין סיבה. דער רבי פלעגט שוין אט דיזען חסיד בע־טראַכטען פאר זיין שבת־אורח.

דער צדיק ר' אליעזר ליפּמאַן פון שטעקעטשין, ווען ער פלעגט פאהרען צו זיין רבי'ן קיין לובלין, האָט ער אויף'ן וועג תמיד אָפּגעטרעטען קיין לעלאוו, כדי זיך צו זעהן מיט זיין געליעבטען חבר, דעם צדיק ר' דוד'ל לעלאָווער.

איינמאל, ווען ר' אליעזר איז געפאָהרען קיין לובלין, האט ער ר' דוד'לען ניט געטראָפען אין זיין חדר. איז ער געגאַנגען זוכען וואו ער איז ערגעץ, האָט ער איהם געטראָפען אויפ'ן בוידעם דאווגען איינגעהיעלט אין א ווייס ליילעך אנשטאַט א טלית. ער האָט זיך דאן דערוואוסט, אז מען האט ר' דוד'ן אוועק־גע'גנב'עט דעם טלית, און אזוי ווי ער איז געווען זעהר אָרים און איז ניט גע־ווען ביכולת צו קויפען אַן אנדער טלית, האָט ער געמוזט דאַוונען אין א ליילעך און זיך אויסבעהאַלטען פאר מענשען, דאַוונענדיג אויפ'ן בוידעם

דער צדיק ר' אליעזר האָט געהאַט פון דעם גרויסע יסורי הנפש, אז אַזא גרויסער צדיק ווי ר' דוד זאל ליידען אַזא גרויס דחקות, אז ער זאל אפילו ניט אימשטאַנד זיין צו דאַוונען אין א געהעריגען טלית. ער האָט זיך מיט זיין חבר ר' דוד געזעגענט און ווייטער געגאַנגען זיין וועג קיין לובלין. אויפ'ן וועג האָט זיך גראַד געטראָפען צו קויפען א טערקישער טלית מיט ציצית פאר צעהן רובעל. דיזער סכום איז פונקט געווען זיין גאַנצע הוצאות הדרך וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען. ער האָט געקויפט דעם טלית, צוריקגעפאָהרען קיין לעלאָוו און איהם געגעבען דעם צדיק א מתנה. אזוי ווי ער האָט שוין מעהר ניט געהאט קיין געלד, האָט ער שוין אויף שבת ניט געקענט פאָהרען קיין לוב־לין. ער איז אַהיימגעפאָהרען קיין שטעקעטשין, זיך פערשאַפט אַנדער געלד און געפאָהרען אויפ'ן צווייטען שבת קיין לובלין.

ווען די חסידים האָבען איהם דערזעהן, האָבען זיי איהם דערצעהלט אָט דיזע פלא'דיגע עובדא : פאר־אכט־טאג שבת, בעת דער רבי האָט געטיילט זויין צווישען די חסידים, האָט ער ביי אַלע דריי סעודות אויסגערופען מען זאָל אויך געבען א כוס וויין צו ר' ליפּמאַן פון שטעקעטשין, כאָטש איהר זייט גאָר ניט געווען ביים רבי'ן. אזוי ווי ר' ליפּמאַן האָט זיי דערצעהלט וואָס מיט איהם האָט פּאַסירט, האָבען זיי שוין פערשטאַנען אז דער רבי האָט איהם שוין בעטראַכט פאר זיינס אַן אורח, ווייל ער האָט געהאַט דעם רצון ביי איהם צו האַלטען שבת. אז דער רבי האָט דאָס געזעהן ברוח הקודש, איז ביי זיי אפילו קיין ספק אמאָל ניט געווען.

חסידים דערצעהלען אָט דיזע וואונדערבאַרע מעשה :

אין לובלין, ביים רבי'ן, פלעגט מען דאַוונען מנחה זעהר שפּעט, בעת עס איז כמעט שוין געווען נאַכט. דאָסזעלבע איז אויך געווען ביי דער מנחה פון שבת. ווען מען האָט זיך געזעצט עסען די דריטע סעודה (שלש סעודות), איז שוין געווען ממש נאכט. נאָך מנחה, פאר'ן שלש סעודות, פלעגט דער רבי אריינגעהן אין זיין חדר און דאָרט לערנען אַ הלכה פון רמב"ם.

אמאל האט זיך איינעם פון די חסידים פערגלוסט צו זעהן וואס דער רבי טהוט דעמאלט אין זיין חדר אין דער פינסטער, אויב ער לערנט אויסענווענדיג אדער אין א ספר. ער האט זיך בשעת מנחה, בעת דער רבי איז געווען אין בית המדרש, ארייננגע'גנב'עט אין רבי'נס חדר, זיך דארט אנידערגעלעגט אויף דער קאנאפע, מאכענדיג זיך ווי ער וואלט געשלאפען, מחמת ער האט געוואוסט אז דער לובלינער צדיק האט קיינמאל ניט אויפגעוועקט אדער געהייסען אויפ־וועקען א מענש פון שלאף, אום איהם ניט מצער צו זיין. „מען טאר ביי א מענשען ניט צונעהמען — פלעגט ער זאגען — אזא זאך וואס מען קען איהם ניט ווידער אפגעבען“.

אזוי ווי דער רבי איז אריין אין חדר, דערזעהן דעם חסיד שלאפענדיג, האט ער זיך געזעצט צום טיש, אויפגעעפענט דעם רמב"ם. דער חסיד האט, פערשטעהט זיך, שוין אויפגעמאכט די אויגען כדי זיך גוט צוצוקוקען אין דער ביין־השמשות'דיגער טונקעלהייט אלעס וואס דער רבי טהוט. פלוצים האט דער חסיד דערזעהן א שטארק בלישצענדיגעס ליכט ארום דעם רבי'נס טיש, וועל־כעס האט איהם ממש פערבלענדט די אויגען און באלד איז ווידער פינסטער געווארען. אזוי ווי ער האט דערהערט אז דער רבי געהט אריין אין בית־המדרש צו שלש סעודות, איז ער באלד נאכגעגאנגען און זיך אנידערגעזעצט אויף זיין ארט. ער האט אבער גארניט געקענט זעהן, געמוזט טאפען אין די פינסטערניש. געמיינט האט ער, אז דאס איז מחמת נאכט־פינסטערניש.

אזוי ווי ער האט אבער געהערט ווי מען בענשט שוין און מען דאווענט מעריב, האט ער געוואוסט אז מען האט שוין זיכער די ליכט אנגעצונדען און ער זעהט אלץ ניט, האט ער ערשט פערשטאנען וואס פאר אן אומגליק עס האט איהם פאסירט, אז בעת ער האט געקוקט אין הימלישען ליכט, איז פון איהם אוועקגענומען געווארען די ראיה פון זיינע אויגען.

מוצאי שבת, האט מען איהם אריינגעפיהרט צום רבי'ן. דער חסיד האט געוויינט בדמעות שליש, זיך געבעטען רחמים דער רבי זאל איהם צוריקגעבען די ראיה.

„איך האב זי פון דיר ניט אוועקגענומען און איך קען זי דיר ניט צוריק־געבען — האט צו איהם דער רבי געזאגט — פאהר אוועק צו ר' ישעיה בעל־מופת, ער קען דיר העלפען“.

ר' ישעיה בעל־מופת איז געווען א תלמיד פונ'ם רבי'ן ר' בער, וועלכער האט ניט געפיהרט קיין גוט־אידישע טישען מיט חסידים, נאר זיך אפגעגעבען מיט היילען קראנקע מיט קבלה־מעשית.

אזוי ווי דער חסיד איז אנגעקומען צו ר' ישעיה'ן, האט איהם דער בעל־מופת געהייסען פערבלייבען ביי איהם עטליכע וואכען, מיט דער הבטחה, אז ער וועט, אם ירצה השם, זיכער געהיילט ווערען.

דריי וואכען רצופים האט זיך ר' ישעיה געפארעט מיט זיינע צירופי שמות פון קבלה־מעשית און ס'איז ניט געגאנגען. דעם בלינדען איז ניט בע־סער געווארען אויף א האאר.

— איהר מוזט מיר דערצעהלען די סיבה ווי אזוי איהר זייט בלינד געווארען — האט צו איהם דאן ר׳ ישעיה געזאגט — אייער בלינדהייט איז עפעס א מין חידוש, א יוצא מן הכלל.

דער חסיד האט איהם אלעס דערצעהלט.

ר׳ ישעיה האט א טיעפען קרעכץ געטהאן, זיך אנרופענדיג צום חסיד:

— פאהרט אהיים, פאר אייך איז מעהר ניטא קיין רפואה. די צדיקים בעדיענען זיך בעת למוד התורה מיט דעם אור פון ששת ימי בראשית, וועלכעס השם יתברך האט בעהאלטען אויף לעתיד לבא. אייערע מגושמ׳דיגע אויגען זיינען אבער ניט מסוגל צו קוקען אין אזא הימלישעם ליכט, דעריבער האבען זיי פערלוירען דעם כח־הראיה לעולם ועד.

## 20

# דער צדיק איז מציל אַן אשת־איש פון אַן עבירה

**דער רבי מאַכט שלום בית — אן אייפערזיכטיגע סצענע — אַ שלאַנג אין הויז — דעם צדיק'ס צורה איז מציל א חוטא פון אן עברה — דעם רבינ'ס נסיון — מסירות־הנפש זיך אָבצוהיטען פון א חטא — א סגולה אָבצוהיטען מענשען פון מעשים־רעים.**

דער וואונדערבאַרער בח־הראיה (זעה־קראפט) פונ'ם לובלינער, לויט די בעהויפטונג פון אלע חסידים, צו זעהן וואָס ס'טהוט זיך אפילו בחדרי חדרים, האָט פיעל מאָל גורם געווען צו מאַכען שלום־בית צווישען אייפערזיכטיגע פאַר פאָלק, נאָכדעם ווי דער זעהער האָט פערזיכערט דעם אייפערזיכטיגען צד, אַז ער איז חושד בכשרים (פערדעכטיגט אַן אונשולדיגען), מחמת דער צווייטער צד איז ריין, אונשולדיג ווי א תינוק בן יומו (א פרישגעבוירענעם קינד).

האָט זיך אמאָל אין לובלין פערלאָפען אָט אזא מין מעשה: א שניידער־מייסטער, שוין אביסעל א בעיאָהרענטער מענש, האָט געהאַט א שעהן, יונג ווייבעל, וועלכע האָט ליעב געהאַט צו מאַכען חנ'דעלעך צום „געזעל", א יונגען, שעהנעם חברה־מאַן. דאָס האָט דעם שניידער־מייסטער געקרענקט עד דכדוכה של נפש (ביז איז דער טיפעניש פון זיין נשמה), און ער האָט דעריבער בעשלאָסען דעם שניידער־יונג אוועקצושיקען.

האָט אָבער זיין יונג ווייבעל פעראַרבייט מעשים, אַז ער טאָר לחלוטין ניט אוועקשיקען אזאַ גוטען, געטרייען ארבייטער, וועלכער איז, א חוץ דער מלאכה, צו איהר ממש אַן אייגענע האַנד, און זי קען זיך אָהן איהם ניט בעגעהן אפילו איין איינציגען טאָג. דאָס ווייבעל, האָט, פערשטעהט זיך, אויסגעפיהרט, און דעם שניידער־מייסטער'ס פערדאַכט איז דאדורך נאָך פיעל גרעסער געוואָרען.

האָבען איהם זיינע פריינד געראַטהען אריינצוגעהן צום רבי'ן, אויסגיסען פאַר איהם זיין ביטער האַרץ, און וואָס דער רבי וועט איהם זאָגען זאָל ער טהאָן. דער שניידער־מייסטער האָט זיך געלאָזט אָבשרייבען א קוויטעל אין וועלכען ס'איז נאָר געשטאַנען מכח דעם חשד אויפ'ן ווייב, אָט דיעזע ווערטער: „יתפלל הצדיק לה' שינצל משברון לב", דער צדיק זאָל מתפלל זיין, אַז ער, דער שניידער־מייסטער, זאָל ניצול ווערען פון א געבראָכען האַרץ.

בעת דער „זעהער" האָט געלייענט דאָס קוויטעל, האָט ער פאַר א ווײַלע זיך

פערטראכט, קוקענדיג כסדר אינ'ם קוויטעל אריין, וואו ס'איז געווען אויפגע־שריבען דער נאמען פון דעם שניידער'ס ווייב. דאן האט ער זיך אנגערופען: דיין ווייב האט ניט געזינדיגט, דו האסט לעת־עתה ניט קיין שום סיבה צו האבען שברון־לב. אבער בכל־אופן שאדט ניט אכטונג צו געבען, ניט צולאז־זענדיג, אז זי זאל האבען יחוד (זיין אין איין חדר אליין) מיט'ן „פועל".

דעם „פועל" האט דער רבי אבער ניט געהייסען אבשאפען געגען דעם ווילען פונ'ם ווייב, כדי ניט צו צערשטערען דעם שלום־בית.

דער שניידער איז א היים געגאנגען צופרידענער און כסדר געהאלטען אויפ'ן ווייב אן אפען אויג. זי האט דאס בעמערקט, און זיך צוריקגעהאלטען מיט כל הכחות ארויסצואווייזען איהר איגערליכע פריינדשאפט צום געזעלען.

מאכט זיך א מעשה, אז דער שניידער האט געמוזט אוועקפאהרען קיין לענטשנע אויפ'ן יאריד, און זיין ווייב האט זיך אבגערעדט מיט'ן פועל ער זאל ביי איהר אין הויז נעכטיגען, ווי תמיד, כאטש דער מאן וועט ניט זיין אין דער היים. דער שניידער־מייסטער, וועלכער האט אויף זיי געהאט א חשד, האט זיך מיט'ן רבי'ן שואל עצה געווען, וואס ער זאל טהאן. דער רבי האט איהם געהייסען פאהרען, מיט דער זיכערער הבטחה, אז זיין ווייב וועט, מיט די הילף פון השם יתברך, ניט געשטרויכעלט ווערען. און דער שניידער איז טאקע אוועקגעפאהרען.

ביינאכט, בעת דער ארבייטער האט געוואלט אויפשטעהן פון זיין געלעגער, האט ער פלוצים דערזעהן דעם לובלינער צדיק זיך ארומדרעהען הין און צוריק אין חדר. ער האט אנגעהויבען צו ציטערען ווי א פיש, זיך איבערגעדעקט מיט דער קאלדרע, כדי ניט צו זעהן דעם רבינ'ס צורה. דאס זעלבע איז געשעהן פיעל מאל, ווען ער האט נאר געמאכט א בעוועגונג דורך א מחשבה פון אן עבירה. ער האט גוט פערשטאנען, אז דאס איז ניט קיין פשוט'ער ענין, אז דער רבי איז איצט אין זיין היים, נאר ער בעווייזט זיך צו איהם, כדי איהם מציל צו זיין פון א זינד. ער האט דעריבער ביי זיך בעשלאסען צו גובר זיין דעם יצר־הרע. ער איז תיכף ארויסגעשפרונגען פון בעט, זיך אנגעטהאן און געלאפען אין רבינ'ס בית־המדרש אריין, כדי זיך צו איבערצייגען, אויב דער רבי איז אין דער היים. און טאקע אין איינוועגס דארט איבערצונעכטיגען ביז אין דער פריה.

און דער זעהער איז דעמאלט געזעסען אין זיין בית־המדרש מיט זיינע חסידים, שפעטער ווי געוועהנליך, דערצעהלענדיג זיי אט דיזע מעשה:

„דאס איז געשעהן בעת איך בין דאס ערשטע מאל געפאהרען צום רבי'ן ר' בער קיין ראוונא. איך בין דעמאלט אלט געווען עטליכע און צוואנציג יאהר, געהאט א הדרת־פנים, אבער צוגלייך אויך א כיס־ריק (ליידיגע קעשענע). כ'האב דעריבער געמוזט געהן צום רבי'ן צו פוס און מאכען סטאנציעס אין יעדער קרעטשמע, כדי צו בעקומען ביי די ערלע ארענדארעס אביסעל צדה לדרך און א פאר גראשען דערצו.

קומענדיג אין א תחלת־הלילה, אין ווינטערצייט, אין א קרעטשמע אריין, וועלענדיג דארט עפעס טועם זיין און טאקע צונעכטיגען, האב איך דערזעהן,

אז ס'איז קיין שום מאַנסביל ניטאָ אין דער קרעטשמע. עטליכע פויערים זיינען געזעסען און געטרונקען משקה, און א פרוי, גאַר א יונגע, האָט זיי בעדיענט. זי איז צו מיר צוגעקומען און מיך געפרעגט אויב כ'וויל עפּעס עסען. איך האָב איהר געזאָגט, אז כ'האָב ניט קיין געלד צו צאָהלען, נאָר אויב זי וויל מיר געבען „וועטשערע“ אומזיסט, וועל איך עסען.

די אשה האָט צו מיר א ניט־צנועה'דיגען שמייכעל געגעבען און געזאָגט: וואַרט אָ רגע, אָט וועל איך אַריינברייגנען ברויט מיט פּוטער און מילך אָ גלאָז.

— איהר וועט אודאי דאָ נעכטיגען, האָט זי צו מיר געזאָגט נאָכדעם ווי כ'האָב שוין געהאַט אָבגעגעסען. איהר קענט שלאָפען אין מיין מאַנ'ס בעט, וועלכער נעכטיגט היינט אין שטאָדט און איך בין דאָ גאַנץ אליין, א חוץ דעם „פּאַרביק“, וועלכער שלאָפט אין דער שטאַל.

איך בין נבהל ומשתומם געוואָרען צו הערען צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען אזא חצופישע הצעה (אנטראג). איך האָב מיך געפונען אין א גרוים פערלעגענהייט.

— איהר זייט דאָך אָ אידישע טאָכטער — האָב איך מיך צו איהר אָנגערופען — ווייסט איהר דאָך אז א אשה טאָר ניט שלאָפען מיט א פרעמדען מאַנסביל אין איין חדר, בפרט נאָך ווען זי איז אָ אשת־איש. איך מוז דעריבער אוועקגעהן און נעכטיגען אין דער צווייטער קרעטשמע.

— אָבער זייט ניט קיין נאַר — האָט זי זיך אָנגערופען צו מיר אויסברעכענדיג אין א גרויס געלעכטער — דער פּראָסט אין דרויסען איז שרעקליך און איהר וועט פערפרוירען ווערען איידער איהר וועט צוקומען צו א צווייטע קרעטשמע. ס'איז כ'לעבען א שאָד, אז אזא שעהנער יונגערמאַן ווי איהר זענט, זאָל זיך ערשט דאַרפען לערנען שכל ביי א אשה.

און ריידענדיג דיעזע ווערטער האָט זי זיך געוואָלט אנידערזעצען אויף דער באַנק נעבען מיר.

איך בין אויפגעשפּרונגען אין האַסט און מיך געלאָזט לויפען צו דער טהיר. אָבער די חצופה האָט מיך אָנגעכאַפּט בייביידע לאַצען פון מיין קאַפּאָטע און אָנגעהויבען צו שרייען אויפ'ן פּאַרביק ער זאָל אַריינקומען.

דעם פּאַרביק האָט זי געהייסען מיר אראָבציהען מיינע שיך און זאָקען. מיך איבערלאָזענדיג גאַנץ באָרועס, מחמת איך האָב געגעסען און וויל ניט בעצאָהלען, האָט זי מורא, אז ביינאַכט ווען יעדערער וועט שלאָפען, וועל איך אנטלויפען.

באָרועסדיגערהייד בין איך פון דער קרעטשמע ארויסגעלאָפען, איבערלאָזענדיג דאָרט מיין קלומיקעל אין וועלכען ס'איז געווען איינגעפּאַקט טלית ותפלין און עטליכע ספרים און אויך אביסעל וועש. דער פּראָסט האָט געברענט ווי א פייער, די קעלט האָט מיך דורכגענומען, און איך בין אין מיטען וועג אנידערגעפאלען חלשות. אויפגעכאַפּט האָב איך מיך אין א קרעטשמע, וואו כ'האָב געזעהן נעבען מיר עטליכע בעלי־עגלות רייבענדיג מיט כח מיינע שלייי־

פען. זיי האָבען מיך געפונען ליגען האַלב־פערפרוירען, מיך אויפגעלעגט אויפ׳ן וואָגען און צוגעפיהרט צו א קרעטשמע.

דער ארענדאר, א איד מיט א גוט הארץ, האָט מיר געשענקט מלבושים און מיך אָבגעפיהרט מיט זיין פערדעל ביז ראָוונע, א שטרעקע פון אכט מייל.

דער רבי ר׳ בער האָט מיר געגעבען א זעהר ווארימען קבלת־שלום, זאָגענדיג:

„אזוי, אזוי יונגערמאַן, מען מוז האָבען מסירת הנפש זיך אָבצוהיטען פון אַן עברה. אָבער די חצופה האָט שוין געהאַט איהר עונש. די קרעטשמע איז אָט די נאַכט אָבגעברענט געוואָרען”.

דער רבי האָט מיר דעמאָלט געשענקט זיינס אַן אלטען טלית מיט א פּאָר תפלין, וועלכע איך האָב נאָך היינט אין מיין חדר, האַלטענדיג זיי פּאָר א שמירה. בשעת געזעגענען, האָט ער צו מיר געזאָגט כהאי לישנא:

„די קבלה־ספרים זאָגען, אַז לערנענדיג די פרשה פון יוספ׳ן מיט פּוטיפר׳ס ווייב, איז דער צדיק ביכולת צו ממית׳ן דעם יצר־הרע און מציל זיין זיינע מענשען פון אַן עבירה. און איך זאָג דיר, איציק׳ל, אַז ווען דו וועסט דערצעהלען די דאָזיגע מעשה, וואָס ס׳האָט זיך מיט דיר פּאַסירט אין דער נסיון־נאַכט, וועסטו זיין אימשטאַנד אָבצוהיטען ווענען דו וועסט וועלען און דארפען, פון הרהורים רעים (שלעכטע געדאַנקען) ומעשים רעים”.

באותו רגע האָט זיך די טהיר געעפענט און דער שניידער־געזעלע איז אריינגעקומען אין בית־המדרש, בלאַס ווי די וואַנד פאַר גרויס שרעק.

„גיט מיר א תשובה, רבי, כ׳בין א חוטא” — האָט ער אויסגעשריען.

„דו האָסט ניט געזינדיגט מיין קינד, און דארפסט ניט קיין תשובה — האָט צו איהם דער רבי געזאָגט — הבא לטהר מסייעין אותו (ווער ס׳וויל גוט זיין העלפט מען איהם פון הימעל) דו וועסט זיין אַן עהרליכער איד און האָבען עשירות, נור בתנאי, דו זאָלסט ניט מעהר בעטרעטען דאָס הויז פון דיין שניידער־מייסטער”.

יענע נאַכט איז דער שניידער־געזעלע געשלאָפען אויף א באַנק אינ׳ם רבינ׳ס בית־המדרש, און דוקא געשמאַק געשלאָפען, א שלאָף פון אַן אונשולדיגען.

## 21

# דעם בעל־דבר׳ס דריי ריטער

**די פאַרשטעלונג פון די בעהאַלטענע נשמות פאַר דער פמליא של מעלה — די שמחה אין אלע עולמות עליונים — די פינסטערע תפלה פונ׳ם ס״ם און זיינע חילות — א נײַ כלי־זין — די ערשטע פגישה פון צוויי צדיקים — גוט־אידיש־קייט א סגולה צו אריכת־ימים — דער כח פונ׳ם שטן.**

חסידים דערצעהלען זיך אזא מין אגדה:

כשעלה במחשבה לפניו, ווען ס׳איז אויפגעגאַנגען אויפ׳ן געדאַנקען פונ׳ם בורא כל העולמים אראַבצוברענגען אויף דעם עולם די נשמות פונ׳ם בעל־שם מיט זיינע גרויסע תלמידים, וועלכע זיינען געווען פערבאָרגען טויזענדער יאָהרען אין די חדרי־חדרים פונ׳ם אוצר־הנשמות, וואו קיין שום מלאך און קיין שום שרף האָט ניט קיין שליטה און קיין צוטריט, האָט כביכול בכבודו ובעצמו גענומען דעם שליסעל, וועלכער ליגט בעהאַלטען אונטער׳ן כסא־כבוד, אריינגעגאַנגען אין דעם היכל־הנשמות, אויפגעשלאָסען דאָס פערבאָרגענע חדר׳ל, גענומען די וואונדערבאַרע נשמות אין זיין הייליגער האַנד, כדי זיי פאַרצושטעלען פאַר זיינע הימעלשע יועצים, די פמליא של מעלה און די מיטגליעדער פון דער מתיבתא דרקיעא (הימעלשע ישיבה).

באותו רגע איז געוואָרען אַ גאַנצער שנוי אין די הימעלשע מעשי־בראשית. א ליכט פונ׳ם זוהר־אין־סוף ברוך הוא האָט אָנגעהויבען צו פערשיינען אלע ש״י עולמות, פון דעם גן־עדן האָט זיך געלאָזט הערען אַ געזאַנג פון די מיילער פון פיעל טויזענדער צדיקים און חסידים: „רננו צדיקים בה׳״. די מלאכים האָבען אָנגעהויבען צו זינגען שירה ניט אין זייער בעשטימטער צייט, די קייטען פון משיח׳ס הענט, מיט וועלכע ער זיצט שוין געבונדען אַ ים מיט יאָהרען אינ׳ם היכל־המשיח, האָבען אָנגעהויבען זיך צו בעוועגען פונ׳ם שמחה׳דיגען ציטער פון די געקייטעלטע הענט, און זייער אָבקלאַנג האָט זיך געהערט ביז צום כסא־כבוד, און דאָס אות „מלא״ פון קודשא בריך הוא׳ס קרוין האָט אָנגעהויבען בעווייזען שפורען פון ליכטיגקייט.

וואָרים ווי יעדער ווייסט, ווערט פון דער אידישער „תפלה״ געפלאָכטען אַ קרוין אויף כביכול׳ס קאָפּ. די לייכטענדיגע בריליאַנטען פון אַט דיזער קרוין זיינען די קדושה־ווערטער: „קדוש, קדוש, קדוש ה׳ צבאות מלא כל הארץ כבודו״ — הייליג, הייליג, הייליג איז דער גאָט פון אלע הערשאַפטען, די גאַנצע וועלט איז פול מיט זיין כבוד. אַט דיזע אלע אותיות לייכטען מיט אַ

בריליאַנטענעם גלאַנץ, וועלכער פערשיינט אַלע זיבען הימלען. אחוץ די דריי אותיות פון דעם וואָרט „מלא" (פול). וועלכע זיינען פערהילט מיט אַ וואָלקען. מחמת כל זמן די סטרא־אחרא, דער ס"ם מיט זיינע שוואַרצע חילות האָבען נאָר אַ וועלכע עס איז ממשלה אויף דער וועלט, איז דאָך דער כבוד פון ה' צבאות נ י ט פול די גאַנצע וועלט. ערשט ווען ס'וועט זיין דער תיקון השלם, די גאַנצע וועלט וועט געלייטערט ווערען, די אידישע גאולה וועט קומען, און השם־יתברך וועט זיין דער איינציגער מושל איבער די ג אַ נ צ ע וועלט, ס'וועט ניט מעהר פאַראַנען זיין קיין שום רוח־טומאה, ערשט דאַן וועלען די דריי אותיות פונ'ם וואָרט „מלא" אין קודשא־בריך־הוא'ס קרוין ווידער אַנהויבען צו פערשיינען די הימלען גלייך ווי זייערע איבעריגע חברים

דער ס"ם איז אַזש פערציטערט געוואָרען. ער האָט תיכף פערשטאַנען, אַז וויבאַלד דיזע הייליגע נשמות וועלען אַראַבקומען אויף דעם עולם־השפל, וועלען זיי תיכף מאַכען אַ סוף צו זיין פינסטערע ממשלה. ער האָט צוזאַמענגענומען אַלע זיינע שוואַרצע מחנות און די גאַנצע חבריא האָבען זיך געוואָרפען אויף זייערע פּנים'ער צו די פיס פונ'ם כסא־הכבוד, מיט אַ פינסטערער תפלה:

„מרי דעלמא כולא! זינט דער רגע וואָס אדם הראשון האָט געגעסען פון עץ־הדעת, האָט זיך אַריינגעכאַפּט דאָס שלעכטע אין דער מיטען פונ'ם גוטען, און באותו הרגע האָסט דו אונז בעשאַפען אַלס די ראשים פונ'ם שלעכטען, מיר זאָלען זיך בעמיהען דעם מענשען צו פערפיהרען, כדי איהם שווער צו מאַכען דאָס לעבען פון ביידע וועלטען, פון ד ע ר און פון י ע נ ע ר וועלט. מיר האָבען ביז היינט אונזער שליחות עהרליך און טריי אויסגעפיהרט, ווי דו, הימעלשער בורא ווייסט. די מענשען זיינען ערגער פון די חיות, זיי עסען זיך אויף איינס דאָס אַנדערע לעבעדיגערהייד, פערגיסען ימים מיט בלוט, טהוען אַלערליי מעשים־תעתועים און דערמיט האָבען זיי פערשטאַרקט אונזער ממשלה כמעט מעהר ווי דיינע ,כביכול. איצט פרעגען מיר דיך: ממה נפשך, איז שוין געקומען די צייט פון אונזער אונטערגאַנג, טאָ דער'הרג'ע ד ו אונז מיט דיין הייליגער האַנט, מיט דערזעלבער האַנט וואָס דו האָסט אונז בעשאַפען. אלא ניט, צו וואָס־זשע לאָזט דו אַראַב דיזע גרויסע נשמות, וועלכע וועלען צוזאַמען מיט פעראייניגטע כחות האַלטען מיט אונז מלחמה, חרוב מאַכען אונזערע וועלטען און פערניכטען אונזער ממשלה פאַר דער צייט? מיר האָבען דעריבער בעשלאָסען וועלטס־בעשאַפער, דיר צוריקצוגעבען אונזער כלי־זין, וועלכע זיינען צו שוואַך צו פיהרען אַ מלחמה געגען אַזעלכע גרויסע גבורים: מיר קענען דיין רצון, צו פערפיהרען די מענשען, ניט מעהר אויספיהרען. גיב אונז, הכל־יכול, אַזאַ כלי־זין, וועלכע זאָל זיין ביכולת זיך נוצליך צו מאַכען אויך קעגען אַזעלכע גרויסע צדיקים."

און פון אונטער'ן כסא־כבוד האָט זיך בעוויזען אַ האַנט, אין וועלכער עס זיינען געווען דריי ריטער. אויף איינע איז געווען אויפגעשריבען „קנאה", אויף דער צווייטער „לשון־הרע" און אויף דער דריטער „שנאה ומחלוקת". די האַנט האָט דערלאַנגט די דריי ריטער צום ס"ם, בעת ס'האָט זיך געלאָזט הערען אַ קול: „רכב וצלח".

לוסטיג און פרעהליך האָט דער בעל־דבר מיט זיין חבריא אָבגעטרעטען פונ׳ם כסא־כבוד, זיך געזאַמעלט כחות, און אַראָבגעלאָזט אויפ׳ן עולם השפל מלחמה צו האַלטען געגען די צדיקים מיט דיזע געפעהרליכע ריטער...

און ער האָט, לעת עתה, די מלחמה געוואונען; און אין דעם שטעקט דער סוד פונ׳ם מחלוקת און שנאה צווישען די צדיקים.

„במדה שאדם מודד מודדין לו“. אַזוי ווי דער מענש האַנדעלט אַקעגען אַנדערע, אַזוי האַנדלען ווידער אַנדערע אַקעגען איהם. דער אמת פון דיזע ווערטער האָט זיך ארויסגעוויזען ניט נור ביי פּראָסטע מענשען, נור אויך ביי גוטע־אידען.

„ער זאָל נאָך אַמאָל פּיהלען מיין טעם“, האָט דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק געזאָגט אויפ׳ן לובלינער זיין חשוב׳סטער תלמיד, בעת ער האָט זיך פּורש געווען פונ׳ם רבי׳ן, אָנהויבענדיג צו מאַכען שבת פאַר זיך, ווערענדיג אַ רבי און צונעהמענדיג ביי זיין רבי׳ן זיינע בעסטע חסידים. דיזע ווערטער זיינען אויך מקוים געוואָרען. דער לובלינער האָט אויף די עלטערע יאָהרען געפּיהלט אָט דעם ביטערען טעם, וואָס ס׳מיינט קנאה אין אַן אייגענעם תלמיד. אויך זיין תלמיד, דער בעריהמטער גאון און צדיק ר׳ יעקב יצחק פון פּרשיסכא, וועמען די גאַנצע וועלט רופט ניט אַנדערש נור דער „יוד הקדוש“, און אויף וועמען דער לובלינער אַליין האָט עדות געזאָגט, אַז ער, דער פּרשיסכער, דאַרף זיין „היושב על כסא“, זיין ממלא מקומו, אָט טאַקע דיזער גרויסער תלמיד האָט ניט געוואַרט אויפ׳ן רבי׳נס פּטירה, נור טאַקע בחייו געוואָרען אַ גרויסער „רבי“. ס׳וואָהר לכתחלה מיט׳ן לובלינער׳ס הסכמה, אַקוראַט ווי דער לובלינער איז לכתחלה געוואָרען אַ רבי מיט׳ן רבי׳ן ר׳ אלימלך׳ס הסכמה, אָבער שפּעטער איז ער, דער פּרשיסכער, איבערגעוואַקסען דעם רבי׳ן, און דורך דער קנאה און לשון־הרע האָט צווישען דיביידע צדיקים אויסגעבראָכען אַ שטאַרקע מחלוקת.

דער לובלינער האָט יאָהרען לאַנג פאַר זיין הסתלקות כסדר בעהויפּטעט, אַז ער זעהט ברוח הקודש, דאָס זיין נאָכפאָלגער (ממלא מקומו) וועט זיין אַ מאַן, וועלכער הייסט פּונקט ווי ער: יעקב יצחק בן מייטעל. קיינער האָט ניט גע־וואוסט ווער דאָס קען זיין, מחמת צווישען זיינע אנגעזעהענע חסידים און תלמידים איז ניט געווען קיין איינציגער וואָס זאָל הייסען אַזאַ נאָמען.

האָט דעמאָלט געוואוינט אין שטעדטעל אַפּט אַ יונגערמאַן, ר׳ יעקב יצחק האָט ער געהייסען, אַ גרויסער גדול אין תורה און אין חסידות, אין נגלה און אין נסתר, וועלכער פלעגט ניט פאָהרען צו קיין שום רבי׳ן, נור טיילמאָל אריינקומען צום רבי׳ן ר׳ אברהם יהושע העשיל, וועלכער האָט דעמאָלט גע־וואוינט טאַקע אין אַפּט. די לובלינער חסידים פונ׳ם שטעדטעל האָבען יאָהרען־לאַנג אַנגעווענדעט כחות איהם צו בעוועגען צו פאָהרען צו זייער רבי׳ן קיין לוב־לין, ער האָט זיך אָבער בשום אופן ניט געוואָלט לאָזען איבעררייידען, מבטל צו זיין דורך דער נסיעה פון זיין תורה און תפילה. די חברה האָט זיך פון איהם שוין געהאַט מיאש געווען.

פּלוצלינג, אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, האָט ר׳ יעקב יצחק געפרעגט אין

בית־המדרש א לובלינער חסיד, אויב ער ווייסט ניט עפּיס פון א „געלעגענהייט" וואס פּאסירט קיין לובלין. ווי די חסידים האבען דערהערט דאס האבען זיי גע־האט גרויס שמחה און פון זייער אייגענער קעשענע גערונגען א וואגען פאר איהם, בעהויפּטענדיג, אז ס'איז נור א צופעליגע געלעגענהייט.

א שבת פריהער איז דער לובלינער געוועזן ביים טיש מלא שמחה, זאגענדיג צו זיינע חסידים, אז ער וועט באלד האבען די זכיה צו זעהען ביים לעבען ווער ס'וועט זיין א „יושב על כסאו".

אזוי ווי דער פּרשיסכער איז צו איהם אריינגעקומען, איז דער „זעהער" איהם ממש אקעגען געלאָפען, איהם ארומגעכאפּט נאָך'ן קבלת־שלום מיט ביי־דע הענט, א קוש געטהאָן אין שטערען און איהם געהייסען זעצען זיך אויף א שטוהל נעבען איהם, א כבוד וואס מען האט אין לובלין צוגעטיילט בלויז צו נאָר א גרויסען רבי'ן.

„איהר האט מיך ממש מחיה געווען, וואס איהר זענט צו מיר געקומען" — האט דער לובלינער זיך געאייסערט מעהרערע מאָל צום „יו"ד הקדוש". כמה וכמה שנים בענק איך שוין נאָך אייך. איהר זענט א חלק פון מיין נשמה, א גרויס שטיק פון מיין חיות."

און דער יונגערמאַן פון אַפּט, דער שפּעטערער גרעסטער צדיק הדור, איז פערבליבען דעמאָלט א לובלינער חסיד.

מאַכט זיך א מעשה, אז דער פּרשיסכער, זייענדיג אמאָל אין לובלין, איז זעהר געפעהרליך קראַנק געוואָרען. זיין זוהן, ר' יהושע אשר, וועלכער האט ניט אפּגעטראָטען פון'ם פּאַטער'ס קראַנקען־בעט, האט איהם בסדר מזכיר געווען ביים לובלינער, כדי ער זאָל ניט פערגעסען וועגען פּאַטער אפילו א מינוט און פאר איהם מתפּלל זיין וועגען א רפואה.

דערזעהענדיג, אז דעם פּאַטער ווערט אָלץ ניט בעסער, און הערענדיג פון'ם דאָקטאָר, אז די סכנה איז צו גרויס, איז דער זוהן אריינגעלאָפען מיט א געוויין צום לובלינער מיט א טענה, אז דער רבי האט איהם צוגעזאגט צו זיין דער ממלא מקומו, צום סוף שטעהט דער פּאַטער איצט אין א זעהר גרויסער סכנה.

דער לובלינער האט זיך פאר א ווייל פערטראַכט און דאן זיך אָנגערופען:

„כ'האָב געמיינט, אז איך וועל איהם קענען האלטען פאר א חסיד ביז צום סוף, עס געהט אָבער ניט. זיין עבודה איז צו גרויס, ער האָט זי שוין משלים גע־ווען (געענדיגט). דער מענש איז נור אזוי לאַנג אויף דיזער וועלט ביז ער קומט צו זיין גאַנץ שלמות, דאן נעהמט מען איהם אוועק אויף פ א ר דער צייט, כדי ער זאָל ניט קאליע ווערען. די איינציגע עצה צו בלייבען לעבען איז צו ווערען א גוטער־איד, א מנהיג (פיהרער) פון אידען, דעמאָלט קען מען איהם ניט נעה־מען פאר דער צייט, ווייל דער דור דאַרף איהם האָבען. ער מוז דאך לעבען צו־ליעב זיינע חסידים, ער זאָל זיי מדריך זיין בדרך הישר. געה צום טאַטען אויף דער סטאַנציע און זאָג איהם, אז ער זאָל אויף זיך מקבל זיין צו ווערען א רבי פון חסידים, און טאַקע „אומר ועושה", לייענען די קוויטלעך פון עטליכע חסידים וואס כ'וועל צו איהם שיקען. ער וועט, אם ירצה השם, באלד האָבען א רפואה."

ער איז טאקע געזונד געווארען, באלד געווארען א גרויסער גוטער־איד, טאַקע ביים לובלינער'ס לעבען. ס'איז גאר א יש אומרים, אז ער איז פיעל גרעסער געווען פון'ם רבי'ן, א זאך וואס האט דעם לובלינער גורם געווען פיעל חלישות הדעת און גרויס צער, מחמת די חסידישע קנאים האבען כסדר פערשטארקט דאס פייער פון קנאה, צוברענגענדיג מלשינות און לשון הרע. ס'האט זיך צווישען דיזעביידע צדיקים צופלאקערט א פייערדיג מחלוקת, וועלכעס האט אנגעהאלטען ביז צום יו"ד'ס פטירה, א יאהר פאר'ן לובלינער'ס הסתלקות.

די דריי ריטער פונ'ם שטן האבען געטהאן גבורות.

## 22

# אַ מחלוקת צוליעב אַן אַלט העמד

דעם צדיק׳ס קליידער זיינען ווי בגדי כהונה — מען צאָהלט הונדערטער פאַר אָבגעטראָגענע קליידער — אַ דין־תורה איבער דעם שוויים אויף תפילין — די העמד־מתנה פערשענקט ער צו אַן אָרימאַן — דאָס מחלוקת האָט אויסגעבראָכען — דעם לובלינער׳ס ווייב כאַפּט דעם עונש.

איבער אַ דישעל פון אַ וואָגען איז חרוב געוואָרען די שטאָדט ביתר און איבער אַ העמד האָט אויסגעבראָכען דאָס שרעקליכע מחלוקת צווישען די צוויי גרעסטע צדיקים אין דעם דור, דעם לובלינער און דעם פּרשיסכער.

דער לובלינער פלעגט בעטראַכטען זיינע קליידער פאַר הייליג, פּונקט ווי די קליידער פון׳ם כהן גדול. ער האָט קיינמאָל ניט געוואָלט ערלויבען זיינע קינדער צו טראָגען זיינע מלבושים וואָס ער האָט שוין אָבגעלעגט. ווען ער האָט אַמאָל דערזעהען, אַז זיין זוהן ר׳ הירש׳לי האָט געטראָגען ז י י ן טלית קטן, איז ער שטאַרק אויפגערעגט געוואָרען, אויסרופענדיג: גיך טהו איהם אויס! דו ביזט אַ „מועל בקדשים" (מאַכסט וואָכעדיג הייליגע זאַכען). אָבער מעהר פון אַלץ האָט ער מקפּיד געווען, אַז קיין מענש אין דער וועלט זאָל זיך ניט בענוצען מיט זיינס אַ העמד, בעהויפּטענדיג, אַז וואָס נעהנטער אַ מלבוש איז צום גוף, אַלץ מעהר שמירה דאַרף עס האָבען. ס׳זאָל געטראָגען ווערען בטהרה, און אַלץ מעהר קדושה האָט עס אין זיך ווען דער מענש האָט עס געטראָגען ווי ס׳קעהר צו זיין.

און וויסען דאַרף מען, אַז ביי חסידים איז די טייערסטע זאַך אין דער וועלט דעם רבינ׳ס אַ בגד. ס׳האָט זיך פיעל מאָל געטראָפען, אַז אַ צדיק׳ס צוריסענע און אָבגעטראָגענע בגדים, זיינען פערקויפט געוואָרען צו חסידים און אויך טאַקע צו גוטע־אידען פאַר שווערע הונדערטער. און וואָס מעהר דאָס בגד איז נעהנטער געווען צום צדיק׳ס הייליגען גוף אַלץ מעהר האָט מען דערפאַר בעצאָהלט, מחמת דעם שוויים פונ׳ם צדיק האָבען חסידים בעטראַכט פאַר קדשי־קדשים, בעהויפּטענדיג, אַז ער קומט פון דעם, וואָס דער צדיק איז זיך טובל בשעת עבודה און תפלה אינ׳ם נהר די־נור (דער הימלישער טייך פון פייער וואו, לויט די בעהויפּטונג פון קבלה־ספרים, ס׳זיינען זיך טובל דאָרט אַלע נשמות־הצדיקים, איידער זיי געהען אַרויף צו די „מתיבתא דרקיעא", די הימלישע ישיבה).

עס איז א פאקט, אז דעם לובלינער'ס תפלין זיינען פערקויפט געווארען צו א נגידישען חסיד אינ'ם שטעדטעל ד ו ב ע נ ק א פאר הונדערט דייטשע רייכס־טאלער. מחמת דעם טראגען די תפלין כמה שנים, איז דער אונטערש־טער טייל פון זיי בעדעקט געווען מיט א שוויים פון דער האנד און פון קאפ. דער פערקויפער, איינער פונ'ם לובלינער'ס יורשים, האט דעם שוויים אבגע־קראצט איידער ער האט זיי פערקויפט, כדי זיי זאלען זיין ריינער. האט שפע־טער דער קויפער גערופען דעם יורש צום דין־תורה דערפאר, בעהויפטענדיג, אז דאס גרעסטע חשיבות אין דער וועלט איז ביי איהם געווען צו האבען א זכר פונ'ם שוויים וואס ס'איז ארויסגעקומען פונ'ם רבינ'ס גוף־קדוש בשעת עבודה.

אזוי ווי אבער דער לובלינער האט בעטראכט זיין תלמיד דעם פרשיכסער צדיק פאר זיין שטעלפערטרעטער, האט ער איהם אמאל אנגעטהון דעם גרעס־טען כבוד וואס ס'קען נור זיין, זייענדיג איהם מכבד מיט א העמד וואס ער, דער לובלינער, האט עס פריהער שוין געהאט געטראגען אויף זיין קערפער. דיזע מתנה איז ביי אלע גרעסטע חסידים בעטראכט געווארען פאר אן אמת'ער סמיכה, אזוי ווי משה רבנו האט מחנך געווען אלעזר'ן, אהרן הכהן'ס זוהן, פאר א כהן־גדול, אנקליידענדיג איהם מיט די בגדי־כהונה פונ'ם פאטער.

ס'האבען זיך אבער אויך געפונען אייפעריגע חסידים, ביי וועלכע דעם רבינ'ס כבוד איז טייערער געווען ממש ווי זייער לעבען, און זיי האבען בשום אופן ניט געוואלט מוחל זיין דעם פרשיסכער צדיק דעם חטא וואס ער איז „נוהג ברבנות", פיהרענדיג גוט־אידישקייט אויף אייגענע רעכנונג. זיי האבען דערין געזעהען א חלול הקודש, א בעליידיגונג פאר זייער רבי'ן. זיי האבען דערי־בער אנגעווענדעט אלערליי מיטעל, כדי צו פערפיינדען דעם פרשיסכער אין די אויגען פון זיין רבי'ן דעם לובלינער. זיי האבען פאר'ן לובלינער כסדר דער־צעהלט „שמועות" אויף זיין תלמיד, וואס זיינען ניט געשטויגען און ניט גע־פלויגען, פון וועלכע דער תמצית איז געווען, אז דער פרשיסכער שעצט גרינג דעם רבי'ן. דאס לשון־הרע האט זיך פיעל מאל אנגענומען, און דער לובלינער האט אנגעהויבען צו האבען הקפדה און תרעומות אויפ'ן תלמיד. אבער אזוי ווי דער פרשיסכער איז נאכדעם צו איהם געקומען און ערקלערט, אז אלץ וואס מען האט דעם רבי'ן דערצעהלט איז שקר וכזב, האט זיך תמיד דער לובלינער בער־רוהיגט און זיין כעס האט זיך פון איהם אבגעטהון.

בעת דער פרשיסכער איז אהיימגעפאהרען פון לובלין, איז אויפ'ן וועג צו איהם צוגעקומען אן ארימאן, קרוע ובלוע, ממש אהן א העמד אויפ'ן לייב, און געבעטען דעם פרשיסכער צדיק ער זאל איהם שענקען א העמד. דער „יוד" (אזוי האט מען גערופען דעם פרשיסכער) האט ניט לאנג געקלערט, ער האט ארויסגענומען דאס העמד וואס דער רבי האט איהם געגעבען פאר א מתנה און עס אוועקגעגעבען דעם ארימאן, וועלכער איז געווען אנגעשטעלט פון די אייפער־דיגע חסידים. אויב דאס איז געווען ווייל ביים „יוד" איז באמת דאס העמד ניט בעטראכט געווארען פאר א חשוב'ע מתנה, אדער מחמת ער האט גראד דער־

מאַלט ניט געהאַט מיט זיך אַן אַנדער ריין געוואַשען העמד, לאָזט זיך איצט ניט וויסען.

דער אַרימאַן, וועלכער איז אויך געווען אַ שכור, האָט גענומען דאָס העמד, געגאַנגען דערמיט אין שטאָדט אַריין און עס פערזעצט אין אַ שענק פאַר עטליכע כוסות בראַנפען. די חסידישע חברה וואָס האָבען דעם גאַנצען עסק גוט אָבגע־אַרבייט, האָבען דערצעהלט דעם רבי'ן, אַז זיין העמד, וועלכעס ער האָט אוועק־געגעבען פאַר אַ מתנה, ליגט גאָר פערזעצט אין אַ שענק, אַנשטאָט וואָס דער רבי איז תמיד מדקדק, אַז זיינע מלבושים וואָס ער טראָגט ניט מעהר זאָלען האָבען „גניזה" (בעהאַלטען ווערען), אַז קיין טמא האַנד זאָל זיי אַפילו ניט בעריהרען.

דער לובלינער האָט געהאַט פון דעם ענין גרויס חלישות־הדעת, פיהלענדיג זיך שטאַרק בעליידיגט פון זיין אַזוי פיעל געליעבטען תלמיד. ער האָט תיכף געהייסען שרייבען צום „יוד", אַז ער זאָל צו איהם קומען, בלי איחור (אָהן פער־זוימען), צוליעב אַ זעהר וויכטיגען ענין.

— ווי פּאַלט איהר אויס מבזה צו זיין מיין מתנה זי אוועקצוגעבען צו אַ שכור? — האָט איהם דער לובלינער געפרעגט אין אַן אויפגערעגטען טאָן.

— איך האָב דאָס העמד ניט געגעבען דעם ש כ ו ר, נור דעם אַ ר י מ אַ ן.

— האָט איהם דער פּרשיסכער געענטפערט. דער רבי ווייסט גאַנץ גוט, אַז ווי־באַלד אַן אַרימאַן קומט צו מיר מיט אַ בקשה פאַר קליידער, ווען כ'זאָל אַפילו האָבען בגדי־כהונה וואָלט איך זיי איהם אויך אוועקגעגעבען.

האָט זיך דער לובלינער צו איהם אָנגערופען:

— דוד המלך האָט געזאָגט אין תהלים: ואנכי תולעת ולא איש חרפת אדם (איך בין אַ ווערמיל ניט קיין מענש, אַ מענשען־שאַנד). די כונה דערפון איז אַזוי: די גמרא זאָגט, אַז אדם הראשון האָט געזעהען ברוח־הקודש, דאָס דוד המלך האָט ניט קיין יאָהרען, אַז ער דאַרף שטאַרבען דערמיט טאָג וואָס ער וועט געבוירען ווערען, האָט ער איהם אוועקגעשענקט פון זיינע יאָה־רען 70 יאָהר. דאָס האָט דוד המלך געזאָגט: איך בין נור ווי איין אֵ י י ג־ט ע נ י ג ווערמיל, מחמת כ'האָב ניט געהאַט קיין יאָהרען צו לעבען. מיינע יאָהרען האָב איך דעריבער נור צו פערדאַנקען אדם הראשון'ען. כהיום, אַז איך האָב געזינדיגט, איז עס דאָך פאַר מיר אַ „חרפת א ד ם" אַ חרפה פאַר אדם הראשון'ען, מחמת ער וועט מיך דאָך פרעגען: „העי, דוד, מיט ד י י נ ע אייגענע יאָהרען וואָלסטו אַ רעכט געהאַט צו טהון וואָס דו וואָלסט געוואָלט, אָבער וואָס פאַר אַ רעכט האָסטו געהאַט צו פערזינדיגען מ י י נ ע יאָה־רען?"

— ווען איהר זענט אַ מילדער מחותן מיט אייערע אייגענע בגדים, מהיכא תיתא. אָבער מ י י נ ע בגדים, וואָס איהר האָט פון מיר געהאַט אַ מ ת נ ה, האָט איהר בעראַפט פערשוינען, ניט זיין דער גורם, אַז מען זאָל זיי פער־שכור'ן!

דאָס מחלוקת האָט דעמאָלט עפענטליך אויסגעבראָכען.

אמאל אינ'ם ערשטען טאג שבועות, האט זיך דער לובלינער געאייסערט פאר ר' דוד לעלאווער, אז ביים זאגען אקדמות, וועט ער אויסרייסען די גרויסע בערג פון זייער שורש. ר' דוד לעלאווער האט תיכף פערשטאנען, אז דערמיט מיינט ער, ער וועט מעניש זיין זיין געגנער דעם פרשיסכער צדיק. ער האט דערפון געהאט גרויס עגמת־נפש, און האט די גאנצע נאכט ניט געקענט שלאפען. אין דער פריה, דעם צווייטען טאג שבועות פאר'ן דאווענען, איז ר' דוד לעלאווער ווידער געווען אין לובלינער'ס חדר און געהערט ווי דער רבי זאגט דיזעלבע דבורים, אז ביי דער קריאה פון דער תורה, וועט ער חרוב מאכען וועלטען. „אבי ס'איז נאך ב י ז א י צ ט גאר ניט געשעהען, האט זיך ר' דוד געטראכט, ווייטער קען השם־יתברך ווידער העלפען".

תיכף מוצאי שבועות נאך הבדלה, האט ער זיך געזעגענט מיט'ן רבי'ן און איז גיך אוועקגעלאפען קיין פרשיסכא זעהען וואס דארט הערט זיך.

אזוי ווי ער איז נור אריינגעקומען אינ'ם חדר פונ'ם פרשיסכער צדיק, איז איהם דער „יוד הקדוש" אקעגען געגאנגען צו דער טהיר מיט א פנים שוחקות, איהם געגעבען א ברייטען „שלום עליכם", זאגענדיג: „זייט נאר ניט בעזארגט, ר' דוד, ער האט אונז איןביידע טעג שבועות געוואלט מכבד זיין, טאקע גוט מכבד זיין. מיר זיינען אבער אויך ניט קיין „יתום קטן". מיר האבען זיך פאר איהם בעהאלטען אויף אזא הויך ארט וואו ער האט גאר ניט קיין רשות דארטען אריינצוקומען."

באלד נאכדעם איז דער לובלינער ז ע ה ע ר אז אלמן געווארען. זיין צווייטע ווייב טילע, וועלכע ער האט אזוי היים געליעבט, בעהויפטענדיג, אז זי האט אין זיך די כשר'ע נשמה פון אונזער מוטער רחל, איז קראנק געווארען און געשטארבען. דער זעהער האט דעמאלט עפענטליך בעהויפטעט, אז דאס האט איהם דער פרשיסכער מעניש געווען, מחמת די רבי'צין פלעגט תמיד צו־העלפען קורא תגר צו זיין אויף דעם פרשיסכער.

— ער איז א פלאם פייער — האט דעמאלט דער לובלינער אויפ'ן פרשיסכער געזאגט. — היט אייך, חסידים, פאר זיין הקפדה.

## 23

# דער דריטער זיווג פונ'ם צדיק

דעם מאָסטער רב'ס דריי מיידלעך — א צדיק טאָר ניט זיצען אָהן אַ ווייב — זעהט ביים ווייב'ס לעבען דעם שפּעטערן זיווג — צוויי בעריהמטע צדיקים די שדכנים — דאס ווייב ווערט ברוגז מיט'ן רבי'ן ווייל זי וויל קינדער — דעם קאָזניצער'ס עצה ווי אַזוי צו האָבען א בן־זכר.

איינער פונ'ם לובלינער'ס אויסגערופענע חסידים, איז געווען דער לעמבערגער גביר און בעקאַנטער מכניס אורחים ר' ליב מימעלעס. נאָך ביז היינטיגע צייטען דערצעהלט מען זיך אין לעמבערג פון דעם ברייטען הארץ און אָפענע האנד פון אָט דיעזען חסידישען גביר, וועמעס הויז איז געווען פּתוח לרוחה, אָפען טאָג און נאַכט פאַר אַלע הונגעריגע און דארשטיגע, וועלכע האָבען בעקומען אין זיין הויז עסען, טרינקען און סטאַנציע און דערצו נאָך א בעדייטענדע געלד־נדבה.

דיעזער גביר ר' ליב איז געווען אַן איידעם פונ'ם גאון ר' מאיר דער רב פון גרוים מאָסטע, דעם פּני יהושע'ס אַן אייניקעל. ווען דיעזער גאון איז געשטאָרבען איבערלאָזענדיג דריי אונפערזאָרגטע מיידלעך, האָט ער אָנגעזאָגט זיין זוהן ר' שמעון שתדלן פון בראָד, אַז ער זאָל ביי זיך האַלטען די דריי מיידלעך ביז צו דער חתונה, און צו זיין איידעם ר' ליב האָט ער ווידער אָנגעזאָגט אַז ער זאָל זיך משתדל זיין חתונה צו מאַכען די יתומות בכבוד נאָר צו תלמידי חכמים.

די עלטסטע פון די דריי מיידלעך האָט געהייסען ב י ל א. זי איז געווען אַ גרויסע יפת תאר און דערצו אַ כשר, עהרליך קינד, און דוקא ווי מעשה להכעיס, האָט זיך איהר ניט געטראָפען קיין פּאַסענדער שדוך. איהר שוואָגער ר' ליב מימעלעס האָט אַלעם אָנגעווענדעט אויסצוגעפינען פון איהרעטוועגען אַ חתן אַ תלמיד־חכם, ס'האָט זיך אָבער ניט געפיהרט.

זייענדיג אין לובלין האָט ר' ליב אויסגעגאָסען זיין ביטער הארץ פאַר'ן רבי'ן מכח זיין שוועגעריז, וועלכע איז שוין אַ עלטער מיידעל, געראָטען מיט אַלע מעלות און האָט ניט קיין מזל צו קיין שדוך. ער האָט מורא זי זאָל חלילה ניט פערזיצען.

בשעת דער לובלינער האָט געלייענט אין קוויטעל אָט דיעזע בקשה, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון דער שטוהל, צוגעגאַנגען צום פענסטער און געקוקט נעגען הימעל.

דאס איז געווען ביי די חסידים א סימן מובהק, אז אט איצט בענוצט דער רבי זיין ווייטען כח־הראיה מיט זיינע אפענע קלאהרע אויגען, און וועט באלד זאגען עתידות.

— זי וועט ניט פערזיצען — האט זיך דער רבי אנגערופען צו ר' ליב'ן, נאכדעם ווי ער האט זיך צוריק אנידערגעזעצט אויף זיין שטוהל — זי האט שוין דוקא גאר א גוט מזל צו א זיווג. מען מאר אבער ניט זיין „דוחק את השעה". האט געדולד ר' ליב און זארגט אייך גאר ניט; ווארט ביז די צייט וועט קומען.

ר' ליב, ווי אן אמת'ער חסיד, א מאמין, האט געפאלגט און געווארט. קיין שדוך האט זיך איהר אבער אלץ ניט געטראפען.

— איך קען שוין לענגער ניט ווארטען, רבי — האט ר' ליב געזאגט שפעטער מיט א יאהר צו רבי'ן, בעת ער איז געווען אין לובלין. דאס מיידעל ווערט דאך עלטער און דער עסק שאדעט ניט נאר איהר אליין נאר אויך צו איהרע אינגערע שוועסטערס, וועלכע קענען ניט קומען צו קיין שדוך כל זמן זייער עלטערע שוועסטער איז ניט קיין כלה. איך וועל ניט אבטרעטען פון דאנען, ביז דער רבי וועט מיר ניט בפרוש מבטיח זיין, אז ס'וועט זיך איהר באלד טרעפען איהר רעכטער זיווג.

א וואלקען פון טרויער האט זיך פערצויגען ביי דיעזע דבורים אויפ'ן צדיק'ס הייליגע צורה.

— פאהרט אהיים, ר' ליב — האט זיך דער רבי אנגערופען — און גרייט פאר אייער שוועגעריין אן צרכי החתונה, זי וועט באלד א כלה ווערען און נאך דאס יאהר חתונה האבען.

א קורצע צייט נאכדעם, איז דער לובלינער אן אלמן געווארען פון זיין צווייטע ווייב טילע.

לויט דעם זוהר און די ספרי קבלה טאר אן עהרליכער איד, אפילו אויף דער עלטער, לחלוטין ניט זיצען אהן א ווייב. אזא מענש ווערט אנגערופען „פלג גופא", א האלבער גוף, און קען בשום אופן ניט קונה שלמות זיין ביז ער האט ניט ווידער חתונה. „ווער ס'האט ניט קיין ווייב — זאגט דער זוהר — טאר ניט דאווענען פאר'ן עמוד, זיין עבודה איז א בעלת־מום, פעהלערהאפטיג, פסול און פול מיט פגימות. ווען דער קאזיניצער מגיד איז אן אלמן געווארען, איז ער שוין געווען א בן שבעים און ניט מעהר געדענקט וועגען חתונה האבען, האט צו איהם דער לובלינער בעפוילען דורך זיינעם א חסיד אט דיעזע ווערטער:

— זאג איהם פון מיינעטוועגען, אז די תפלות וואס ער האט מתפלל געווען אין די ימים נוראים נאכדעם ווי ער איז אן אלמן געווארען, און אויך די תפלות וואס ער איז מתפלל יעדען טאג, זיינען ניט עולה יפה, זיי זיינען ניט ליכטיג און ניט קלאהר. גאר טונקעל. זאג איהם נאכאמאל פון מיינעט־וועגען, ער זאל תיכף חתונה האבען.

דער קאזיניצער האט איהם אויך געפאלגט און טאקע באלד גענומען אן אנדער ווייב.

ס'פערשטעהט זיך, אז איצט ווען דער לובלינער אליין איז געווארען אן אלמן, כאטש ער איז שוין אויך געוועזן א שטיק זקן האט ער אויך ניט געקענט און ניט געטארט בלייבען א „פלג גופא". ער האט דעריבער געמאכט א „שאלת־חלום", אויסצוגעפינען ווער ס'איז זיין נעכסטער זיווג, און מן השמים האט מען איהם מודיע געווען, אז ב י ל א, די טאכטער פונ'ם גאון ר' מאיר, דער מאסטער רב, איז זיין איצטיגער זיווג.

האט דער לובלינער געגעבען אן אויפטראג צו זיינע צוויי גרעסטע תלמידים, ר' נפתלי הורוויץ פון ראפטשיץ און ר' שמעון דייטש פון זעליכאוו, זיי זאלען פאהרען קיין בראד צו ר' שמעון שתדלן, דעם מאסטער רב'ס זוהן, אין וועמעס הויז ס'האבען זיך געפונען זיינע דריי שוועסטער. אזוי ווי זיי וועלען אריינקומען אין קיך פון ר' שמעון'ס הויז, וועלען זיי דארט טרעפען שטעהן דריי מיידלעך, פון וועלכע די מיטעלסטע איז זיין זיווג. זיי זאלען דאן אנשלאגען ר' שמעונ'ן דעם שדוך, און איהם אויך צורעדען ער זאל זיך מיט'ן לובלינער משדך זיין.

די צוויי תלמידים האבען ריכטיג אויסגעפיהרט דעם רבי'ס פקודה און מיט דער הילף פון ר' ליב מימעלעס, דער כלה'ס שוואגער, איז זיי געלונגען צו איבעררעדען ר' שמעון צום שדוך. זיי האבען טאקע תיכף געמאכט א התקשרות, און נאך אין דעם זעלבען יאהר האט דער לובלינער חתונה געהאט מיט דער שעהנער ב י ל א.

אזוי ווי ס'איז אוועק א יאהר נאך דער חתונה, האט די רבי'צין זעהר געגארט צו האבען א קינד. זי האט פאר איהר מאן געוויינט מיט ביטערע טרעהרען, ער זאל פאר איהר מתפלל זיין זי זאל פון איהם געהאלפען ווערען מיט א בן זכר.

— איך קען ניט מתפלל זיין אויף דעם, מחמת א י ך האב שוין פ י ע ר קינדער — האט איהר דער רבי געענטפערט.

זעהענדיג אז ז י קען ביים רבי'ן ניט פועל'ן, איז זי אוועקגעפאהרען אהיים קיין בראד צו איהר ברודער ר' שמעון, און האט פון איהם פערלאנגט, ער זאל פאהרען קיין לובלין פועל'ן ביים צדיק זי זאל האבען א קינד. זי האט איהם אויך ערקלעהרט, אז זי וועט באין אופן ניט צוריקפאהרען צום מאן, ביז ער, איהר ברודער, וועט ניט מיטברענגען פונ'ם צדיק א זיכערע הבטחה.

ר' שמעון איז תיכף אוועקגעפאהרען קיין לובלין אויף שבת. פאר זיין נסיעה, האט ער געהייסען דעם אידישען משרת ארויפנעהמען פונ'ם קעלער א פלעשעל גוטען וויין, יין המשומר, מיטצונעהמען א מתנה פאר'ן רבי'ן אויף קידוש.

קומענדיג קיין לובלין, האט ער פרייטאג צונאכטס מקבל שלום געווען ביים רבי'ן און איהם דערלאנגט דאס פלעשעל יין לקידוש. דער לובלינער האט גענומען דאס פער'חתמ'טע פלעשעל אין דער האנד אריין. עס גוט בע־

טראכט און דאן עס צוריקגעשטעלט אויפ'ן טיש, זאגענדיג: כ ש ר איז עס, נאר עפּיס האט עס ניט דעם חן פון וויין. ער האט זיך געהייסען ברענגען אנדערן וויין צום קידוש.

שפּעטער ווי די חסידים האבען געעפענט דאס פלעשעל, האבען זיי דער־זעהן, אז ס'איז גאר ווייסער מעהד. דער משרת האט געמאכט א טעות און גענומען א פלאש מעהד אנשטאט א פלאש וויין. דער לובלינער האט אבער ניט געקענט מאכען קיין טעות, צוליעב זיינע אפענע אויגען.

נאך שבת, איז ר' שמעון אריינגעגאנגען צו זיין שוואגער דעם רבי'ן און זיך אנידערגעשטעלט, ניט פערלאנגענדיג פונ'ם צדיק קיין שום בקשה.

— וואס פערלאנגסט דו עפּיס? — האט איהם דער רבי געפרעגט.

— איך פערלאנג צו וויסען וואס איך בין — האט צו איהם ר' שמעון געזאגט.

דער רבי האט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאנגען צום פענסטער, א קוק גע־געבען נעגען הימעל און זיך אנגערופען:

— אט וועל איך דיר זאגען וואס דו ביסט: „א למדן און א ירא שמים".

— איך וויל עס אבער זעהן מיט די אויגען — האט ר' שמעון ווייטער געזאגט.

— ווי אזוי ווילסטו דאס זעהן?

— די גמרא זאגט — האט זיך ר' שמעון אנגערופען — אז קינדער גראַ־טען אריין, על פּי רוב, אין דער מוטערס ברודער, וויבאלד מיין שוועסטער וועט זוכה זיין צו האבען א קינד פונ'ם רבי'ן וועל איך דעמאלט זיין ביכולת צו ז ע ה ן וואס איך בין.

דער רבי האט זיך פאר א ווײלע פערטראכט, דאן זיך אנגערופען:

— „אין חבוש מתיר עצמו". א געבונדענער קען זיך אליין ניט אויפבינ־דען. פאהר מיט דיין שוועסטער קיין קאזיניץ צום מגיד, זאל ע ר מתפלל זיין.

ר' שמעון איז אהיים געפאהרען, גענומען זיין שוועסטער בילא, און מיט איהר אוועקגעפאהרען צום צדיק קיין קאזיניץ.

— „מתפלל זיין דארף איך ניט און טאר ניט" — האט צו איהר דער קאַ־זיניצער געזאגט — איך קען דיר נאר געבען אן עצה ווי אזוי דו זאלסט געהאל־פען ווערען מיט א בן זכר:

— פרייטאג צו נאכטס, בשעת דיין מאן, דער חוזה, וועט ביים דאווגען אנהויבען מיט זיין התלהבות'דיגען שטייגער, דאס קאפּיטעל „מזמור שיר ליום השבת", זאלסט דו אונבעמערקט פון איהם צוגעהן און איהם געבען א ציה ביים טלית. בעת ער וועט זיך אומדרעהען צו זעהן ווער דאס איז, זאלסט דו צו איהם זאגען די ווערטער: „איך וויל פון דיר האבען א בן־זכר; דער קאַ־זיניצער האט מיר צוגעזאגט צו זיין דער סנדק", און זאלסט תיכף אוועקגעהן.

וכך הוה. דאס זעלבע יאהר האט די רבי'צין ב י ל א געבוירען א בן זכר. דער קאזיניצער מגיד איז געקומען צו פאהרען אויפ'ן ברית, מחמת דער לוב־

לינער האָט איהם מכבד געווען מיט סנדקאות. בשעת דעם ברית־מילה, ווען דער לובלינער האָט דאָס קינד איבערגעגעבען צום קאַזיניצער אויף דער שוים, האָט דער לובלינער אויפגעדעקט דעם קינד'ס פנים'על, עס גוט בעטראַכט, און דאן בעמערקט: „איך זעה, אז דאָס קינד וועט ניט האָבען קיין אריכות ימים."

— „וואָס געהט דאָס אייך אן? — האָט זיך דער מגיד צו איהם אָנגע־רופען — בשעת חדוה, חדוה. קוקט ניט וואו מען דאַרף ניט!" דאָס קינד, וועלכעס האָט געהייסען מאיר שלום, איז באמת געשטאָרבען יונגערהייד, און די רבי'צין בילא האָט פונ'ם לובלינער טאָקע ניט געהאַט מעהר קיין קינד.

## 24

# צדיקים שיקען אַ שליח מיוחד אויף יענעם עולם

צדיקים ווילען ברענגען די גאולה מיט געוואַלד — שיקען א שליח אין הימעל אריין צום בערדיטשעווער — הויכע דבורים פונ׳ם רימאַנאָווער מכח דער גאולה — די מורא׳דיגע תקיעות אין לובלין — דער גבורה׳דיגער כח פונ׳ם שטן — א „שם“ צו ברענגען משיח׳ן — אויף יענער וועלט זעהט דער צדיק מיט אַנדערע אויגען — אן אזהרה פונ׳ם קאָזשעניצער צום לובלינער — א ווייטער קוק פון רבי׳ן ר׳ אלימלך.

הכל בידי שמים. קיין שום זאַך, גרויס אַדער קליין, וויכטיג אַדער ניט וויכטיג, קען ניט געטהון ווערען געגען דעם רצון פון זיין ליעבען נאָמען. אפילו די צדיקי הדור, פון וועמען די גמרא בעהויפּטעט, אַז „צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים“,, אַז וואָס דער צדיק הייסט טהון פאָלגט איהם השם־יתברך, קען אויך ניט ת מ י ד טהון אַ וויכטיגען ענין אָהן דער הימלישער הסכמה.

אַט מיט דיעזען נוסח פלעגט ר׳ אייזיק׳ל חסיד תמיד אָנהויבען צו דער־צעהלען אויף דעם חסידישען ז י ץ אין דעם לובלינער׳ס יאָהרצייט, מכח דעם טראַגישען טויט, וועלכען די חסידים רופען אָן די „נפילה“, מיט וועלכען דער לובלינער איז נסתלק געוואָרען דורך אַ מיסטעריעזען פאַל.

אומזיסט האָבען זיך בעמיהט די דריי גרעסטע צדיקים פונ׳ם דור, ר׳ ישראל פון קאָזשניץ, ר׳ מענדעל פון רימאַנאָוו און ר׳ יעקב יצחק פון לובלין צו ברענגען משיח׳ן פאַר דער צייט. דאָס דור איז נאָך דערצו ניט ראוי געווען, דעריבער זיינען זיי, די צדיקי הדור, געבליבען געוואָרען אַ „חטאת־הקהל“, די כפרת־עון פאַר׳ן דור.

זיי האָבען זיך איינגעשפּאַרט, אָבער ניט אויסגעפיהרט. פון דער חסידי־שער וועלט וואָלט דעמאָלט חלילה געוואָרען אַ תהו ובוהו, אַ תל עולם. אַ מערכה. וואָס איינער פון די וויכטיגסטע לובלינער תלמידים, ר׳ נפתלי ראָפּ־טשיצער, האָט שכל געהאַט, זיך בעצייטענס אָבגעזונדערט פון דער איינ־געשפּאַרטער חברה צדיקים, אויסרופענדיג: מיך לאָזט צורוה, „לא ירד בני עמכם!“

געשעהן איז דאָס אין יאָהר תקע״ג, באַלד נאָך דער מלחמה פון פראַנק־רייך מיט רוסלאַנד. די פריהער דערמאָנטע דריי וועלטס־צדיקים, האָבען גע־מאַכט יד אחת, צו צווינגען, כביכול, די שכינה צו בעפרייען טאַקע אַט זיך אַליין צוזאַמען מיט די כנסת ישראל, פונ׳ם ביטערן גלות. זיי האָבען זיך אַ

ציים לאנג פארבערייטעט דערצו, מיט פאסטען און תפלות, מיט כונות און יחודים, צו פיהרען א שטארקע מלחמה מיט ס"ם, מיט אלערליי כלי־זין ; אז די מלחמה איז שטארק און שווער, אז זי איז שרעקליך און טאקע אויך גע־פעהרליך, איז ביי זיי גאר קיין ספק ניט אמאל געווען.

פונדעסטוועגען האבען זיי געהאפט און כמעט ווי זיכער געווען, אז סוף כל סוף וועלען ז י י זיין די זיגער. ס'איז ביי זיי געווען כמעט ווי א דבר ברור, אז דער בערדיטשעווער צדיק וועלכער איז שוין זייט דריי יאהר אויף י ע נ ע ם עולם, וועט זיי טאקע פון דארט מיטהעלפען אין זייער הייליגע ארבייט. האט ער דען ניט געשוואוירען, עטליכע מינוט איידער ער האט אויס־געהויכט זיין הייליגע נשמה, אז ער וועט ניט רוהען אין קבר און וועט ניט צורוה לאזען אלע צדיקים פונ'ם גן־עדן, ביז ער וועט ניט ברענגען מיט זייער הילף די גאולה ? !

כדי אבער איהם צו דערמאנען און טאקע אויך מעורר צו זיין ער זאל מקיים זיין און אויספיהרען זיין הבטחה, האבען די דריי צדיקים בעשלאסען, צו שיקען איינעם פון זיי אויף יענעם עולם ארויף, אלס א שליח־מיוחד צום בערדיטשעווער.

מען האט געווארפען גורל, און דער גורל איז געפאלען אויפ'ן לובלינער. ער האט זיך טאקע באלד אנגעהויבען מכין צו זיין אין וועג אריין.

אזוי ווי דער צדיק ר' יעקב יצחק פון פרשיסכע (וועמען די חסידים רופען סתם „דער איד"), דעם לובלינער'ס א תלמיד־מובהק און שפעטער טאקע זיין בעל־פלוגתיה (א געגנער), האט זיך דערוואוסט פונ'ם ג ו ר ל, האט ער גע־שיקט א שליח מיוחד צום לובלינער איהם מודיע צו זיין, אז ער, דער פרשיסכער, האט בעשלאסען אנצונעהמען אט דאס שליחות צום בערדיטשעווער, אנשטאט דעם לובלינער, „כדי שלא תתפרד החבילה" (ניט צו מאכען קלענער דאס דרייער־בינטעל).

דער לובלינער האט מסכים געווען. באלד נאכדעם, אין אנהויב פון יאהר תקע"ד, איז דער פרשיכסער צדיק טאקע נסתלק געווארען.

דאן האט זיך ערשט אנגעהויבען די וויכטיגע עבודה.

„בעט צו השם יתברך איך זאל איבערלעבען דאס יאהר תקע"ה — האט דער רימאנאווער רבי ר' מענדלי געזאגט צו זיינע חסידים זיצענדיג אין די סוכה — דאן מעגט איהר זיין זיכער, אז איהר וועט זוכה זיין צו הערען שופר של משיח און צו זיצען אין דער סוכה פון לויתן."

פסח ביים סדר, בשעת ער האט אויפגעהויבען דעם כוס ביי „והיא שעמדה לאבותינו", האט ער זיך אנגערופען צו דער חברה כהאי לישנא : „אויב מיינע חברים וועלען מיט מיר מיטהאלטען און אונזער צאהל וועט ניט פערמינדערט ווערען (ולא יעשה רוח בין הדבקים), וועלען מיר זוכה זיין איבער א יאהר צו „ביאת משיח", און אט דער ד א ז י ג ע ר כוס וועט זיין א „כום ישועות" פאר'ן כלל ישראל."

ס'איז אבער געווען, בעוונותינו הרבים, א שעה פון דינין תקיפין, ווען

דער כח פון דער סטרא־אחרא, רחמנא ליצלן, איז צו שטארק, און אלע דריי צדיקים זיינען געפאלען אלס קרבנות טאקע אין איין און דעמזעלבען יאהר.

און געקלאגט האט דעמאלט די כנסת־ישראל און מיטגעווײנט האט אויך די שכינה הקדושה אויף ב י י ד ע נ ס גלות.

„ווער איז מיט מיר צו געהן אין דער מלחמה?" האט דער לובלינער אויס־גערופען צו אלע זיינע תלמידים, אום ראש־השנה פונ'ם יאהר תקע"ה, פאר תקיעת־שופר.

ר' קלמן ניישטעדטער, דער מחבר פון „מאור ושמש", האט זיך געשטעלט ביים רבינ'ס רעכטע האנד, און דער ברזשעזאנער צדיק ר' נפתלי הירץ צו זיין לינקער האנד. דער ראפטשיצער רבי ר' נפתלי האט זיך בשתיקה ארויסגע־גנב'ט. ער האט געדאוונט מ ו ס ף ערגיץ אין א שניידער־שילעביל, און טאקע ניט מעהר צוריק געקומען צום רבי'ן ביז נאך דער „נפילה".

„א חכם איז בעסער פון א נביא!" (דעם ראפטשיצער האט די וועלט גערופען דער „חכם" און דעם לובלינער דער „נביא"). האבען די שפעטערע צדיקי הדור געזאגט אויף איהם, מחמת ער האט געראטעוועט און מציל געווען פון א כליון, חלילה, דעם גאנצען עולם החסידות.

און דער לובלינער האט דעמאלט אראבגעלאזט דעם טלית איבער'ן קאפ ביז צום גארטעל, מיחד געווען די נויטיגע „יחודים" און מכוין געווען די ריכטיגע כונות.ביידע צדיקים זיינען געשטאנען צו זיין רעכטע און צו זיין לינקע האנד, שרעקענדיג און ציטערנדיג, וויסענדיג, אז איצט איז די גרויסע שעה פון „מלחמה לה' בעמלק". טאמער פערליערט דער צדיק איצט די מלחמה, איז מי יודע: אם לא עכשו אימתי?

דער לובלינער אליין איז געווען דער „מקריא" און ר' דוד לעלעווער דער „בעל־תוקע".

די תקיעות זיינען נ י ט געגאנגען.

„תקע (בלאז)!" האט דער לובלינער אויסגערופען מיט כעס. „רחמנא אמר תקעו (די תורה האט דאך געהייסען בלאזען); ווען דער ב ע ל ־ ד ב ר האט די דעה און ע ר לאזט ניט בלאזען, טא, זאל ע ר א ל י י ן בלאזען שופר."

ר' דוד האט נאך אמאל געפרובט און די תקיעות זיינען שוין געגאנגען כ'מעשה־ניט.

„א שווערער עסק, א זעהר שווערער" — האט דער לובלינער געזאגט זי־צענדיג ביים טיש ביי דער ראש־השנה'דיגע סעודה—ר' נ פ ת ל י האט אונז פערלאזען; ער וויל זיך מאכען שבת פאר זיך. פון הימעל, הפנים, וויל מען אויך ניט; די קטרוגים זיינען זעהר גרויס . . ."

הפנים, אז ער האט שוין געפיהלט, אז די מלחמה איז האלב פערלוירען.

„אבער וואס מיר זיינען ניט ביכולת ארויסצופיהרען מיט'ן שופר — האט ער ווייטער געזאגט — וועלען מיר אם־ירצה־השם פועל'ן ביי השם־יתברך מיט

ששון ושמחה, מיט'ן כח פון דער תורה. דער כח פון „שמחה" איז פיעל גרע־סער און שטארקער פונ'ם כח פון „יראה".

געמיינט האט ער דערמיט די שמחה פון שמחת־תורה.

האט אבער דער בעל־דבר זיך מקדים געווען און געמאכט א „שטריך אין דעם רעכנונג". באלד נאך די ימים נוראים, אום ערב סכות איז דער קאזיניצער מגיד נסתלק געווארען.

דאס דרייער־בינטעל איז אויפגעלעזט געווארען. דער שטן האט פער־מישט די וועלט און דעם לובלינער'ס אפענע אויגען האבען גאר ניט געזעהן; פון הימעל האט מען איהם אויך ניט מגלה געווען. די טויערן פון די „חכמה עליונה" זיינען פאר איהם פערשלאסען געווארען. ער וואלט זיך זיכער ניט געווען אריינגעלאזט אין א סכנה, ווייטער אנצופיהרען די מלחמה, ווען ער וואלט געווען געוואוסט, אז דער וויכטיגסטער פון זיינע חברים האט איהם פערלאזען. דעם שטנ'ס שפיעל איז געראטען, און דעם צדיק'ס מזל איז קאליע געווארען.

פאר דעם קאזיניצערס פטירה, האט ער געזאגט צו זיין זוהן ר' משה אליקום בריעה, אז מען האט איהם איצט מגלה געווען פון הימעל אזא מין „שם", מיט וועמעס כח ער קען תיכף ברענגען די גאולה. האט ער מיט'ן כח פון אט דיעזען שם געמאכט א „השבעה", אז דער קדושת לוי זאל זיך צו איהם בעוויזען. אט פאר עטליכע מינוט איז ער דא געווען. „איך האב איהם געפרעגט פארוואס ער האלט ניט קיין ווארט מכח זיין הבטחה. און אויב ס'איז גלייך איך זאל זיין א „דוחק את השעה" צו ברענגען די גאולה מיט'ן כח פון דעם שם?"

„דו וועסט באלד זיין מיט אונז — האט צו מיר דער קדושת לוי געזאגט — דארט וועסט דו אלעם זעהן אט מיט גאנץ אנדערע אויגען. ווי מען זעהט אויף דעם עולם, אפילו מיט די גאר קלאהרע אויגען. דאס וואס ס'דוכט זיך אויף דעם עולם, אז ס'איז א רעה פאר'ן כלל־ישראל, ווייזט זיך גאר ארויס דארט. אויפ'ן עולם האמת, אז ס'איז א טובה. מען טאר דעריבער אויף דעם עולם באין אופן ניט זיין א דוחק את השעה, מחמת פון אזא טובה קען ארויסקומען א גרויסע רעה. השם־יתברך איז דער קוואל פון רחמנות (דער מקור הרחמים), און אז ער ליידט די צרות השכינה און צרות ישראל, מוז דער צדיק מיטליידען."

„למען השם, זיי תיכף מודיע מיין חבר ר' יעקב יצחק פון לובלין, ער זאל אבהאקען, ניט מעהר מרעיש זיין שמים וארץ מיט זיין עבודה. כ'האב זעהר מורא פאר'ן רבי ר' אלימלך'ס דבורים, זיי זאלען ניט חלילה איצט מקוים ווערען."

„בשעת מיר אלע חברים זיינען אמאל געווען אין ליזענסק צוזאמען ביים רבי'ן — האט דער קאזיניצער דעמאלט דערצעהלט זיין זוהן — זיינען מיר געזעסען אין רבינ'ס בית־המדרש און עוסק געווען אין ענינים פון חסידות. פלוצים איז אריינגעקומען דער רבי ר' אלימלך אין בית־המדרש אריין. מיר

אלע האבען זיך אויפגעשטעלט און געבליבען שטעהן אין די שורה פאר'ן רבין, בעבדא קמיה מריה. ער איז פאר אונז פאריבערגעגאנגען יעדען איינעם פון אונז געקוקט אין די אויגען אריין. דאן האט ער אנגענומען דעם לובלינער ביי דער האנד, איהם ארויסגענומען פון צווישען דער חברה, און מיט איהם ארומ־שפאצירט אין בית־המדרש, רעדענדיג מיט איהם דבורים. זייענדיג נייגיעריג צו וויסען איבער וואס אייגענטליך דער מדובר איז, בין איך שטילערהייד זיי נאכגעגאנגען אויף די שפיצען פון מיינע נעגעל צו הערען עפים א דבור פונ'ם רבי'ן. און אט דאס האב איך געהערט: „דו זאלסט וויסען, האט דער רבי צו איהם געזאגט, אז מען דארף זיך זעהר בעטען ביי השם־יתברך „אל תשליכנו לעת זקנה" (זאלסט מיך ניט אוועקווארפען אויף די עלטערע יאהרען), נעהם דיר דאס גוט אין זין אריין". איך האב א י צ ט זעהר מורא פאר'ן רבינ'ס דבורים."

באלד נאך דיעזע דבורים איז דער קאזיניצער נפטר געווארען. די ידיעה פון קאזיניצער'ס פטירה האט מען אבער בעהאלטען פונ'ם לובלינער, כדי איהם ניט צו פערשטערען די שמחת יום־טוב. און אזוי ארומעט איז דער בעל־דבר געווען ביכולת צו פייערן א פאלשטענדיגען נצחון.

## 25

# דער שרעקליכער שמחת תורה

די הימלישע שמחה פון די חסידים — ס'פיהלט זיך אן התעוררות פון דער גאולה — דער רבי ווערט פלוצים פערשוואונדען — דער מיסטעריעזער פאל דורכן פענס־טער — געפונען געווארען אויף א מיסט־הויפען — מען ווארפט גורל ווער ס'זאל איהם טראגען — דער קאזיניצער ראטעוועט איהם — צדיקים האלטען אויף די גאולה — די מתנגדים'ס שמחה — דער רבי מאכט די מתנגדים טרויערען אין זיין יום המיתה.

די נאכט פון שמחת תורה.

די גאנצע חסידישע חבריא, אין לובלינער'ס בית־המדרש, שווימט ממש ארום אין א ים פון א זיסע נגינה, פון שמחה און פון טאנצען. דעם גאנצען טאג שמיני עצרת, האבען זיי געטרונקען אהן א שיעור מ ע ה ד, צוליעב א בעזונדערע פקודה פונ'ם צדיק.

„טרינקט און שכור'ט!" — האט דער רבי צו זיי אויסגערופען — „איך וועל אויך מיט אייך היינט מיטטרינקען. „שכור מה שעשה עשוי", וואס א שיכור טהוט אפ איז פערפאלען. מען קען איהם אפילו ניט מזמין זיין לדין פאר זיינע מעשים. דעריבער טרינקט און שכור'ט. אויב ניט היינט, מי יודע אויב איהר וועט נאך האבען אזא שעת הכושר. איך בין בטוח, אז וויבאלד מיר וועלען האבען א גוטען, פרעהליכען שמחת־תורה, וועלען מיר דאס יאהר אויך האבען א לוסטיגען תשעה באב.

(לויט דער אידישער אגדה, דארף משיח קומען אויסלייזען די אידען אום תשעה באב).

און די חבריא האט, פערשטעהט זיך, געפאלגט. מען האט כסדר דעם גאנצען טאג שמיני עצרת געטרונקען און געזונגען, געטרונקען און געטאנצט ווי ווייט דאס צייג האט געהאלטען. אז דער צדיק הייסט, וואו איז פאראנען דער חסיד וואס זאל ניט פאלגען?

איצט, בשעת די הקפות, שטעהט זיך דער צדיק אויפ'ן „בעלעמער" מיט א קליין ספר־תורה'לע אין דער האנד און איז עוסק אין זיין היילינע עבודה. ער איז זעהר פער־דבק'עט, פערטיעפט אין א ים פון הימעלשע מחשבות. אט איצט דארף עס געשעהן: אויף דיזער עבודה ליעגט די האפנונג פון דער גאנ־צער כנסת ישראל. זיין פנים שיינט ממש ווי די זון, מען קען זעהן בחוש

דעם השראת השכינה אויף זיין הייליגער צורה. אלע חסידים טאנצען ארום דעם „בעלעמער" אין א „עיגול" מיט גרויס דבקות, צוליעב דער השפעה וואס קומט פונ׳ם צדיק׳ס עבודה. זיי פיהלען אין דער טיעפעניש פון זייערע נשמות א מין יוצא־מן־הכלל׳דיגע „אתערותא דלעילא", א צייכען, אז אט, אט וועט זיין דער אמת׳ער „יחוד" פון כביכול מיט דער שכינה הקדושה, ריין פון א שמץ פסול, פון א ברעקעלע סטרא אחרא, חלילה, און דאן וועט שוין די ישועה און די גאולה ממילא קומען.

פלוצלונג האט דער צדיק אנגעהויבען צו טאנצען, זינגענדיג דעם שבת׳דיגען זמר פון ר"י הקדוש:

„רבו יתיר יסגיה, לעילא מן דרגיה, ויסב בת זוגיה, דהות פרישא" (דאס גרויסקייט פון די כנסת־ישראל וועט אונגעהויער וואקסען, העכער פונ׳ם דרך הטבע, בעת כביכול וועט צוריקנעהמען זיין בת־זוג, די שכינה, פון וועלכער ער איז געווען דערווייטערט די גאנצע צייט פונ׳ם גלות).

די הימלישע שמחה און געטליכע התעוררות פון די טאנצענדיגע חסידים איז געווארען שטארקער און גרעסער, פיהלענדיג אז דאס הארץ ווערט אזש צושפרונגען פאר גרויס השתוקקות און בענקעניש צום „אין סוף"; דער רעש פונ׳ם זינגען שפאלט דורך אלע עולמות־עליונים, באהנט זיך א וועג ביז צום כסא־הכבוד, און אלע מלאכים ושרפים זינגען מיט:

— „ויסב בת־זוגיה, דהות פרישא".

פלוצים...! — וואס איז עפעס געשעהן?

דאס קליינע ספר־תורה׳לע ליעגט אויפ׳ן שולחן אהן א שומר — דער רבי איז ניטא!

דאס געזאנג איז מיט אמאל איינגעשטילט געווארען. פערשוואונדען איז פלוצים דער ריח פון „בגילופין" פון דער לוסטיגער חברה. קיינער האט ניט בעמערקט דעם רבי׳ן ארויסגעהן, כאטש דער בית־המדרש איז געווען פול געפאקט מיט מענשען. און קיינער האט ניט געוואוסט וואו דער רבי איז ערגעץ אהינגעקומען: אין אלע חדרים פונ׳ם הויז איז ער ניט געווען צו געפינען. וואו־זשע איז ער פארט?

אלע פענסטער פון דעם רבי׳נס חדרים אויפ׳ן „גארען" (ערשטען פלאר) פונ׳ם בית־המדרש זיינען געווען פערמאכט. נאר איין קליין פענסטער׳ל אינ׳ם רבי׳נס חדר מיוחד, אויף וועלכען ס׳איז געווען אנגעשטעלט לעדיגע פלעשער, האט מען געפונען אפען.

איז אפשר דער רבי דורכגעפאלען אט דורך דעם דאזיגען פענסטערל? אונמעגליך: ראשית, איז עס דאך צו קליין. א מענש קען זיך קוים בדוחק גדול דורכשטופען; שנית, פארוואס־זשע זיינען די פלעשער וועלכע זיינען געשטאנען אויפ׳ן פענסטערל, ניט מיטגעפאלען; והשלישית, וואלט דאך דער רבי בעדארפט געפונען ווערען אין דרויסען אונטער דעם פענסטערל. ער איז דאך אבער אין גאנצען ניטא.

ערשט איצט האט מען זיך דערמאנט וואס דער צדיק האט זיי אלע אנ־

געזאגט, און טאקע גוט געוואָרענט, שמיני־עצרת בייטאָגביים טרינקען לחיים:

„היט מיך גוט, חברה — האָט ער צו זיי געזאָגט — היינט ביינאַכט מוזט איהר אויף מיר גוט אכטונג געבען. דער כח פון שטן איז זעהר שטאַרק, די מלחמה איז צו שווער, זעהר שווער".

דיזעלבע דבורים האָט ער אויך איבערגע׳חזר׳ט צו די רביצין ביילע. מעשה שטן: אַלע האָבען עס פערגעסען.

די חסידים האָבען זיך פערשפּרייט אין אַלע זייטען צו זוכען דעם הייליגען צדיק. ס׳זיינען פּאַראיבער עטליכע שעה און דער רבי איז אַלץ ניט געפונען געוואָרען. די פערווירונג איז זעהר גרויס געווען, אין לשער.

די שמחת־תורה׳דיגע פרייד איז ביי יעדען פערקעהרט געוואָרען אין א גרויסען טרויער.

איינער פון די גרויסע חסידים, ר׳ הערשעלע סטאַשאָווער, האָט זיך אָבער גאָרניט פערלוירען אין דער גרויסער קאָפּעניש און אויפרעגונג. ער איז ניט מיעד געוואָרען זוכענדיג. טאַפּענדיג אין דער פינסטער איז ער ארומגעגאַנגען אומעטום, אויך אויף אַזעלכע מקומות וואָס ס׳איז אפילו קיינעם אמאָל ניט איינגעפאַלען צו געהן זוכען דאָרט דעם צדיק. פּונקט צוועלף אַזייגער האָט ער דערהערט פון א פערוואָרפענעם ווינקעל קומען שטילע קרעכצען ווי פון א גוסס, רחמנא לצלן. ער האָט זיך דערנעהנט צו יענעם אָפּגעלאָזענעם אָרט און דערזעהן, צו זיין גרויס ערשטוינען ביים שיין פון דער קוים אויפגעהענדער לבנה, א געשטאַלט פון א מענש ליגענדיג אויף א הויפען מיסט.

— ווער איז דאָרט? — האָט ר׳ הערשעלע אויסגערופען אין גרויס שרעק, ציטערענדיג מיט אַלע איברים.

— יעקב יצחק בן מייטל — האָט דער קרעכצענדיגער מענש געענטפערט אין א שטיל קול, קוים צו דערהערען.

דאָס איז דער נאָמען פון לובלינער און פון זיין מוטער.

מיט א געבראָכען האַרץ, א אויפגערעגט געמיטה און געשטרויכעלטע פיס, איז ר׳ הערשעלע געגאַנגען מודיע זיין די ביטערע בשורה צו דער חבריא. אַלע האָבען אויסגעבראָכען אין א גרויס געוויין און זיך געוואָלט לאָזען לויפען צום אָרט וואו דער רבי איז געפונען געוואָרען ליגענדיג.

„בחרם חמור אַז קיינער טאָר ניט ארויסגעהן פון בית־המדרש אחוץ דעם צדיק׳ס תלמידים מובהקים. די וואָס האָבען איהם בעדיענט ביים לעבען זאָלען איהם אויך בעדיענען בעת זיין פּטירה", האָט זיך דערהערט א קול.

דער גאַנצער עולם איז געבליבען אין בית־המדרש.

תיכף האָבען די ראשי החסידים, די אמת׳ע תלמידים פונ׳ם לובלינער, אָנגעהויבען צו וואַרפען גורל, ווער פון זיי זאָל האָבען די זכיה צו טראָגען דעם צדיק איבערהויפּט, דאן ווער ס׳זאָל איהם טראָגען ביים קאָפּ, ווער ביי די הענד און ווער ביי די פיס.

דער צדיק ר׳ שמואל פון מאָקאַרעוו האָט זוכה בגורל געווען צו טראָגען

דעם צדיק ביים קאָפּ. ער האָט בפרוש געהערט ווי די ליפּען פון'ם צדיק זאָגען שטילינקערהייט „תקון לאה" (אַ מין תפלה אינ'ם סדר פון „חצות" אָפּ־ריכטען).

קומענדיג נאָהנט צו אַ ליכט, האָט דער לובלינער אויפגעמאַכט די אויגען, זיך ארומגעקוקט מיט אַ חידוש'ליכען קוק. און דערזעהענדיג אַז זיינע תלמידים טראָגען איהם, האָט ער געזאָגט מורמלענדיג: „אוי, איהר האָט מיר פערשטערט די שרעקליכע ידיעה. דער הייליגער קאָזיניצער איז ניטאָ מעהר אויף דעם עולם, און איך האָב גאָר ניט געוואוסט".

שפּעטער האָט מען פון איהם זיך דערוואוסט, אַז בשעת די הקפות האָט זיך געשטאַרקט דער כח פון דער סטרא אחרא. דער שטן האָט איהם מבלבל געווען, פערפיהרט און ארויסגעוואָרפען דורכ'ן פענסטערל פון זיין חדר מיוחד, אין וועלכען ער פלעגט טעגליך עוקר מן השורש זיין גאַנצע מחנות פון די חיצונים און כתות פון מלאכי חבלה. וואָלט ניט געווען דער קאָזיניצער מגיד גיך געקומען און איהם, דעם לובלינער, אויפגעכאַפּט אין די פאָלעס פון זיינע תכריכים, וועלכע ער האָט אויסגעשפּרייט אונטער דעם פענסטער, וואָלט, חלילה, פון'ם צדיק געוואָרען אַ הויפעןביינער; אַזוי ווייט האָט ער איהם געוואָרפען.

דערפון האָט זיך דערמאָלט דער לובלינער דערוואוסט, אַז דער קאָזיניצער מגיד איז ניט מעהר דאָ אויף דעם עולם.

— מיר האָבען געמאַכט אַ גרויסען טעות אין חשבון — האָט דערמאָלט דער לובלינער געזאָגט צו זיינע תלמידים — מיר האָבען געמיינט, אַז דער עיכוב פון דער גאולה איז נאָר צוליעב דעם המון־עם, דער פּראָסטער עולם, וועלכער פיהרט זיך ניט ווי ס'דאַרף צו זיין. צום סוף האָב איך זיך איצט דערוואוסט, אַז דער פּראָסטער עולם האָט שוין גענוג תשובה געטהאָן. זיי צו־ליעב, וואָלט שוין געמעגט קומען משיח, דער חסרון איז גאָר מצד די צדיקים, די אנשי מעלה, וועלכע קענען ניט קומען צו אמת'ער תשובה, צוליעב זייער גאוות און איינריידעניש. אָט זיי זיינען גאָר דער אבן־המכשול, און מיט זיי האָבען מיר זיך, ביי אונזער עבודה, גאָר ניט גערעכענט. אַ גרויסער טעות!

און דער לובלינער איז דערמאָלט געוואָרען מסוכנ'דיג קראַנק.

שמחת־תורה אין דער פריה, אַזוי ווי די מתנגדים פון לובלין האָבען דער־הערט פון'ם לובלינער'ס „נפילה", האָבען זיי זיך שטאַרק משמח געווען. זיי האָ־בען אויסגעטייטשט דעם פאַל פון'ם צדיק אויף פערשיעדענע אופנים און זיך מחיה געווען מיט אַ נקמה־געפיהל געגען זייער פערהאַסטען צדיק. אַ גאַנצען שמחת־תורה האָבען זיי צוליעב דעם געטאַנצט און געהוליעט, אויסגעטרונקען אַ ים מיט וויין און זיך מתחייב געווען, אַז דעם טאָג פון'ם לובלינער'ס פּטירה זיך צו מאַכען אַ צווייטען שמחת־תורה מיט עסען, טרינקען און טאַנצען.

— זיי וואַרטען שוין אויף מיין טויט — האָט דער לובלינער דערמאָלט בעמ־ערקט צו זיינע חסידים — זיי גלוסט זיך צו מאַכען אַ יום טוב צוליעב מיין

שטארבען; זיי האבען אבער א גרויסען טעות, אט די מתנגדים. איך וועל זיי אבטהאן אויף טערקיש. ניט נאר וועלען זיי זיך ניט משמח זיין אין מיין יום־המיתה, נור צוזאמען מיט אייך וועלען זיי אויך דעמאלט טרויערען. ניט נאר וויין, נאר אפילו א לעק וואסער וועלען זיי דעמאלט ניט טרינקען.

די חסידים האבען בשעת מעשה ניט פערשטאנען די כונה פון'ם צדיק'ס דבורים. זיי האבען אבער געהאט אמונה, אז זיי וועלען אודאי מקוים ווערען.

## 26

# דער עונש פונ'ם לובלינער'ס תלמידים

גוט־גוטע ווארפען דעם צדיק א שטיין אין קאפף — די שרעקליכע שרפה בשעת הקפות — א דאקטאר א בעל־תשובה — דער רבי ווייזט איהם דעם „מעמד הר סיני" — די סמיכה פון א בעהאלטענעם צדיק — אן אשה א בעלת רוח־הקודש.

אויך יענע צוויי צדיקים, ר' קלמן פון ניישטאדט און ר' נפתלי הירץ פון ברזעזאן, וועלכע זיינען בייגעשטאנען דעם לובלינער ביי די ראש־השנה'דיגע תקיעות, האבען אין יענע שרעקליכע שמחת־תורה נאכט געהאט היבשע צרות.

אין דער זעלבער שעה ווען דאס אומגליק האט געטראפען דעם צדיק פון לובלין, האט מען פלוצים אנגעהויבען צו ווארפען שטיינער, בשעת די הקפות, אין די פענסטער פון בית־המדרש פונ'ם ניישטעדטער צדיק ר' קלמן. איין שטיין האט גאר געטראפען דעם צדיק גופא זאו איהם פערוואונדעט. די חסידים זיינען באלד ארויסגעלאפען דרויסען, זיך ארומגעקוקט און נאכגעזוכט פון אלע זייטען, זיי האבען אבער ניט געזעהן קיין שום בן־אדם.

האט דער צדיק ר' קלמן אנגעהויבען צו וויינען און צו קלאגען אויסשרייענדיג: „אוי וועה איז צו אונז! מי יודע, וואס ס'טהוט זיך איצט דארט איבער ביי אונזער הייליגען רבי'ן אין לובלין!"

כאטש ער האט בפרוש ניט געזעהן, האט אבער זיין מזל געזעהן.

און טאקע אין דערזעלבער צייט, בעת דער ברזשעזאנער צדיק ר' נפתלי הירץ האט זיך משמח געווען צוזאמען מיט זיינע חסידים ביי דער לעצטער הקפה, מיט זינגען און טאנצען, האט פלוצים א פייער פון הימעל אנגעצונדען דעם צדיק'ס הויז און פערברענט הכל כאשר לכל; אויך זיין אידיש דיענסט־מיידעל איז דעמאלט פערברענט געווארען. אזוי ווי דאס פייער האט שוין גע־האט באלד דערגרייכט דעם רבינ'ס בית־המדרש, זיינען זיך כמעט אלע חסידים צולאפען מחמת מורא, ניט פערברענט צו ווערען. דער צדיק ר' נפתלי הירץ האט זיך אבער ניט א ריהר געטהאן פון ארט און ניט אוועקגעלייגט דאס ספר־תורה אויס דער האנד; צוליעב איהם זיינען אויך פערבליבען עטליכע נאהענטע מקורבים, וועלכע זיינען געווען מוכן ומזומן צו האבען מסירת־נפש מיט'ן צדיק צוזאמען.

האט דער צדיק אויסגערופען מיט א שרעקליכען קול און געזאגט: „רבונו

של עולם, אויב עס איז דיר ניחא חרוב צו מאכען די וועלט, טא קום און מאך זי חרוב, איך בין גרייט צו זיין א קרבן־כפרה!"

תיכף, ממש תוך כדי דבור, האט זיך דאס פייער איינגעשטילט.

אזוי ווי מען האט דעם לובלינער צדיק נאך דער „נפילה" אריינגעטראגען אין זיין חדר, האט מען תיכף געשיקט רופען דעם בעריהמטען לובלינער דאקטאר בערנארד, וועלכער איז געווען איינער פונ'ם צדיק'ס גרעסטע אנהענגער. ווי דער דאקטאר האט שפעטער דערצעהלט דעם צדיק פון סאסנאוויץ מכח דיעזען פאל, האט ער, דער דאקטאר, דעמאלט געפרעגט דעם לובלינער, וואו ס'טהוט איהם וועה, האט איהם דער רבי געענטפערט: „דער ירך שמאל" (דער לינקער דיך). אויף דעם דאקטאר'ס פראגע וואס ס'איז עפעס געשעהן? האט איהם דער רבי געענטפערט אט מיט דיעזע דבורים:

„די גאנצע סטרא־אחרא האט זיך איבער מיך פערנומען. אזוי ווי דער שמחת־תורה, אזוי וועט זיין דער תשעה־באב. דער מגיד (דער קאזיניצער) איז מיר צו הילף געקומען און מיר אונטערגעהאלטען מיין רעכטע זייט, און מיין מאמע האט מיר געשטיצט די לינקע זייט".

ביי דיעזער געלעגענהייט איז אויך כדאי צו דערצעהלען, ווי אזוי דיעזער בעריהמטער דאקטאר איז פלוצים געווארען א בעל־תשובה און א חסיד פון לובלין.

דר. בערנהארד האט שטודירט אין ברעסלוי און דארט געמאכט דאס דאקטעראט. שפעטער האט ער זיך בעזעצט אין דער פוילישער שטאדט ראדאמסק, וואו ער האט בעקומען א גרויסען שם און געווארען איינער פון די אנגעזעהענסטע פוילישע דאקטוירים. ער האט געפיהרט א טרפה הויז און שטענדיג נור פערקעהרט אין א קריסטליכע געזעלשאפט, ניט האבענדיג קיין שום געזעלשאפטליכע מגע ומשא מיט אידען.

אמאל איז דער צדיק ר' דוד פון לעלאוו, דעם לובלינער'ס א תלמיד מובהק, זייענדיג אין ראדאמסק, קראנק געווארען. זיינע פריינד און חסידים האבען צו איהם גערופען דעם דאקטאר בערנהארד, פון וועלכען מען האט אין לובלין געהאלטען אלס דעם גרעסטען מומחה. דער דאקטאר האט דעם צדיק עטליכע מאל בעהאנדעלט ביז ער איז געזונד געווארען. בעת דער דאקטאר האט איהם צום לעצטען מאל בעזוכט, האט ר' דוד לעלאווער צו איהם געזאגט אט די דאזיגע פשוט'ע דבורים:

„הערר דאקטאר, ווען איהר זאלט תשובה טהאן און ווערען אן עהרליכער איד, קענט איהר זיך גאר ניט פארשטעלען, וואס פאר א פרייד און נחת איהר וואלט דערמיט גורם געווען צום פאטער אין הימעל".

אט דיזע דבורים, וועלכע זיינען געווען דברים היוצאים מן הלב, געזאגט געווארען מיט אן ערנסטער כונה, זיינען אריין טיעף אינ'ם הארץ פון דאקטאר און דארט געמאכט א גאנץ איבערקעהרעניש. תיכף אזוי ווי דער דאקטאר איז א היים געקומען פונ'ם צדיק, האט ער אלע כלים פון דער קיך ארויסגעווארפען דורכ'ן פענסטער אין הויף אריין, און תיכף אנגעהויבען פיהרען א פרומען לע־

בען. טראָץ זיין גרויסער פּראַקטיק, האָט ער זיך געפיהרט גאַנץ חסידיש און זיך אָנגעטהאָן סגופים (פּלאָגען), כדי מכפּר צו זיין אויף זיינע פריהעריגע חטאים.

ר' דוד לעלאָווער האָט איהם שפּעטער מיטגענומען אויף שבועות צום זע־הער קיין לובלין. בשעת קבלת־שלום, האָט דער לובלינער געזאָגט צום לעלאָווער, אז ער פערדיענט א גרויסען יישר־כח, וואָס ער האָט ארויסגעריסען אזא הויכע נשמה פון דער קליפּה'ס האנד. דער דאָקטאָר פלעגט תמיד דערצעהלען, אז יענעם שבועות האָט איהם דער לובלינער געוויזען ביים דאַווענען די ערשיינונג פון „מעמד הר סיני". ער האָט זיך שפּעטער בעזעצט אין לובלין און געוואָרען דעם לובלינער'ס פייערדיגסטער חסיד ווי אויך זיין לייב־דאָקטאָר.

דער ראַדאָמסקער רבי ר' שלמה ראבינאָוויץ, האָט בעזוכט דעם דאָקטאָר בערנאַרד בעת ער איז שוין געווען א גרייז־גרויער מאַן און געלעגען קראַנק אויפ'ן טויטען־בעט. דער דאָקטאָר האָט א קרעכץ געטהאָן. האָט איהם דער רבי געוואָלט טרייסטען מיט די ווערטער פון דער תורה: „והימים הראשונים יפלו" (די פריהערע טעג וועלען אוועקפאַלען און ניט גערעכענט ווערען). דאָ האָט זיך פּלוצים דער קראַנקער אויפגעזעצט און זיך אָנגערופען: אין דעם זכות פון „אור החיים", וועלכען איך האָב אזוי פיעל מאָל געלערענט, ביז איך קען איהם אין גאַנצען בעל־פּה, האָף איך, אז אויך מיינע ערשטע טעג וועלען קענען מיטגעצעהלט און אריינגערעכענט ווערען אין מיינע יאָהרען.

— איהר זאָגט אמת — האָט איהם דער ראַדאָמסקער רבי געענטפערט — אזוי זאָגט האָך טאַקע די גמרא, אז ווער ס'טהוט תשובה מאהבה, נאָר מחמת ליעבע צו השם־יתברך, אָהן א שום פּניה און זייטיגע מחשבה, ווערט פון אלע זיינע פריהעריגע עברות בלויז מצוות.

ליגענדיג אויפ'ן קראַנקען־בעט אין א מסוכנ'דיגען מצב, האָט פונדעסטוועגען דער לובלינער „זעהער" ניט פערגעסען אָן זיין פריינד'ס, דעם קאָזניצער מגיד'ס, זוהן איהם מסמיך צו זיין אלס א רבי פון חסידים, הייסענדיג איהם זע־צען אויפ'ן פאָטער'ס שטוהל, בעת אָן זיינע אייגענע קינדער האָט ער ווי גאַנץ פערגעסען און קיין איינציגען פון זיי ניט מסמיך געווען אלס זיין ממלא מקומו.

נאָך דער פּטירה פונ'ם קאָזניצער מגיד, איז זיין איינציגער זוהן ר' משה אליקום בריעה געבליבען אָרים און מחוסר פּרנסה. דיעזער זוהן איז געווען א גרויסער עניו און תמיד געווען צוריקגעצויגען פון מענשען, אזוי, אז דער גאַנ־צער עולם האָט געמיינט אז ער איז אונוויסענד און קען גאָר ניט לערנען. די קאָזניצער ראשי הקהל האָבען זיך דעריבער געבראָכען די קעפּ ווי אזוי צו פערזאָרגען זייער רבינ'ס בן־יחיד מיט פּרנסה. א טייל פון זיי האָבען געוואָלט איהם מאַכען פאַר א בעדער, איבערגעבענדיג איהם דאָס שטאָדטישע באָד. אַנדערע ווידער האָבען פּאָרגעשלאָגען צו מאַכען איהם פאַר דעם שטערטישען חזן, מחמת ער האָט געקענט שעהן זינגען און איז געווען א גוטער בעל־תפלה. אז ער זאָל זיין א רבי, אלס שטעל־פערטרעטער פון זיין פאָטער, איז קיינעם פון זיי אפילו ניט איינגעפאַלען. צלע האָבען גערעכענט אז דעם כסא הרבנות

וועט איבערנעהמען דעם קאָזיניצער'ס איידעם, ר' זעליג, וועלכער איז פריהער געווען רב אין גראָדזיסק, און גע'שמ'ט פאר א גדול און א גרויסער צדיק.

אזוי ווי מען האָט דעם קראַנקען צדיק פון לובלין דערצעהלט, אז דער בעהאַלטענער צדיק ר' משה אליקום, דעם קאָזיניצער'ס זוהן, דענקט ניט צומאָל זיך צו זעצען אויפ'ן פאָטער'ס שטוהל, האָט ער געשיקט א שליח מיוחד צו ר' משה קיין קאָזיניץ און געהייסען איהם זאָגען דיעזע ווערטער: „ויהי בנסוע הארון ויאמר משה" וועמענס כונה איז, אז נאָכדעם ווי דער ארון־קודש (דער קאָזיניצער) איז אוועק פון דעם עולם, דאַרף משה (ר' משה אליקום) זאָגען „תורות", ארויסווייזען זיינע קענטנישען און איבערנעהמען דעם פאָטער'ס שטוהל. ר' משה האָט איהם געפאָלגט, זיך געזעצט אויפ'ן פאָטער'ס שטוהל און אָנגעהויבען צו זאָגען אזעלכע „תורות", וועלכע האָבען פשוט געריסען מוחות.

איידער וואָס ווען, איז אָבער דערווייל זיין שוואָגער ר' זעליג געקומען קיין קאָזיניץ און אָנגעהויבען צו פיהרען גוט־אידישקייט אויפ'ן שוועהר'ס חשבון. ס'האָט זיך אָנגעהויבען א שטיקעל מחלוקת צווישען דיביידע שוואָגערס. כדי ניט גורם צו זיין א חילול השם, האָט ר' זעליג בעשלאָסען צו געהן צו זיין שוואָגער ר' משה און ביי איהם פועל'ן ער זאָל אוועק פון קאָזיניץ. ר' זעליג האָט מיט זיך מיטגענומען זיין ווייב פערל, דעם קאָזיניצער'ס טאָכטער, אויף וועמען דער פאָטער פלעגט עדות זאָגען, אז זי האָט אָפענע אויגען און א קלאָהרען רוח־הקודש, האָפענדיג, אז די שוועסטער וועט האָבען אויפ'ן ברודער אן איינפלוס, ער זאָל פערציכטען אויפ'ן כסאַ־הרבנות.

אריינקומענדיג אין ר' משה'ס חדר, איז פערל געוואָרען שטאַרק דערשראָקען אלע איברים האָבען אין איהר געציטערט פאר גרויס פחד. זי האָט אָנגעכאַפּט דעם מאַן ביי דער האַנד, אויסרופענדיג: „קום זעליג, קום גיך אהיים, די כסאַ־הרבנות געהערט צו משה'ן. איך זעה דעם טאַטען זיצען נעבען איהם!"

זיי האָבען באַלד פערלאָזט די שטאָדט און ר' משה איז פערבליבען „מגיד" אין קאָזיניץ אויפ'ן פאָטער'ס שטעלע און א רבי פון פיעל הונדערטער חסידים. זיינע צוויי ספרים, וואָס ער האָט פערפאַסט, „דעת משה" און „באר משה", שפּיעלען א זעהר בעדייטענדע ראָלע אין דער חסידישער ליטעראַטור.

# דעם לובלינער זעהער'ס פטירה

**דער תלמיד היט זיך אויס צו זעהן דעם רבי'ן — די צוועלף־טעגיגע שמירה — די נקמה אן דעם ראפטשיצער — ר' מאיר'ל אפטער'ס סמיכה — בעט די רביצין זי זאל ניט מעהר חתונה האבען — דער ראפטשיצער טרעפט צו די רגע פון יציאת־נשמה — די חתונה פונ'ם רבינ'ס אלמנה.**

פון גאנץ פוילען און גאליציען האבען זיך פערזאמעלט אלע תלמידים פונ'ם לובלינער, כדי מקבל פנים צו זיין זייער גרויסען רבי'ן איידער ער פערלאזט דעם דאזיגען עולם. א גאנצען ווינטער זיינען זיי אלע אבגעזעסען אין לובלין, מחמת דער רבי איז כסדר געלעגען מסוכנ'דיג קראנק. נאר דער ראפטשיצער צדיק, ר' נפתלי, זיין תלמיד מובהק, דוקא דער יעניגער, וועלכער איז, לויט דער מיינונג פון אלע יונגע צדיקים, בעשטימט געווען צו ווערען דעם רבינ'ס ממלא מקומו, גראד ער איז ניט געקומען.

נאך פורים, ווען דעם לובלינער'ס תלמידים האבען געמיינט, אז דער רבי וועט ניט מעהר לאנג אנהאלטען, האבען זיי געשיקט א שליח מיוחד קיין ראפטשיץ, צו בעטען ר' נפתלי, ער זאל למען השם תיכף ומיד קומען אהן א שום תירוץ.

„אין שלטון ביום המות" (אז מען האלט ביים שטארבען האט מען ניט מעהר קיין ממשלה), האבען זיי איהם געלאזט זאגען.

זיי האבען גערעכענט פאר זיכער, אז ס'איז שוין געקומען די צייט, אז דער ראפטשיצער זאל איבערנעהמען די גייסטיגע ממשלה און ווערען דער מנהיג הדור. דעריבער קען ער זיך ניט מעהר אונטערווארפען דעם לובלינער'ס הנהגה. האבען זיי איהם, אלזא, געלאזט וויסען, אז דער רבי האט שוין סיי־ווי מעהר קיין ממשלה ניט, מחמת ער איז שוין „ראשו ורובו" אויף יענעם עולם.

ערב ראש חודש ניסן, איז דער ראפטשיצער צדיק אנגעקומען קיין לובלין.

צוועלף טעג רצופים איז ער ניט אבגעטראטען פון זיין רבינ'ס בעט. ער האט איבער איהם געוואכט ממש יומם ולילה. א טאג פאר ערב־פסח, האט ער זיך צוריקגעקעהרט צו זיין סטאנציע און מעהר ניט געקומען זעהן דעם רבי'ן ביז צום טאג פון זיין הסתלקות.

הפנים, אז דער לובלינער האט דערפון געהאט א שטארקען חלישות הדעת

און האָט ביי זיך אָבגעמאַכט, מסמיך צו זיין אַן אנדער תלמיד פאַר זיין ממלא מקומו, אַלס דעם ראש פון זיינע חסידים.

עס איז ביז היינט ניט בעקאַנט געוואָרען די סבה, פאַר וואָס דער לובלינער האָט ניט געוואָלט מסמיך זיין איינעם פון זיינע קינדער אַלס זיין שטעל־פער־טרעטער. זיין עלטסטער זוהן רבי אברהם איז געווען א צדיק און א גרויסער תלמיד חכם. דער בעריהמטער גאונ׳ישער רבי ר׳ יצחק מאיר פון ווארשא, האָט אויף איהם עדות געזאָגט, אז ער איז א מסכתא פאַר זיך אליין, ער דאַרף זיך לחלוטין גאַר ניט מיחס זיין מיט׳ן פאָטער, דעם לובלינער. אויך די אַנדערע צוויי זיהן, ר׳ יוסף פון טורטשין, א רבי פון חסידים נאָך ביים פאָטער׳ס לעבען, א.ן ר׳ הירש׳לי, דער אינגסטער, זיינען ראוי געווען צו זיצען אויפ׳ן פאָטער׳ס שטוהל. פונדעסטוועגען האָט דער לובלינער פאַר זיי גאַר ניט געזאָרגט און גאַר מסמיך געווען זיינעם א תלמיד.

שבת פרשה פינחס, דריי שבתים פאַר זיין פטירה, האָט דער לובלי־נער געהייסען אויפרופען צו דער תורה אַלס „לוי" איינעם פון זיינע תלמידים ר׳ מאיר פון אַפטא. יענעם שבת, האָט ער געהייסען לייענען די תורה ביי איהם אין חדר. אַזוי ווי מען האָט אויפגערופען ר׳ מאיר׳ן צו דער תורה, האָט דער לובלינער זיך אויפגעזעצט אין בעט און געהייסען זיינע תלמידים איהם צופיה־רען צו דער תורה, מחמת ער וויל אַליין לייענען אין דער תורה פאַר ר׳ מאיר׳לען. אַנשטאָט ער זאָל זיך אָבשטעלען ביי „שלישי", כדי אויפצורופען אַן אַנדערען צו דער תורה, האָט דער לובלינער כסדר. ווייטער געלייענט פאַר׳ן ל ו י ביז חמישי, דאָס איז די פרשה, וואו משה רבנו בעט זיך ביי זיין־ליעבען־נאָמען: „יפקוד ה׳ איש על העדה", אַזוי ווי ער, משה רבנו, האָלט ביים שטאַרבען, זאָל השם־יתברך אויסוועהלען פאַר די אידען אַן אַנדערן פיהרער, „אשר יצא ואשר יבוא לפניהם".

לייענענדיג דעם פסוק „וסמכת את ידך עליו", האָט דער לובלינער ארויפגע־לייגט זיינע הענד אויף ר׳ מאיר׳ל אַפטער. וועלכעם האָט געהייסען א סמיכה אַלס זיין ממלא מקומו.

תשעה באב. א פינסטערע מרה שחורה האָט געהערשט אינ׳ם צדיק׳ס סביבה. אַלע האָבען געוואוסט, אז די מינוטען פונ׳ם רבי׳ן זיינען געצעהלט. די חשוב׳סטע תלמידים האָבען זיך שוין געהאַט פערזאַמעלט ארום דעם צדיק׳ס בעט, כדי צוצוזעהן דעם אַקט פון יציאת נשמה. מען האָט געשיקט א שליח נאָך א שליח צום ראַפּטשיצער אויף דער סטאַנציע, איהם מודיע צו זיין, אז דער רבי האַלט שוין ביי גסיסה,ער איז אָבער אַלץ ניט געקומען.

פּלוצים האָט דער רבי אויפגעמאַכט די אויגען און געהייסען אריינרופען זיין רביצין בילא.

די רביצין איז אריינגעקומען און זיך אַגידערגעשטעלט נעבען צדיק׳ס בעט.

— כ'האָב צו דיר א גרויסע בקשה, רביצין, — האָט זיך דער רבי צו איהר אנגערופען — דו ביזט איצט בכח מיר צו פערשאפען אין מיינע לעצטע מינוטען א גרויסען נחת־רוח אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט. זאָג מיר צו, אז דו וועסט נאָך מיין אָבשטאַרבען, מעהר ניט חתונה האָבען.

די רביצין האָט זיך פערדעקט דאָס פּנים מיטביידע הענד און אנגעהויבען צו וויינען.

— האָב רחמנות אויף מיינע יונגע יאָהרען, רבי, און פערלאַנג ניט פון מיר איצט קיין שום הבטחה. מיין וועלט איז מיר פינסטער, פון דיר האָב איך ניט זוכה געווען צו האָבען א קינד. איך וועל פערבלייבען אַן עלענדע און אומגליקליכע אלמנה. ווילסטו טאַקי באמת, איך זאָל ניט צוריקלאָזען נאָך מיר קיין שום דור, בעת דו האָסט קיין עין הרע בנים ובני בנים".

— איך בין דיר מבטיח, בילא, אז ווייבאלד דו וועסט מיר צוליעב טהאָן און מיר מבטיח זיין, אז דו וועסט מעהר ניט חתונה האָבען, וועל איך אויס'פּועל'ען דאָרט אויף יענעם עולם, אז איבער הונדערט און צוואנציג יאָהר, זאָל מען דיך אריינזעצען צווישען די אמהות: שרה, רבקה, רחל ולאה. זאָג מיר ניט אָב, איך בעט דיך — האָט זיך דער רבי ביי איהר געבעטען רחמים.

— כ'קען דיר דאָס ניט צוזאָגען — האָט זיך די רביצין אנגערופען און פערלאָזט דעם חדר.

דער רבי איז געוואָרען זעהר אומרוהיג. זיין פּנים האָט אנגעהויבען צו פלאַמען ממש ווי א פלאַם פייער און מיט כל הכחות האָט ער אנגעהויבען צו זאָגען „שמע ישראל".

באותו רגע, פּונקט זייגער צוועלף, האָט זיך די טהיר געעפענט און דער ראַפּטשיצער איז אריינגעקומען אינ'ם צדיק'ס חדר, בעת דער צדיק האָט אויסגעהויכט זיין כשר'ע נשמה.

„פון וואנען האָט איהר געוואוסט מכוין צו זיין די רגע פון יציאת נשמה?"

— האָבען איהם די חברים געפרעגט.

האָט זיי דער ראַפּטשיצער געענטפערט כהאי לישנא:

— די ערשטע צוועלף טעג פון חודש ניסן, וועלכע הייסען די „ימי הנשיאים", זיינען דער תמציר פון די צוועלף חדשים פונ'ם יאָהר. דער צדיק הדור, זעהט יעדען טאָג פון דיזע צוועלף טעג, אלעס וואָס ס'וועט פּאסירען אין דעם חודש וואָס איז מכוון, צוגעפּאסט, געגען יענעם טאָג. איך האָב געזעהן דעם רבי'ן אויפשרייבען יעדען טאָג פון די ערשטע פיער טעג אינ'ם חודש ניסן, אויף א פּאפּיער, אלעס וואָס ס'וועט זיך טרעפען אין די ערשטע פיער חדשים פונ'ם יאָהר (אנהויבענדיג פון ראש חודש ניסן). דעם פינפטען טאָג, האָט פּלוצים דעם רבינ'ס פּנים אנגעהויבען צו שיינען פאַר גרויס שמחה. ער האָט אויסגערופען מיט גרויס התפעלות:

„ראַפּטשיצער רב! פונ'ם פינפטען חודש א ב. זעה איך ניט מעהר ווי ביז תשעה־באָב, פּונקט זייגער צוועלף".

נעמיינט האָט דער רבי, אז דאָס איז א סימן, אז חצות־היום (12 א זייגער) פון תשעה באב וועט קומען די גאולה, דעריבער קען ער אויף נאָך דער צייט ניט מעהר זעהן, ווי דער נביא האָט געזאָגט: „עין לא ראתה אלהים זולתך", ד. ה. אז וואָס ס'וועט זיך טהאָן נאָך דער גאולה, קען קיין נביא, קיין חוזה, אפילו קיין מלאך ניט זעהן און ניט וויסען.

איך האָב מיך אָבער משער געווען, אז די אמת'ע סבה וואָס ער זעהט ניט ווייטער פון נאָך תשעה־באב מיטאָג, איז, מחמת „אין שלטון ביום המות", מען ווייזט קיינמאָל ניט דעם צדיק וואָס עס וועט זיך טהאָן נאָך זיין פטירה. דע־ריבער האָב איך געוואוסט מצמצם צו זיין (צו וויסען פינקטליך) די מינוט פון יציאת־נשמה.

דעמזעלבען טאָג, תשעה־באב, האָבען אויך די לובלינער מתנגדים גע־טרויערט און ניט געטרונקען אפילו א טראָפּען וואסער.

דעם זעהער'ס ווערטער זיינען מקוים געוואָרען.

האָבען זיך די ראשי־הקהלה, וועלכע זיינען געווען גרויסע מתנגדים פונ'ם לובלינער, מיט זייער מגיד ר' עזריאל הורוויץ בראש, געוואָלט נוקם זיין אינ'ם לובלינער, כאָטש נאָכ'ן טויט, ניט וועלענדיג איהם געבען קרקע צווישען די חשובי העיר, די גדולים און מיוחסים, נאָר אָנגעוויזען א פּלאַץ צווישען דעם פּראָסטען עולם, ניט ווייט פונ'ם פּלויט, אז נאָר אין יענעם שטח האָט מען א רעכט פאר איהם אויסצוקלייבען א קרקע. איז דער ראָפּשיצער צדיק אליין מיטגעגאַנגען מיט די חברה שמשים, בעטראַכטענדיג יעדען קבר פון די אָרימע שכנים. דאן האָט ער זיך אָנגערופען: איך בין שוין מיער זוכענדיג, אין דורכ־געוויקט פונ'ם רעגען. פון מיינט וועגען לאָז זיין דאָ, כאָטש ס'איז ניט פאר מיין רבינ'ס כבוד, און אָנווייזענדיג אויף א ליידיגען פלאַץ נעבען אן אָרים קבר, האָט ער געהייסען די מקברים גראָבען א קרקע.

אזוי ווי מען האָט אָבער דעם בר־מנן אריינגעלעגט אינ'ם קבר, האָבען די ראשים פון דער חברה־קדישא זיך דערוואוסט, אז דער שכן פונ'ם לובלינער איז דוקא א גרויסער צדיק, ר' שכנא האָט ער געהייסען, אויף וועמעס קבר דער לובלינער פלעגט שטענדיג מתפלל זיין אין יעדער עת צרה, בעהויפּטענדיג, אז דאָרט רוהט א הייליגע נשמה. עס איז אָבער שוין געווען פערפאַלען.

זיין שעהנע אלמנה בילא, האָט ניט געקענט בעקומען א שידוך מיט א גוטען־איד, מחמת מען האָט מורא געהאַט מיט איהר חתונה צו האָבען צוליעב דעם לובלינער'ס הקפדה. האָט זי חתונה געהאַט מיט א לובלינער גביר, ר' יצחק גאָלדרייך, מיט אים גליקליך געלעבט און געהאַט געראָטענע קינדער. די חסידים האָבען איהר אָבער אָנגעטהאָן, ביי יעדער געלעגענהייט, געבראָטענע צרות. זיי האָבען זי אפילו ניט אריינגעלאָזט דאווגען אינ'ם רבינ'ס בית־המדרש, וואו זי האָט כמה שנים געדאַוועגט, ביים רבי'ס לעבען. זיי האָבען איהר בשום אופן ניט געקענט, און ניט געוואָלט, מוחל זיין, וואָס זי איז געווען א „מועל בקדשים" (פערשוועכט א הייליגקייט) און חתונה געהאַט געגען דעם צדיק'ס רצון.

ווי ס'איז שוין פריהער דערמאָהנט געוואָרען, האָט דער לובלינער ניט איבערגעלאָזט קיין ממלא־מקומו (שטעל־פערטרעטער). זיינע קינדער (חוץ דעם מיטעלסטען) האָבען ניט געוואָלט זיין קיין רביים. זייערע פרויען האָבען געהאָט קליינע געוועלבלעך און זיך דערפון מפרנס געווען. איינער, ר' ישראל, איז גע־פאָהרען צום ריזינער, און דער צווייטער, ר' הירש, איז געווען א רימאַנאָווער חסיד. פון אָט דיזע גזע איז היינט ניטאָ מעהר קיין שום „רבי."